STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07467

# VEGVAYZER FAR DOYRES

Samuel Ber Wiener

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שמואל ווינער / וועגווייזער פאַר דורות

שמואל ווינער

# וועגווייזער פאַר דורות

עסייען

איקוף פאַרלאַג

ניו־יאָרק, 1971

SAMUEL WIENER

# TRAILBLAZERS FOR GENERATIONS

Essays on: *Maimonides, Ibn Gabirol, Spinoza, Marx, Einstein, Marxism and Ethics, Epicurus, Francis Bacon, Zhitlovsky, Peretz.*

*Published by the* YKUF

Copyright 1971 by S. Wiener
New York. N.Y.

הילע געצייכנט פון משה קיש

צו
מיין פרוי חנה,
טאָכטער רות,
זון מילטאָן.

To
My Wife Anna,
Daughter Ruth,
Son Milton.

**דאַנק אויסדרוק!**

איך וויל דאָ אויסדריקן אַ דאַנק די פריינט, חברים און בפרט די משפחה־מיטגלידער פאַר זייער מאָראַלער און פינאַנציעלער הילף ביים אַרויסגעבן דאָס בוך.

נאָך אַמאָל — אַ האַרציקן דאַנק.

ש. ווינער

# שמואל ווינער

שמואל ווינער געהערט צו דעם זעלטענעם מין יידישע פֿאָלקס־אינטע־ליגענטן וואָס, כאָטש אַליין־דערצויגענע, האָבן זיי דערגרייכט אַ הויכע קוואַליטעט אין דעם געביט, וואָס זיי האָבן פֿאַר זיך אויסדערוויילט. ש. ווינער האָט נאָך באַוויזן, אין זיין אַנטוויקל־פּראָצעס, באַווירקט צו ווערן פֿון עטלעכע גרונט־שטראָמען, וואָס האָבן אויסגעשטאַלט דאָס יידישע לעבן די לעצטע 100־75 יאָר.

געבוירן אין כעלם, אין יאָר 1891, אין אַ מיטלקלאַס־משפּחה, וואָס איז שפּעטער פֿאַראָרעמט געוואָרן, האָט דער פֿאָטער, דער משׂכּיל, ווען דער קליינער שמואל איז אַלט געווען 8 יאָר, אים אַרויסגענומען פֿון חדר. עט־לעכע פֿאַרמעגלעכע יידן האָבן אַראָפּגעבראַכט קיין כעלם אַ געבילדעטן יונגן מאַן, חיים (בריסקער) פֿינקלשטיין, ווי אַ לערער פֿאַר זייערע קינדער. ער האָט מיט זיי געלערנט תּנ״ך, דיקדוק, אַריטמעטיק, אויך רוסיש. די תּלמידים האָבן געמוזט קענען גאַנץ ישעיה און אַנדערע סאָציאַלע נביאים אויף אויסנווייניק. אונטערן לערערס איינפֿלוס איז דער יונגער שמואל געוואָרן ציוניסטיש געשטימט. כאָטש דער זיידע פֿלעגט מיט אים יעדן אָוונט נאָך לערנען אַ בלאַט גמרא, איז אָבער דער עיקר איינפֿלוס שוין גע־קומען פֿון דער העברעאישער השׂכּלה־ליטעראַטור. דאָס יונגע בחורל האָט שוין געלייענט און געווען אונטער דער השפּעה פֿון מאַפּו, סמאָלענסקין, בראָידעס, גאָטלאָבער, יהודה לייב גאָרדאָן און — גאָר אין גיכן — חיים נחמן ביאַליק. צווישן די העברעאישע פּובליציסטן, וואָס האָבן אים משפּיע געווען, געדענקט ער אחד־העם, יוסף קלויזנער, ראובן בריינין און אַנדערע. אָט־די ליטעראַטור, צוזאַמען מיט דער זשורנאַליסטיק פֿון דער צייט („די הצפֿירה״, „דער השילוח״, „דער האסיף״ און אַנדערע), וואָס האָט זיך געפֿונען אין הויז ביים טאַטן דעם משׂכּיל, האָבן באַווירקט און אויס־געשטאַלט דעם יונגן שמואל. צוזאַמען מיט זיין ציוניזם האָט זיך אויך אַנטוויקלט אַ שטאַרקע צוגעבונדנקייט צו דער העברעאישער שפּראַך, און ער איז שוין אין די יונגע יאָרן געוואָרן אַ מיטגליד אין דער „חובבי שׂפת־עבֿר״־גרופּע אין כעלם.

דער געפֿאַלענער עקאָנאָמישער מצב פֿון דער משפּחה האָט געצוואונגען דעם 14־יאָריקן שמואל אַוועקגיין אַרבעטן און זיך לערנען דרוקעריי, פֿריער אין כעלם און שפּעטער (אין 1907) אין וואַרשע. אין וואַרשע איז ש. ווינער אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער ס.ס. פּאַרטיי, געוואָרן אַקטיוו, און אין 1910 שוין געזעסן אין טורמע. גלייכצייטיק גייט ער אָן מיט זיין לערנען, געפֿינט זיך אין אַ סבֿיבֿה פֿון יידישע שרייבער, אַראַנזשירט אַפֿילו אַן אויפֿטריט פֿאַר י. ל. פּרץ אין כעלם און שלעפּט שיר נישט אַריין, נישט ווילנדיק און אומגערן, נאַטירלעך, דעם גרויסן פּרץ אין אַ צרה. די צאַרישע פּאָליציי זוכט אַרום דעם יונגן שמואל און ער מוז אַנטלויפֿן קיין אַמעריקע.

ער איז אָנגעקומען קיין ניו־יאָרק סוף דעצעמבער, 1912. געאַרבעט עטלעכע יאָר אין אַ דרוקעריי און זינט דער אַנטשטייאונג פון „טאָג" געוואָרן דער קאָרעקטאָר אין דער צייטונג, אַן אַמט וואָס ער האָט אָנגעהאַלטן אין משך פון 47 יאָר (פון נאָוועמבער 1914 ביז 1960). אין „טאָג" ווערט ער באַפריינדעט מיט דר. זשיטלאָווסקין, וועלכער ווערט זיין וועגווייזער אין דער ספערע פון פילאָזאָפיע.

אין 1918 איז ש. ווינער געווען אַ מיטגליד אין דער ערשטער יידישער פילאָלאָגישער קאָמיסיע אין אַמעריקע. אין ניו־יאָרק האָבן דעמאָלט עקזיסטירט פינף טעגלעכע יידישע צייטונגען. יעדע צייטונג האָט געהאַט איר אייגענע אָרטאָגראַפיע, דער כאַאָס אין אויסלייג איז געווען אַ מוראדיקער. די איניציאַטאָרס פון דער קאָמיסיע צו פאַראייניטלעכן דעם אויסלייג זענען געווען: אַלעקסאַנדער האַרקאַווי, יהואש, ש. ניגער, און אַנדערע. דער סעקרעטאַר פון דער קאָמיסיע איז געווען יעקב לעווין. ש. ווינער האָט רעפרעזענטירט דעם „טאָג". דער „טאָג" איז, אגב, געווען די איינציקע צייטונג וואָס האָט אָנגענומען די כללים, וואָס די קאָמיסיע האָט, נאָך לאַנגע חדשים מי, אויסגעאַרבעט.

ש. ווינער איז געווען מער ווי אַ קאָרעקטאָר. ער איז ניט בלויז געווען אַן אינטעליגענטער לייענער, נאָר מיט אַ סענסיטיוון חוש האָט ער אָפּגעשאַצט די ווערט פון די מאַנוסקריפּטן און זיי פאַרהיט פאַר דער צוקונפט. אַ דאַנק זיין זאָרגעוודיקייט געפינען זיך איצט אין ייוואָ, און אין אַ צאָל אַנדערע יידישע ביבליאָטעקן איבער דער וועלט, זעלטענע מאַנוסקריפּטן פון שלום־עליכם, י. ל. פּרץ, דר. חיים זשיטלאָווסקי, ש. ניגער, ש. אַנ־סקי, ה. לייוויק, י. אָפּאַטאָשו און אַנדערע.

אָנהייב צוואַנציקער יאָרן איז שמואל ווינער געווען צווישן די גרינדער פון דער „שפּינאָזע־געזעלשאַפט", אונטער דער אָנפירונג פון דר. י. שאַצקי. ווען די געזעלשאַפט גיט אַרויס, אין 1931, דאָס באַוואוסטע „שפּינאָזע־בוך", צום 300סטן געבוירן־יאָר פון גרויסן פילאָסאָף, באַטייליקט זיך ווינער אין דער זאַמלונג מיט אַן איבערזעצונג פון לאַטיין פון אַ ווינציק־באַקאַנט יוגנט־ווערק פון שפּינאָזען, „טראַקטאַט וועגן דער אויסבעסערונג פונעם אינטעלעקט".

אַרום 1927 איז ער געווען צווישן די גרינדער און ערשטע אָנפירער פון דעם אַמעריקאַנער אָפּטייל פון ווילנער י י ו ו אָ, אין 1937 — צווישן די ערשטע וואָס האָבן געהאָלפן שאַפן דעם אַמעריקאַנער א י ק ו ף.

אין דער זעלבער צייט האָט ש. ווינער אָנגעהויבן שרייבן אי אייגענע ווערק און אי איבערזעצונגען, דער עיקר אין די געביטן פון פילאָזאָפיע און געשיכטע. אין 1943 איז אַרויס זיין איבערזעצונג פון דעם קלאַסישן ווערק אין דער פילאָזאָפיע פון מאַרקסיזם — „לודוויג פייערבאַך און דער אויסלאַז פון דער קלאַסישער דייטשישער פילאָזאָפיע", פון פרידריך ענגעלס.

נאָך דעם קומט אַ צאָל וויכטיקע קלענערע און גרעסערע ווערק: אין 1952, „אינדיווידועלע און סאָציאַלע פרייהייט" (בראַשור); אין 1956, „דער רמב"ם, צו זיין 750סטן יאָרטאָג" (בראָשור); אין 1957, „שפינאָזע, דער געבענטשטער", צום 300סטן יאָרטאָג פון חרם; אין 1963, שפינאָזעס „עטיק", איבערגעזעצט פון לאַטיין, מיט אַ ברייטן אַריינפיר פון 50 זייטן פון איבערזעצער.

אַ חוץ דעם, האָט ש. ווינער זיך באַטייליקט מיט אַ גרויסער צאָל אַרטיקלען אין די זשורנאַלן „יידישע קולטור", „זאַמלונגען" און אַנדערע.

• • •

די עסייען, וואָס זענען צונויפגעקליבן אין דעם בוך זענען דער סך־הכל פון די לעצטע יאָרן זשורנאַליסטישער טעטיקייט פון ש. ווינער.

עטלעכע גרונט־שטריכן כאַראַקטעריזירן ש. ווינערס שאַפן. ראשית, די זעלטענע פעאיקייט מסביר צו זיין אַן ענין אַזוי פשוט און אַזוי לויטער, אַז דער טיפסטער געדאַנק און דער קאָמפּליצירטסטער רעיון זאָלן ווערן פאַרשטענדלעך פאַרן לייענער. ש. ווינער לערנט מיטן לייענער אַ בלעטל רמב"ם אָדער שפינאָזע, אַ קאַפּיטל מאַרקסיזם, אָדער איינשטיינס רעלאַטיוויטעט־טעאָריע מיט אַזויפיל קלאָרקייט און בהדרגהדיק, לאָגישער טרעפּ נאָך לאָגישן טרעפּ, אַז דער לייענער גייט אים דרייסט נאָך, האָט נישט די מינדסטע מורא, אַז „דאָס וואַסער ווערט צו טיף". אַ ווערטפולע פּעדאַגאָגישע מידה.

זיין פאַרש־אַרבעט איז אַן אָרנטלעכע, אַן אויסשעפּלעכע און אַן עקזאַקטע. מיט גרויס פאַרזיכט פאָרשט ער נאָך און קלייבט אָפּ די מקורים אין עטלעכע לשונות. זיין אינפאָרמאַציע איז אַ פאַרלאָזלעכע, די ציטאַטן פּרעציז און גענוי רעגיסטרירט.

ש. ווינער שרייבט „בטבע" מיט ברען, אָפט מיט אַ לירישן טאָן. דאָס איז ניט בלויז אַ ליטעראַרישער סטיל, נאָר גיכער אַ ליידנשאַפטלעכקייט פון אַ מענטשן וואָס שטעלט זיך איין פאַרן אמת. ער איז באַשטימט אויפן צד פון די וועגן וועמען ער שרייבט. ער פאַרטיידיקט די סאָציאַליסטישע איינשטעלונגען פון פרידריך ענגעלס, אָדער קאַרל מאַרקס מיטן זעלבן ברען, ווי ער שטעלט זיך איין פאַר די עטישע און סאָציאַלע אידעאַלן פון ברוך שפּינאָזע, אָדער פאַר דעם ראַציאָנאַליזם פון רמב"ם. און געטאָן ווערט עס נישט ווי אַ מליץ־יושר פון די וועגן וועמען ער שרייבט, נאָר ווי אַן אינערלעכער מיטשותּף און מיטטיילער פון זייערע איינשטעלונגען און אידייען. זיך צו באַניצן מיט אַ פאַרגלייך פון דער מאָדערנער טעכנאָלאָגיע: ווי ער וואָלט אַרויסגעשיקט זיין ראַדיאָ־טראַנסמיסיע דירעקט פון א י נ ע ו ו י י נ י ק, פון דער אידייען־וועלט וואָס ער פּרוּווט אויסטייטשן. דעם לייענער איז לייכט מסכים צו זיין מיט אים, מחמת דער שכל אַליין, ווי דער מחבר האָט עס אים באַוויזן, פירט אים צו דעם הסכם.

שמואל ווינערס אויפקלערעריי וואָרצלט נישט בלויז אין זיין ליידנשאַפט־

לעבער גרייטקייט זיך צו ראַנגלען פאַרן אמת, און ניט אַפילו בלויז אין זיין אייפעריקן פאַרלאַנג אַז דער אמת זאָל ווערן אַ רשות הרבים, ווי אין זיין טיפער איבערצייגונג, אַז אמת און גוטסקייט זענען צוויי זייטן פון דער ווערטיקסטער מטבע — דער הומאַניזם, די מענטשלעכקייט אַליין.

ער שטרייכט אונטער, אַז די גרויסקייט פון אַלבערט איינשטיין באַשטייט אין דעם, וואָס „ער האָט אין זיך פאַראייניקט דאָס הויך־אינטעלעקטועלע מיטן טיף־עטישן . . . ער איז נישט נאָר געווען אַ גרויסער מענטש, נאָר אויך אַ גוטער מענטש, פול מיט רחמים און מיטגעפיל צו זיינע מיטמענטשן" (ז. 131), און דעם עיקר וואָס ער געפינט אַרויס אין שפינאָזיזם איז „דאָס וואָס ער איז דורך און דורך אַדורכגענומען מיט הומאַניטעט, מיט ליבשאַפט פאַרן מענטשן . . . " (ז. 71) און אַזוי כסדר אין יעדן פון די גרויסגייסטער וועגן וועמען ער שרייבט.

ניט באַניצנדיק זיך מיט דעם פראָנאָם „איך" קיין איין מאָל אין די עסייען, שפירט זיך אָבער בולט די פערזענלעכקייט פון שרייבער אין יעדער אַרבעט. דער געניטער לייענער וועט, ביים לייענען דאָס בוך, אויך דערפילן דעם מחברס אייגענע סאָציאַלע און עטישע איינשטעלונגען. פון דעם נעמט זיך, ווי אויבן דערמאָנט, דער ליידנשאַפטלעכער — און אַפילו לירישער — טאָן פון בוך. דאָס גיט צו אַן אייגנאַרטיקייט, אַ וואַרעמקייט, אַ ספּעציפישקייט.

דאָס בוך, דער סך־הכל פון אַ סך יאָרן אָרנטלעכער און פאַרטיפטער אַרבעט, איז אַ וויכטיקער צושטייער צו דער פאָרשונג פון פאָרגעשריטענעם געדאַנק, וואָס האָט באַאיינפלוסט דעם גאַנג פון דער מענטשלעכער געשיכטע אין משך פון צענדליקער דורות, אַ זעלטענע מתנה פאַר דעם יידישן לייענער.

**איטשע גאָלדבערג**

# רמב״ם

## דער גרויסער יידישער פילאָזאָף, מעדיקער און הומאַניסט אינעם מיטלאַלטער

### צום 750סטן יאָרצייט פון דעם פילזייטיקן גאון — 1135-1204



רמב״ם (רבי משה בן מיימאָן)

1.

זיבן הונדערט און פופציק יאָר זענען פאַרביי זינט דער רמב״ם איז אוועק פון דער וועלט, און אין משך פון די אַלע הונדערטער יאָרן האָבן אין כמעט

* אַרויס אין אַ בראָשור אין איקוף-פאַרלאַג, ניו-יאָרק, 1956.

אַלע ציוויליזירטע לענדער פון דער וועלט, אין די פאַרשידנסטע שפּראַכן, נישט אויפגעהערט אַרויסצוקומען ביכער, טראַקטאַטן, אויפקלערונגען און קאָמענטאַרן וועגן רמב"ם און זיין גייסטיקער ירושה. אין דער טעאָלאָגיע האָבן זיינע פאַרהערער אים פאַרגליכן מיט משה רבינו—ממשה ועד משה לא קם כמשה — פון משה רבינו ביז משה בן מיימאָן איז נישט אויפגעשטאַנען נאָך אַזאַ משה. אין דער פילאָזאָפיע איז ער פאַרגליכן געוואָרן מיטן גרעסטן גריכישן דענקער, דער „פּרינץ פון די פילאָזאָפן" — אַריסטאָטל, און אין דער מעדיצין, מיטן פאָטער פון דער מעדיצין — היפּאָקראַטעס.

קודם אָבער, עטלעכע ווערטער וועגן דעם קולטור־היסטאָרישן הינטערגרונט, וועלכער האָט צוגעגרייט דעם באָדן פאַרן אויפקום פון דעם דאָזיקן אוניווערסאַלן גאון — דער רמב"ם, אָדער מיימאָנידעס, ווי ער איז באַקאַנט אין דער נישט־יידישער וועלט.

אין צענטן יאָרהונדערט רוקט זיך איבער דער צענטער פון דער יידישער קולטור פונעם מזרח צום מערב — פון בבל צו שפּאַניע.

יידן דערגרייכן אַ הויכע מדרגה אינעם עקאָנאָמישן לעבן פון די בליענדיקע מוריש־אַראַבישע מדינות אויפן פּירענעאישן האַלב־אינדזל (שפּאַניע), און אין הסכם מיט זייער עקאָנאָמישן איינפלוס שפּילן זיי דאָרט אַן אָנגעזעענע ראָלע אויך אין פּאָליטישן לעבן. זיי געניסן פון גלייכע רעכט באַגלייך מיט די מוסולמענער און פאַרנעמען אָפט הויכע מלוכה־פּאָסטנס. דער באַריר מיט דער אייגנאַרטיקער און רייכער אַראַבישער קולטור אין יענער צייט, מיטן אַראַבישן רענעסאַנס, דער רעזולטאַט פון אַ גרויסן עקאָנאָמישן און פּאָליטישן אויפשוואונג, גיט אַ שטאַרקן שטויס פאַראויס דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער פילאָזאָפיע. ס'טרעפט צומאָל אויך, אַז יידישע געלערנטע זאָלן אַפילו שטיין בראש פון דער דעמאָלט באַרימטער אַקאַדעמיע אין קאָרדאָווע — דער צענטער פון אַראַבישער געלערנטקייט אין שפּאַניע. אין אַט יענער צייט, ווען דער קולטורעלער מצב אין די קריסטלעכע מערב־אייראָפּעאישע לענדער איז שטאַרק געפאַלן, האָט די אַראַבישע אַקאַדעמיע אין קאָרדאָווע דערגרייכט אַ הויכע מדרגה אין פילאָזאָפיע און אין עקספּערימענטאַלע וויסנשאַפטן.

יענע עפּאָכע אין שפּאַניע פירט אַרויס אַ היפשע צאָל באַדייטנדיקע יידישע געלערנטע, פּאָעטן, פילאָזאָפן, וויסנשאַפטסלייט, און ווערט אין דער יידישער היסטאָריע באַצייכנט ווי די „גאָלדענע עפּאָכע". (געדויערט האָט די גאָלדענע עפּאָכע אַן ערך דריי הונדערט יאָר — פון אָנהייב צענטן ביזן סוף צוועלפטן יאָרהונדערט).

איז הגם די יידישע פילאָזאָפיע איז דעמאָלט געשטאַנען אַזוי נאָענט צו דער אַראַבישער, ווערט זי אָבער אין איר נישט בטל. אין דער אַלגעמיינער געשיכטע פון דער פילאָזאָפיע פאַרנעמען די יידישע פילאָזאָפן פון יענער

עפּאָכע און זייער פילאָזאָפיע אַ באַזונדער חשוב קאַפּיטל אונטערן נאָמען: „די יידישע פילאָזאָפיע אינעם מיטלאַלטער". אינעם ברייטן פילאָזאָפישן שטראָם פליסט אַ באַזונדערע יידישע שטרעמונג, אַ באַזונדערער יידישער אָפּצווייג, וואָס האָט אין מיטלאַלטער געהאַט אַ גרויסע השפּעה אויף דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פונעם פילאָזאָפישן געדאַנק אין אייראָפּע. צווישן יענער פלעיאַדע גרויסע יידישע דענקער, פילאָזאָפן און וויסנ־שאַפטסלייט פאַרנעמט אַן שום ספק דעם סאַמע אויבנאָן דער רמב"ם.

געבוירן געוואָרן איז דער רמב"ם — די ראשי־תיבות פון רבי משה בן מיימאָן — מערץ 30, 1135, אין קאָרדאָווע, שפּאַניע, דער זון פון אַ הויך־געלערנטן דיין, רבי מיימאָן בן יוסף.

די צייט פאַר יידן דעמאָלט, אין מיטן צוועלפטן יאָרהונדערט, איז שוין נישט מער וואָס געווען. די אַזוי־גערופענע גאָלדענע עפּאָכע נעמט זיך דערנעענטערן צו איר סוף. ס'זענען דעמאָלט אָבער נאָך שעפעריש־אַקטיוו די גדולים פון יענער עפּאָכע. די שטרייטיקייטן פון די פעאָדאַלן צווישן זיך אין אַראַבישן טייל שפּאַניע האַלטן אין איין וואַקסן. אָט דאָס שפּיגלט זיך אָפּ אויף דער לאַגע פון די יידן דאָרטן, וועלכע ווערט אַלץ ערגער. צו דעם האָבן די קריסטלעכע פעלקער אין נאָמען פון יעזוסן, אין זייערע אַגרעסיווע מלחמות קעגן די שפּאַנישע מוריש־אַראַבישע מלוכות, געריסן פון זיי שטיקער. דאָס האָט דערפירט דערצו, אַז צו דער מאַכט זאָלן איצט קומען די סאַמע פאַנאַטישסטע מוסולמענישע סעקטעס. די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פונעם פרייען פילאָזאָפישן געדאַנק אין דער אַראַבישער וועלט נעמט ביסלעכווייז אָפּשטאַרבן און ווערט מיט דער צייט אין גאַנצן דער־שטיקט און זייערע ווערק ווערן פאַרלוירן. אויב ס'זענען צו אונדז דאָך דערגאַנגען די ווערק פון די אַראַבישע פילאָזאָפן, איז עס מייסטנס צו פאַר־דאַנקען די איבערזעצונגען אויף העברעאיש און לאַטייניש, וואָס זענען געמאַכט געוואָרן דורך יידן.

מאַסן יידן ווערן דעריבער געצוואונגען אויסצוואַנדערן פון די מוסול־מענישע טיילן אין שפּאַניע. טייל באַזעצן זיך אין פּראָווענס, דרום־פראַנק־רייך, אַ וויכטיקער יידישער קולטור־צענטער אין יענער צייט, אַנדערע אין די קריסטלעכע טיילן פון שפּאַניע, אויך אין איטאַליע און אין אַנדערע אייראָפּעישע לענדער.

איבער די שווערע רדיפות דורך דער מוסולמעניש פאַנאַטישער אַלמאָ־האַדן־דינאַסטיע, וועלכע האָט אין 1148 פאַרכאַפּט די מאַכט אין קאָרדאָווע, ווערט די מיימאָן־פאַמיליע געצוואונגען צו פאַרלאָזן זייער היים־שטאָט, קאָרדאָווע. דער רמב"ם איז דעמאָלט דרייצן יאָר אַלט געווען. עלף יאָר וואַנדערט די מיימאָן־פאַמיליע איבערן קריסטלעכן טייל שפּאַניע. באַזעצט זיך דערנאָך אין פעז, מאַראָקאָ, אין יאָר 1160. איבער אַ מסירה אַז זיי האַלטן זיך אין דער יידישער אמונה, וועלכע איז געווען פאַרווערט אונטער

טויט־שטראָף, ראַטעווען זיי זיך פון דאָרטן קוים מיטן לעבן, אַ דאַנק דעם רמב״מס אַ מוסולמענישן פריינט, אַ פּאָעט און טעאָלאָג. זיי פאָרן קיין ארץ־ישראל און פון דאָרטן קיין עגיפּטן. זיי באַזעצן זיך ענדלעך אין פּאָס־פּאָט, אַ פאָרשטאָט פון קאַירא אין 1165. דער רמב״ם איז דעמאָלט אַלט געווען דרייסיק יאָר. פינף יאָר שפּעטער נעמט ער זיך צום פּראַקטיצירן מעדיצין. ער ווערט מיט דער צייט איינער פון די באַרימטסטע מעדיקער. מ׳ברענגט צו אים חולאים אויך פון אַנדערע לענדער.

דער רמב״ם ווערט אויך דער נגיד (ראש־הקהל) פון דער יידישער קהלה אין קאַירא. זיין אויטאָריטעט ווי אַ יידישער פירער און גרויסער געלערנ־טער שפּאַנט ווייט אַריבער אויסער די גרענעצן פון עגיפּטן. קיין צרות פעלן דעמאָלט נישט, ווענדט מען זיך צו אים פון אומעטום מיט כּלערליי פּראָבלעמען, וואָס פּאַרביטערן יידן דאָס לעבן. אַ דראַמאַטישער דאָקומענט פון יענער צייט איז זיין „אגרת תימן״ (אַ בריוו קיין תימן), וואָס איז אויסגעוואַקסן אין אַ היפּש ווערק. געווען איז עס אַן ענטפער אויף אַ ווענדונג נאָך אַן עצה פונעם תימנער רב יעקב אַלפיומי. יידן אין תימן ווערן דעמאָלט שטאַרק גערודפט. טייל מוזן אָננעמען לפנים דעם מאַכמע־דאַניזם. מ׳איז פאַרצווייפלט איבער דער שפּלדיקער לאַגע און וועלכער מ׳געפינט זיך. אין זיין ענטפער באַגרינדעט דער רמב״ם די יסודות פון דער יידישער אמונה, און מיט רירנדיקע ווערטער טרייסט ער די יידן אין תימן און שטאַרקט זיי, זיי זאָלן נישט זיין געפאַלן ביי זיך. ער דערמאָנט זיי, אַז אויך די יידן אין מערב (אין אייראָפּע) זענען איצט אין אַן עת צרה. זיי געפינען זיך אינעם זעלבן אומגליק. דאָס איז געווען די צייט פון די קרייצצוגן.

זיין שם אַלס דאָקטאָר וואַקסט אַלץ מערער. נאָכן פּראַקטיצירן צוואַנציק יאָר, ווערט ער גערופן צו ווערן לייב־דאָקטאָר אינעם קיניגלעכן הויף פונעם קאַליף „דער גרויסער סאַלאַדין״, אין קאַירא. דעם דאָזיקן פּאָסטן האַלט ער אַן ביזן לעצטן טאָג פון זיין לעבן. געשטאָרבן איז דער רמב״ם דעצעמבער 13 (כ׳ טבת), 1204, אינעם עלטער פון 69 יאָר.

## 2.

דאָס הויפּט־פילאָזאָפיש ווערק פונעם רמב״ם — דער „מורה נבוכים״ („אַ וועגווייזער פאַר בלאָנדזשענדיקע״ אָדער „אַ לערער פאַר וואַקלענדיקע״) איז אָריגינעל געווען אין אַראַביש און איז אַרויס אין יאָר 1190, אין עגיפּטן. דער אַראַבישער נאָמען פון דעם ווערק איז : „דאַלאַאַט אַל חייריז״. די אַראַבער האָבן דעם רמב״ם מיט כבוד באַטיטלט מיט דעם לאַנגן, חשובן נאָמען, „אַבו אימראַם מוסאַ איבן מיימאָן איבן אַבדולאַ״. צען יאָר שפּעטער איז דאָס ווערק אַרויס אין דער ערשטער העברעאישער איבערזעצונג דורך

שמואל איבן תיבון אונטערן נאָמען: „מורה נבוכים". ס'ווערט אויך אין קורצן איבערגעזעצט אין לאַטייניש, די קולטור־שפּראַך אין אייראָפּע, אונ־טערן נאָמען: Doctor Perplexum און איז היינט איבערגעזעצט אין אַלע הויפּט־שפּראַכן. אויף יידיש איז אין 1935 אַרויס אין ניו־יאָרק אַ „קיצור מורה נבוכים" פון א. ד. אַגוז, און אין וואַרשע איז אין 1936 אַרויס דער ערשטער טייל פונעם „מורה נבוכים", איבערגעזעצט אויף יידיש פון יעקב לאַנדאַ און רעדאַקטירט פון דר. מרדכי ראַזנער. (ס'איז אויך אין 1935 אַרויס אין ביאַליסטאָק אַ באַנד געקליבענע שריפטן פונעם רמב"ם, אונטערן נאָמען, „רמב"ם אין יידיש". די יידישע איבערזעצונג פון די פראַגמענטן פונעם רמב"מס ווערק, וואָס זענען אַריין אין אָט דעם באַנד, איז געמאַכט געוואָרן פון פסח קאַפּלאַן).

געשריבן דעם „מורה נבוכים" האָט דער רמב"ם, ווי געזאָגט, אין אַראַביש, הגם דאָס ווערק איז געמיינט געוואָרן פאַר דער יידישער אינטעליגענץ, זיכער נישט דערפאַר וואָס ס'איז פאַר אים גרינגער געווען זיך אויסצודריקן אין אַראַביש. ווייט דערפון. מיט זיין גרויס רבניש ספר אין פערצן טיילן, „משנה תורה" האָט ער געוויזן, אַז ער פאַרמאָגט אַ קלאָרן און פּרעציזן העברעאישן סטיל. איז אָבער פאַר זיין צייט און אָרט אַראַביש געווען די נאַטירלעכע שפּראַך פאַר פילאָזאָפיע — אויך פאַר דער יידישער אינטע־ליגענץ. ס'האָבן זיך אָבער צום „מורה נבוכים" אויך צוגעכאַפּט די אַראַ־בישע אינטעלעקטואַלן.

ס'איז דער רמב"ם געווען נישט דער איינציקער אין דער אַזוי־גערופענער גאָלדענער עפּאָכע, וואָס האָט זיינע ווערק געשריבן אין אַראַביש. שוין פריער מיט צוויי הונדערט יאָר, נאָך איידער דער רמב"ם איז געבוירן גע־וואָרן (אין יאָר 933), ווען סעדיה גאון האָט אין בבל אַרויסגעלאָזט זיין רעליגיעז־פילאָזאָפיש ספר „אמונות ודעות", אין וועלכן ער פּאָלעמיזירט שאַרף מיט די קאַראַימער, איז עס אויך אָריגינעל געווען אין אַראַביש. אַזוי מיט אַלע אַנדערע פאַרן רמב"ם און נאָך אים. זאָל דאָ, אַגב, קלאָר ווערן, אַז אָט דאָס איז געווען דער פאַל נישט נאָר ביי יידן. אויך ביי די כלערליי פעלקערשאַפטן און מדינות אונטערן אַראַבישן קאַליפאַט, וועלכער האָט ווייט אַריבערשפּאַנט די פריערדיקע רוימישע אימפּעריע און זיך געצויגן פון שפּאַניע אין אייראָפּע איבער צפון־אַפריקע און גאַנץ פאָדער־אַזיע ביז די גרענעצן פון כינע — אַז אויך ביי זיי, פעלקער מיט אַלטע קולטורן, איז אַראַביש געווען די הויפּט קולטור־שפּראַך אין מיטלאַלטער.

געפירט דעם רמב"ם אַרויסצוגעבן זיין מאָנומענטאַל־פילאָזאָפיש ווערק, דער „מורה נבוכים", האָט אַ בריוו פון זיינעם אַ תלמיד, יוסף איבן אַקנין. ער האָט געבעטן זיין רבין ער זאָל אויפקלערן על־פּי שכל יענע ערטער אין תנ"ך, וואָס מיטן פּשוטן שכל איז זיי שווער משיג צו זיין. למשל, די וועלט־באַשאַפונג, ווי ס'ווערט דערציילט אין בראשית, צי די מעשה מרכבה ביים

נביא יחזקאל, ווי אויך אַנדערע אויסטערלישע פּאַסירונגען און נסים — פראַגן וואָס האָבן שטאַרק געעקבערט דעם מוח דער דעמאָלטדיקער הויך־געבילדעטער יידישער אינטעליגענץ. אויס דעם ענטפער אויף זיין תלמידס בריוו איז אויסגעוואַקסן אַ גרויס און גרינטלעך, אַלץ־אַרומנעמענדיק ווערק, אַ ספר, וואָס האַלט אין זיך דעם קווינט־עסענץ פונעם גאַנצן יידיש־פילאָזאָפישן געדאַנק ביז זיין צייט — עפּעס, וואָס קיינער ביז אים איז נישט ביכולת געווען עס צו טון.

אינעם „מורה נבוכים" ווענדט זיך דער רמב"ם צו יענע אַלע, וואָס מחמת זייער פאַרנעמען זיך מיט פילאָזאָפיע, האָט זיך ביי זיי געשאַפן אַ קאָנפליקט מיט דער רעליגיע. דערוואַרבנדיק, אַ דאַנק זייער אָפּגעבן זיך מיט פילאָזאָפיע, געוויסע השגות (קאָנצעפּציעס) — ווערן זיי מבולבל און פאַלן אַריין אין אַ טעמפּן ווינקל, צוליב די צווייד־טייטיקייטן און סימבאָלישע אויסדרוקן, וואָס מ'טרעפט אַזוי אָפט אָן אין די הייליקע שריפטן. דער רמב"ם שטעלט זיך דעריבער דעם ציל צו דערווייזן ווי יודאַאיזם שטימט זיך צונויף מיט אַריסטאָטעלס ראַציאָנעלער פילאָזאָפיע. כדי, בכן, צו דערווייזן, אַז תורת משה שטימט זיך צונויף מיט דער פילאָזאָפיע, טייטשט ער אויס אין אַן אַלעגאָרישן זין אַלע יענע אויסדרוקן אין תנ"ך, וועלכע זענען אין קאָנטראַדיקציע, אין סתירה צו די דורך דער וויסנשאַפט פעסטגעשטעלטע הנחות. אויף אַט דעם אופן זיך דער רמב"ם ברענגען צו אַן אויסגלייך, מאַכן אַ פשרה צווישן רעליגיע און פילאָזאָפיע, און צו דערווייזן די נישט־אויסגעהאַלטנקייט פון יהודה הלוי אין זיין „הכוזרי" און פונעם אַראַבישן פילאָזאָף־מיסטיקער אַל־גאַצאַלי, וועלכע האָבן אָפּגעוואָרפן די מעגלעכקייט פון אַ צונויפשטימונג, פון אַ הסכם צווישן רעליגיע און פילאָזאָפיע.

דער רמב"ם פאַרנעמט זיך דאָרטן אויך מיט אַ ברייטער קריטיק פונעם ק אַ ל אַ ם. דער קאַלאַם איז געווען די מוסולמענישע פילאָזאָפישע ריכטונג, וואָס האָט געדינט ווי אַן אָנשפּאַר פאַרן אָרטאָדאָקסאַלן מאַכמעדאַניזם, פאַרטיידיקנדיק די הנחות פון דער מוסולמענישער טעאָלאָגיע. מיט באַזונדערער קראַפט אַטאַקירט ער דעם קאַלאַם פאַר זיין אָפּלייקענען די נאַטירלעכע געזעצמעסיקייט אין דער נאַטור און דעם געזעץ פון קאַוזאַליטעט. (שוין אין פאַרצייטיקן גריכנלאַנד האָט דער גרויסער פילאָזאָף־מאַטעריאַליסט, דער ערשטער באַגרינדער פון דער אַטאָם־טעאָריע, לעאוקיפּ, דער לערער פון דעמאָקריטן, געגעבן די ערשטע קלאָרע, קורצע פאָרמולירונג פונעם פּרינציפּ פון קאַוזאַליטעט מיט אָט די ווערטער: „קיין שום זאַך געשעט נישט אָן אַ גרונט פאַר דעם, נאָר אַלצדינג געשעט דורך אַ סיבה און אויס נויטווענדיקייט").

דעם עיקר ציל אָבער, וואָס ער שטעלט זיך אין דעם דאָזיקן ווערק זיינעם, דעם „מורה נבוכים", איז צו ראַציאָנאַליזירן די יידישע טעאָלאָגיע אויפן

יסוד פון דער לערע פונעם „פרינץ פון די פילאָזאָפן" — אַריסטאָטל. אַט דאָס איז, נאָך זיין מיינונג נאָך, דער איינציקער ריכטיקער וועג אויף וועלכן ס'דאַרפן זיך פאַרנעמען אַלע די „בלאַנדזשענדיקע און וואַקלענדיקע". גלייבן, לערנט דער רמב"ם, דאַרף מען בלויז אין דעם, וואָס איז נישט אין קאָנטראַדיקציע, אין סתירה צום שכל. דאָס מיינט אָבער נישט, טענהט דער רמב"ם, אַז טאַקע אַלצדינג קאָן דורכן שכל פּאָזיטיוו דערוויזן ווערן. דער טעקסט פון די הייליקע שריפטן טאָר נישט אויסגעטייטשט ווערן בוכשטעבלעך, אות באות. דאָס איז שוין אַן ענין פאַרן רוח הקודש.

פילאָזאָפיע, לויטן רמב"ם, פירט דעם מענטש צו שלמות, צו פּערפעקטקייט — אינטעלעקטועלער, מאָראַלישער און קערפּערלעכער. שלמות באַשטייט אין קולטורעלקייט און אין וויסן. צו געפינען דעם העכסטן אמת — אַט דאָס איז דער סאַמע העכסטער ציל פונעם מענטש, און דערגרייכט ווערן קאָן דאָס נאָר מיט דער הילף פונעם וויסן.

דאָס גוטע דאַרף דער מענטש זוכן נישט אויס מורא פאַר שטראָף, אָדער אין דער האָפענונג אויף באַלוינונג, נאָר צוליב דעם גוטן אַליין. אין גוטע מעשים, אינעם גוטס גופא, וואָס מע טוט, געפינט מען שוין די פאַרגיטיקונג.

ווי געזאָגט, איז פאַרן רמב"ם אַריסטאָטל דער אַבסאָלוטער אויטאָריטעט אין דער פילאָזאָפיע — דאָך אָבער ביז אַ באַשטימטער גרענעץ. אַט אַזוי ווייט גייט ער מיט אַריסטאָטלען, און נישט ווייטער. מיט אַריסטאָטלען איז ער מסכים וועגן אַלצדינג וואָס איז נוגע דער „וועלט אונטער דער לבנה", די וועלט אין וועלכער ס'באַוועגט זיך דער מענטש. בנוגע אָבער דער העכערער וועלט, „איבער דער לבנה", שטימט ער שוין מיט אים אין אַ סך פּרטים נישט איין.

מיט אַריסטאָטלען שטימט ער נישט איין וועגן דער אייביקייט פון דער וועלט. אַריסטאָטלס ראיות, אַז די וועלט איז נישט קיין „יש מאַין", ד"ה, אַז זי איז באַשאַפן געוואָרן פון גאָרנישט, אַז מאַטעריע איז דורך קיינעם נישט באַשאַפן געוואָרן, זענען פאַרן רמב"ם נישט גענוג איבערצייגנדיק. דאָ, אין אַט דער פראַגע, מאַכט ער אַ גרויסע קאָנצעסיע דער רעליגיע. אָנשפּאַרנדיק זיך אויפן אויטאָריטעט פון די הייליקע שריפטן, האַלט ער פאַר מעגלעך אַרויסצושטעלן די היפּאָטעזע וועגן דער וועלט־באַשאַפונג דורך גאָט. ער, דער רמב"ם, נעמט דערביי אָבער אויס, אַז וואָלט אים אַריסטאָטלס טעאָריע אויסגעזען איבערצייגנדיק, וואָלט ער די טעאָריע

אַנגענומען, נישט געקוקט דערויף, וואָס זי איז אין קאָנטראַדיקציע צו דער תורה. אין אַט דעם פֿאַל, ווען ער וואָלט באמת געווען איבערצייגט אין דער ריכטיקייט פֿון אַריסטאָטעלס טעאָריע, אַז די וועלט איז דורך קיינעם נישט באַשאַפֿן געוואָרן, אַז זי איז אַ קדמון, שוין פֿון אייביק אָן, וואָלט ער אין הסכם מיט אַט דער טעאָריע, געווען געמאַכט אַ פּרואוו אויסצוטייטשן אין אַט דעם זין יענע אויסדרוקן אין תנ״ך, וועלכע שטימען נישט מיט דער טעאָריע וועגן דער אייביקייט פֿון דער מאַטעריע.

(וועט דערביי דאָ כדאַי זיין צו נאָטירן, אַז צווישן די דריי גרויסע יידישע אַריסטאָטעליאַנער אינעם מיטלאַלטער — דער ראב״ד (1110-1180), דער רמב״ם (1135-1204), און דער רלב״ג (1288-1344), האָט דער לעצטער, דער רלב״ג, אין אַט דער פֿראַגע אָפּגענייגט פֿונעם רמב״ם. אין זיין הויפּט־פֿילאָזאָפֿיש ווערק, „מלחמות אלהים״ (אויך אָריגינעל אין אַראַביש), האָט ער הונדערט יאָר נאָכן „מורה נבוכים״ געמאַכט שאַרפֿע איינווענדונגען קעגן די וואָס האַלטן, אַז די וועלט איז אַ „יש מאין״, אַז זי איז באַשאַפֿן געוואָרן פֿון גאָרנישט. ער מיינט, אַז מאַטעריע, הגם אַ פֿאָרמלאָזע, האָט עקזיסטירט פֿון אייביק אָן).

ווייטער האַלט דער רמב״ם, אַז די רעליגיעזע דאָגמע וועגן תחית־המתים קאָן על־פּי שכל נישט דערוויזן ווערן. ער האַלט נישט פֿון קיין קערפּערלעכן תחיית־המתים, אַז די טויטע וועלן צוריק לעבעדיק ווערן. די נידעריקע נשמה (פֿון חיות און געוויקסן) איז, לויט זיין מיינונג, שטערבלעך. השארת הנפש — די עקזיסטענץ פֿון דער „שכלדיקער נשמה״ נאָכן טויט — טייטשט ער אויס אין אַ גייסטיקן זין.

אין קורצן קאָן מען זאָגן, אַז דער גרויסער היסטאָרישער פֿאַרדינסט פֿונעם רמב״ם איז באַשטאַנען אינעם סיסטעמאַטישן דערלערנען דעם אַריס־טאָטעליזם און אין זיין ברייטן באַנוץ פֿון אַריסטאָטעלס פֿילאָזאָפֿיע.

האָט אָבער דער דאָזיקער פּרואוו זיינער צו שאַפֿן אַ סינטעז צווישן דער יידישער רעליגיע און דער אַנטיקער גריכישער פֿילאָזאָפֿיע, ווי אויך זיין בולטע ראַציאָנעלע טענדענץ, אויפֿגעהויבן קעגן אים די עקסטרעם יידישע אָרטאָדאָקסיע אין שפּאַניע און פֿראַנקרייך. אינעם רמב״מס לערע, אַז וויסן איז נישט אָפּהענגיק פֿונעם גלויבן, און אין זיין סובאָרדינירן צום וויסן דעם זין פֿון טייל אויסדרוקן אין תנ״ך, האָבן די קעגנער געזען אַ מין באַגרענע־צונג פֿון דער אויטאָריטעט פֿון דער תורה, און האָבן אים באַשולדיקט אין „פֿאַרקויפֿן די הייליקע שריפֿטן צו די גריכן״. די קריגערייען פֿאַר און קעגן רמב״ם נעמען צייטנווייז אָן ממש אַן אכזריותדיקן כאַראַקטער.

די פֿאַנאַטיקער לייגן דעם רמב״מס ווערק אַריין אין חרם, און דעם רמב״מס אָנהענגער ווידער ענטפֿערן די פֿאַנאַטיקער מיט אַריינוואַרפֿן זיי אין חרם אַריין. צו דער פֿאַרביטערונג איז שוין מער קיין גרענעץ נישטאָ. אין זייער קאַמף קעגן דעם רמב״מס אָפּנייגונג גייען זיי אַזוי ווייט ווי אַריינ־

צוציען אין דעם דיספּוט די קאַטוילישע קירך. אַרום 1234 — דרייסיק יאָר נאָכן רמב״מס טויט — פאַרמשפּט די קאַטוילישע אינקוויזיציע דעם רמב״מס ווערק צום פאַרברענען.

דער דאָזיקער שריט פון די פאַנאַטיקער האָט אָבער געהאַט אַ פונקט פאַרקערטן עפעקט און גאָר געהאָלפן דעם רמב״מס אָנהענגער. אָנגעהויבן האָט זיך דער דאָזיקער קאַמף באַלד נאָכן רמב״מס טויט און זיך געצויגן אין משך פונעם גאַנצן דרייצנטן יאָרהונדערט.

אין דער אייגענער צייט ווערט דעם רמב״מס פילאָזאָפיע געשמאַק שטודירט אין מערב־אייראָפּע. זיין איינפלוס אויף דער שפּעטערער סכאָלאַסטיק דאָרטן איז גאַנץ באַדייטנדיק. די גרויסע קריסטלעכע פילאָזאָפן־טעאָלאָגן אינעם מיטלאַלטער — אַלבערטוס מאַגנוס, דונס סקאָטוס, בפרט דער ביי די קאַטוילישע פאַרהייליקטער „פרינץ פון די טעאָלאָגן״, טאָמאַס אַקווינאַס (1225־1274), האָבן זיך פאַרטיפט אין רמב״מס פילאָזאָפיע און פון דאָרטן אַ סך געשעפּט. אין זיין „סומאַ טעאָלאָגיאַ״ האַלט טאָמאַס אַקווינאַס אין איין פאַררופן זיך און ציטירן דעם „ראַבי מאָיסעס״ (רמב״ם). צווישן אויפגעקלערטע יידן ווידער איז דער „מורה נבוכים״ געווען אַ וועגווייזער פאַר אַ משך פון הונדערטער יאָרן. אַזאַ פילאָזאָף ווי שפּינאָזע האָט זיך געהאַלטן פאַרן רמב״מס אַ תּלמיד. דאָס זעלבע אויך שלמה מיימאָן און משה מענדעלסאָן.

## .3

דער אייגענער משה בן מיימאָן, וואָס זיין „מורה נבוכים״ איז געווען די הויפּט־פעסטונג פון ראַציאָנעלע אידעען אין דער יידישער פילאָזאָפיע אינעם מיטלאַלטער, איז אויך דער שאַפער פונעם מאָנומענטאַלן רבנישן ווערק „משנה תורה״. אין אָט דעם גרויסן טעאָלאָגישן ספר אין פערצן טיילן האָט דער רמב״ם צונויפגעזאַמלט און קאָדיפיצירט אַלע הלכות, דינים, מנהגים, טראַדיציעס וואָס זענען צעשפּרייט און צעזייט אינעם גרויסן ים התלמוד — בבלי און ירושלמי, ווי אויך אין אַלע אַנדערע ספרים פון די תנאים און אמוראים, ווי ספרא, ספרי, תוספתא און פון אַנדערע קוואַלן און זיי אַלע סיסטעמאַטיש קלאַסיפיצירט אין אַ לאָגישן סדר און מיט אַ צוגאָב פון זיינע אייגענע חריפותדיקע אויפקלערונגען און קאָמענטאַרן.

דער „משנה תורה״ ווערט אויך גערופן „יד החזקה״ (די שטאַרקע האַנט), צוליב די פערצן חלקים אין וועלכע ער איז איינגעטיילט (י״ד מיינט פערצן). אין דער לומדישער וועלט איז דער „משנה תורה״ באַקאַנט ווי „דער רמב״ם״ —און הונדערטער יאָרן ווי לומדים קנייטשן די שטערנס צו פאַרענטפערן אַ האַרבן רמב״ם:

די דאָזיקע ווערסאַטילע, פּילזייטיק־שעפערישע און אומגעווייינלעך פּראָדוקטיווע פערזענלעכקייט, דער רמב״ם, האָט אויך איבערגעלאָזט ווערק

װעגן אַסטראָנאָמיע, מאַטעמאַטיק, לאָגיק און נאָך אַנדערע. אויך אַט די זענען, פּונקט װי דער „מורה נבוכים״, אָריגינעל געװען אין אַראַביש. אַפילו זיין פּירוש אויף משניות איז אין אַראַביש.

דער עיקר אָבער איז ער, װי שוין דערמאָנט, געװען איינער פון די גרעסטע מעדיקער אין זיין צייט. פון אַלע װיסנשאַפטן, האַלט ער, איז די סאַמע װיכטיקסטע פאַר יעדן מענטש — די מעדיצין. אין „מורה נבוכים״ זאָגט דער רמב״ם: „דע כי הרפואה חכמה הכרחית לאדם מאד, בכל זמן ובכל מקום, לא בעת החולי בלבד, אלא אפילו בזמן הבריאות״ (זאָלסט װיסן זיין, אַז מעדיצין איז אַ זייער נייטיקע װיסנשאַפט פאַרן מענטש אין יעדער צייט און אין יעדן אָרט, נישט נאָר דעמאָלט װען מ׳איז קראַנק, נאָר אויך װען מ׳איז געזונט). ער איז דער מחבר פון העכער אַ צענדליק װערק אין דער מעדיציינישער װיסנשאַפט, װעלכע האָבן טיילװייז נישט פאַרלוירן זייער באַדייט אויך היינט, און זענען איבערגעזעצט אין אַלע װיכטיקע װעלט־שפּראַכן.

קודם קומט זיין קלאַסיש װערק אין צװיי טיילן, „װעגן גיפטן און קעגן־גיפטן״. זיין מעטאָדע װאָס צו טון װען אַ מענטש װערט געביסן פון אַ גיפטיקער שלאַנג, װערט היינט נאָך אַפילו אָנגעװענדט. װי אַ טראַפּיש לאַנד, זענען אין עגיפּטן, װאו ער האָט געװאוינט, געװען זייער אַ סך פאַלן, װען מענטשן זענען געביסן געװאָרן פון גיפטיקע שלאַנגען. נאָך אַ װיכטיק װערק זיינס איז װעגן היגיענע און דיעטעטיק. אין אַט דעם בוך לערנט ער װי זיך אויפצופירן היגיעניש אין טאָג־טעגלעכן לעבן און װי זיך צו דער־נערן, כדי זיך אויסצוהיטן פון קראַנקהייט. נאָך אַנדערע װערק און טראַק־טאַטן אין װעלכע ער פאָרמולירט גרונט־פּרינציפּן בנוגע װיסנשאַפטלעכן דיאַגנאָז פון קראַנקהייטן, זייער באַהאַנדלונג און פאַרהיטונג, און קעמפט קעגן די אין זיין צייט פאַרשפּרייטע אָבערגלויבנס און מאַגיק, אַפילו צװישן דאָקטוירים, ביי דער באַהאַנדלונג פון קראַנקע. ער שרייבט קאָמענטאַרן און אַ קריטיק אויף די זעכצן ביכער פונעם גרעסטן מעדיציינישן אויטאָריטעט אין מיטלאַלטער, גאַלען. צו דעם האָט אין יענער צייט זיך געפאָדערט גרויס קוראַזש. זיין בוך מעדיציינישע אַפאָריזמען און אויך קאָמענטאַרן צו היפּאָקראַטעסעס אַפאָריזמען, איז לעצטנס אויף דאָס ניי איבערגעזעצט געװאָרן אויף העברעאיש דורך דר. ל. פרידמאַן און איז אַרויס אין תל־אביב. ער האָט אויך אַ װערק װעגן פאַרמאַקאָלאָגיע.

לסוף דאַרף דאָ נאָך צוגעגעבן װערן דאָס װאָס מיט אַזוי פיל הונדערטער יאָרן צוריק קומט ער צו אַזוי נאָענט צום סאַמע לעצטן אין דער היינטצייטיקער מעדיצין — צו דער פּ ס י כ אָ ס אָ מ אַ ט י ק. (די פּסיכאָסאָמאַטישע מעטאָדע גייט אַרויס פון דער הנחה, אַז קראַנקהייטן קאָנען אויך אַרויסגע־רופן װערן דורך דעם, װאָס ס׳װירקן איינס אויף דאָס אַנדערע פּסיכישע און פיזישע פאַקטאָרן). מיט איין װאָרט, ער העלפט אויסלייגן נייע װעגן פאַרן

פּאַראויסמאַרש פון דער מעדיציִן נישט נאָר פאַר זיין צייט, נאָר אויך פאַר שפּעטערע דורות.

זייט ביי זייט מיט די גרויסע גרונטלייגער אין דער מעדיציִן — היפּאָ־קראַטעס, גאַלען, אַוויצענאַ — פאַרנעמט דאָקטאָר מאַזעס מיימאָנידעס (רמב״ם) אַ חשוב אָרט אין דער געשיכטע פון מעדיציִן.

אין זיין טאָג־טעגלעכער מעדיציִנישער פּראַקטיק, פּונקט ווי אין זיינע שריפטן, אַנטפּלעקט זיך דער רמב״ם ווי אַן ערנסטער וויסנשאַפטסמאַן און פאַראַנטוואָרטלעכער מעדיקער, פול מיט מיטלייד צום קראַנקן. פונעם דאָקטאָר פאָדערט ער, ער זאָל אין זיין טעגלעכער פּראַקטיק זיך אויפפירן עטיש און זיין ערלעך מיטן חולה. ער איז נישט נאָר אַ נאה דורש, נאָר אויך אַ נאה מקיים. ער אַליין איז אין זיין צייט געווען באַרימט מיט זיין הומאַניזם און ווי אַ העכסט עטישע פּערזענלעכקייט.

צו אילוסטרירן זיין טיפע ליבשאַפט צום מענטשן, זאָרג פאַרן קראַנקן, ווי אויך זיין ענווות, וועט דאָ כדאי זיין צו ציטירן עטלעכע שורות פון זיין טעגלעכער „תפילה פון אַ דאָקטאָר", יעדן פרימאָרגן, איידער ער האָט זיך גענומען צו זיין מעדיציִנישער פּראַקטיק:

„. . . באַוויליק, כ׳זאָל זיין פול מיט ליבשאַפט פאַר מיין קונסט
און פאַר מיינע מיטמענטשן.
זאָל דער דאָרשט נאָך געלט־געווינסן און דער באַגער צו באַרימטקייט
ווייט אַוועקזיין פון מיין האַרץ.
וואָרום די דאָזיקע זאַכן זענען די שונאים פון רחמנות און די שליחים פון האַס.
באַוויליק, כ׳זאָל זיין ביכולת צו ווידמענען זיך, מיטן קערפּער און נשמה
צו דיינע קינדער, וואָס ליידן יסורים.
היט אויף מיין קראַפט, כדי כ׳זאָל זיין בכוח צוריקצושטעלן די כוחות
ביים רייכן און אָרעמען, ביים גוטן און שלעכטן, ביים פריינט און פיינד.
לאָז מיך אינעם ליידנדיקן זען בלויז דעם מענטש.
ווען קליגערע מענטשן לערנען מיך, לאָמיך זיין באַשיידן צו לערנען,
וואָרום דער מענטשלעכער שכל איז דאָך אַזוי שוואַך און די הייל־קונסט
אַזוי גוואַלדיק גרויס.
. . . לאָמיך זיין אָנגעצילט אויף איין זאַך, אָ, דערבאַרעמדיקער פאָטער —
שטענדיק זיין פול מיט רחמים צו דיינע ליידנדיקע קינדער".

גרויס איז געווען זיין מיטגעפיל צום מענטשן־מין, אָבער נישט קלענער איז געווען דער ביטערער האַס זיינער צום מין מוסרים. אַ טרויעריקע צייט געווען דעמאָלט פאַר יידן. אין מוסולמענישע לענדער ווערן יידן גערודפט, דערנידעריקט און מיט גוואַלט אַריינגעצוואונגען אינעם מאַכמעדאַניזם. אין די קריסטלעכע לענדער אין איראָפּע איז נאָך ערגער — יידן ווערן געשאָכטן און גענייט צו שמד דורך די פינצטערע קרייץ־טרעגער. מוסרים,

אייגענע, לייגן צו אַ קנייטל, העלפֿן די שונאים פֿאַרווּסטן און פֿאַרפּינצטערן דאָס יידישע לעבן. דער רמב״ם, ווי דער פּראָמינענטסטער יידישער פֿירער, שטעלט זיך אַרויס מיט זיין גאַנצן פּרעסטיזש און אויטאָריטעט אַנטקעגן די מוסרים. זיין גרענעצלאָזע שנאה צו דעם דאָזיקן מענטשן־אָפּפֿאַל — להשמיד ולהרוג — האָט געקוואָלט טאַקע פֿון זיין הויך־עטישער נאַטור, און דערביי זיך אויך סומך געווען אויפֿן יידישן דין און טראַדיציע. אַט זענען דעם רמב״מס ווערטער ווי זיך צו באַגיין מיט מוסרים שוין אַפֿילו נאָכן טויט:

„ווען ס׳שטאַרבט אַ מסור, וואָס האָט געמסרט און פֿאַרשאַפֿט דערמיט יסורים און שאָדן, טאָרן זיינע נאָענטע קרובים נישט וויינען און נישט טרויערן נאָך אים. זיי טאָרן לויטן דין נישט טראָגן נאָך אים קיין טרויער־קליידער. זיי דאַרפֿן אָנטון ווייסע קליידער, וואָס זאָלן אויסדריקן פֿרייד, און זיי דאַרפֿן זיך פֿרייען מיטן טויט פֿונעם מסור דורך פּראַווען אַ סעודה. מ׳טאָר נישט באַערדיקן דעם מסור לעבן אַ פֿרומען ייד. קיין שום אָרנט־לעכער ייד טאָר זיך נישט באַטייליקן אין דער לוויה פֿון אַ מסור״.

ס׳האָט אויך דער רמב״ם אינעם אחרית הימים, וואָס איז אָנגעקינדיקט געוואָרן דורך די נביאים, געזען אַ צייט פֿון אייביקן שלום, פֿון שפֿע און וויסן פֿאַר יעדן און אַלעמען.

„דעמאָלט — זאָגט דער רמב״ם — וועט נישט זיין נישט קיין הונגער און נישט קיין מלחמות, נישט קיין קנאה און נישט קיין קאָנקורענץ. וואָרום די שפֿע פֿון גוטס וועט גרויס זיין און די בעסטע מאכלים וועלן זיין ווי דער שטויב פֿון דער ערד. און די גאַנצע וועלט וועט זיך פֿאַרנעמען מיט איינזאַמ־לען וויסן״.

צום 750סטן יאָרצייט פֿון משה בן מיימאָן, ווערט, בכן, אָפּגעגעבן כבוד דעם ליכטיקן אָנדענק נישט נאָר פֿון אַן אומשטערבלעכן לערער און פֿירער, אַ וויסנשאַפֿטסמאַן, פֿילאָזאָף און מעדיקער, נאָר אויך דעם הומאַניסט און איידעלער, עטישער פּערזענלעכקייט, וועלכער האָט געדינט ערלעך און מיט אחריות די מענטשהייט און פֿאַרשאַפֿט כבוד זיין פֿאָלק.

1955.

# שלמה איבן גבירול

## דער גרויסער פּאָעט און פילאָזאָף אין דער „גאָלדענער עפּאָכע" אין שפּאַניע

### צו זיין 900סטן יאָרצייט — 1969־1069

.1

געווען פּאָעטן פֿאַר גבירולן, געווען אויך פּאָעטן אין זיין צייט, אָבער לויט דער אָפּשאַצונג פֿון דער קריטיק האָט ער זיי אַלע איבערגעשטיגן ווי דער מייסטער פֿון סטיל און אינהאַלט. אַזוי ווייט ווי מיט אַכט הונדערט יאָר שפּעטער, אין ניינצנטן יאָרהונדערט, האָט היינריך היינע, דער גרעסטער יידישער פּאָעט אין דער מאָדערנער צייט, אין זיין באַרימטער פּאָעמע „ראָמאַנצעראָ", אין זיין סאַטירע דאָרט איבער די הויך־געבילדעטע יידן אין דייטשלאַנד פֿאַר זייער אָפּגעפֿרעמדטקייט פֿון דער יידישער ליטעראַטור, ווערט ביי אים שלמה איבן גבירול אויסגעטיילט ווי דער דענקער צווישן פּאָעטן און דער פּאָעט פֿאַר דענקער.

דער גרויסער פּאָעט, ווען און אויב ס'גיט זיך אים איין צו כאַפּן אַ קוק אויפֿן לעבן אין דער גאַנצער דערהויבנקייט, קאָן ער עס אַמאָל זען מער פֿול־שטענדיק, מער אין דער טאָטאַלקייט, און ער קאָן אַמאָל אין אַן אויפֿבליץ פֿון אינספּיראַציע אויפֿכאַפּן דאָס, וואָס נעמט דעם וויסנשאַפֿטלעכן פֿאָר־שער יאָרן אַרבעט.

דער גייסט פֿונעם פּאָעט איז אַ העכסט דעליקאַטער אינסטרומענט, וואָס איז אויסערגעוויינלעך וואַך צו אַלעם דעם מיט וועלכן ער קומט אין באַריר. דער קאָליר פֿונעם זון־אונטערגאַנג, דער קנאַל פֿונעם דונער, די פֿאַרפֿום פֿון די וועלדער — דאָס אַלץ שפּיגלט זיך אָפּ, קלינגט אָפּ אָדער אָטעמט אַרויס פֿון זיין פּאָעזיע. פֿאַרשטענדלעך, אַז צייט און אָרט האָבן פֿאַרן פּאָעט אַ גאָר גרויסן באַטייט. אָבער דאָס וויכטיקסטע פֿאַר אים איז, נאַטירלעך, דער סאָציאַלער אַרום — דער הערשנדיקער סאָציאַלער סדר אין זיין צייט.

דערמוטיקונג איז פֿאַרן פּאָעט דער אָטעם פֿאַר זיינע לונגען; אַרונטער־רייסן אים איז ווי דאָס בייזע וואָיען פֿונעם שטורעמווינט. און פֿאַרקערט — אין אַן אַטמאָספֿערע פֿון וואַרעמער סימפּאַטיע, וועט זיין געניום אַרויס־ברענגען די פֿיינסטע פֿרוכט פֿון זיין אימאַגינאַציע, פֿון זיין פֿאָרשטעלונגס־קראַפֿט. אין אַ סביבה אָבער פֿון קאַלטן קריטיציזם, וועט זיין גייסט איינ־שרומפּן און זיך צונויפֿקאָרטשען, ווערן מאַכטלאָז.

* פֿאַרעפֿנטלעכט אין „יידישע קולטור", חודש־שריפֿט, אַפּריל און מאַי, 1969, ניו־יאָרק.

לאָמיר, אָבער, אויך נישט פאַרגעסן, אַז שלמה איבן גבירול איז נישט נאָר געווען אַ גרויסער פּאָעט, נאָר פּונקט אַזוי אויך אַ גרויסער פילאָזאָף. זיין וויזיע איז געווען ברייט און חריפותדיק. ער האָט דעריבער געזען ווייטער ווי אַ געוויינלעכער פּאָעט, און געפילט טיפער ווי דער פילאָזאָף. זיין געניוס האָט אָבער געבליט אין אַן אַטמאָספערע פון אויסערגעוויינטלעכער אומסטאַבילקייט — אַט וואַרעם, אַט קאַלט; אַט פריינדלעך, אַט מיט סטימולירנדיקער וואַרעמקייט; און אַט די כסדרדיקע ענדערונגען אינעם מצב פון זיין אַרום האָבן זיך פּונקט אַזוי געשפּיגלט אינעם געמיט פון זיין פּאָעזיע.

צו כאַפּן אַן אַדעקוואַטן בליק אויפן לעבן פון אַט דעם פּאָעט־פילאָזאָף, וועט דעריבער נייטיק זיין זיך אַרויסכאַפּן פונעם היינט און אַריבערשפּרייזן איבער יאָרהונדערטער און קאָנטינענטן, זיך אַריבערטראָגן אין יענע געמיטלעכע שטעט פון שפּאַניע אין זיין צייט. איז אָבער דער ביאָגראַפישער מאַטעריאַל אַזוי מאָגער און אין טייל פאַלן דערצו נאָך אַזוי פול מיט ווידעראַנאַנדן, אַז אַלץ וואָס מ׳קאָן וועגן אים פאַקטיש זאָגן מיט זיכערקייט מוז צונויפגעזאַמלט ווערן אויס די גאַנץ־צופעליקע אַרויסזאָגונגען צווישן דער גרויסער צאָל פערזן זיינע. און היות דעם פּאָעטס פערזן זענען אָפט אומפאַרשטענדלעך, ביז זיי ווערן נישט אויפגעקלערט דורך די געשעענישן אין זיין לעבן, קאָן מען דאָ צומאָל זיך אַרומבלאָנקען ווי אין אַ פאַרכישופטן קרייז, ווען מ׳פּרובירט אַרויסקריגן אַביסל פאַקטן וועגן זיין לעבן, אַזוי אַז די פאַקטן פון זייער זייט זאָלן אונדז העלפן פאַרשטיין זיינע פערזן.

שלמה בן יהודה איבן גבירול איז געבוירן געוואָרן אין מאַלאַגאַ, אַ שטאָט אין דרום־שפּאַניע, אַרום דעם סוף פון יאָר 1021 אָדער אָנהייב 1022. זיין פאָטער יהודה האָט געשטאַמט פון קאָרדאָווע, פון וואַנעט ער האָט, אַפּנים, זיך איבערגעצויגן קיין מאַלאַגאַ, בעתן אויפברויז דאָרטן אין יאָר 1012. זייער יונג ווערט שלמה פאַריתומט, אָן אַ טאַטן און אָן אַ מאַמען. „עלנט און אָרעם, בין איך אַליין, אָן אַ ברודער און אָן פריינט, בלויז מיט מיינע רעיונות". (פון זיינער אַ יוגנט פּאָעמע). ווייזט דאָס אונדז, אַז ווען זיין פאָטער איז געשטאָרבן איז ער געבליבן אָן אַ קרוב און אָן אַ גואל.

אין מאַלאַגאַ איז ער געבליבן בלויז אין זיין קינדהייט. אין זיינע פאָרמאַטיווע יאָרן, האָט ער זיך שוין געפונען אין סאַראַגאָסאַ, אַ וויכטיקער יידישער קולטור־צענטער אין שפּאַניע אין יענער צייט. אין סאַראַגאָסאַ האָט דעם יונגן עלנטן פּאָעט באַפריינדעט אַ פּראָמינענטער ייד, יקותיאל איבן כאַסאַן, און אים באַזאָרגט מיט די מאַטעריעלע מיטלען פאַר זיין אויסקורמעניש. דער דאָזיקער יקותיאל וואָלט געבליבן אומבאַקאַנט אין דער געשיכטע. אָבער דורך זיין פריינטשאַפט מיטן יונגן פּאָעט, ווערט ער פאַראייביקט אין זיינע פּאָעמעס. אַ דאַנק דעם דאָזיקן מעצענאַט האָט איבן גבירול נישט געהאַט קיין מאַטעריעלע זאָרגן און איז געווען ביכולת צו אַנטוויקלען זיינע כוחות.

דעם צוטריט וואָס דער יונגער איבן גבירול האָט געהאַט אין יקותיאלס רייכער ביבליאָטעק צו די גריכישע קלאַסיקער, האָט שטאַרק אויסגעברייטערט זיין לעבנס־בליק. אין זיין ערשטן פילאָזאָפיש־דילעטאַנטישן ווערק ברענגט ער ציטאַטן פון די יידישע חכמים — פון תנ"ך און תלמוד, פון מדרש און אגדה. ער ציטירט דאָרט אויך דעם "געטלעכן סאָקראַטעס", אַזוי גוט ווי זיינע תלמידים, פּלאַטאָ און אַריסטאָטל. שוין אין זיין ערשטן נאָך נישט אויסגעצייטיקטן פילאָזאָפישן ספר, ווייזט ער אַרויס אויסערגעוויינלעכע איינשטעלונגען און אַריינבליקן אין דער מענטשלעכער נשמה און אין וועלטלעכע ענינים בכלל. (זע גרעץ, יידישע געשיכטע, באַנד 3, זייט 267, ענגלישע איבערזעצונג).

דעם יונגן פּאָעטס דאַנקבאַרקייט צו זיין בענעפאַקטאָר, יקותיאל האָט זיך אויסגעדריקט נישט נאָר אין באַזינגען אים ביים לעבן, נאָר נאָך מער אין באַקלאָגן אים אין אַן עלעגיע נאָכן טויט.

ידיעות וועגן איבן גבירולס יאָרן אין סאַראַגאָסאָ געפינען מיר אויך ביי משה איבן עזרא אין זיין גוט־באַקאַנטן אויטאָביאָגראַפישן ווערק אין אַראַביש, "דיסקוסיעס און זכרונות".

זיין ליטעראַרישע אַקטיוויטעט הייבט ער אָן זייער פרי. באַקאַנט זענען פינף פּאָעמעס וואָס ער האָט געשאַפן אינעם עלטער פון קוים זעכצן יאָר, צווישן זיי אַ גרויסע ליטורגישע פּאָעמע וועגן די תרי"ג (613) מצוות, באַקאַנט אונטערן נאָמען "אזהרות", וואָס ווערט נאָך עד־היום אויסגעזונגען אין די ימים־נוראים אין שולן. דאָס איז נישט געווען די איינציקע, נאָך אַ מאַסע אַנדערע פּיוטים זיינע זענען אַריין אין דער ליטורגיע פאַר יעדן יום־טוב.

באַשענקט מיט אויסערגעוויינלעכע פעאיקייטן, איז קיין חידוש נישט וואָס דער יונגער איבן גבירול האָט זיך דערוואָרבן אַלץ וואָס ס'איז געווען צו לערנען, אַלע וויסנשאַפטן אין זיין צייט. דער איינציקער צווייג פון וויסן מיט וועלכן ער האָט זיך נישט אָפּגעגעבן איז געווען מעדיצין. ס'דאַרף אונדז אויך נישט וואונדערן, וואָס ער איז געווען באַוואוסטזיניק וועגן זיינע כוחות נאָך באַלד ביים אָנהייב פון זיין ליטעראַרישער קאַריערע. האָט דאָס געמוזט אַרויסרופן אַן אַנטאַגאָניזם צווישן די מענטשן אין זיין צייט צו הערן ווי אַ זעכצן יעריק בחור׳ל פּראָקלאַמירט זיך אין זיין פּאָעזיע, אַז ער שטייט מיט זיין וויסן העכער פון יעדן איינעם אין זיין דור.

אָט איז זיינס אַ יוגנט־ליד, איינע פון זיינע גאָר ערשטע פּאָעמען:

איך בין דער זינגער, און די ליד איז מיר אַ קנעכט,
אַ פידל פאַר אַלע זינגער און שפּילער איז מיין יונג לעבן.
מיין קערפּער גייט אַרום דאָ האַרט ביי דער ערד,
און איבער די וואָלקנס מיין גייסט טוט שוועבן.

און איצט, ווען זעכצן יאָר מיר ווערט,
איז מיין פאַרשטאַנד, ווי כ'וואָלט אַכציק שוין לעבן.
(איבערגעזעצט פון העברעאיש דורך ליפע רעזניק, יידיש-סאָוועטישער פּאָעט. פאַרעפנט־לעכט אין „סאָוועטיש היימלאַנד", נומער 6, יוני, 1965, מאָסקווע. ליפע רעזניק איז אומ־געקומען אין שלאַכט אין דער מלחמה קעגן היטלערן).

האָט דאָס ליד גבירולס, זעט אויס, געקלונגען פאַר די מענטשן אין זיין דור, ווי פּוסטע באַרימעריי. מיר אָבער ווייסן, אַז דאָס איז נישט געווען קיין פּוסטע באַרימעריי. גיכער איז דאָס געווען דער זעלבסט־אויסדרוק פון אַ יוגנטלעכן מיט אַ גרויסער שפּע פון וויסן.

מיר, וואָס זענען פון אים אָפּגערוקט מיט אַ טויזנט יאָר כמעט און ווייסן די גרויסע מעלות פון זיינע ווערק, פילן אַז ער האָט זיך נישט איבערגע־שאַצט. ער איז באמת געווען דער גרעסטער פּאָעט אין זיין צייט און איי־נער פון די געציילטע גרויסע פּאָעטן פון אַלע צייטן. אפילו קריטיקער ווי משה איבן עזרא און יהודה אַל־חריזי, וואָס זענען געווען פון אים אָפּגע־רוקט מיט בלויז איין אָדער צוויי דורות, האָבן געפילט דאָס זעלבע וועגן אים און אים אָנערקענט איבער אַלע אַנדערע פּאָעטן פון זיין צייט. אָבער זיינע צייט־חברים האָט שוין גאָר פאַרדראָסן זיין דערקלערונג וועגן זיין סופּעריאָריטעט. זיי האָבן זיך געפילט דערפון געטראָפן. זייער אַנטאַ־גאָניזם וואַקסט ביסלעכווייז אויס אין גרויסער אומצופרידנקייט און די אומצופרידנקייט אין שנאה. זייער האַס, ווידער, האָט בלויז אויפגעוועקט זיין כעס און ביי אים אַרויסגערופן אַזוינע ברענענדיקע שורות ווי אָט די:

זיי באַרימען זיך, אַז זייערע שירים זענען העכער ווי מיינע,
ווען זיי פאַרשטייען זיי גאָר אַפילו נישט . . .
פּיצלעך מוראַשקעס, וואָס זיי זענען,
פאַרגונען זיי זיך צו פאַרגלייכן מיט מיר.

ער האָט שוין גאָר גוט געקענט די „איידעלע" קונסט צו מאַכן זיך שונאים. משה איבן עזרא זאָגט וועגן אים אָט דאָס: „הגם וואָס ס'איז נוגע זיינע אינטעלעקטועלע דערגרייכונגען איז ער געווען אַ פילאָזאָף, האָט דאָך אָבער זיין גרימצאָרן גענומען די אייבערהאַנט איבער זיין פאַרשטאַנד. ער איז נישט געווען ביכולת צו קאָנטראָלירן זיינע עמאָציעס, און ער פלעגט זייער גרינג דערפּירט ווערן צום אָפּלאַכן פון גרויסע מענטשן און זיי אונטער־וואַרפן צו פאַראַכטונג אין זיינע שריפטן". דער פאַקט איז, אַז ער אַליין האָט צוגעגעבן אָט די שוואַכקייט זיינע, ווי מיר קאָנען עס זען פון אָט די שורות זיינע:

ווען מיין גרימצאָרן ווערט אויפגעוועקט,
ברומען אויך די הימלען מיט מיין דונער . .

און איך בין נישט דער מענטש,
וואָס רעדט צאַרטע רייד און בייגט זיך און איז ביי זיך געפאַלן.

אין אַ צייט ווען מ'האָט ליטעראַרישע מחלוקות גענומען זייער ערנסט, האָבן אַזוינע שורות ווי די פריערדיקע געקאָנט פאַרשאַפן גרויסע צרות זייער מחבר. כּל־זמן אָבער ס'האָט געלעבט זיין פּראָטעקטאָר, יקותיאל, האָבן איבן גבירולס שונאים אים נישט געקאָנט טון קיין שלעכטס. אָבער ווען יקותיאל אַליין איז געפאַלן אַ קרבן דורך די הענט פון זיינע פּאָליטישע שונאים, איז ער איצט געבליבן אויפן גנאָד פון זיינע קעגנער. קעמפן מיט גבירולס געווער האָבן זיי טאַקע נישט געקאָנט, אָבער פאַרביטערן אים דאָס לעבן אַזוי, אַז ער זאָל מוזן פאַרלאָזן סאַראַגאָסאַ, אָט דאָס האָט זיך זיי יאָ איינגעגעבן. ער בלייבט זיי אָבער נישט שולדיק קיין חוב. מיט זיין שאַרפער פען רייסט ער פון זיי שטיקער, ווי נאָר ער האָט געקענט.

אין דער פּאָעמע מיט וועלכער ער געזעגנט זיך מיט דער שטאָט זאָגט ער:

מיין וואוין־אָרט איז צווישן שטרויספייגל,
צווישן כלערליי צעדרייטע און נאַראָנים, וואָס האַלטן זיך פאַר גאַנצע חכמים . . .
זייערע טאַטעס וואָלט איך מיך געמיאוסט אַפילו זיי זאָלן זיין הינט ביי מיין סטאַדע . . .
ווי איז דעם וויסן און ווי איז מיר, וואָס דאַרף וואוינען צווישן אָט אַזוינע מענטשן.

## .2

נישט געקוקט אָבער אויף אַלע זיינע שוועריקייטן און צרות, גייט ער אָן מיט זיין ליטעראַרישער אַקטיוויטעט מיט גרויס אימפעט, און איין מייסטערווערק נאָכן אַנדערן האַלט אין איין אַרויספליסן פון אונטער זיין פען. ס'איז דאָ שוין פריער אָנגעדייט געוואָרן וועגן די פּאָעמעס, וואָס ער האָט פאַרפאַסט אינעם עלטער פון זעכצן יאָר. אין אָט דעם פריען פעריאָד אין זיין לעבן האָט ער געשריבן די פאַרשידענע פּאַנעגיריקס וועגן יקותיאלן. ווען ער איז געשטאָרבן איז איבן גבירול נאָך קיין פולע אַכצן יאָר נישט אַלט געווען. צו ניינצן יאָר שאַפט ער אַ פּאָעמע פון פיר הונדערט פערזן אין וועלכע ער האָט אויסגעשטעלט מיט אַ סדר אַזאַ טרוקענעם ענין ווי די כּללים פון דער העברעאישער גראַמאַטיק. אין יאָר 1045, איידער ער האָט פאַרלאָזט סאַראַגאָסאַ, ווען ער איז געווען נאָך אין זיינע פריע צוואַנציקער יאָרן האָט ער פאַרענדיקט זיין אַראַביש ווערק וועגן עטיק מיטן נאָמען: „אויסבעסערונג פון די מאָראַלע אייגנשאַפטן". אין דער העברעאישער איבערזעצונג איז דער נאָמען פון דעם ווערק: „תיקון מידות הנפש". מיט רעכט האָט גרעץ אָנגענומען, אַז אינעם שילדערן דאָרט געוויסע נישט־שיינע כאַראַקטער־שטריכן, האָט ער געהאַט אין זינען אַ צאָל רייכע תקיפים אין דער סאַראַגאָסער קהילה, פון וועלכע ער האָט געהאַט גענוג אויסצושטיין. ער איז אין זיין כאַראַקטעריזירונג געווען אַזוי געוואַגט, אַז ער האָט

אויף זיך ארויפגעצויגן די ביטערע שנאה פון יענע לייט, וואס האבן זיך געפילט געטראפן, פון וועלכע ער האט אראפגענומען די ריכטיקע מאס. דאס האט געפירט דערצו, אז גבירול זאל זיין גענייט צו פארלאזן די שטאט, וואו ער האט אדורכגעלעבט זיין יוגנט און זיך אריבערציען קיין גראנאדע.

מ'וועט נישט מאכן קיין טעות ווען מ'וועט אננעמען, אז זיין אפט קלאגן אין זיין פאעזיע האט נישט געהאט צו טון מיט מאטעריעלע דאגות. גיכער איז עס געווען זיין שלעכט געזונט, דאס אפטע נישט זיין מיט אלעמען, און די רייבונגען מיט זיינע פריינט, וואס האט אים געקוועלט. א דאנק דעם פריי זיין פון מאטעריעלע דאגות האט ער געקענט ווידמען די גאנצע ענערגיע פאר זיינע ליטערארישע באשטרעבונגען. ער האט קיין אנדערע ליידנשאפטן נישט געהאט אין זיין לעבן ווי נאר די ליידנשאפט פאר חכמה און אמת. זיין גאנצע אמביציע איז געווען, ווי מ'קאן דאס זען פון זיין פאעזיע, צו שטודירן, צו לערנען און צו געניסן די פריינטשאפט פון גרויסע מענטשן. זיין יאגן זיך נאך וויסן האט ארויסגעברענגט ליטערארישע מאנומענטן, וואס האבן אויסגעהאלטן דעם שטראם פון כמעט א יאר טויזנט און וועלן אן שום ספק בלייבן אויף זייער פעדעסטאל פאר נאך דורות און דורות.

נאך דעם ווי מ'האט אומגעבראכט זיין פראטעקטאר יקותיאל, בלייבט דער יונגער, נאך קיין פולע אכצן יאר נישט אלט גבירול, אן א באשיצער, אן א טייערער היים, נישט האבנדיק מיט וואס א טאג איבערצוקומען. זיין שוין־דערמאנטע עלעגיע נאך יקותיאלס טויט האט געקאנט א שטיין רירן. ער נעמט זיך וואנדערן פון שטאט צו שטאט, ביז ער באזעצט זיך ענדלעך אין גראנאדע. דארטן פארנעמט דער בארימטער שמואל הנגיד איבן נאגרעלא דאס ארט פון זיין פריערדיקן פראטעקטאר, יקותיאל. אבער דא האט אים שוין געפעלט יענע ווארעמע געטריישאפט וואס ביי יקותיאלן. שמואל הנגיד איז נישט נאר געווען איינער פון די די גרויסע געלערנטע אין זיין צייט, נאר אויך א העכסט־פארמעגלעכער מענטש, דערצו נאך הויכגעשטעלט אין דער רעגירונג, דער גרויס־וויזיר [העכסטער רעגירונגס־באאמטער] פון גראנאדע. דארט נעמט זיך איבן גבירול ערנסט צו פילאזאפיע, וואס איז געווארן, ווי ער זינגט, זיין מ ו ט ע ר:

וויאזוי קאן איך פארלאזן די חכמה ?
איך האב דאך מיט איר געשלאסן א בונד.
זי איז מיין מוטער און איך איר טייער קינד !
זי האט מיר פארפעסטיקט די צירונג ארום מיין האלדז,
זאל איך אוועקווארפן אין א זייט דעם דאזיקן גלענצנדיקן ארנאמענט ?
כל־זמן לעבן איז מיין, זאל מיין גייסט שטרעבן

צו אירע הימלישע הייכן און דימענטענע ווענט.
איך וועל נישט רוען ביז איך וועל געפינען איר ריכטונג.

(פון העברעאיש איבערגעזעצט דורך י. ב.ביילין)

דער דאזיקער באגאבטער פאעט, וואס זיינע שירים האבן דערפרייט די נשמה און אויפגעלייזט דאס הארץ פון טרויער, האט בפירוש זיך געקאנט פארגינען צו רעדן וועגן חכמה ווי זיין מוטער.

נאך שמואל הנגידס טויט נעמט איבער זיין זון, יוסף, זיין וויזיר־שטול. ער האט אבער נישט פארמאגט, נישט דעם פאטערס חכמה און נישט זיין טאקט. איבן גבירולן האלט ער אבער ווייטער אין זיין הויף בכבוד, פונקט ווי זיין פאטער. אין זיין פאזיציע אבער ווי דער גרויס־וויזיר האט ער געהערשט מיט אן אייזערנער האנט. ער האט נישט געפרואווט געווינען דעם צוטרוי פון עולם, פארריכטן קריוודעס. זיין פאזיציע נעמט זיך שאקלען. די רעוואלט־שטימונג צווישן פאלק קעגן אים צעפלאקערט זיך אלץ מערער און מערער. ביז ס'איז געקומען דערצו, וואס מ'איז באפאלן זיין הויף און אומגעבראכט נישט נאר אים, נאר אויך א סך פון זיינע הויפלייט, אונטערגעצונדן זיין פאלאץ און אים אין גאנצן צעשטערט. צום ערשטן מאל אין דער געשיכטע פון אנדאלוזיע און בפרט פון גראנאדע האבן פאנאטיש־מאכמעדאנישע מאסן זיך גענומען באפאלן און פאגראמירן יידן.

איבן גבירולס לידער פון יענער צייט זענען די אומעטיקסטע, די טרויעריקסטע. מיט זיינע אויגן האט ער געמוזט צוזען ווי ס'ווערט אוים מיט דער יידישער גדולה אין גראנאדע.

אין איינער פון זיינע לעצטע עלעגיעס אין יענער צייט איבערן גורל פון יידישן פאלק קלאגט ער:

אונדזערע יארן גייען אוועק אין אומגליק און צרות,
מיר קוקן אויס די אויגן אויף ליכט, אבער חושך און דערנידערונג באפאלט אונדז.
ביז זי איז געפאלן האט בבל מיך באהערשט.
רוים און יוון (פערסיע) האבן זיך אויף מיר אנגעזעצט און מיך צעשפרייט אין מרחקים.
און ס'איז שוין איבער פיר הונדערט יאר, אז ישמעאל בארויבט מיך.

(פון העברעאיש איבערגעזעצט דורך י. ב. ביילין)

וועגן זיין לעבן, אחוץ זיינע שטודיעס, איז, ווי געזאגט, זייער ווינציק באקאנט. אפילו די דאטע פון זיין טויט איז אוממעגלעך אקוראט פעסט צו שטעלן. טייל זענען אפילו מיט דער מיינונג, אז ער איז געשטארבן נאך איידער ער האט דערגרייכט זיין דרייסיקסטן יאר. ס'איז אבער אלגעמיין אנגענומען, אז ער האט געלעבט ביזן יאר 1069, ביז זיין זיבן און פערציקסטן אדער אכט און פערציקסטן יאר.

ס'האט דעריבער, מחמת דער אומזיכערקייט בנוגע דער לענג פון זיין

לעבן, געקאַנט פּאַסירן דאָס, וואָס אין 1960 זאָל דער ניו־יאָרקער מעיאָר, וואַגנער, ווי אַ זשעסט פאַר דער יידישער געמיינדע, פּראָקלאַמירן דאָס יאָר 1960 פאַר אַ שלמה איבן גבירול יאָר אין ניו־יאָרק, צו זיין 900סטן יאָר־צייט. ס'זענען אין יענעם יאָר אין ניו־יאָרק אַדורכגעפירט געוואָרן וויכטיקע קולטור־פּראָגראַמען, אין וועלכע ס'איז געקומען צום אויסדרוק דער ביישטייער פון די ספרדישע יידן צו דער וועלט־קולטור, דער עיקר אין די יאָרן פון דער „גאָלדענע עפּאָכע" אין שפּאַניע.

.3

שלמה איבן גבירולס ליטעראַרישע אַקטיוויטעט ווערט געוויינלעך קלאַ־סיפיצירט אונטער אָט די אַפּטיילונגען : אַ פּירוש אויף תנ"ך, גראַמאַטיק, פילאָזאָפיע און עטיק, און דער עיקר, נאַטירלעך, פּאָעזיע. אַז ער זאָל באמת האָבן געשריבן אַ פּירוש אויף תנ"ך איז אַ ספק, אָבער, ווי ס'ווייזט אויס, זאָל ער נישט האָבן אין גאַנצן פאַרנאַכלעסיקט דעם תנ"ך. אברהם איבן עזרא אין זיין פּירוש אויפן תנ"ך, ציטירט גבירולן ביי עטלעכע געלעגנהייטן. איין מאָל אין זיין פּירוש אויף ישעיה, צוויי מאָל אין זיין פּירוש אויף תהלים, און איין מאָל אין זיין פּירוש אויף דניאל. אַלע די פאַלן אָבער, אין וועלכע ער ציטירט גבירולן, זענען מוסטערן פון דער אַלעגאָרישער מעטאָדע פון אויסטייטש, און ס'איז גאַנץ מעגלעך, אַז זיי זענען אַרויסגענומען פון גבירולס אַ פילאָזאָפישן ווערק אָדער פון אַ וואָסערן עס איז אַנדערן ספּע־ציעלן ווערק אויף דער טעמע וועגן ביבלישער אַלעגאָריע. דער פאַקט איז, אַז מיר האָבן אויך צוויי ציטאַטן פון גבירולן אין רדק"ס (דוד קימחי) פּירוש אויף תהלים (23, 8־37), וועלכע זענען אַרויסגענומען אויס גבירולס עטישן ספר „תיקון מידות הנפש".

בנוגע זיין ווערק אינעם פעלד פון העברעאישער פילאָלאָגיע, פאַרמאָגן מיר אַ מער אָנזעעוודיקן באַווייז אין דער פריער־דערמאָנער פּאָעמע וועגן דער העברעאישער גראַמאַטיק, וועגן וועלכער אברהם איבן עזרא רעדט מיט העכסטער לויב. אונדז האָט אָבער בלויז דערגרייכט איין פערטל פון די פיר הונדערט פערזן וועגן די כללים פון דער העברעאישער גראַמאַטיק. שוין אין צוועלפטן יאָרהונדערט איז די רעשט פון אָט דער פּאָעמע געווען פאַרלוירן. דאָך אָבער, אַפילו אויס דעם פראַגמענט וואָס מיר פאַרמאָגן, קאָן מען איבערצייגט ווערן, אַז ער האָט דעם דאָזיקן ענין פולשטענדיק באַהערשט. געזעץ, מעדיצין און אַפילו מאַטעמאַטיק זענען אַלע דעמאָלט באַטראַכט געוואָרן ווי לעגיטימע טעמעס פאַרן פּאָעט. ס'האָט אָבער גבירול, אַפּנים, דאָך געשפּירט, אַז אָט די טעמעס קלעפּן זיך נישט צו צו דער פּאָע־טישער פאָרם. זיין פאַרענטפערונג איז געווען, אַז ער האָט פאַר די טעמעס גענוצט די פּאָעטישע פאָרם כדי ס'זאָל גרינגער זיין זיי צו פאַרגעדענקען.

בעת זיינע רעליגיעזע פּיוטים זענען היינט נאָך פּונקט אַזוי פריש און פול מיט באַטייט, ווי זיי זענען געווען ווען זיי זענען געשריבן געוואָרן, זענען אָבער זיינע וועלטלעכע, סעקולערע פּאָעמעס שווער צו פאַרשטיין. איבער דעם וואָס מיר זענען אַזוי ווייט אָפּגערוקט פונעם לעבן אין יענער צייט, קאָנען דעריבער אַט די פּאָעמעס צו אונדז נישט אַזוי אַפּעלירן ווי צו די מענטשן אין זיין צייט. מיר זענען נישט מער ביכולת פולשטענדיק צו באַנעמען יענע אַלוזיעס [רמזים] און מעטאַפאָרן [מליצות] דערפאַר ווייל זיי זענען, אין אַ גרויסער מאָס אויסגעבאָרגט פון אַראַביש, די קולטור־שפּראַך אין יענעם וועלט־טייל אין יענער צייט. וועט דעריבער דאָס גלייכסטע זיין צוריקצוגיין צו יענע מיטלאַלטערלעכע קריטיקער וועלכע זענען געווען אין אַ בעסערער לאַגע, צו קאָנען געבן אַ ריכטיקע אָפּשאַצונג פון איבן גבירולס פּאָעזיע.

משה איבן עזרא (1070־1138), אַליין אַ גרויסער פּאָעט, שרייבט אין זיין פריער־דערמאָנטן אויטאָ־ביאָגראַפּישן ווערק אַט די ווערטער וועגן איבן גבירולן:

„כאָטש ער איז געווען יונגער פון זיינע צייט־חברים, האָט ער זיי איבערגעשטיגן אין דער קונסט פון אויסדריקן זיך, הגם זיי האָבן, בכלל גענומען, זיך אויסגעצייכנט מיט זייער לשון, וואָס איז געווען פאַרטרעפלעך און פול מיט זיסקייט. בעת זיי האָבן זיך אונטערגעשיידט צווישן זיך לויט יעדן איינעמס באַזונדערע מעלות, האָבן זיי אָבער אַלע גלייך פאַרנומען אַ הויכע פּאָזיציע מיט דער שיינקייט פון זייער סטיל און דעם צויבער פון אויסדרוק. ער אָבער [שלמה איבן גבירול] איז געווען אַ שלימותדיקער אויטאָר און אַן עלאָקווענטער שרייבער, וואָס האָט זיך געמאַכט פאַרן הערשער איבער אַט דעם, וועלכס פּאָעזיע באַטראַכט ווי איר ציל. ער האָט דערגרייכט דעם צוועק וועלכן ער האָט געהאַט אין זינען און איז צוגעקומען צום ציל. אין זיינע שריפטן האָט ער גענוצט די פיינסטע מליצות, אימיטירנדיק די מאָדערנע אַראַבישע פּאָעטן. מ'האָט אים גערופן דער ריטער פון סטיל און דער הערשער איבערן פערז. צוליב דער געשליפנקייט פון זיין סטיל, די פליסיקייט פון זיין אויסדרוק און דעם צויבער פון די טעמעס וועלכע ער האָט טראַקטירט. אַלעמענס אויגן זענען געווען געווענדט צו אים און איטלעך איינער האָט אויף אים געטייטלט מיט באַוואונדערונג. ס'איז געווען ער, וואָס האָט דער ערשטער געעפנט די טיר צו דער לערע פונעם פערזגעבוי פאַר די יידישע פּאָעטן, און יענע וואָס זענען אַרויף נאָך אים אויפן זעלבן וועג האָבן געמאַכט זייער געוועב פון זיין מאַטעריאַל . . .”

אין אַ כמעט־הומאָריסטישן טאָן האָט יהודה אַל־חריזי (1170־1230) אַן אָפּשאַצונג איבער שלמה איבן גבירולס פּאָעזיע אין זיין „תחכמוני”, אינעם קאַפּיטל וועגן די פּאָעטן פון שפּאַניע. געשריבן איז דאָס קאַפּיטל אין אַ מין ריטמישער פּראָזע. זאָגט ער דאָרטן:

„פאַרן שיר פון שלמהן — ווערן, לויט אונדזער מיינונג נאָך, אַלע גרויסע פּאָעטן פאַרמינערט. זינט דעם געבורט פונעם העברעאישן לשון — האָט נאָך קיינער קיין מאָל נישט דערגרייכט צו זיין מדרגה. באַשענקט מיט אומ־געוויינטלעכע פעאיקייטן — טורעמט ער הויך איבער זיין דור . . . ער אַליין בלויז איז אַרויפגעשטיגן צום סאַמע שפּיץ פונעם פּאַרנאַס — די חכמה פון די מוזן משיג צו זיין. קונסט האָט אים פּראָקלאַמירט פאַר איר בכור — און מיט אַ שאַרלאַך־רויטן פּאָדעם זיין אָרעם באַצירט. אַלע פּאָעטן וואָס האָבן פאַר אים געזונגען — האָבן ווי דער ווינט איבערן לעערן רוים זייערע שטימען געקלונגען. ס'האָט נאָך ביז היינט קיין איינער אַזאַ ווי ער זיך נישט באַוויזן — מאַכט נישט אויס ווי שטאַרק זיי האָבן דערצו געשטרעבט. ער איז דער האַר איבער זיי אַלע — און זיי שפּאַנען אים נאָך אין זיינע פוס־טריט. דער אייבערשטער האָט אים געזאַלבט פאַרן מלך פון זיין פאָלקס געזאַנג — און זיין פערזן איז דער שיר השירים. אַפילו פאַר גרויסע פּאָעטן קומט אָן שווער — משיג צו זיין דעם מיין פון אָט דעם דיכטער. וואָרום זיין סטיל איז צו דורכדרינגלעך — זיין טיפקייט קאָן קיינער נישט דערגרונ־טעווען”.

בקיצור, מיר מוזן אָננעמען דעם אורטייל פון די צוויי קריטיקער, און אויב טייל פון זיינע פּאָעמעס קוקן פאַר אונדז אויס נישט אין גאַנצן קלאָר, מוזן מיר עס, ביינאַנד מיט חריזין, צושרייבן נישט צו גבירולס צווייידייטי־קייט פון סטיל, נאָר צו זיך אַליין; צו אונדזער נישט זיין היינט ביכולת צו דערגרונטעווען זיך צו זיין מיין.

אין דער געשיכטע פון דער העברעאישער פּאָעזיע אין שפּאַניע געהערט גבירול צו דער דריטער תקופה. אָנגעהויבן זיך מיט מנחם בן סרוק און דונש איבן לברט און קאָנטינואירט דורך זייערע תלמידים יצחק בן קפרן, יהודה בן ששת און אַנדערע, אַזוינע ווי יוסף איבן אביתור און יצחק בן שאול פון לוצענאַ — האָט די העברעאישע פּאָעזיע דערגרייכט איר העכסטע פאָרם פון אַנטוויקלונג אין דער צייט פון שמואל הנגיד, דער עלטערער בן־דור פון גבירולן. ווען איבן גבירול האָט זיך באַוויזן אויף דער סצענע, איז שוין דאָרט געווען אַ גוט־עטאַבלירטע ליטעראַרישע טראַדיציע, סיי אין וועלט־לעכער ווי אין רעליגיעזער פּאָעזיע; דאָך אָבער, איבער דעם וואָס ער האָט דערפירט די קונסט פון דער העברעאישער פּאָעזיע צו שלימות, קאָנען מיר אים, ביינאַנד מיט משה איבן עזרא און יהודה אַל־חריזי, באַטראַכטן ווי דער גרינדער פון אַ נייער שול. ער האָט איבערגעשטיגן זיינע צייט־חברים נישט נאָר מיט דער קוואַליטעט פון זיינע קאָמפּאָזיציעס, נאָר אויך מיט זייער קוואַנטיטעט. ער האָט מחבר געווען מער ווי דריי הונדערט פּאָעמעס, איין העלפט פון זיי וועלטלעכע און די אַנדערע העלפט רעליגיעזע, און אָט דאָס אַחוץ זיין „כתר מלכות” און די „אזהרות”, וואָס יעדע איינע פון זיי מאַכט אויס אַ קליינעם ספר פאַר זיך אַליין. זיינע וועלטלעכע, סעקולערע פּאָע־

מעם זענען מײנסטנס פֿון אַ פּערזענלעכן כאַראַקטער; זײַנע ליטורגישע פּיוטים זענען כמעט פֿאַר אַלע רעליגיעזע געלעגנהײטן פֿונעם יאָר. אויב אין דער טעכניק פֿון זײַן סעקולערער פּאָעזיע איז ער געווען דער וועג־אויסטרעטער פֿון זײַן דור, איז ער אין דער סטרוקטור פֿון זײַנע רעליגיעזע קאָמפּאָזיציעס געגאַנגען אויפֿן אויסגעטרעטענעם וועג. אין זײַן סעקולערער פּאָעזיע האָט זיך אָנגעזען דער אײַנפֿלוס פֿון דער אַראַבישער קולטור; אין זײַנע רעליגיעזע קאָמפּאָזיציעס האָט ער אַרויסגעוויזן אַ ברייטע באַקאַנטשאַפֿט מיט ייִדישער לומדות. פֿון זײַנע פּיוטים קאָן מען גרינג זען, אַז ער איז געווען גוט באַהאַוונט אין תּלמוד און מדרש.

אַן אינטערעסאַנטן גרוס פֿון גבֿירולס רעליגיעזער פּאָעזיע, קריגן מיר מיט איבער אַכט הונדערט יאָר שפּעטער אין שלום אַשס „דאָס שטעטל". ס'איז סוף נײַנצנטן און אָנהייב צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, ערבֿ דער צעפֿאַלונג פֿונעם קליינעם פֿרומען ייִדישן שטעטל אין פּוילן, איידער דאָס אַלטע, אײַנגעפֿונדעוועטע ייִדיש לעבן איז צעבראָקלט געוואָרן. ס'איז נאָך העט־ווײַט פֿאַרן חורבן היטלער, ימח שמו. די צײַט איז אין מיטן זומער, אין די „דרײַ וואָכן", אַן אומעטיקע צײַט אין יענע ליבע פּוילישע שטעטלעך. לאָמיר איצט לאָזן אַשן אַליין רעדן. שרײַבט ער דאָרטן אין זײַן „שטעטל":

„אין פֿעלד אין גראָז ליגן קופּקעלעך חסידים הינטער דער שטאָט און זינגען [שלמה אבן גבֿירולס] יאָושדיקן:

> שוכני בתי חומר,
> למה תשאו עין,
> ויתרון אדם מן הבהמה אין.

מיטן ניגון פֿון דעם חזן, וואָס מ'האָט אים לעבעדיקערהייט באַגראָבן. און דאָס קול קלינגט איבער די קבֿרים, וואָס שטייען אויפֿן בערגל, און די קבֿרים אויסגעמישט מיט גאָטס ערד, פֿאַרטרונקען אין ימים גרינס, לעבן דאָ זייער שטיל, שווײַגנדיק לעבן . . . "

אָט איז אַ פֿרײַע איבערזעצונג פֿונעם „שוכני בתי חומר":

> אָ, איר אײַנוואוינער אין ליימענע הײַזלעך,
> וואָס פֿאַררײַסט איר אַזוי די אויגן?
> ווען דער מענטש האָט גאָר נישט מיט וואָס זיך צו איבערנעמען —
> קעגן דער בהמה, וואָס איז שטערבלעך.

דער גורל, וואָס איז באַפֿאַלן שלמה אבן גבֿירולס פּאָעמעס, סײַ וועלטלעכע ווי אויך רעליגיעזע, איז געווען דער זעלבער ווי פֿאַר אַלע אונדזערע מיטלאַלטערלעכע קלאַסיקער. מיטן אויסנאַם פֿון זײַן „כתר מלכות" און די „אזהרות", וועלכע זענען גוט באַקאַנט, זענען זײַנע אַנדערע רעליגיעזע פּיוטים צעזייט און צעשפּרייט אין אַלטע סידורים און מחזורים, וועלכע

זענען פונקט אַזוי אומצוגענגלעך ווי, לאָמיר זאָגן, מאַנוסקריפטן, בעת זיינע וועלטלעכע פּאָעמעס זענען ביז היינט אַזוי שלעכט רעדאַקטירט, אַז ס'איז פּאַקטיש אַזוי גוט ווי זיי וואָלטן גאָר קיין מאָל נישט געזען די שיין פון טאָג.

מיט איבער הונדערט יאָר צוריק, אין 1858, האָט דער געלערנטער, לעאָ־פּאָלד דוקעס פאַרעפנטלעכט אין דייטשלאַנד אַ באַנד פון גבירולס וועלט־לעכע פּאָעמעס, וועלכע ער האָט צונויפגעזאַמלט פון מאַנוסקריפּטן אין אָקספאָרד, פּאַרמאַ און ווין („שירי שלמה", האַנאָווער, 1858). דער דאָזי־קער באַנד, וועלכער באַשטייט בלויז פון 69 פּאָעמעס, האָט מיט זיך פאָר־געשטעלט כמעט אַלץ וואָס איז געווען דעמאָלט באַקאַנט פון גבירולס וועלט־לעכער פּאָעזיע. צען יאָר שפּעטער, אין 1868, האָט סעניאָר זאַקס געמאַכט אַ פּרואוו צונויפצוזאַמלען און דערקלערן די רעליגיעזע פּאָעזיע גבירולס.

נישט דוקעס און נישט זאַקס האָבן געגעבן אַ וואָסערן עס איז אָנדייט צי זיי האָבן געזען אַ פולשטענדיקן דיוואַן (אַ זאַמלונג פון שירים פון איין מחבר) פון גבירולס פּאָעמען. אין 1913 האָט אין אַמעריקע פּראָפעסאָר ישראל דאַווידזאָן אַנטדעקט אין דער שעכטער־טעילאָר קאָלעקציע אַ פראַג־מענט פון אַ גבירול־דיוואַן, וועלכער האָט צוגעשטעלט נאָך מער און אַנט־שיידנדיקע באַווייזן, אַז אינעם ווייטן אַמאָל זענען גבירולס פּאָעמעס געווען צונויפגעזאַמלט אין אַ פולשטענדיקער זאַמלונג.

אַ נייע פולע צונויפזאַמלונג פון גבירולס פּאָעזיע, וואָלט באמת געקאָנט דינען ווי אַ דויערהאַפטיקער מאָנומענט פאַר זיין גרויסער פערזענלעכקייט, אַ מאָנומענט געבויט נישט אויס פּשוטע ציגל און צעמענט, נאָר אויס די אוצרות וועלכע ער האָט אונדז געלאָזט. זיין ליריק וואָלט באמת געקאָנט ווערן אַ הייליק פּלאַץ צו וועלכן פּאַראומערטע הערצער זאָלן זיך ווענדן נאָך טרייסט, די באַקומערטע אין גייסט זיך לאָזן פירן, און אַלע די וואָס ליבן דאָס שיינע צו האָבן אַ חלק אין דעם וואָס איז אַ פרייד פאַר תמיד.

## .4

אַ סך שווערער ווי אין דער פּאָעזיע זענען אים, זעט אויס, אָנגעקומען זיינע אַרבעטן אינעם פעלד פון פילאָזאָפיע און עטיק, פאַר וועלכן ער האָט, ווי אַלע אַנדערע אין זיין צייט, זיך באַנוצט מיט אַראַביש, די לאַנד־שפּראַך. און זאָל דאָ אָנגעוויזן ווערן, אַז דאָס וואָס האָט אונדז דערגרייכט פון גבירולס פילאָזאָפישע ווערק, רעפּרעזענטירט מיט זיך בלויז אַ קליינעם טייל פון זיינע אַרבעטן אין אָט דעם פעלד. אין איינער פון זיינע פּאָעמעס האָט ער אָנגעמערקט, אַז ער איז געווען דער מחבר פון צוואַנציק ביכער.

צום באַדויערן האָבן אונדז דערגרייכט נישט מער ווי די נעמען פון אָט די ווערק, און די אָפּשאַצונג פון גבירולן דעם פילאָזאָף, מוז דעריבער זיך אָנ־שפּאַרן אויף בלויז צוויי פון זיינע ווערק, וועלכע האָבן איבערגעלעבט די

צעשטערונגען פון דער צייט. און אַפילו פון אָט די צוויי, איז זיין גרעסער און מער באַדייטנדיק ווערק נישטאָ מער אינעם אָריגינאַל און מ׳קאָן עס בלויז שטודירן אין אַ לאַטיינישער איבערזעצונג און אין אַ טיילווייזער העברעאישער איבערזעצונג. זיין הויפּט־ווערק אין פילאָזאָפיע, „מקור חיים״ (דער קוואַל פון לעבן), איז איבערגעזעצט געוואָרן פון אַראַביש אין לאַטיין אין מיטן פון צוועלפטן יאָרהונדערט, דורך דאָמיניק הונדאַסווילי, אונטערן נאָמען Fons Vitae, און אין אַ טיילווייזער העברעאישער איבערזעצונג אין דרייצנטן יאָרהונדערט, אונטערן נאָמען, „ליקוטי ספר מקור חיים״, דורך שם־טוב פאַלקיראַ (1225־1292). אין אָט דעם ווערק מאַכט איבן גבירול אַ פּרואוו צו דערקלערן דעם מענטשנס ציל אין לעבן. פון דעמאָלט אָן איז דער „מקור חיים״ אָדער ווי מ׳האָט אים גערופן אין לאַטיין Fons Vitae, פאַר הונדערטער יאָרן געווען אָן אָנגענומען ווערק אין דער וועלט פונעם סכאָלאַסטיציזם. און פונקט ווי דער אַראַבישער פילאָזאָף איבן סינאַ איז דורך די לאַטיינישע שרייבער פאַרגרייזט געוואָרן אויף אַוויצענאַ, פונקט אָט אַזוי איז ביי זיי איבן גבירול געוואָרן פריער אַוויצעבּיראָל און דערנאָך אַוויצעבראָן; און די קאַטוילישע סכאָלאַסטיקער אין מיטלאַלטער, וואָס האָבן זיך געאַמפּערט אַרום זיין פילאָזאָפיע האָבן נישט געהאַט די מינדסטע אַנונג, אַז ער איז געווען אַ ייד, וועלכער האָט דערצו נאָך זיך שטאַרק אויסגעצייכנט און באַרימט געווען ווי אַ שרייבער פון רעליגיעזע הימנען, וואָס ווערן נאָך עד־היום אויסגעזונגען אין שולן אין די ימים נוראים, ווי אויך זיינע פּיוטים פאַר אַלע אַנדערע יום־טובים. די סיבה פאַר אָט דער קאָנפוזיע איז, אַפּנים, געווען דאָס, וואָס מחמת דעם כאַראַקטער פון יענעם פילאָזאָפישן ווערק איז גבירולן נישט אויסגעקומען ספּעציעל צו דערמאָנען וועגן זיין יידישקייט, אָדער צו ציטירן דאָרטן מאמרים פון תנ״ך אָדער תלמוד.

אָט אַזוי איז פאַר הונדערטער יאָרן דאָס דאָזיקע ווערק פון שלמה איבן גבירול אַדורכגעגאַנגען דורך די פילאָזאָפישע שולן פון דער מיטלאַלטער־לעכער אייראָפּע נישט אונטער זיין נאָמען, נאָר אונטערן נאָמען פון אַוויצעבראָן, טייל אָננעמענדיק אים פאַר אַ קריסט און אַנדערע פאַר אַ מאַכמעדאַנער, קיינער נישט חושד זייענדיק, אַז ער איז געווען גאָר אַ ייד. ערשט אַזוי שפּעט ווי אין ניינצנטן יאָרהונדערט, ווען פּראָפעסאָר שלמה מונק האָט געפונען שם־טוב פאַלקיראַס העברעאישע ליקוטים פון גבירולס פילאָזאָפישן ווערק און די ליקוטים פאַרגליכן מיט הונדאַסווילים לאַטיינישער איבערזעצונג פונעם „מקור חיים״, האָט ער פאַרריכט דעם היסטאָרישן טעות. אין נאָוועמבער 12, 1846, איז די געלערנטע וועלט איבערראַשט געוואָרן דורך דער אַרבעט פונעם געלערנטן שלמה מונק, אין דער יידיש־דייטשישער צייטשריפט, „ליטעראַטור־בלאַט דעם אָריענטעס״, אין וועלכן ער ברענגט אַרויס מיט קלאָרע ראיות, אַז דער גוט־באַוואוסטער סכאָלאַס־

טישער פילאָזאָף אַוויצעבראָן, איז נישט קיין אַנדערער, ווי נאָר דער נאָד מער באַוואוסטער יידישער פּאָעט, שלמה איבן גבירול.

דזשאָרדאַנאָ ברונאָ (1548-1600), באַרימטער איטאַליענישער פילאָזאָף פונעם רענעסאַנס, אַ געוועזענער דאָמיניקאַנער מאָנאַך, האָט אין זיין הויפּט־פילאָזאָפיש ווערק, „וועגן דער סיבה, דעם פּרינציפּ און דעם איינציקן", אָנ־געוויזן, אַז נאָך די פילאָזאָפן אינעם אַנטיקן גריכנלאַנד, דעמאָקריט און עפּיקורוס האָט אויף זיין וועלט־באַנעם אַ גאָר באַזונדערן איינדרוק געהאַט „דער אַראַבישער פילאָזאָף אַוויצעבראָן [איבן גבירול], דער אויטאָר פונעם באַרימטן פילאָזאָפישן ווערק "Fons Vitae". ברונאָס איינפלוס אויף שפּעטערע פילאָזאָפן, ספּעציעל אויף שפּינאָזען און לייבניצן איז געווען גאָר באַדייטנ־דיק. די אינקוויזיציע קריגט אים סוף כל סוף אַריין אין איר׳ע הענט און ער ווערט פאַר זיין אפּיקורסות פאַרברענט אויפן אויטאָ־דאַ־פע.

ס׳וועט דאָ איצט כדאַי זיין צו ברענגען אַ קורצע עקספּאָזיציע וועגן שלמה איבן גבירולס פילאָזאָפישן סיסטעם. איינע פון די בעסטע געפינען מיר אין דער „געשיכטע פון פילאָזאָפיע" (רוסיש), מאָסקווע, 1940, באַנד 1, זז. 452 און 453. לייענען מיר דאָרטן:

„דער סאַמע באַדייטנדיקסטער צווישן די יידישע נעאָ־פּלאַטאָניקער, און איינער פון די גלענצנדיקסטע רעפּרעזענטאַנטן פון דער יידישער מיטלאַל־טערלעכער פילאָזאָפיע איז געווען שלמה איבן גבירול. ער איז געווען ברייט באַקאַנט אין דער מיטלאַלטערלעכער אייראָפּע אונטערן נאָמען אַוויצעבראָן. ער האָט זיך אויסגעצייכנט ווי אַ פילאָזאָף און רעליגיעזער פּאָעט.

„זיין הויפּט־פילאָזאָפיש ווערק ׳דער קוואַל פון לעבן׳ איז געשריבן געוואָרן אין אַראַביש. דער אָריגינאַל איז פאַרלוירן געוואָרן, און צו אונדז זענען דערגאַנגען די באַאַרבעטונג פון דעם ווערק אין לאַטייניש ווי אויך אין העברעאיש.

„פאַר אַוויצעבראָנס לערע איז כאַראַקטעריסטיש דאָס, וואָס אים איז פרעמד דאָס פּאַרטיידיקן אַ וואָסער עס איז באַשטימטע רעליגיעזע לערע און קולט, הגם ער היט אויף אַ רעליגיעזן גלויבן..

„אַוויצעבראָן האָט זיך אָנגעשטרענגט צו פאַראייניקן דעם פּרינציפּ פון דער וועלט־באַשאַפונג דורך גאָט פון גאָרנישט, מיט דעם, לויט איר תמצית, פּאַנטעאיסטישער אידעע וועגן עמאַנאַציע [אויסשטראַלונג]. גאָט, אָדער די ערשטע סובסטאַנץ, באַשאַפט דעם זיין [די וועלט] אויס גאָרנישט, דורך דער פאַרמיטלונג פון זיין ווילן, אָט דאָס איז דאָס, וואָס מ׳רופט עס אָן ׳דאָס וואָרט׳ [לאָגאָס]. דער רעזולטאַט פונעם ערשטן און איינציקן אַקט פון דער באַשאַפונג, איז געווען דער אויפקום פונעם קאָסמישן פאַרשטאַנד, וואָס האָט אין זיך איינגעשלאָסן די אוניווערסאַלע מאַטעריע און פאָרם. די גאַנצע ווייטערדיקע וועלט בילדעט זיך אויס אויפן וועג פון דער עמאַנאַציע, לויט דער געוויינלעכער נעאָ־פּלאַטאָנישער סכעמע: אַ וועלט־נשמה, אינ־

דיווידועלע נשמות, די נאַטור. אויף אַט דעם אופן באַגרענעצן זיך איינס דאָס אַנדערע די אידעעז וועגן דער באַשאַפונג און וועגן דער עמאַנאַציע.

„די מטושטשדיקייט אין דער פראַגע וועגן דער באַשאַפונג ווערט פאַר־שטאַרקט דורך דער צעשוואומענקייט פון זיין אויסטייטשן דעם 'געטלעכן ווילן'. דער ווילן [פון גאָט] און נישט דער געדאַנק איז פאַר אים די שאַפנ־דיקע סיבה פון דער וועלט, איז דער אמתער 'קוואַל פון לעבן'. דער ווילן — איז נישט גאָט גופא, וועגן וועלכן מיר קאָנען גאָר נישט אַפירמירן, נאָר גאָט ווי ער מאַניפעסטירט זיך אין אַקטיוויטעט, ווי ער 'אַנטפּלעקט זיך' צו אונדז. אויף דער פראַגע וועגן דעם ווי אַזוי ס'קומט פאַר די צווישנאַנאַנדי־קע באַציאונג צווישן גאָט און דעם ווילן, גיט נישט אָוויצעבראָן קיין קלאָרן ענטפער. ער וואַקלט זיך צווישן דעם באַנעם פונעם ווילן ווי עפּעס, וואָס שיידט זיך אונטער פון גאָט און ווי אַ כוח וואָס איז מיט אים אידענטיש (דאָס מיינט, וואָס איז איינס און דאָס זעלבע ווי גאָט).

„דער ראַציאָנעלער, דער שכלדיקער עלעמענט אין זיין פילאָזאָפיע באַ־שטייט אין זיין אָנערקענונג פון אַן איינציקער אוניווערסאַלער מאַטעריע, וועלכע איז דער יסוד סיי פון דער קערפּערלעכער ווי אויך פון דער גייסטי־קער עקזיסטענץ. מאַטעריע איז דער אוניווערסאַלער טרעגער פון פּאָטענצן, פון מעגלעכקייטן. פאָרם, כדי זיך צו מאַניפעסטירן [זיך אַנזען], נייטיקט זיך אין מאַטעריע פאַר איר סובסטראַטום (יסוד). די פונדאַמענטאַלע גע־מיינשאַפטלעכקייט צווישן זאַכן און דער איינהייט פון דער וועלט קאָן נישט זיין די פאָרם, וועלכע שאַפט פאַרשידנקייטן, נאָר בלויז די מאַטעריע.

„די אוניוווערסאַלע מאַטעריע ספּעציפיצירט זיך ביי אים ווי אַ קערפּערלעכע און גייסטיקע מאַטעריע, וואָס ווערט אין הסכם דערמיט דעפינירט ווי אַ 'קערפּערלעכע פאָרם' און אַ 'גייסטיקע פאָרם'. בלויז גאָט איז פריי פון מאַ־טעריע, געפינענדיק זיך 'אויף יענער זייט' פון מאַטעריע און פאָרם.

„די לערע וועגן מאַטעריע ווי דער יסוד פון דער איינהייט פון דער וועלט איז ביי אים איינגעשלאָסן אינעם פּלאַטאָנישן סיסטעם. די נאַטירלעכע וועלט, לויט זיין לערע, שפּיגלט אָפּ די הויכע וועלט פון שכלדיקייט, פונעם אינטעלעקט, וואָס ברענגט אַרויס אַקטיוויטעט און באַוועגונג. דער קער־פּער פאַרמאָגט נישט אין זיך זעלבסט דעם כוח פאַר אַקטיוויטעט. דעם כוח פאַר באַוועגונג קריגט ער דרויסן פון זיין קערפּער, פון דער הייך. די דער־קענטעניש פון העכערע גייסטיקע קאַטעגאָריעס (פונעם געטלעכן ווילן), איז, לויט זיין מיינונג נאָך, מעגלעך אויף אַן אינטואיטיוון אופן בלויז, אין צושטאַנד פון עקסטאַז.

„אין דער קריסטלעכער סכאָלאַסטיק האָט מען מיט גרויס דערפאָלג זיך באַנוצט מיט אָוויצעבראָנס [איבן גבירולס] פאַרגלייכן די וועלט צו אַ בוים. די וואָרצלען פונעם בוים בילדן די מאַטעריע, די צווייגן — די פאַרגייענדי־קע סובסטאַנצן, די בלעטער — אינדיווידואַליזירטע צייכנס. די בליאונג

פונעם בוים זענען די נשמות, און די פּרוכטן — זענען די מלאכים". (סוף פון דער ציטאַטע).

אַ חוץ זיין הויפּט־פילאָזאָפיש ווערק, דעם „מקור חיים" [דער קוואַל פון לעבן], האָט איבן גבירול געלאָזט, ווי שוין אָנגעוויזן, נאָך צוויי ווערק: 1. אַ מוסר ספר, „תיקון מידות הנפש" וועגן עטיק און 2. אַ זאַמלונג פון אַפאָריזמען, משלים און עטישע סענטענצן אונטערן נאָמען „מבחר הפנינים" [די אויסגעקליבנסטע פּערל]. בעט זיך דאָ צו ברענגען כאָטש איין פּערל זיינעם:

„זאָלן אין דיינע אויגן נישט זיין צופיל טויזנט פריינט, און זאָל נישט זיין צו ווייניק אין דיינע אויגן איין שונא".

די דאָזיקע צוויי ווערק זענען צו אונדז דערגאַנגען אין דער העברעאישער איבערזעצונג פון אַראַביש, דורך יהודה איבן תיבון (1120־1190).

בעת מ'קאָן אַנטדעקן פילאָזאָפישע שטריכן אין אַ סך פון גבירולס פּאָע־מעס, בפרט אין זיינע רעליגיעזע פּיוטים, איז די סאַמע לענגסטע פילאָזאָ־פישע פּאָעמע זיינע, דער גוט־באַוואוסטער לאַנגער רעליגיעזער הימן „כתר מלכות" (די קיניגלעכע קרוין).

אין אַן אַנדער פילאָזאָפישער פּאָעמע זיינער מיטן נאָמען, „אהבתיך כאהבת איש", (איך ליב דיך מיט דער ליבע פון אַ מענטש), רעזומירט ער זיין טעאָריע וועגן מאַטעריע. מאַטעריע, האַלט ער, איז אַן עמאַנאַציע [אַן אויסשטראַלונג] פון גאָט. אָבער כל־זמן די מאַטעריע האָט קיין פאָרם נישט, פאַרמאָגט זי בלויז אַ פּסעוודאָ־עקזיסטענץ; דעריבער כדי צו מאַכן איר עקזיסטענץ פאַר אַ רעאַליטעט, שטרעבט מאַטעריע נאָך פאָרם, ווי איין פריינט גלוסט צו אַ צווייטן פריינט. די דאָזיקע אידעע איז אַריינגע־אַרבעט אין דער פּאָעמע אין אָט די צוויי פערזן:

> חכמים אָמרו כי סוד היות־כל למען כל אשר הכל בידו
> והו נכסף לשומו יש כמו־יש כמו חושק אשר נכסף לדודו.

אין אַ פרייער יידישער איבערזעצונג קאָן מען עס איבערגעבן אָט אַזוי:

> די חכמים האָבן געזאָגט, אַז דער אָפּשטאַם פון דער גאַנצער מאַטעריעלער עקזיסטענץ
> ליגט אינעם אַלץ־אַרומנעמענדיקן איינס, וואָס האָט אַלץ אין זיין האַנט,
> פונקט ווי דער לעבעדיקער שטרעבט צו זיין פריינט, פונקט אַזוי בענקט די מאַטעריע
> צו פאָרם, אַז איר פּסעוודאָ־עקזיסטענץ זאָל זיך פאַרוואַנדלען אין אמתער עקזיסטענץ.

• • •

ווי מיר האָבן שוין געזען, איז פון משה איבן עזרא און יהודה אַל־חריזי, אַליין גאָר באַדייטנדיקע פּאָעטן, וועלכע האָבן געלעבט בלויז אַ פּאָר דורות נאָך גבירולן, ביז היינטיקע היינען, גרעסטער יידישער פּאָעט אין נייַנצנטן יאָר־הונדערט, ביז דער ליטעראַטור־קריטיק אין היינטיקער צייט, גיבן אַלע צו,

אַז שלמה איבן גבירול האָט אין זיין פּאָעזיע דערגרייכט דעם סאַמע שפּיץ פונעם העברעאישן פּאַרנאַס, און ס׳איז שוין גאָר נישט קיין קליינִיקייט דאָס וואָס ער איז געבליבן לעבעדיק און פריש אין די הערצער פון מענטשן כמעט אַ טויזנט יאָר. ס׳האָט געמוזט זיין אין אים עפּעס־וואָס אייביק־דויערנדיקס כדי איבערצולעבן די שטורעמדיקע שטראָמען פון ליטעראַרישן געשמאַק און די זיך ענדערנדיקע שטרעמונגען און מיינונגען, וועלכע ס׳האָט די יידישע קולטור אַדורכגעמאַכט זינט די גאָלדענע טעג פון דער שפּאַנישער עפּאָכע. ס׳האָט דאָך אין זיין פּאָעזיע געמוזט זיין אָט דאָס וואָס אַפּעלירט פערמאַנענט צו די עמאָציעס, אַספּיראַציעס און ליידנשאַפטן פון די מענטשן. ס׳איז נישט נאָר דער סטיל, ס׳איז אויך נישט די מייסטערשאַפט פון זיינע פערזן בלויז — ס׳האָט אין זיין פּאָעזיע געמוזט זיין עפּעס־וואָס פונדאַמענטאַלס, עפּעס וואָס קומט אין באַריר מיט דערהויבנקייט, מיטן פרילינג־שטראָם, מיט מענטשלעכע פריידן און ליידן, וואָס מאַכט זיין פּאָעזיע אַזוי אינספּירירנדיק היינט, ווי מיט איבער נייַן הונדערט יאָר צוריק. ס׳איז אָנגענומען, אַז מיר מוזן זיך ווענדן צו פּאָעזיע כדי צו אינטערפּרעטירן פאַר אונדז דאָס לעבן, צו געפינען טרייסט, צו קאָנען זיך האַלטן, און אָט דאָס איז אַקוראַט וואָס מיר געפינען ביי גבירולן אין זיין ליריק, אין דער רעליגיעזער אַזוי גוט ווי אין דער סעקולערער, דער וועלטלעכער. אַמאָל רירט ער אויף אונדזערע האַרץ־סטרונעס און שפּילט אויף זיי די מעלאָדיע פון אייביקער האָפענונג. אַמאָל אַנטבלויזט ער דאָס פאַרוואונדעטע יידישע האַרץ און לאָזט דערויף שפּריצן אַ שטראָם פון היילנדיקע וואַסערן, וואָס לינדערן און באַרויקן, און אַמאָל שטעכט די אַגאָניע פון זיין פאָלק אַזוי טיף זיך אַריין אין זיין נשמה, אַז ער הייבט אויף אַזאַ געיאָמער, וואָס לעבערט אַדורך דעם הימל.

צום אויסלאָז — אַזוינע פּאָעטן ווי שלמה איבן גבירול זענען פּראָדוקטן פון אַ נייעם פרילינג אין דער געשיכטע. ער איז געווען איינער פון די גלענצנדיקסטע שטערן אין דער „גאָלדענער עפּאָכע” ביי די יידן אין שפּאַניע. ער איז אָבער געווען מער ווי אַיין שטערן. ער איז אויך געווען גרויס אין נאָך אַ פעלד — אַ באַדייטנדיקער פילאָזאָף, וועלכן מ׳האָט פלייסיק שטודירט פאַר יאָרהונדערטער. ער האָט געלייגט זיין שטעמפּל אויף דער אינטעלעקטועלער אַנטוויקלונג פונעם מיטלאַלטער אין איראָפּע.

# אין שטורעם און געוויטער

## פון שלמה איבן גבירול

(איבערגעזעצט פון העברעאיש דורך ליפע רעזניק, סאָוועטיש־יידישער פּאָעט. פאַר־עפנטלעכט אין „סאָוועטיש היימלאַנד", נומער 6, יוני, 1965, מאָסקווע. ליפע רעזניק איז אומגעקומען אין שלאַכט אין דער מלחמה קעגן היטלערן.)

כמאַרעס האָבן אין דער הייך גערעוועט ווי די אָקסן,
ווייל דער ווינטער האָט געוויטערט מיט א בייזן צאָרן,
און געיאָגט פון דעם געוויטער האָבן שוואַרצע וואָלקנס,
ווי די האָרן אויף געיעג, געבלאָזן אין האָרנס.

אין א פינצטערניש די הימלען האָבן זיך פאַרלאָרן,
זי האָט אַלע מאָרגנשטערן מיט דער שיין פאַרשלונגען.
ס'האָט די זון איבער דער וועלט די וואָלקנס אומגעטראָגן,
ביז זיי האָבן אויפגעפּלאַצט, צעפּראַלט זייערע שלונגען.

בלעכן רעגן האָבן ווינטן אויסגעקלאַפּט פון וואָלקנס
און צעהאַקט אויף דראָטן, וואָס ביז אָפּגרונטן דערגייען.
האָבן זיי די אַקערערד צעווייקט און אויפגעשלאָגן,
און די בייטן אויף די פעלדער צוגעגרייט צום זייען.

און אַנטפּלעקט די זעט פון בערג, וואָס איז געווען פאַרבאָרגן,
ווי די סודות, וואָס א מענטש באַהאַלט, מע זאָל נישט וויסן.
וואָלקנס האָבן ביטערלעך געוויינט א גאַנצן ווינטער —
ביז פון טויט האָבן אויפגעלעבט ביימער און געוויקסן.

# שפינאָזע ווייזט דעם וועג צו אַ פולער מענטשלעך לעבן

## זיינע עטישע און סאָציאַלע אידעאַלן



ברוך שפינאָזע

.1

יענע יידן וואָס פילן זיך פאַרבונדן מיט די גרויסע גייסטער וואָס מיר האָבן פון זיך אַרויסגעגעבן, קאָנען באמת שטאָלץ זיין מיט דער אומאויפ־הערלעכער און כסדרדיקער פאַרמערונג פון שפינאָזע־שטודיעס אומעטום

טיילן פון דער אַרבעט פאַרעפנטלעכט אין „זאַמלונגען", פערטליאָר־שריפט, נומער 25, פריילינג, 1962, און נומער 27, ווינטער, 1963, ניו־יאָרק. אויך אינעם אַריינפיר צו דער נייער איבערזעצונג פון שפינאָזעס „עטיק", דורכן שרייבער פון די שורות. אַרויס אינעם י. ל. פרץ פאַרלאַג, תל־אביב, 1963.

ביי אַלע קולטור־פעלקער. דורות זענען געווען באַצויבערט, אַמאָל אויך גע־פלעפט איבערן פענאָמען פון דעם דאָזיקן איינזאַמען, הגם שוין גאָר נישט איזאָלירטן דענקער.

היינט איז אַלגעמיין אָנגענומען, אַז שפּינאָזע איז איינער פון די געציילטע צווישן דער וועלטס גרויסע פילאָזאָפן, כאָטש אין פאַרגלייך מיט די אַנדערע איז די גייסטיקע ירושה זיינע, וואָס איז נאָך אים געבליבן, נישט קיין גרוי־סע. ער האָט אין משך פון זיין קורץ לעבן, געשאַפן לערך ווינציק און דערצו נאָך אין אַ סטיל וואָס איז שטאַרק צונויפגעפּרעסט און קאָמפּאַקט.

● ● ●

ווען ברוך שפּינאָזע נעמט זיך אָפּקערן פון די גלויבונגען פון זיינע פרומע אָבות, די מאַראַנען, גלויבונגען וועגן וועלכע ער האָט שוין לאַנג געהאַט ספקות, איז ער געווען נאָך גאַנץ יונג. די יידישע קהילה אין אַמסטערדאַם ווענדט דעמאָלט אָן קעגן 24־יעריקן ברוך ד׳עספּינאָזאַ די האַרבסטע שטראָף פאַר אַ ייד אין יענער צייט — דעם חרם. האָט ער נאָך גוט אָפּגעשניטן. ס׳איז זיין גליק געווען וואָס ער איז געווען אַ ייד. דזשאָרדאַנאָ ברונאָ, אַ געוועזענער דאָמיניקאַנער מאָנאַך, שפּינאָזעס אַ פאַרגייער אין דער פילאָ־זאָפיע, איז פאַר זיינע פריינע געדאַנקען דורך דער אינקוויזיציע פאַרברענט געוואָרן אויפן שייטערהויפן אין רוים אין יאָר 1600.

דער יונגער ברוך שפּינאָזע טרעפט זיך דעמאָלט מיט דר. וואַן דען ענדען, דעם גרינדער און אָנפירער פון אַ שולע פאַר דער אויפגעקלערטער יוגנט אין אַמסטערדאַם. דער דאָזיקער קאָסמאָפּאָליטישער גייסט, אַ געוועזענער יעזואַיט וואָס איז געוואָרן אַן עפּיקורעער, איז געווען אַ העכסט טאַלענ־טירטע פערזענלעכקייט. אין אַט דער שולע ווערט שפּינאָזע אַ לערער פון העברעאיש.

צו פילאָזאָפיע כאַפּט ער זיך צו גאַנץ יונג נאָך. ער באַקענט זיך גרינטלעך מיט די ווערק פון די מיטלאַלטערלעכע יידישע פילאָזאָפן־ראַציאָנאַליסטן און קריטישע דענקער, ווי אַברהם איבן עזרא, דער רמב״ם, רלב״ג, חסדאי קרשקש (קרעסקאַס), און אַנד. דאָ ביי וואַן דען ענדען אין שולע שטודירט ער פליסיק די גריכיש־רוימישע פילאָזאָפיע און פאַרטיפט זיך אויך אין די נייע אידעען פון דזשאָרדאַנאָ ברונאָ, פראַנסעס בעיקאָן און דעקאַרט. זיין אויסבילדונג אונטער די דאָזיקע איינפלוסן נעמט אַן אַ וועלטלעכן, ראַציאָ־נעלן און אַנטי־מיסטישן כאַראַקטער. ס׳לייגט זיך דעריבער אויפן שכל, אַז אָן אַט די נייע אידעען, וועלכע זענען געוואָרן דער סטימול פאַר זיין דענקען, וואָלט שפּינאָזע מסתמא זיין אייגענעם פילאָזאָפישן סיסטעם קוים געקאָנט אַרויסברענגען.

ווען דער 28־יעריקער שפּינאָזע ווערט געצוואונגען דורך דער מאַכט צו פאַרלאָזן זיין היים־שטאָט, אַמסטערדאַם, באַזעצט ער זיך אינעם שטעטל ריינסבורג, לעבן דער אַלטער האָלענדישער אוניווערזיטעט־שטאָט לייד ען.

ריינסבורג איז דעמאָלט געווען דער צענטער פון די האָלענדישע פריי־גייסטער, די עטיש־קריסטלעכע סעקטע „קאָלעגיאַנטן". עטלעכע יאָר פאַר־נעמט ער זיך דאָרטן מיט לערנען און שרייבן. דאָרטן פירט ער אויך דע־באַטן מיט די קאָלעגיאַנטן און מיט סטודענטן פונעם אוניווערזיטעט אין לײדען.

אין 1663 ציט ער זיך צוריק צו אָפּגעזונדערטקייט און באַזעצט זיך אין שטעטל וואָרבורג, נאָענט צו האַאַג. דאָרטן, אין דער שטילקייט פון זיין אָפּזונדערונג, נעמט ער זיך פאָרמולירן דעם סיסטעם פון זיין הויפּט־פילאָ־זאָפיש־ווערק, די עטיק. אין 1670 ציט ער זיך איבער אין דער נאָענטער גרויסער שטאָט האַאַג. אין אָט דער צייט פאַרעפנטלעכט ער זיין טעאָ־לאָגיש פּאָליטישער טראַקטאַט. איז נישט נאָר ווערט אויף דעם ווערק נישט אָנגעגעבן שפינאָזעס נאָמען, נאָר אָפילו דער נאָמען פונעם דרוקער און אַרויסגעבער און די שטאָט וואו דאָס בוך איז געדרוקט געוואָרן זענען געווען פיקטיווע, אויסגעטראַכטע. ס׳נעמט נישט לאַנג און מ׳דער־וויסט זיך ווער ס׳איז דער מחבר פון דעם בוך און אַ מבול פון מסירות און העצעס, שאַרפע קריטיקן נעמען זיך שיטן אויף אים.

אין האַאַג פאַרענדיקט ער די לעצטע זיבן יאָר פון זיין קורץ לעבן. גע־שטאָרבן איז שפינאָזע פון טובערקולאָז, מאָנטיק, פעברואַר 22, 1677, אינעם יונגן עלטער פון 44 יאָר. (געבוירן געוואָרן איז ברוך שפינאָזע אין אַמסטערדאַם, נאָוועמבער 24, 1632).

ווען שפינאָזע האָט שמאָל, דאָס לעבן זיינס נעמט זיך לעשן, ברעכט אויס די באַלעבאָסטע זיינע, אַ פרומע קריסטין, אין אַ שטאַרק געוויין, פון איר האַלדז רייסט זיך אַרויס: אָראַ פּראָ נאָביס, סאַנקטע ספּינאָזאַ — „זיי פאַר אונדז אַ גוטער בעטער, הייליקער שפּינאָזע".

לוקאַס, שפינאָזעס ערשטער ביאָגראַף, וועלכער האָט אים גוט געקענט, זאָגט אין זיין ביאָגראַפיע:

„ס׳איז פאַר שפינאָזען נישט קיין קליין גליק געווען, דורכן טויט זיך צו ראַטעווען פונעם שטורעם, וואָס די שונאים זיינע האָבן זיך געגרייט אויפ־צוהייבן אַקעגן אים. זיי האָבן געמאַכט דאָס פאָלק אים צו האַסן, ווייל ער האָט אָנגעוויזן אויף די מיטלען ווי אַזוי צו אונטערשיידן אמתע פרומקייט פון היפּאָקריטסטווע, און ווי אַזוי פּטור צו ווערן פון אַבערגלויבן. מ׳דאַרף דעריבער באמת לויבן אונדזער פילאָזאָף, נישט נאָר צוליב זיין באַרימט ווערן ביים לעבן, נאָר אויך צוליב די אומשטענדן פון זיין טויט. ער איז אים געגאַנגען אַנטקעגן מיט מוטיקע אויגן, ווי ער וואָלט געווען צופרידן זיך מקריב צו זיין פאַר זיינע שונאים, אַז ס׳זאָל זייער נאָמען נישט פאַראומריי־ניקט ווערן דורכן אומברענגען אים".

קאָן מען דערפון גרינג איינזען, אַז בלויז דער פריער טויט זיינער האָט אים געראַטעוועט פון אַ טראַגישן סוף.

● ● ●

דורות האבן ארייגעלייגט אין זייערע שפינאזיסטישע טעאריעס פערזענלעכע גלויבונגען ווי נישט־גלויבונגען. וואס מ׳האט אלץ נישט געמאכט פון אים! מ׳האט אים געמאכט פאר א גאט־זוכער און אן אטעאיסט, א מיסטיקער און א פארדארבער פון רעליגיעס, אדער גאר פאר א גרינדער פון א נייעם גייסטיק־העכערן גלויבן. דער דאזיקער געראנגל פון מיינונגען הערט נאך עד־היום נישט אויף.

שפינאזען האט מען שוין נישט מער געקאנט איינשטילן, ווי דאס איז געווען ביי זיין לעבן, ווען ער איז פארדאמט געווארן נישט נאר דורך די רעליגיעזע אויטאריטעטן, נאר אויך דורך די פון רעליגיע־אויסגעטונענע הערשער אין האלאנד — ווי אויך אנדערשוואו — ווי אן אטעאיסט, ווי דער ארכי־הערעטיקער, און איז נאך זיין טויט, אין משך פון א גאנצן יארהונדערט, טראקטירט געווארן ווי א „טויטער הונט״, ווי ס׳האט מיט וויטיק זיך אויסגעדריקט לעסינג.

צו פארשטיין א פילאזאפיע טאר מען נישט אויסלאזן פון אויג דעם סאציאל־עקאנאמישן און פאליטישן כאראקטער ווי אויך אינטעלעקטועלן הינטערגרונט פון דער עפאכע אין וועלכער זי איז אויפגעקומען. שפינאזע איז געבוירן געווארן אין זיבעצנטן יארהונדערט, וואס איז אלגעמיין אנגענומען ווי דאס ראציאנעלע יארהונדערט. דאס יארהונדערט וואס האט אנגעצייכנט דעם קלימאקס פונעם רעוואלט קעגן אויטאריטעט און טראדיציע, וועלכן די רעפארמאציע און דער רענעסאנס האבן אנגעהויבן. דאס איז געווען אן איבערגאנגס־פעריאדע, וועלכע האט ארויסגעפירט א נייעם געזעלשאפטלעכן שיכט אויף דער אויבערפלאך — דעם ניי־אויפשטייגנדיקן מיטלקלאס.

די נאכט פונעם מיטלאלטער האלט נאך אלץ דעם הימל פארדעקט. אבער די ערשטע גראע פאסן אויפן מזרח נעמען אנזאגן דעם באגינען פון א נייער עפאכע, אן עפאכע אין וועלכער וויסנשאפט רייסט זיך צו פארנעמען דעם אויבנאן. קאפערניקוס מיט זיין רעוואלוציאנערער טעאריע האט פארן אויג אנטפלעקט א הימלישע פאנאראמע, וואס האט פארטושט די רייכסטע פאנטאזיע. דאס ביז־איצטיקע בילד פון אונדזער ערד, פון אויבן איבערגעדעקט מיט א האלב־רונדן הימל פון וועלכן עס סטארטשעט ארויס א זון, און איז באשפרענקלט מיט שטערן, איז פארביטן געווארן דורך אן אומענדלעכן שטח, אן אן אנהייב און אן א סוף, מיט אן אומענדלעכער צאל שטערן און פלאנעטן. און צווישן זיי אלע איז אונדזער ערד נישט מער ווי א פינטל בלויז, וואס דרייט זיך מיט א קיינמאל זיך נישט אפשטעלנדיקער רעגולערקייט. גאלילעי מיט זיין וויסנשאפטלעכן עקספערימענט האט דערוויזן די אבסאלוטע רעגלמעסיקייט און אוניפארמיקייט פון די נאטור־דערשיינונגען. הויגענס האט מיט זיין טעלעסקאפ דורכגעבויערט די שטערן אזוי

נאַענט, גלייך מיטן אויג צו דערלאַנגען. ס׳קומט דעמאָלט פאַר אַן אמתע וויסנשאַפטלעכע און קולטורעלע רעוואָלוציע.

האָבן אַט די אַלע אַנטדעקונגען און עקספּערימענטן געגעבן די מעגלעכ־קייט צו דערבליקן אַז אוניווערס, וואָס איז גיגאַנטיש אין פאַרנעם און העררלעך אין אויסקוק. די דאָזיקע ווייזיע האָט געפאַנגען דעם קאָפּ און דאָס האַרץ פונעם יונגן ברוך שפינאָזע.

פאַר אַט די אַלע אויפדעקונגען אין דער נאַטור־וויסנשאַפט, איז דער פונדאַמענט אויף וועלכן זי האָט געבויט אירע היפּאָטעזן געווען די מאַטע־מאַטיק — די קיניגין איבער אַלע וויסנשאַפטן. דאַרף דערפאַר קיין וואונדער נישט זיין, וואָס שפינאָזע האָט אין זיין הויפּט־פילאָזאָפיש ווערק, די עטיק, זיך אָנגעשטרענגט צו דעמאָנסטרירן זיינע אידעען אין אַ שטרענג־מאַטעמאַטישער פאָרמולירונג. שפינאָזע באַמיט זיך אין זיין פילאָזאָפיע צו געבן דעם פולסטן אויסדרוק פון דער דאָזיקער קאָלירפולער עפּאָכע.

דאָס סאַמע באַדייטנדיקסטע אין זיין פילאָזאָפיע איז דאָס, וואָס אַליין נישט געהערנדיק צום ניי־אויפשטייגנדיקן מיטלקלאַס אין האָלאַנד, האָט ער אויסגעדריקט די אידעאַלן פונעם סאַמע פּאָרגעשריטנסטן, פּראָגרעסיוון שיכט צווישן דער בורזשואַזיע, ווען זי איז געווען אַ רעוואָלוציאָנערער קלאַס און געפירט אַ מלחמה אויף לעבן און טויט מיטן פינצטערן פעאָדאַליזם. זייענדיק דער געוואָגטסטער אַדוואָקאַט פון אַן אידעאַלער פרייער רעפּובליק, אַ וועלטלעכע ווי אַן אינטעלעקטועלע, האָט ער אָבער פאַר זיך אַליין גאָר־נישט געזוכט, נישט געהאַט קיין אייגענע פּערזענלעכע אינטערעסן און אַמביציעס. דער ריינער שכל בלויז איז געווען זיין וועגווייזער, אומדער־שראָקן האָט ער נאָכגעפאָלגט דאָס ליכט פונעם ראַציאָנאַליזם.

שפינאָזע נעמט זיך אויסאַרבעטן אַ פול־אָפּגערונדעטן פילאָזאָפישן סיס־טעם לויטן מוסטער פון דער קלאַסישער טראַדיציע.

אַקצעפּטירנדיק אין זיין פילאָזאָפיע די ראַציאָנאַליסטישע קאָנצעפּציע פונעם פראַנצויזישן פילאָזאָף דעקאַרט, וועלכער האָלט, אַז אמתדיק וויסן ווערט דערגרייכט דורכן שכל, אַן דער הילף פון די חושים, ווי אויך צו זוכן תמיד דעם אמת אויפן גרונט פון קלאָרע און דייטלעכע אידעען און אויסצו־מיידן צעמישעניש דורך שכלדיקע מאַטעמאַטישע אויפווייזן, וואַרפט אָבער שפינאָזע גלייכצייטיק אָפּ דעקאַרטס רויען דואַליזם.

להיפּוך צו דעקאַרטס דואַליזם, דאָס הייסט, די טעאָריע זיינע, אַז די וועלט באַשטייט אויס צוויי זעלבסטשטענדיקע סובסטאַנצן — אַ באַזונדער מאַטעריעלע סובסטאַנץ און אַ באַזונדער גייסטיקע סובסטאַנץ — האַלט שפינאָזע, אַז דער אוניווערס איז איין סובסטאַנץ. וועלכע ער רופט אָן „דעאוס סיווע נאַטורא״ — גאָט אָדער נאַטור, מיט אַן אומענדלעכער צאָל אַטריבוטן (אייגנשאַפטן). ער האַלט ווייטער, אַז פון דער סובסטאַנצס אַלע אַטריבוטן זענען אונדז באַקאַנט בלויז צוויי הויפּט־

אטריבוטן — די קראפט צו רענקען (גייסט) און אויסשפרייטונג (מאטע־ריע), דאס הייסט, די נאטור גופא אין איר פולשטענדיקייט און גאנציקייט מיט אלץ מיט אן אנדער אין איר, ד ע ם מ ע נ ט ש א י י נ ג ע ר ע כ נ ט. מיט אט דער מאניסטישער לייזונג זיינער פונעם קארדינאלן פראבלעם אין יעדן פילאזאפישן סיסטעם — די שייכות צווישן מאטעריע און גייסט — האט שפינאזע אין גאנצן זיך צונויפגעשטימט מיט די וויסנשאפטסלייט אין זיין צייט — אויב מיר נעמען אן נאטירלעך, אז וויסנשאפט איז א סיס־טעם פון אבסערווירונג, עקספערימענטירונג און היפאטעזן, א סיסטעם וואס שפארט זיך אן אויף דער הנחה, אז די וועלט איז א מאטעריעלער פראצעס, רעגולירט דורך די נאטור־געזעצן.

אינעם לשון און דורך די שטרענגע סימבאלן פון מאטעמאטישע אויפ־וויזן ברענגט שפינאזע ארויס אזוי בולט די דערפארונג פון אן אויפשטייגנ־דיקער נאטור־וויסנשאפט, און ווארפט דערמיט אן ארויסרוף צו אלע יענע רעאקציאנערע טענדענצן פון זיין צייט, — ווי אויך פון שפעטערע צייטן — דורכן דערקלערן די וועלט ווי איר אייגענע סיבה, אז זי איז נישט קיין טויטע מאטעריע, וועלכע איז א פראדוקט פון א באשעפער וואס געפינט זיך דרויסן פון איר און איבער איר, נאר אז זי איז א לעבעדיקער זיך זעלבסט באשאפנדיקער אוניווערס; אז די וועלט איז צייטלאז, אן אן אנהייב און אן א סוף, אז זי איז א דענקענדיקע סובסטאנץ, א נויטווענדיקע דורך געזעצן וואס זענען צווישן זיך געקניפט און געבונדן, א וועלט אין וועלכער גאט האט פארלוירן זיין פלאץ, סיידן ווען מען אידענטיפיצירט גאט מיט נאטור, דאס הייסט, אז גאט און נאטור איז איינס און דאס זעלבע.

היות דער מענטש איז, ווי געזאגט, פולשטענדיק און אין גאנצן איינגע־שלאסן אינעווייניק אינעם נאטור־סיסטעם, איז ער דעריבער אונטערגע־ווארפן צו פונקט אזא שטרענגן דעטערמיניזם, ווי דער וואס עקזיסטירט אין דער גאנצער נאטור, אין וועלכער ס'הערשט א שטרענגע קאוזאליטעט. (אונטער קאוזאליטעט דארף דא פארשטאנען ווערן, אז יעדע זאך אדער דערשיינונג מוז האבן פאר איר אויפקום א נאטירלעכע סיבה; אז אלצדינג געשעעט דורך א סיבה און אויס נויטווענדיקייט).

קאן דעריבער דער מענטש נישט זיין סובארדינירט, אונטערגעווארפן צו א וואסערע עס איז איבערנאטירלעכע, הימלישע כוחות, צו א מין העכערן וועזן, אדער צו פרינציפן וואס געפינען זיך דרויסן פונעם איין און איינציקן נאטור־סיסטעם. דאס העכסטע וועזן פארן מענטש איז גיכער ווי אלץ דער מענטש אליין.

בכן, אזוי ווי גאט, וואס מיינט ביי שפינאזען די נאטור אין איר אבסאלו־טער אומענדלעכקייט, איז די באווירקנדיקע סיבה פון אלצדינג וואס עקזיס־טירט, איז דערפון געדרונגען, אז דער מענטש איז נישט פריי צו טון אלצדינג וואס נאר ס'קאן אים איינפאלן. ווארום אויב דער מענטש וואלט

פריי געווען צו טון אַלצדינג וואָס נאָר ס׳וואָלט זיך אים געגלוסט, וואָלט ער דאָך מער ניט געווען קיין טייל פון דער נאַטור. פרייער ווילן איז דעריבער אַן אילוזיע. בלויז קליינע קינדער האָבן דאָס געפיל פון אומענדלעכער פרייהייט צו טון וואָס נאָר ס׳פאַלט זיי איין. די איינציקע פרייהייט וואָס דער מענטש פאַרמאָגט יאָ, איז זיך אויסצולערנען צו דערקענען, צו פאַרשטיין די נויטווענדיקייט, דאָס הייסט, די געזעצן וואָס אָפּערירן אין דער נאַטור.

אויף וויפיל, דעריבער, דער מענטש פאַרשטייט נישט די נויטווענדיקייט וואָס הערשט אין דער נאַטור, דאָס הייסט, אויף וויפיל ער פאַרשטייט נישט די קאָנדיציעס פון זיין עקזיסטענץ, איז ער איר שקלאַף, און קאָן נאָר חלומען וועגן ווערן פריי. „נויטווענדיקייט איז בלינד אויף אַזוי פיל נאָר, אויף וויפיל זי ווערט נישט פאַרשטאַנען" (העגעל). וואָס מערער אָבער דער מענטש לערנט זיך אויס צו פאַרשטיין די געזעצן וואָס הערשן אין דער נאַטור, אַלץ גיכער קאָן ער זיך אויפהייבן איבער דער פאַרשקלאַפטקייט זיינער צו דער דרויסנדיקער וועלט — צו די פיזישע, כעמישע און פיזיאָלאָגישע געזעצן.* דער מענטש איז די דאָזיקע געזעצן אונטערגעוואָרפן אויף אַזוי פיל נאָר ווי ער פאַרשטייט זיי נישט. ווען אָבער ער לערנט זיך אויס זיי צו פאַרשטיין, האָט זיך אים שוין איינגעגעבן צו באַפרייען זיך פון זיי דורכן קאָנטראָלירן די געזעצן אויף אַ סיסטעמאַטיש־וויסנשאַפטלעכן אופן און זיי אויסצונוצן פאַר זיין טובה וועגן. דאָס מיינט צו ווערן פריי. דערמיט האָט שפּינאָזע אָפּגעשפּיגלט דעם האַסטיקן וויסנשאַפטלעכן פּראָגרעס אינעם זיבעצנטן יאָרהונדערט.

איז פונעם פריער־געזאָגטן גרינג איינצוזען, אַז אָנערקענענדיק דעם דעטערמיניזם, דאָס הייסט, אַז קיין שום זאַך אָדער דערשיינונג קאָן נישט געשען אָן אַ סיבה פאַר דעם, אויך דער קאָנצעפּט זיינער, אַז דעם מענטשנס „ווילן" ווערט דעטערמינירט און קאָנדיציאָנירט דורך דער סביבה (ד"ה, דורך דער הערשנדיקער סאָציאַל־עקאָנאָמישער אָרדענונג), ווי אויך דורך דערציאונג און ירושה, וואָס איז היינט אַ וויסנשאַפטלעך־באַשטעטיקטער פּרינציפּ, איז שפּינאָזע ווייט פון צו זיין אַ פאַטאַליסט. סיבה (נאַטור) און

* פיזישע געזעצן — וועגן פיזיק קאָן מען זאָגן, אַז זי איז די וויסנשאַפט, וואָס גיט זיך אָפּ מיטן אויפפיר פון דער מאַטעריע. כעמישע געזעצן — כעמיע איז די וויסנשאַפט וואָס גיט זיך אָפּ מיט דעם פון וואָס די מאַטעריע איז צונויפגעזעצט. זי פאָרשט דעם פּראָצעס ווי אַזוי פאַרשידענע מינים פון מאַטעריע קאָמבינירן זיך, צעטיילן זיך, ענדערן זיך, ווי זיי רעאַגירן איינער אויפן אַנדערן, און וואָס ס׳קומט פאָר ווען זיי טוען דאָס. פיזיאָלאָגישע געזעצן — פיזיאָלאָגיע איז די וויסנשאַפט, וואָס גיט זיך אָפּ מיט די פּראָצעסן אָדער פונקציעס פון לעבעדיקע אָרגאַניזמען. די פיזיאָלאָגיע פון לעבעדיקע באַשעפענישן נעמט אין זיך, נאַטירלעך, אויך אַריין די מענטשלעכע פיזיאָלאָגיע.

עפעקט (מענטש) ווירקן, לויט שפינאזען, כסדר איינס אויף דאס אנדערע. אז עפעקט ווערט טאקע פראדוצירט דורך א סיבה, אבער אין דער אייגענער צייט איז דער עפעקט נישט פאסיוו, נאר ווירקט צוריק אויף זיין סיבה. ווען דער מענטש לערנט זיך אויס צו פארשטיין די נויטווענדיקייט, דאס הייסט, די געזעצן פון דער נאטור, גיט זיך אים איין, א דאנק דעם, צו קאנטראלירן די נאטור־געזעצן און זיי אויסצונוצן פאר זיין וואוילזיין. דערמיט האט שפינאזע אפגעווארפן דעם אבסאלוטן מעטאפיזישן דעטערמיניזם און פאטאליזם, לויט וועלכע דער מענטש קאן זיך נישט אקטיוו אריינמישן אין דער נאטור, ווי אויך אין דער געזעלשאפט, און זי ענדערן. דער פאקט איז, אז דער אבסאלוטער מעטאפיזישער דעטערמיניזם און פאטאליזם איז בפירוש אין קאנטראדיקציע, להיפוך צו דער אקטועלקייט, צו דער ווירקלעכקייט, וועלכע ווייזט אז מענטשן ענדערן יא און בייטן כסדר און אומאויפהערלעך זייער וועלט, ווי אויך זייער געזעלשאפט. און הגם דער דאזיקער פראצעס איז א פאמעלעכער און גייט נישט צו גרינג, איז פול מיט שטרויכלונגען, יסורים און פיין, און איז יארהונדערטער שווער געווען צו באמערקן — האט אט דער פראצעס דאך קיינמאל נישט אויפגעהערט, קיינמאל זיך נישט אפגעשטעלט.

פונקט ווי דער מענטש קאן ביסלעכווייז זיך באפרייען פון זיין פארשקלאפטקייט צו דער דרויסנדיקער נאטור, איז ער פונקט אזוי אויך בכוח זיך צו באהערשן און זיך אויפהייבן איבער דער פארשקלאפטקייט צו זיינע אנטי־סאציאלע עמאציעס, אימפולסן, ליידנשאפטן. אויף וויפיל א מענטש נעמט דערקענען די געזעצן פון זיינע עמאציעס און ווילן — אויף אט אזוי פיל קאן ער זיך ביסלעכווייז אויסלערנען זיך איינצוימען, צו קאנטראלירן, צו באהערשן זיי און זיי אויסצוניצן פאר זיין וואוילזיין, פאר זיין אינערלעכער בארואיקונג, פאר זיין מנוחת הנפש; ער קאן זיך ביסלעכווייז אויסלערנען צו ענדערן זיך, צו איבערפורעמען און צו ענדערן זיין כאראקטער — דאס הייסט, צו ווערן פריי. נישטא קיין פארטיקע פרייהייט. פרייהייט פונעם מענטשלעכן ווילן איז נישט עפעס אזוינס מיט וועלכן מיר ווערן געבוירן. נאר אויף וויפיל דער מענטש לערנט זיך אויס צו ניצן די געזעצן פון זיין נאטור, אויף אט אזוי פיל קומט טריט ביי טריט זיין באפרייאונג.

א מענטש איז נישט פריי בלויז דערפאר ווייל ער איז א מענטש. ווען דער מענטש הייבט אן צו אנטוויקלען זיין פארשטאנד, זיין אינטעלעקט, און נעמט זיך צו זיי צוהערן — הייבט ער אויך אן אין דער אייגענער צייט צו ווערן פריי. און ווען ער קומט צו צו דער מדרגה, אז ער קאן שוין זיין א ראציאנעלער, שכלדיקער מענטש, דאס מיינט, אויב ער איז שוין ביכולת זיינע טואונגען, זיינע מעשים צו דירעקטירן דורך ראציאנעלע, שכלדיקע מאטיוון און נישט דורך די כסדר זיך בייטנדיקע עמאציעס און מאמענטאנע אימפולסן — וועט ער אלץ מערער ווערן פריי. א מענטש וואס פאלט גרינג

אַריין אין גרימצאָרן, וואָס פאַרלירט גיך דעם קאָנטראָל איבער זיך, און ווערט איבערוועלטיקט פון בלינדן, אומבאַרעכטיקטן האַס; ווען ער פאַרשטייט נישט זיין אייגענעם כעס, ווען ער שטעלט זיך נישט אַנטקעגן זיין צערייצטקייט און קריגערישקייט, און צוימט נישט איין זיין האַס, ווערט ער זיין אַ שקלאַף צו זיין כעס ווי אויך צו זיין האַס, און זיינע רייד און מעשים וועלן אַנשטאָט באַהערשט צו ווערן דורך זיין שכל, דאָמינירט ווערן דורך זיינע עגאָאיסטישע עמאָציעס, ליידנשאַפטן, דורך יענע דעסטרוקטיווע, געפערלעכע אימפּולסן, קעגן וועלכע מיר מוזן תמיד זיין אויף דער וואַך.

> וואָס בעסער אַ מענטש קען זיך אַליין, אַלץ מערער וועט זיך אים איינגעבן צו באַפרייען זיך, צו ווערן אַ באמת פרייער מענטש. אַ פרייער מענטש איז יענער, וואָס ווייסט ווי זיך צו באַנוצן מיט דער טייערסטער מתנה וואָס דער מענטש פאַרמאָגט — מיט זיין שכל.
> („עטיק")

מיט אָט דעם אַבסאָלוטן און אולטימען פאַרלאָזן זיך אויף די כוחות פונעם מענטשלעכן שכל, האָט שפּינאָזע צוריקגעבראַכט דעם מערב־איראָפּעאישן געדאַנק צו יענעם באַזונדערן אויסקוק פון דער גריכישער פילאָזאָפיע.

ווייטער, האַלט שפּינאָזע, האָט יעדער איינצלנער טייל אין דער נאַטור, אָדער יעדער אינדיווידואום, אַן אייגענעם ציל און תכלית אין לעבן, וועלכן ער שטרעבט אָנצוהאַלטן און וויל דער ציל זאָל דערפילט ווערן.

איז דערפון געדרונגען, אַז טוגנד, גוטע מידות, מיינט צו טון דאָס, וואָס שטימט מיט די געזעצן פון אונדזער אייגענער נאַטור. אויף וויפל אַ זאַך האַרמאָנירט מיט אונדזער אייגענער נאַטור, העלפט אויפצוהאַלטן אונדזער קיום, אויף אָט אַזוי פיל איז זי גוט. טוגנד איז מאַכט, די מאַכט צו דירעקטירן דעם אייגענעם גורל. „גליקלעכקייט — זאָגט שפּינאָזע — באַשטייט אין דעם מענטשנס מאַכט צו פּרעזערווירן דעם אייגענעם זיין. וואָס מערער ער שטרענגט זיך אָן און איז בכוח צו זוכן דאָס וואָס איז פאַר אים ניצלעך, אַלץ מערער איז ער באַשענקט מיט טוגנד". („עטיק")

דעם מענטשנס לעבן אויף דער וועלט איז תמיד פול מיט מורא, האָפענונג און מיט באַגערן — אַ וועלט, וואָס וועט אים אין מינדסטע פאַלן אַנטוישן אין זיינע הייסטע באַגערן און וואונטשן, אַ וועלט פון אומזיכערקייט, וואַקלעניש, און וואָס אין אירע הענט עס ליגט זיין גורל. קיין שום זאַך, האַלט שפּינאָזע, איז דעם מענטשן, דעריבער, נישט מער ניצלעך ווי דער מענטש. דעם מענטשנס מאַכט, וואָס איז זיין טוגנד, פאַרגרעסערט זיך מיט יעדן שריט זיינעם צו אַ וואָס נעענטער קאָאָפּעראַציע, צוזאַמענאַרבעט מיט אַנדערע מענטשן. אַזאַ קאָאָפּעראַציע בינדט צונויף זיין מאַכט מיט דער מאַכט פון אַנדערע מענטשן.

„די געזעלשאַפט — זאָגט שפּינאָזע — איז זייער ניצלעך און אין דער

העכסטער מאס נויטווענדיק, נישט נאר פאר דעם כדי זיך צו באשיצן דאס לעבן אנטקעגן שונאים, נאר אויך כדי זיך צו פארשאפן א סך זאכן. ווארום אויב מענטשן וואלטן נישט געוואלט ארויסווייזן קיין געמיינשאפטלעכע הילף איינער דעם אנדערן, וואלטן נישט געקלעקט קיין פעאיקייטן און קיין צייט זיך צו דערנערן און צו דערהאלטן זיך אויף וויפיל ס'איז נאר מעגלעך, מחמת נישט אלע זענען גלייך מסוגל צו אלץ, און נישט איטלעך איינער וואלט געווען בכוח זיך צו פארשאפן דאס אלץ, וואס ער דארף אזוי שטארק האבן. כוח און צייט וואלטן נישט געקלעקט ביי יעדן איינעם, ווען ער וואלט אליין באדארפט אקערן, זייען, שניידן, מאלן, קאכן, וועבן, נייען און טון נאך א סך אנדערע זאכן, וואס זענען נייטיק כדי זיך צו דערהאלטן ביים לעבן, שוין אפגערעדט וועגן קונסט און וויסנשאפטן, וואס אויך זיי זענען אין א גרויסער מאס נייטיק פאר דער פערפעקציע, שלימותדיקייט פון דער מענטשלעכער נאטור און פאר זיין גליקלעכקייט". („טעאלאגיש־פאליטישער טראקטאט", קאפיטל 5).

ווייזט אונדז דערמיט שפינאזע, אז אן קאאפעראציע צווישן מענטשן, זינט די סאמע פרימיטיווע צייטן ביזן היינטיקן טאג, וואלט גאר דער מענטש נישט געקאנט האבן קיין קיום. א פאקט וואס ווערט באשטעטיקט דורך דער היינטצייטיקער אנטראפאלאגיע.

פאר זיין זעלבסטדערהאלטונג, ווי פאר דער אלזייטיקער פארבעסערונג פונעם לעבן, פאר דער אנטוויקלונג פון דער מענטשלעכער פערזענלעכקייט און פון זיינע פעאיקייטן, נייטיקט זיך דער מענטש, ווי מען זעען עס דא, אין אן ארגאניזירטער געזעלשאפט. אן דער געזעלשאפט איז נישטא קיין קולטור, קיין וויסנשאפט, קיין קונסט, אפילו דער פארשטאנד, וואס שפילט ביי שפינאזען די ראל פונעם אנפירער מיטן מענטשן און איז דער איינצוימער פון זיינע עמאציעס, לײדנשאפטן. וואלט דען ווער עס איז געקאנט איינער אליין לעבן ווי א מענטש אן אנדערע מענטשן, אן א מענטשלעכער געזעלשאפט מיט אירע אינסטיטוציעס, געזעצן, מנהגים, טראדיציעס? איז דאך אט דאס, די מענטשלעכע געזעלשאפט, געשאפן געווארן דורכן מענטשן פאר וואוילזיין פון די איינצלנע טיילן זיינע. איז דען אין דער מענטשלעכער געזעלשאפט פאראן אזא מין גוטס וואס שטייט איבערן און אויסערן לעבן פון די איינצלנע מענטשן אין דער געזעלשאפט? נאר אין א געזעלשאפט קאן דער מענטש דערגרייכן דאס העכסטע גליק. דערמיט שטעלט ער פעסט ווי ניצלעך די געזעלשאפט איז פארן מענטש.

איינע פון די הויפט־פראגן וואס ווערן אפט געשטעלט בנוגע עטיק, איז אט די: וואס איז דאס, וואס טרייבט און פירט דעם מענטש ארויסצוטראגן מאראלע אורטיילן און פארמולירן אידעען וועגן דעם גוטן? איז דער ענטפער דערויף, אז אלע אידעען וועגן דעם גוטן קומען אויף אויס די נויטן, אינטערעסן און באגערן פון די מענטשלעכע ברואים און דריקן זיי אויס.

דער דאזיקער געדאנק ווערט דורך שפינאזען אויסגעדריקט אזוי פשוט, וואס פשוטער קאן גאר דאכט זיך נישט זיין. זאגט שפינאזע אין דער „עטיק" (טייל 3, אנמערקונג צו פראפאזיציע 9), אויף זיין אפאריסטישן שטייגער, אט אזוי: „אין קיין שום פאל שטרעבן מיר, ווילן מיר, גלוסטן און באגערן עפעס וואס, נישט דערפאר וויל מיר האלטן עס פאר גוט, נאר פארקערט, מיר האלטן פאר גוט עפעס, דערפאר וויל מיר שטרעבן דערצו, ווילן עס, גלוסטן עס און באגערן עס". דערמיט האט שפינאזע אוועקגעשטעלט דעם כלל, אז מענטשן באגערן נישט עפעס ווייל ס'איז גוט, נאר פארקערט, זיי רופן אן גוט דאס, וואס זיי שטרעבן דערצו, ווילן עס, גלוסטן עס און באגערן עס. ער האט דערמיט געוואלט אויך אנדייטן, אז דאס גוטע נייטיקט זיך נישט אין קיין איבערנאטירלעכע, הימלישע סאנקציעס, אז עטיק ווערט געשאפן דורך די מענטשן אויף דער ערד פאר די מענטשן און אז דעם מענטשנס מאראלע אידעאלן האבן זיך אויסגעשיילט אויס זיין טאג־טעגלעכער דערפארונג. מיינט דאס, בכן, אז אלע אונדזערע אורטיילן וועגן מאראלע ווערטן, וועגן גוט און שלעכט, גערעכט און אומגערעכט, פרייהייט און קנעכטשאפט, זענען א פראדוקט פון מענטשלעכע האפענונגען, וואונטשן און באגערן אין די קאנקרעטע, ממשותדיקע קאנדיציעס פון לעבן. די ממשותדיקע זאכן, למשל, וועלכע מענטשן באגערן געוויינטלעך און צו וועלכע זיי שטרעבן, זענען געזונט, עקאנאמישע זיכערקייט, ליבשאפט, פריינטשאפט, קינדער אדג"ל. זיי ווילן ארבעט און פארוויילונג, רעספעקט פון זייערע מיטמענטשן, די מעגלעכקייט צו אנטוויקלען ספעציעלע טאלענטן און פעאיקייטן. זיי ווילן זייערע קינדער זאלן אט די אלע זאכן האבן מערער ווי זיי אליין האבן זיי געהאט. אנצואווענדן אט דאס פריער־געזאגטע צו דער אידעע וועגן פרייהייט, מיינט דאס, אז מענטשן באגערן פרייהייט נישט סתם דערפאר, ווייל ס'איז עפעס אויף א מין אבסטראקטן אופן גוט, נאר זיי רופן אן פרייהייט די פעאיקייט זייערע צו דערגרייכן דאס וואס זיי באגערן. אויס אט דעם שפינאזיסטישן בליק, איז א גוטס וואס קיינער וויל עס נישט, א ווארט וואס האט מיט גוטס גארנישט וואס צו טון, א ווארט וואס איז זיך אליין סותר.

דער מענטש איז בטבע א מאראלישער בעל־חי, און אין אלע ציוויליזאציעס און געזעלשאפטן באשאפט ער זיך יענע אידעאלן לויט וועלכע ער וואלט געוואלט זיין לעבן זאל אנגיין. די דאזיקע פעאיקייט פונעם מענטשן זיך אין געדאנק פארשטעלן א בילד וועגן דעם ווי ער וואלט געוואלט זיין לעבן זאל אויסזען, שיידט דעם מענטש אזוי שארף אויס פון אלע אנדערע בעלי־חי. און אויף וויפיל מענטשן און געשעענישן העלפן אדער שטערן אים צוצוקומען צו אט די אנגעצייכנטע אידעאלן, אויף אט אזוי פיל אורטיילט ער צי זענען זיי, לויט זיין מיינונג נאך, גוט אדער שלעכט.

● ● ●

איז הגם ס'איז אין שפינאָזעס עטישע טעאָריעס גוט אָנזעעוודיק דער איינפלוס פון די מאָראַלע אידעאַלן אין אונדזערע מיטלאַלטערלעכע מוסר־ספרים, אידעאַלן, וועלכע ער האָט איז זיך איינגעזאַפּט נאָך יינגלווייז אין דער תלמוד־תורה עץ־חיים אין אַמסטערדאַם, האָט ער אָבער אַבסאָלוט אָפּגעוואָרפן יעדן מין אַסקעטיש־פאַרזאָרגטע, לעבנס־פאַרלייקענענדיקע אידעען, וועלכע זענען געווען די הערשנדיקע אינעם מיטלאַלטער. און דאָס נישט דווקא נאָר ביי יידן, נאָר אויך ביי קריסטן.

שפּינאָזיזם איז אַדורכגעדרונגען מיט אַ מונטערער לעבנספרייידיקייט, מיט אַ ליכטיקן אָפּטימיזם און איז פאַר דער אַלזייטיקער אַנטוויקלונג פון דער מענטשלעכער פערזענלעכקייט. ער איז קעגן פּאַסיוון אַדורכשטופּן דאָס לעבן, און שטעלט זיך קעגן דער פאַרקנעכטונג פונעם מענטש און דער אונטערדריקונג פון זיינע נאַטירלעכע נייגונגען. דאָס דאָזיקע ווערט פאָרמולירט אין טייל 4 פון דער „עטיק" (אָנמערקונג צו פּראָפּאָזיציע 45) מיט אָט די ווערטער:

„קיין שום זאַך, באמת, אַחוץ פינצטערער און טרויעריקער אָבערגלויבן, פאַרווערט נישט דעם מענטש זיך צו פרייען. דען פאַרוואָס זאָל עס זיין מער געזעצלעך צו שטילן דאָרשט און הונגער ווי צו פאַרטרייבן מעלאַנכאָליע? . . . ס'איז פאַרן חכם צו ציען נוצן פון זאַכן, און אויך וויפיל נאָר מעגלעך פון זיי הנאה האָבן (דערביי אָבער נישט איבערכאַפּן די מאָס, וואָרום דעמאָלט איז עס שוין נישט מער קיין הנאה). ס'איז פאַרן חכם, זאָג איך, מיט אַ מאָס זיך צו דערקוויקן און קרעפטיקן מיט געשמאַקע מאכלים און געטראַנקען, ווי מיט שמעקנדיקע ריחות, מיט דער איידעלער שיינקייט פון בליענדיקע פלאַנצן, מיט לייטישער קליידונג, מיט מוזיק, מיט גימנאַסטישע שפּילן, מיט טעאַטער און דאָס גלייכן, אַלץ אַזוינע זאַכן פון וועלכע איטלעכער איינער קאָן געניסן אָן שום שאָדן פאַרן צווייטן".

שטעלט דערמיט שפּינאָזע פעסט, אַז מענטשלעכע באַגערן שטעלן צונויף דאָס גוטע, דעטערמינירן מאָראַלישע ווערטן. די פראַגע בלייבט אָבער, וועלכע מענטשלעכע שטרעבונגען, באַגערן, וואונטשן, און אין וואָס פאַר אַ באַדינגונגען, שטעלט צונויף אַן אָביעקטיוו גוטס, דאָס הייסט, אַזאַ גוטס וואָס איז מערער ווי די באַזונדערע וואונטשן און באַגערן פון אַ וואַסערן עס איז מענטש? כדי אַ גוטס זאָל זיין אָביעקטיוו, מוז עס זיין גוט נישט נאָר פאַר מיר אָדער פאַר דיר, אָדער פאַר אַ באַזונדערער פּריווילעגירטער גרופּע, אָדער קלאַס, נאָר פאַר אַלע מענטשלעכע ברואים, נישט געקוקט דערויף וואָס דער אָדער יענער דענקט אָדער פילט אַמאָל. וואָס שפּינאָזע גלייבט פאַקטיש איז, אַז ווען די באַגערן פון אַ יחיד זענען איינגעשטעלט שכלדיק, ראַציאָנעל און קומען נישט אין קאָנפליקט מיט די באַגערן פון אַלע איבעריקע יחידים, קאָן דעמאָלט זייער רעאַליזירונג באמת צופרידנשטעלן דעם יחיד און אין דער אייגענער צייט זיין האַרמאָניש מיט די באַגערן און

וואונטשן פון די אַנדערע יחידים. דערמיט האָט שפּינאָזע שאַרף אָפּגעגרענעצט די יעניקע וואָס ווערן געפירט דורכן שכל, דורך גוטע מידות, צו זוכן נאָר אַזוינע זאַכן וואָס אַלע קאָנען זיי האָבן, פון יענע מענטשן, גרופּן, אָדער קלאַסן, וועלכע פאָלגן אויס זייער זשעדנעקייט, זייערע לײַדנשאַפטן און זוכן אַזוינע צילן, וואָס מ׳קאָן זיי, לויט זייער נאַטור נאָך, האָבן נאָר אויפן חשבון פון אַנדערע מענטשן.

זאָגט שפּינאָזע: „דער וואָס לעבט לויט דער אָנפירונג נאָך פון שכל, באַגערט אויך פאַר אַנדערע דאָס גוטע וואָס ער באַגערט פאַר זיך אַליין". („עטיק", טייל 4). אין אַן אַנדער אָרט זאָגט ער: „. . . דאָס גוטע וואָס יעדער איינער וועלכער גייט אויפן וועג פון טוגנד, פון גוטע מידות, באַגערט פאַר זיך, וועט ער עס אויך באַגערן פאַר אַנדערע מענטשן". („עטיק", טייל 4).

איז דערפאַר אָט די פאָרמולירונג שפּינאָזעס פון אַן אַלמענטשלעכער עטיק, טאַקע אַ גוטע — אַן עטיק וואָס קאָן אָנגענומען ווערן פון אַלע מענטשן.

(די פראַגע איז נאָר צי אָט די שפּינאָזיסטישע לייזונג פונעם עטישן פּראָבלעם קאָן אַרבעטן אין אַזוינע געזעלשאַפטן, וועלכע זענען צעשפּאָלטן אין אַנטאַגאָניסטישע קלאַסן, איינער אַנטקעגנגעשטעלט קעגן דעם אַנדערן; וואָס ס׳איז גוט פאַר איין קלאַס, טויג דאָך במילא נישט פאַרן צווייטן קלאַס).

מיט זיין דיקטום: „נישט וויינען, נישט לאַכן, נאָר פאַרשטיין", שטעלט שפּינאָזע פאַר זיך אַ ציל די באַפרייאונג פונעם מענטשן דורכן — פאַרשטיין די נאַטור אויסערהאַלב דעם מענטש, אַזוי גוט ווי זיין אייגענע נאַטור, און פאַרשטענדעניש צווישן מענטש און מענטש. דער צוועק זיינער איז צו העלפן דעם מענטש אויסוואַקסן, כדי צו מאַכן דאָס לעבן פול מיט באַדייט, דורכן אַנטוויקלען די איינגעבוירענע פעאיקייטן ביי יעדן יחיד. אָט אַזאַ לעבן, האָט ער געהאַלטן, איז כדאַי צו לעבן.

אַנטקעגן דעם פּעסימיסטישן אויסקוק פון שפּינאָזעס בן־דור, דעם ענגלישן פילאָזאָף טאָמאַס האָבס, אַז „מלחמה פון אַלע קעגן אַלע", מלחמה צווישן פעלקער, קלאַסן, יחידים, אין וועלכער די שטאַרקע טוען וואָס זיי קאָנען און די שוואַכע טוען וואָס זיי מוזן, אַז אָט דאָס איז אַ נאַטירלעכער צושטאַנד ביי דער מענטשהייט, אַז „דער מענטש איז דעם מענטשן אַ וואָלף", קומט שפּינאָזע מיט זיין ליכטיקן אָפּטימיזם און גלויבן אינעם מענטשן, און שטעלט אַרויס זיין פּאָסטולאַט: דער מענטש איז דעם מענטשן אַ גאָט!" שטעלט ער דערמיט זיך אַוועק קעגן קנאה און שנאה צווישן מענטשן, קעגן פיינטשאַפט צווישן פעלקער, קעגן מלחמה. תמיד דאַרף דער מענטש זיך באַמיען אויפצולעבן אין זיך די נאַטירלעכע נייגונגען, דאָס הייסט, די אמת מענטשלעכע, הומאַניסטישע נייגונגען זיינע.

כסדר זיך אנשטרענגען אפצוטעמפן די שארף פון אונדזערע עגאאיסטישע עמאציעס. קיינמאל נישט פארלירן דעם גלויבן אין מענטשלעבקייט.

„ס׳איז פארן מענטש — זאגט שפינאזע — נישטא גארנישט אזוינס, וואס זאל אים זיין מער ניצלעך ווי דער מענטש — גארנישט, זאג איך, קאנען מענטשן, פאר דער פרעזערווירונג פון זייער זיין, קיין מער ווערט־פולס זיך ווינטשן ווי דאס, אז אלע זאלן צווישן זיך צונויפשטימען מיט אלע־דינג, אז ביי אלע אינאיינעם זאלן די גייסטער און קערפערס זיך אזוי אויס־פורעמען, ווי זיי וואלטן געווען אלע איין גייסט און איין קערפער, און אז אלע זאלן מיט איין דעה שטרעבן, אויף וויפיל ס׳איז נאר מעגלעך, צו פרע־זערווירן זייער זיין, און אלע זאלן אין דער אייגענער צייט זוכן דאס וואס איז ניצלעך פאר אלעמען. איז דערפון געדרונגען, אז מענטשן וואס לאזן זיך פירן פונעם שכל, דאס הייסט, מענטשן וואס זוכן דאס וואס איז פאר זיי ניצלעך לויט דער אנווייזונג פונעם שכל, גלוסטן נישט פאר זיך גארנישט אזוינס וואס זיי באגערן אויך נישט פאר אלע אנדערע מענטשן, און זענען דאדורך אין זייער אויפפיר במילא שוין גערעכט, ערלעך און ערנהאפטיק". („עטיק", טייל 4, אנמערקונג צו פראפאזיציע 18).

איז מיט אט די אידעען זיינע שפינאזע זיך צונויפגעקומען מיט אריס־טאטלען. דאס איז אריסטאטל געווען דער ערשטער צווישן די גרויסע פילא־זאפן זיך צו דערטראכטן צום טיפן געדאנק, אז מענטשלעך גליק באשטייט נישט אין זעלבסטאינטערעס, אין אייגננוציקייט. גליקלעכקייט, לערנט אריסטאטל, באשטייט אין אז אקטיוו לעבן, אינעם פולן אויסנוצן די אייגע־נע קרעפטן — א פאקט וואס ווערט אויך באשטעטיקט דורך דער היינטיקער פסיכאלאגיע. נישטא אבער, זאגט ער, פארן מענטש קיין בעסערער וועג אויסצונוצן די אייגענע קרעפטן, אקטיוו צו זיין, ווי נאר דורכן זוכן ביי יעדער געלעגנהייט צו העלפן אויסשפרייטן און פארגרעסערן אלעמענס וואוילזיין, פונקט אזוי אויך האלט שפינאזע, ווי מיר זעען עס דא, אז די שטרעבונג צו אלגעמיינעם וואוילזיין, צו א בעסער לעבן נישט פאר זיך אליין, נאר פאר אלעמען, שטעלט מיט זיך פאר דאס העכסטע גליק פאר יעדן יחיד. איז אט דער מאראלער אקטיוויזם זיינער דערצו אויך באמת דער העכסטער פראדוקט פון דער מענטשלעכער עוואלוציע.

גלייבנדיק, אז אין תוך גענומען איז דער מענטש א ראציאנעלע און ארנטלעכע בריאה, וועלכעס איז פונקט פארקערט דערפון וואס יענער וואול־גארער פסיכאלאגיזם, וועלכער שפיגלט אפ די רעאלע קאנדיציעס אין דער היינטיקער עקזיסטירנדיקער סאציאל־עקאנאמישער ארדענונג, זוכט צו בא־ווייזן, אז ס׳איז פארן מענטש נארמאל צו פונקציאנירן אויפן באזיס פון זעלבסט־אינטערעס, פון אייגננוציקייט, דאס מיינט, אז בטבע איז דער מענטש נישט גוט נאר שלעכט — איז שפינאזיזם דאך ווייט פון יענעם

פלאַכן אָפּטימיזם, וואָס מיינט אַז כדי אַרויפצופירן די מענטשהייט אויפן וועגן פון הומאַניזם, פון שכלדיקייט, איז אַלץ וואָס ס׳איז פאַר דעם נייטיק זענען רייד בלויז. אויב די קראַפט פון רייד אַליין וואָלט באמת אַזוי גרויס געווען — וואו וואָלטן מיר שוין היינט באַדאַרפט אַנשפּאָרן? ס׳וואָלט דאָך שוין היינט געווען אַ גן־עדן אויף דער ערד. ניין, שפּינאָזיזם פאַרזעט נישט די סאָציאַלע, פּאָליטישע און עקאָנאָמישע קאָנדיציעס וועלכע באַאיינ־פלוסן און דעטערמינירן דעם מענטשנס עמאָציעס און זיינע טואונגען צום גוטן ווי צום שלעכטן.

זאָגט שפּינאָזע אין טייל 4 פון דער „עטיק״ :

„. . . קיין שום זאַך איז נישט מער ניצלעך דעם מענטשן ווי אַ מענטש וואָס לעבט לויט דער אָנפירונג נאָך פונעם שכל . . . דאָך אָבער טרעפט עס זעלטן, אַז מענטשן זאָלן לעבן לויט דער אָנפירונג נאָך פונעם שכל, מחמת זאַכן זענען צווישן זיי אַזוי איינגעשטעלט, אַז ווי אַ כלל זענען זיי זיך מקנא און איינער איז דעם אַנדערן אַ לאַסט״.

האָט שפּינאָזע מיט אָט די לעצטע ווערטער זיינע: „מחמת זאַכן זענען צווישן זיך אַזוי איינגעשטעלט״, אַאז״וו, געוויזן, אַז ער האָט געהאַט אַ זין פאַר דער רעאַלקייט, פאַר די היסטאָרישע פּראָצעסן און ענדערונגען, וואָס הערן קיינמאָל נישט אויף. מ׳קאָן אין דעם געפינען אַן אָנוואונק אויף די סיבות, וואָס פירן מענטשן צו קנאה און צו שנאה און די אַנדערע אומגע־זונטע אַנטי־סאָציאַלע עמאָציעס פון אָט דעם מין. זיינע ווערטער זענען אַן אָנדייט אויף דער צעטיילונג און צעריסנקייט, אויף די קריגערייען און די אַנדערע איבלען אין אַלע ביז־היינטיקע צעשפּאָלטענע קלאַסן־געזעלשאַפ־טן, וועלכע האָבן עם אַרויסגעברענגט אָט די אַלע „שיינע״ מידות, וואָס האָבן אַזוי טיף זיך איינגעשניטן אין דער מענטשלעכער פּסיכיק, און פון וועלכע ס׳קומט היינט אַזוי שווער אַן פּטור צו ווערן — אַפילו אויך דאָרטן וואו די געזעלשאַפט איז שוין נישט מער צעשפּאָלטן אין אַנטאַגאָניסטישע, אַנטקעגנגעשטעלטע קלאַסן.

דאָס מיינט אָבער אויך נישט, אַז פערזענלעכע מאָראַלע ווערטן, ווי ער־לעכקייט, דאָס קאָאָפּערירן מיטן צווייטן און פּשוטע מענטשלעכע וואַרעמ־קייט — אַז אָט די אַלע פיינע מענטשלעכע מידות זענען גאָר נישט בנמצא, נישטאָ גאָר. ניין ! די דאָזיקע אַלע מידות טובות זענען דאָ היינט, פּונקט ווי זיי זענען געווען אין אַלע צייטן, אויך אונטער אַלע ביז־היינטיקע אַנטאַ־גאָניסטישע סאָציאַלע סיסטעמען. וואָרום אַן זיי וואָלט די וועלט גאָר קיין קיום נישט געקאָנט האָבן. און ווי וואָלט מען אַן זיי בכלל גאָר געקאָנט האָפן אויף אַ בעסערער וועלט ? די צרה איז נאָר, וואָס אין אַ צעשפּליטער־טער, צעריסענער געזעלשאַפט, אין וועלכער ס׳גייט אַן אַן אייביקע מלחמה צווישן דער פּריווילעגירטער מינאָריטעט, די באַלעבאַטים איבערן לעבן, מיט

דער נישט־פּריווילעגירטער מערהייט פון דער באַפעלקערונג, ווערן אַט די אַלע גוטע מידות שוין גאָר נישט דערמוטיקט.

(ווען דאָ אַגב כדי זיין אָנצוואווייזן אַז אַנטראָפּאָלאָגן האָבן שטאַרקע באַווייזן דערויף, אַז אין דער עוואָלוציע פונעם מענטש, זינט ער האָט גע־נומען שטעלן די ערשטע טריט זיינע אויף דער ערד, ביזן אויפקום פון צע־שפּאָלטענע, אַנטאַגאַניסטישע קלאַסן־געזעלשאַפטן, איז די נייגונג זיינע געווען גיכער אין דער ריכטונג פון קאָאָפּעראַציע ווי פון קאָנפליקט. ווערט דאָ מיט „קאָאָפּעראַציע" געמיינט די שטרעבונג ביי אַלעמען צו דערגרייכן אַזוינע צילן, וואָס זענען פאַרן וואוילזיין פון אַלעמען. אַט דאָס איז די מיינונג פון גרויסן אַמעריקאַנער אַנטראָפּאָלאָג אַשלי מאָנטאַגיו: „ס'איז אין יענע געזעלשאַפטן, זאָגט ער, געקומען צום אויסדרוק דער באַגער פון די מענטשלעכע וועזנס צו לעבן ביינאַנד אין פרידן און אין שאַפנדיקער האַר־מאָניע".

אין זיין נייסטן ווערק* ווייזט דער אָנגעזעענער אַמעריקאַנער אַנטראָפּאָ־לאָג אַשלי מאָנטאַגיו, אַז ס'איז אַ גרויסער טעות די פאַלשע איינרעדעניש אַז פאַרן מענטש איז מלחמה אומפאַרמיידלעך, און דאָס וואָס ס'ווערט אונ־טערגעשאַצט די טענדענץ צו קאָאָפּעראַציע און ליבשאַפט צווישן מענטשן, וועלכע מיר געפינען אין דער געשיכטע און אין דער מענטשלעכער נאַטור. אין אַט דעם ווערק זיינעם האָט מאָנטאַגיו אין זיינע אַנטראָפּאָלאָגישע פאָר־שונגען אָנגעזאַמלט איבער גענוג פאַקטן וואָס ווייזן ווי פאַלש ס'איז די מיינונג, אַז דער מענטש איז דורך עוואָלוציאָנערער נויטווענדיקייט דיספּאָ־נירט צו אינדיווידועלער אַגרעסיע און קאָלעקטיווער מלחמה. ער שטעלט פעסט, אַז צווישן מענטשן איז סאָציאַלער און קאָאָפּערירנדיקער אויפפיר אַזוי אַלט ווי דאָס לעבן אַליין, און איז פונקט אַזוי „נאַטירלעך" ווי אַגרעסיע. מלחמה, אויב מען מיינט דערמיט די אַטאַקע פון איין מענטשלעכער גע־מיינדע אויף אַן אַנדערער, איז אומבאַקאַנט אין דער נאַטור־געשיכטע, און נעמענדיק אין חשבון די הונדערטער טויזנטער יאָרן וואָס דער מענטש לעבט אויף דער ערד, איז וואָס איז נוגע די מענטשן, מלחמה פאַרהעלטנישמעסיק נאָך אַ גאַנץ פרישע געשעעניש. ער האַלט, אַז די טענדענץ פון דער עוואָלו־ציע ביים מענטש איז געווען צו אַ וואָס מערער קאָאָפּערירנדיקן אויפפיר. „ווען סאָציאַלער אויפפיר איז נישט קיין קאָאָפּערירנדיקער", זאָגט ער, „איז עס קראַנקהאַפטיקער אויפפיר".

נאָך קיינמאָל נישט אין דער גאַנצער לאַנג פון דער מענטשלעכער געשיכ־טער איז קאָאָפּעראַציע צווישן מענטשן און פעלקער געווען אַזאַ לעבנסנויט־ווענדיקייט ווי היינט. מענטשלעכע ווערטן, דער סענטימענט פאַר סאָלי־דאַרישקייט צווישן מענטשן און פעלקער זענען היינט אַבסאָלוט נייטיק

*) Man in Process, by Ashley Montagu, New York, 1962-

פאַר דער פּרעזערווירונג פון יענער ציוויליזאַציע וואָס מיר פאַרמאָגן און פאַר דער דערגרייכונג פון אירע אמת־מענטשלעכע צילן.

בקיצור, אונטער אַט די אומשטענדן, מוז דעריבער איטלעך איינער כסדר און אומאויפהערלעך אויף זיך אַרבעטן, נישט פאַרשלונגען צו ווערן פון דער קנאה און שנאה און די אַלע אַנדערע לײדנשאַפטן און עמאָציעס פון אַט דעם מין, אַז זיי זאָלן איבער אים נישט קריגן די אייבערמאַכט — ווי אין פּרק שטייט: „איזהו גיבור הכובש את יצרו" — דער איז אַ גיבור, וואָס באַגוועלטיקט זיינע עמאָציעס. ס'איז אינעם מענטשנס לעבן קיינמאָל נישט צו פרי אַנצוהייבן פּראַקטיצירן קאָנטראָל איבער די אַנטי־סאָציאַלע עמאָציעס, זיי איינצוּצוימען, איבערוועלטיקן, און ס'איז קיינמאָל נישט צו שפּעט. דער פאַקט, אַז אַט די עמאָציעס און לײדנשאַפטן, גיסנדיק זייער סם אין מוח אַריין, זענען אין אַן אומענדלעכער, קיינמאָל נישט־אויפהערנ־דיקער מלחמה מיטן שכל. זיי, די עמאָציעס, ווייסן אַז פאַרשטאַנד, אַז וויסן זענען זייערע טויטלעכע שונאים, זייערע פּאָטענציעלע באַהערשער.

דעם לעצטן, פינפטן טייל פון דער „עטיק", פאַרענדיקט שפּינאָזע מיט אָט די ווערטער:

„אויב דער וועג וואָס פירט דאָרט אַהין, וואוהין איך האָב אָנגעוויזן, זעט אויס צו זיין אַן אומגעהייער שווערער, קאָן מען אים אָבער דאָך אויס־געפינען. אוודאי מוז שווער זיין דאָס וואָס ווערט אַזוי זעלטן געפונען. וואָרום ווי וואָלט עס מעגלעך געווען, ווען דאָס גליק וואָלט געווען גרייט גלייך צו דער האַנט, און מ'וואָלט עס געקאָנט געפינען אָן גרויסער אָנ־שטרענגונג, אַז ס'זאָל דורך אַלעמען פאַרזען ווערן?

„אָבער אַלץ דאָס וואָס איז דערהויבן, איז פונקט אַזוי שווער ווי זעלטן"...

● ● ●

מיט אומשטערבלעכקייט, מיט אייביקן לעבן, האָט שפּינאָזע ניט געמיינט די רעליגיעזע דאָגמע וועגן אַ לעבן נאָכן טויט. נאָר דאָס דערגרייכן ביים לעבן אַ הויכע קוואַליטעט אינעם דענקען און אין טואונגען, איז גוטע מעשים. מיט זיין דעפיניציע, אַז דער טויט איז דער פינאַל פונעם מענטשנס לעבן, לייקנט ער אַ וואָסער עס איז קוואַליטאַטיוו אַנדער לעבן פאַר אַ „נשמה" נאָכן טויט.

זאָגט שפּינאָזע: „דער גייסט קאָן זיך פאָרשטעלן וואָס עס איז, אָדער זיך דערמאָנען אין זאַכן פון דער פאַרגאַנגענהייט, אַזוי לאַנג נאָר, כל זמן דער קערפּער עקזיסטירט". („עטיק", טייל 5, פּראָפּאָזיציע 21).

ס'איז נישט די לענג פון אַ מענטשנס טעג אויף דער ערד, וואָס מאַכט אים אומשטערבלעך, נאָר די הויכע קוואַליטעט פון זיינע געדאַנקען און טואונגען, וואָס ער האָט דערוואָרבן ביי זיין לעבן. קיין שום זאַך איז נישט אייביק. דער שטראָם פון עוואָלוציע טראָגט אַלצדינג אַוועק אַלץ ווייטער און ווייטער — קערפּערס פונקט אַזוי גוט ווי געדאַנקען, איינצלנע מענטשן

נישט ווינציקער ווי גאנצע פעלקער. דאך אבער בלייבן אלע זאכן אייביק אין זייער אייגענעם סטאטוס. צו זען זאכן אונטער דער פארם פון אייביקייט, ווי שפינאזע דריקט זיך אויס, מיינט צו זען זיי נישט ווי זיי קוקן אויס ווען זיי פליסן פארביי, נאר ווי זיי פארבלייבן נאך דעם ווי זיי זענען שוין אוועק.

ווען א מענטשנס לעבן איז פאראיבער, בלייבט דער אמת, אז ס'איז געווען אזא און אזא מענטש, און נישט קיין אנדערער. א מענטש וואס קאן זיך זעלבסט זען אונטער דער פארם פון אייביקייט, ווייסט, אז ער קאן נישט שטארבן אין גאנצן, אפילו ווען ער שטארבט. ווארום נאך זיין טויט בלייבט אלץ דער אמת וועגן זיין לעבן. האבנדיק אין זינען דאס אייביקע, הערט ער אויף אין זינען צו האבן יענעם טייל פון זיך וואס קאן שטארבן. איז אמת טאקע אזא מין אומשטערבלעכקייט אן אידעאל וועלכן ס'איז גאר נישט אזוי גרינג צו דערגרייכן. דער פאקט איז, אז די מורא פאר אינדיווידועלן און אוניווערסאלן טויט, איז ביי דער גאר גרויסער מערהייט מענטשן דער דאמינירנדיקער געפיל און א קוואל פון פיין. דער אבער, וואס קומט־צו צו יענער הויכער מדרגה און לעבט שוין ביי זיין לעבן אין דער אייביקייט, לעבט ער טאקע צוליב דעם נישט לענגער, נאר ס'ליגט אים שוין מער פשוט נישט אין זינען דער טויט. איז הגם דער טויט האט נישט פארלוירן זיין רעאליטעט, האט ער אבער פארלוירן זיין שארפן שטאך און הערט אים אויף צו פאראומערן דאס לעבן. אט דאס וויסן, אז ער מוז שטארבן, הייבט אים אריבער, אין א זין, איבער דער שטערבלעכקייט, דורך מאכן אים פאר א מיטבאטייליקטן אין דער וויזיע פון אט דעם אייביקן אמת. ער ווערט א צוקוקער צו זיין אייגענער טראגעדיע. איז דער דאזיקער אמת טאקע אומדערבארעמדיק טראגיש, ער מאכט אבער פריי יענעם וואס ווארפט זיך אונטער דעם אומפארמיידלעכן גורל און מאכט שלום מיט אט דעם טרויעריקן אמת.

זאגט שפינאזע אין טייל 4 פון דער „עטיק", (פראפאזיציע 67) : „א פרייער מענטש טראכט וועגן קיין שום זאך נישט אזוי ווינציק ווי וועגן טויט, און די חכמה זיינע איז נאכצוקלערן נישט וועגן טויט, נאר וועגן לעבן".

.2

וויפיל פון שפינאזעס סיסטעם איז אנגענומען היינט? די פראגע וואלט באדארפט אייגנטלעך זיין אזא : האבן די קאנצעפציעס וועלכע ער האט קלאר געמאכט, אויסגעהאלטן די פראבע פון דער צייט? איז דער ענטפער, אז דער שפיץ פון זיין פילאזאפישן סיסטעם, די קאנצעפציע זיינע וועגן דער איינהייט פונעם אוניווערס, דאס הייסט, אז פאראן איז בלויז איין איינציקע אוניווערסאלע סובסטאנץ, וועלכע איז אונדז באקאנט דורך די צוויי אטרי־

בוטן: אויסשפּרייטונג (מאַטעריע) און דענקען (גייסט) — אַז אָט די טעאָריע זיינע שטימט זיך פולשטענדיק צונויף, נאָך דריי הונדערט יאָר, מיט דער היינטצייטיקער ביאָלאָגישער וויסנשאַפט. ווען מ׳האָט דערצו נאָך אויך אין זינען, אַז אין זיין צייט, אין זיבעצנטן יאָרהונדערט, האָט מען נאָך ווינציק וואָס געוואוסט וועגן ביאָלאָגיע און עוואָלוציע. מ׳האָט נאָך באַדאַרפט וואַרטן כמעט צוויי הונדערט יאָר אויף דאַרווינס „דער אָפּשטאַם פון די מינים”. וועט דאָ געגוג זיין אָט דער איינער ביישפּיל: לויט דער היינטיקער ביאָלאָגיע זענען די געהירן — דער מוח — דער סאַמע העכסטער און קאָמפּליצירטסטער טייל פונעם נערוון־סיסטעם, וועלכער האָט דערגרייכט זיין פולסטע אַנטוויקלונג אינעם מענטש. דער מוח, וואָס איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן אויפקום פונעם דענקען און באַוואוסטזיניקייט, באַשטייט פון מאַטעריע, פון צעלן וואָס זענען אָרגאַניזירט אויף אַ באַשטימטן און ספּעציעלן אופן. דענקענדיקער גייסט איז דעריבער נישט, ווי ס׳האָט געהאַלטן דעקאַרט, אַ מין באַזונדערע סובסטאַנץ, צוגעגעבן צו דער מאַטעריע, נאָר ווי ס׳האָט שפּינאָזע אויפגעוויזן, אַן אַטריבוט, אַן אייגנשאַפט פון דער איין און איינציקער סובסטאַנץ, אַ פונקציע פון אַ באַשטימטן מין מאַטעריע.

וועט דאָ ביי דער געלעגנהייט, אָגב נישט זיין איבער־געטריבן צו זאָגן, אַז מיינסטע מענטשן, אַפילו היינט, זענען נאָך אַלץ אָנהענגער פון דעקאַרטס דואַליסטישער פילאָזאָפיע, אַליין נישט וויסנדיק דאָס, דאָס הייסט, זיי זענען אָנהענגער פון זיין טעאָריע, אַז די וועלט באַשטייט אויס צוויי באַזונדערע, זעלבסטשטענדיקע סובסטאַנצן — איינע אַ מאַטעריעלע און די אַנדערע אַ גייסטיקע. די פּאָפּולערע פילאָזאָפיע צווישן מענטשן, באַגרינדעט אויף דער יידישער טראַדיציע — ווי אויך אויף דער קריסטלעכער — צעטיילט דעם מענטש אויף קערפּער און נשמה. דער קערפּער איז צונויפגעשטעלט אויס מאַטעריע, ווי ס׳שטייט געשריבן: „עפר אתה ואל עפר תשוב” (בראשית, י״ט) — שטויב ביסטו און צו שטויב זאָלסטו זיך אומקערן. און די נשמה ווערט באַטראַכט ווי אַ באַזונדערע סובסטאַנץ, אַ חלק אלוהי ממעל — אַ טיילכל פון דער העכערער גאָטהייט, און זי, די נשמה, בלייבט, אין הסכם דערמיט, אויך לעבן נאָכן טויט פונעם קערפּער.

איז הגם שפּינאָזיזם פאַרזיכערט, אַז דענקען, אַז גייסט קאָן נישט זיין אָן דער אַנדערער העלפט זיינער, אָן אַ קערפּער, דאָס הייסט, אָן מאַטעריע, און איז פון איר אָפּהענגיק, פּראָקלאַמירט ער אָבער אין דער אייגענער צייט די פּעאיקייט פונעם מענטשלעכן גייסט צו באַהערשן די מאַטעריע. שפּינאָזיזם איז אַ סיסטעם, וואָס גלייבט און אָנערקענט אָן שום באַגרענעצונגען אָדער רעזערוואַציעס די אומענדלעכע פּאָטענציעלקייטן פון דער מענטשלעכער פאַרזענלעכקייט. זיין גלויבן אין דער מענטשלעכער נאַטור איז אַן אַ גרענעץ. דערמיט האָט ער זיך געשטעלט אַנטקעגן די מעכאַנישע מאַטעריאַ־

ליסטן אין זיין צייט. ווי גאָסענדי, דע ראַי, ווי אויך קעגן די שפּעטערדיקע, מיט דעם וואָס יענע האָבן לחלוטין איגנאָרירט די וועלט פון גייסט, דער־קלערנדיק אַז ס'איז דאָ נאָר איין וועלט — די וועלט פון נישט־דענקענדיקער מאַטעריע.

זיין הויפּט־אַרבעט איז צו העלפן דעם מענטש וואָס אַקצעפּטירט אַ וויסנ־שאַפטלעך־נאַטוראַליסטישן וועלט־באַנעם, זיך צו פילן זיכער און אין דער היים, סיי מיט זיך אַליין, אַזוי גוט ווי אין דער נאַטור, און צו מאַכן אים מסוגל פאַר אַ ציל־געווענדט, סאָציאַל־פאַראַנטוואָרטלעך לעבן דאָ, אויף ד ע ר ־ וועלט און אַט איצט.

דאַרף דאָ נאָך צוגעגעבן ווערן, אַז מיט זיין מאָניסטישער לייזונג פונעם גרונט־פּראָבלעם אין יעדן פילאָזאָפישן סיסטעם, דורך זיין אידענטיפיצירן מאַטעריע מיט גייסט, דאָס הייסט, די איינהייט פון גייסט און קערפּער ביים מענטש, ווי אויך מיט זיין לערע וועגן די עמאָציעס, ליידנשאַפטן — אַ ביז איצט אומאיבערגעטראָפענער אַנאַליז, לויט זיין טיפקייט און קראַפט פון איבערצייגונג, וועגן דעם מעכאַניזם פון דער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט — אַז מיט אַט די טעאָריעס זיינע האָט שפּינאָזע געלייגט אַ גרונטשטיין פאַר דער מאָדערנער, היינטצייטיקער פּסיכאָלאָגיע.

אויך דאָס לעצטע אין דער מעדיצינישער וויסנשאַפט, די פּסיכאָסאָמאַ־טישע טעאָריע, איז געבויט אויף אַט דער שפּינאָזיסטישער קאָנצעפּציע וועגן דער איינהייט פון גייסט און קערפּער. די פּסיכאָסאָמאַטיק זעט דעם באַזיס פון אַ סך קראַנקהייטן אינעם מענטשנס עמאָציאָנעלע קאָנפליקטן. לויט אַט דער טעאָריע קאָנען פּסיכישע (גייסטיקע) פאַקטאָרן אַרויסרופן קערפּערלעכע, אָרגאַנישע קראַנקהייטן, ווי האַרץ־קראַנקהייט, מאָגן־קראַנק־הייט, אַסטמע, אַלערגיעס, כעמישע צערודערונגען אין קערפּער, און אַנדערע. אַט די טעאָריע ווייזט, אַז פּסיכישע סיבות האָבן אַ גלייכן חלק מיט פיזישע אין קערפּערלעכער צערודערונג. די דאָזיקע טעאָריע האָט פעסטגעשטעלט דעם פאַקט, אַז אַזוינע עמאָציעס, למשל, ווי כעס, קריגערישקייט, שרעק אָדער זאָרג קאָנען זיין די סיבות פאַר ערנסטע פיזישע קראַנקהייטן. די פּסיכאָסאָמאַטיק פאַרזיכערט, אַז גייסט און קערפּער באַווירקן איינס דאָס אַנדערע אין קראַנקהייט ווי אין געזונט.

איינער פון די גרעסטע אַמעריקאַנער אויטאָריטעטן אינעם פעלד פון פּסי־כאָסאָמאַטישער מעדיצין, פראַנץ אַלעקסאַנדער, האָט אין זיין בוך „פּסיכאָ־סאָמאַטישע מעדיצין" (ענגליש), געגעבן אַ דעטאַליזירטן שטודיום איבער די עמאָציאָנעלע סיבות פון קראַנקהייטן. ער ווייזט דאָרטן אַז ווי אַזוי היי־פיבער, אַלערגיעס פון פאַרשידענע מינים, אַסטמע, אַלסערס, צרות מיטן בלוט־דרוק, האַרץ־קראַנקהייטן קאָנען אָפּשטאַמען אויס נישט אויפגעלייזטע אינערלעכע קאָנפליקטן.

וואָס די פּסיכאָסאָמאַטישע מעדיצין זוכט היינט איז וואָס מערער צו

דערגייַין וועגן די צווישנאַנאַנדיקע באַציאונגען צווישן קערפּער און גייסט, און וואָס ס'קאָן געטון ווערן, אַז די דאָזיקע באַציאונגען זאָלן וואָס מערער האַרמאָנירן צווישן זיך. זי באַמיט זיך צו פּאַרוואַרפן אַ בריק צווישן די פיזישע און פּסיכישע דערשיינונגען.

ווייטער, די אידעע זייַנע אַז די נאַטור איז זעלבסט־עקזיסטירנדיק אין אירע מאַניפעסטאַציעס פון לעבן, אַז זי איז איר אייגענע סיבה, אַז נישט זי דאַרף און נישט זי נייטיקט זיך אין דרויסנדיקער הילף, און אַז אויך גאָט אַליין איז אונטערגעוואָרפן צו די אייגענע געזעצן ווי די גאַנצע נאַטור, אין וועלכער ס'הערשט אַ שטרענגע קאַוזאַליטעט — איז אויך אַט די שפּינאָזיס־טישע קאָנצעפּציע האָט אויסגעהאַלטן די פּראָבע פון דער צייַט. מיטן איינ־ציקן חילוק נאָר, וואָס נוצנדיק די דאָזיקע שפּינאָזיסטישע קאָנצעפּציע האָט אָבער די וויסנשאַפט הייַנט די פולע ברירה צו רעדן גיכער וועגן נאַטור ווי וועגן גאָט, נישט ווי ס'האָט זיך פּראַקטיצירט אין שפּינאָזעס צייַטן.

קוקנדיק צוריק, מוז מען זאָגן, אַז הגם אין זייַן הויפּט־פילאָזאָפיש ווערק, די „עטיק", וואָרפט זיך כסדר אין די אויגן די טאָפּל־שפּיל, אַמאָל גאָט און אַמאָל נאַטור, האָט אָבער, ווי מיר האָבן געזען, שפּינאָזעס „גאָט" גאָרנישט וואָס צו טון מיט אַ וואָסערן עס איז טראַדיציאָנעל־רעליגיעזן וועלט־באַנעם. אַט אַזוי איז זייַן גאָט דער שטאַרקסטער בייַשפּיל פאַר דעם, ווי שפּינאָזע האָט אין זייַן וועלט־באַנעם זיך געקאָנט אויפהייבן איבער אַלע צייַטן. איז ער אָבער אין זייַן אויסדרוקס־פאָרם, אין זייַן שפּראַך־באַנוץ קיינמאָל נישט געווען זיכער נישט צוריק צו פאַלן צו דער סכאָלאַסטיק מיט אירע מעטאַפיזישע אויסדרוקן. זיכער איז אָבער דאָס, אַז ער איז געווען אַ דענקער אָן מורא און אָן טאַדל. ס'איז אפשר אין זיבעצנטן יאָרהונדערט קיין איין מענטש נישט אַזוי פרייַ געווען ווי ער פון די פענטעס פונעם מיטלאַלטער, פענטעס וועלכע האָבן בלינד אונטערגעוואָרפן דאָס דענקען ווי די מאָראַל צו דער רעליגיע.

אויב ווידער ס'קאָן ביי אונדז הייַנט אויסזען אומלאָגיש די האַרציקע פרייד זייַנע מיט דער „אינטעלעקטועלער ליבע צו גאָט" — דאַרף מען דער־ביי אין זינען האָבן, אַז שפּינאָזע האָט גאַנץ אָפט גענוצט אַ צווייַדייַטיק לשון, צוליב סיבות וואָס וועלן שפּעטער אויפגעקלערט ווערן. ווען ער רעדט בכן וועגן „אינטעלעקטועלער ליבע צו גאָט" — האָבן ביי אים סיי די „ליבע" און סיי „גאָט" קיין שום שייכות נישט מיט די טראַדיציאָנעל אָנגענומענע דעפיניציעס וועגן אַט די אויסדרוקן. דעמאָלט זעט די זאַך שוין אויס גאַנץ אַנדערש. „ליבע" ווערט דורך אים געוויינטלעך דעפינירט ווי די פעאיקייט, די קאַפּאַציטעט אַרומצוכאַפּן, צו באַנעמען די אומענדלעכע מעשים פון גאָט, און גאָט ווידער ווערט דורך אים דעפינירט ווי די נויטווענדיקייט אין דער נאַטור, אין און אויסערהאַלב דעם מענטש. האָט דאָך שפּינאָזע געהאַלטן, ווי שוין פריער געוויזן, אַז אונדזער וואָילזיין, אונדזער פרייהייט איז אָפּ־

הענגיק דערפון ווי קלאר מיר קאנען ארומכאפן, באנעמען די נויטווענדיקייט. דאס העכסט־מעגלעכע גליק, האלט ער, איז צוצוקומען צו קאסמישער באוואוסטזיניקייט, פול צו ווערן מיט דערהויבענער פרייד, איבערן סובלימירטן גראנדיאזן ספעקטאקל, וואס די איינהייט פון דער גאנצער רעאליטעט, פונעם אוניווערס, שטעלט מיט זיך פאר.

אומלאגיש מוז אונדז היינט אויך אויסקוקן דאס וואס אט דער אידעלער מענטש, וועלכער איז געווען ארומגערינגלט מיט אזוי פיל אומגערעכטיקייטן אין לעבן — ער, וועלכער האט אזוי שארף געקעמפט קעגן פאראורטיילן און אבערגלויבנס, זאל דאך זיך ביי אים האבן ארייגעכאפט אן אויסדרוק וואס שמעקט מיט פאראורטייל קעגן פרויען. איז פאר דעם, ווייזט זיך ארויס, געווען א סיבה. וואס אבער ס׳זאל נישט געווען זיין די סיבה, בלייבט דער פאקט, אז אט דער אינטעלעקטועלער ריז און הומאניסט, איז נישט געווען בכוח זיך אויפצוהייבן פולע הונדערט פראצענט איבער די פאראורטיילן קעגן פרויען, וואס האבן געהערשט אין זיין צייט.

אויב מיר געפינען ביי אים ערגעץ וואו א שפאלט אדער א בלייז, איז עס פשוט דערפאר ווייל ער האט דאך אין זיינע ווערק, נאך אלעמען, נישט געקאנט קלאר מאכן אלע נויטן פון אונדזער היינטיקער צייט. דאס וואס זעט היינט, בכן, אויס אמאל אומלאגיש אין שפינאזעס סיסטעם, איז עס אזוי געווארן נאך דריי הונדערט יאר פון סאציאלע און וויסנשאפטלעכע רעוואלוציעס. שפינאזען דארפן מיר דעריבער אקצעפטירן אין זיין היסטארישן באדייט.

דער פאקט בלייבט דאך אבער, אז בכלל גענומען איז ביי שפינאזען גאנץ ווינציק דא אזוינס וואס שפעטערדיקע אנטוויקלונגען זאלן נישט האבן געדערכטפארטיקט . . .

מחמת דער אבסאלוטער אומאייגננוציקייט פון זיין גרינדער, אויף וואס ס׳ווייזט אן זיין ארעם לעבן, נישט האבנדיק אליין קיין חלק אין די געווינסן און פריווילעגיעס פון דער ניי־אויפשטייגנדיקער בורזשואזיע, זייענדיק דער אידעאלאג פון איר פראגרעסיוון אפשניט, האט דער רעוואלוציאנערער כאראקטער פונעם שפינאזיזם ווייט אריבערגעשטיגן די ענגע פערספעקטיוון פון די מענטשן אין זיין צייט. איבער זייערע קעפ האט ער אריבערגעשלייַדערט אידעען, וועלכע האבן ערשט געקאנט אויפגענומען ווערן הונדערט יאר נאך זיין טויט. זיינע לערעס שטעלן מיט זיך פאר א רעוואלוציאנערן כוח. האבן זיי דעריבער, ווען די צייט איז פאר זיי געקומען, געשטויסן צום אויפפראל פון יענע אידעען, וועלכע האבן עטאבלירט א נייע ארדענונג (די פראנצויזישע רעוואלוציע, די אויפקלערונג אינעם אכצנטן יארהונדערט).

אז שפינאזיזם זאל אויך האבן געהאלפן אויספורעמען דעם מארקסיזם קאן גאר קיין פראגע נישט זיין. דער מארקסיסטישער וועלט־באנעם איז אויף פארשידענע אופנים פארבונדן און קומט זיך צונויף מיטן שפינאזיזם.

דא וועט גענוג זיין אנצואווייזן אויף דעם איינעם, למשל, וואס ביידע, סיי שפינאזיזם און סיי מארקסיזם, האבן צוריק אויפגעלעבט יענעם לאנג־פארגעסענעם אידעאל פון הומאניזם, וועלכן ס'האט פראקלאמירט דער פארצייטיקער גריכישער פילאזאף פראטאגאראס, מיט זיין דיקטום, אז „דער מענטש איז די מאס פאר אלע זאכן”. מארקסיסטן, אנהייבנדיק מיט די גרונטלייגער פונעם מארקסיזם, שעצן זייער הויך שפינאזען. דעם שפינאזיסטישן פרינציפ: „נישט וויינען, נישט לאכן, נאר פארשטיין”, וואס איז א גרונטשטיין אין שפינאזעס סיסטעם, האט מארקס געמאכט פאר זיין מאטא. שפינאזע איז געווען איינער פון די, וועלכע זעענדיק די אומגערעכטיקייטן אין דער געזעלשאפט, האט ער געקעמפט פאר סאציאלער ענדערונג מיט יענע אינטעלעקטועלע מיטלען, וועלכע זיין צייט האט אים געקאנט צושטעלן.

• • •

שפינאזעס קרוינווערק די „עטיק” האט איבערגעלאזט א דויערהאפטיקן איינדרוק אויף די וויכטיקסטע דענקער אין די לעצטע פאר הונדערט יאר. האט אבער דער דאזיקער באנד, א חוץ צווישן פראפעסיאנעלע פילאזאפן, נישט געגאסן פון יענער גרויסער פאפולאריטעט, וועלכע ער האט פארדינט. נישט נאר דער געווינטלעד אינטעליגענטער לייענער, נאר אויך יענער וואס איז היימיש אין דער פילאזאפישער ליטעראטור, שטויסט זיך אפט אן אויף שוועריקייטן.

איבער דעם וואס ער האט די נייע געדאנקען זיינע געמוזט אריינשפארן אין דער אלטער רעליגיעז־סכאלאסטישער טערמינאלאגיע, און מחמת דעם וואס ער האט זיך פעסט געהאלטן אין דער געאמעטרישער פארם, קומט נישט גרינג אן איינצובייסן די שטרענג־מאסיווע סטרוקטור פון זיין ארט שרייבן. די זאצן זיינע זענען איבער דעם פעסט־געשלאסענע. זיי זענען פול מיט אימפליקאציעס, און דא און דארט פילט זיך צומאל אפילו לייכטע איראניע. בכלל גענומען אבער, זענען זיי פול מיט דערהויבענער פראכט און פערפעקטקייט.

איז דאס, אייגנטלעך, וואס מאכט שפינאזעס „עטיק” נישט גענוג צוגענגלעד פארן היינטיקן לייענער און איינס פון די שווערסטע ווערק אין דער פילאזאפישער ליטעראטור, נישט אזוי פיל אן אינערלעכע ווי אן אויסערלעכע שוועריקייט — צוליב דער פארם אירער. דאס איז די מאטעמאטישע פארם וועלכע האט אין שפינאזעס צייט געדינט נישט נאר ווי א מיטל פאר וויסנשאפטלעכער פארמולירונג, נאר אויך אין דער פילאזאפיע — א פארם וועלכע איז אבער היינט געווארן פרעמד און נישט צוגענגלעד פארן היינטצייטיקן לייענער. מחמת דער געאמעטרישער פארמולירונג פון די אויפוויזן אין דער „עטיק”, מיטן גאנצן קלאפערגעצייג וואס איז דערמיט פארבונדן — מיט דעפיניציעס, פאסטולאטן, אקסיאמען, פראפאזיציעס. קארא־

לאַרים — האַלט דער לייענער אין איין פאַרלירן דעם פאָדעם פונעם געדאַנק און מוז זיך כסדר צוריק אומקערן צו די פריערדיקע אויספירן, וועלכעס פירט אים אַוועק פון דער גלייכער ליניע פון דער אַנטוויקלונג. אָט דערפאַר איז די „עטיק", אינעם אייגנטלעכן זינען, נישט פון די גרינגע ווערק פאַרן לייענער. אַלבערט איינשטיין, אַ גרויסער שפינאָזע־פאַרערער, האָט זיך באַקלאָגט דערויף, וואָס „צווישן די גרויסע קלאַסישע דענקער איז שפינאָזע איינער פון יענע וואָס זענען צום ווינציקסטן צוגענגלעך, מחמת זיין שטרענגן אָנהאַלטן זיך אין דער געאָמעטרישער אַרגומענטיר־פאָרם". ס'איז זיין מיינונג, אַז שפינאָזעס אויסדרוק־פאָרם, זיין סטיל, איז גאָר קיין פאַרגלייך נישט מיט דער קלאָרקייט און רייכקייט פון זיין געדאַנק.

איז הגם שפינאָזע האָט אין דער „עטיק" פון איין זייט זיך אָנגעשטרענגט צו דעמאָנסטרירן זיינע אידעען אויף אַ שטרענג מאַטעמאַטישן אופן, און פון דער צווייטער זייט האָט ער פאַר זיין נייער פילאָזאָפיע געמוזט זיך באַנוצן מיט דער איר צייט שוין איבערגעלעבטער אַלטער רעליגיעז־סכאָלאַסטישער טערמינאָלאָגיע און סטיל — האָט אָבער דאָס אָפּגעבן זיך מיט פילאָזאָפיע פאַר אים נישט געמיינט קיין אַקאַדעמישע חקירות, סתם זיך פילפולן, נאָר אַזאַ פילאָזאָפיע וואָס קומט אַנטקעגן די נויטן און באַדערפעניש פונעם מענטשן.

ס'איז אין זיבעצנטן יאָרהונדערט, די גאָלדענע עפּאָכע פונעם ראַציאָנאַליזם, אַ יאָרהונדערט אָנגעפּאַקט מיט קאָלירפולע וויסנשאַפטלעכע אויפטואונגען, שפינאָזע נישט געווען דער איינציקער צו באַנוצן זיך אין זיינע ווערק מיט מאַטעמאַטישע אויפווייזן. ווי אַלע גרויסע דענקער אין זיין צייט, איז אויך ער געווען אַ מאַטעמאַטיקער. האָט ער געהאַט אַ שטאַרקן דראַנג אָנצואווענדן די מאַטעמאַטישע לאָגיק. דאָס האָט אים אויסגעזען צו זיין אַ מין פעסטער אַנקער, וועלכער לאָזט נישט צו קיין ספיקות און גיט זיכערקייט אין מיטן ים פון די כסדר זיך בייטנדיקע מיינונגען, השערות אָדער גלאַט טרעפעניש. אין יענער צייט האָט מען נישט נאָר אין דער וויסנשאַפט און פילאָזאָפיע, נאָר אויך אין אַנדערע קולטור־פעלדער, ערלעך געגלייבט אין דער איבערמאַכט פון פיקסירטע, פעסטע כללים אין יעדער ספערע פון לעבן. גרויסע גייסטער האָבן זיך דעמאָלט גאַנץ געמיטלעך באַוועגט לאָגיש און פריי אינעווייניק אין די ענגע גרענעצן פון דער מאַטעמאַטיק.

אַז שפינאָזע זאָל מוזן אַריינשפאַרן אַז אויפגעבוויזט אינערלעך לעבן אינעווייניק אין די ענגע גרענעצן פון געאָמעטרישע אויפווייזן, זעט אונדז היינט כמעט אויס ווי אַן אוממעגלעכקייט. ווען מ'האָט דערצו נאָך אויך אין זינען אַז דאָס וואָס דער קען־צייכן זיינער איז געווען נישט צו דענקען אַבסטראַקט, נאָר צוליב אַ באַשטימטן, קאָנקרעטן, ממשותדיקן ציל, ווי אויך די קרישטאָל־קלאָרע לאָגיק פון זיינע געדאַנקען.

מאַקסים גאָרקי, דער גרויסער רוסישער שרייבער און הומאַניסט, אַליין אַ פאַרערער פון שפינאָזען, דריקט אויס זיין באַדויער איבער שפינאָזעס מאַטעמאַטישער פאָרם מיט אָט די ווערטער: „וואָס פאַר אַ טעות איז עס געווען, וואָס שפינאָזעס דענקענדיקער גייסט איז געווען אַ געאָמעטרישע מאַשין, וואָס זיינע געפילן זענען געווען קאַלט, וואָס ער איז פריי פון עמאָ־ציעס". דער אמת איז אָבער, אַז שפינאָזעס קאַלטער, שטייפער סטיל, איז געווען אַ מאַסקע אונטער וועלכער ס'האָט זיך באַהאַלטן אַ וואַרעמע נאַטור און אַן עקסטאַז, וואָס האָט געברענט אומאויפהערלעך זינט ער איז געווען נאָך אַ יינגל ביז דער שעה פון זיין טויט. זיין צוריקגעהאַלטנקייט ווייזט בלויז אַז ער האָט פאַרמאָגט דעם כוח זיך צו באַהערשן, אַז ער האָט זיינע עמאָציעס סובלימירט, געלייטערט אינעם אינטעלעקט. „די רפואות קעגן די עמאָציעס" ליגן דעריבער נישט אינעם אָפּוואַרפן זיי מיט פאַראַכטונג, ווי ס'האָבן געלערנט די סטאָיקער, נאָר אינעם פאַרשטיין זיי, אינעם סובלימירן, דערהייבן און לייטערן זיי, און אינעם אויסנוצן אָט די גרעסטע שונאים פונעם מענטשנס באַפרייאונג, ווי פאַרבינדעטע, צו קאָנטראָלירן און מע־סיקן די עמאָציעס איז שפינאָזעס ציל. דאָס איז אַן אַרבעט פאַר יעדן מענטש וואָס זוכט זיין פרייהייט.

נאָך אַ שטערונג פאַרן היינטצייטיקן לייענער, אמת, אַ קלענערע ווי די פריער־דערמאָנטע, איז געווען דאָס וואָס שפינאָזע האָט, ווי שוין פריער געזאָגט, פאַר זיין נייער פילאָזאָפיע געמוזט זיך באַנוצן מיט דער טערמינאָ־לאָגיע פון דער אַלטער, רעליגיעז־מיטלאַלטערלעכער סכאָלאַסטיק, — ווי גאָט, סובסטאַנץ, אַטריבוטן, עסענץ, אומשטערבלעכקייט, און דאָס גלייכן, — מאַכט נישט אויס וואָס ער האָט אין דער סכאָלאַסטישער טערמינאָלאָגיע אַריינגעגאָסן אַ נייעם אינהאַלט און באַדייט. איז דאָס געווען נישט נאָר דערפאַר וואָס אָט די טערמינאָלאָגיע איז אין אַ גרויסער מאָס נאָך אַלץ גע־ווען די אַלגעמיין־אָנגענומענע אויסדרוק־פאָרם אין דער פילאָזאָפיע אין זיין צייט. געווען איז פאַר דעם אַ נאָך וויכטיקערע סיבה. ס'איז געווען דעמאָלט אַ געפערלעכע צייט. פון איין זייט דער פאַנאַטיזם פון דער קריסטלעכער קלעריקאַלער אָרטאָדאָקסיע, און פון דער אַנדערער זייט די רעאַקציאָנערע פאָליטישע אַספּיראַציעס פון דער קעניגלעכער דינאַסטיע אין האָלאַנד, האָט געמאַכט אוממעגלעך פאַר שפינאָזען ער זאָל אין זיין לעבנס־צייט קאָנען אויף אַ נאָרמאַלן אופן אַרויסברענגען זיינע אידעען. איז הגם ס'האָט אים קיין קוראַזש נישט געפעלט, האָט שפינאָזע, ווייזט אויס, געמוזט אויך דאָס טון נישט נאָר צוליב דער אייגענער זיכערקייט און פרייהייט, נאָר אויך מערער אפשר, פאַר דער זיכערקייט און פרייהייט פון יענע פריינט זיינע און אָנהענגער, וואָס זענען זיך דעמאָלט אויסגעשטאַנען שווערע רדיפות מצד דער מאַכט — אויספאָרשונגען, פאַרזעצונגען אין תפיסה און אפילו פייניקונגען. איינער פון שפינאָזעס אָנהענגער, קערבאָג, וועלכער האָט

ביינאַנד מיט אַ ברודער זיינעם פֿאַרשפּרייט שפּינאָזעס אידעען אויף געהיימע פֿאַרזאַמלונגען, איז דעמאָלט פֿון תּפֿיסה נישט אַרויס קיין לעבעדיקער. ער איז אין תּפֿיסה פֿאַרפֿייניקט געוואָרן צום טויט.

ס'איז דעריבער געווען נייטיק, דאָס דאָזיקע ווערק זיינס, די „עטיק" זאָל אַזוי געשריבן ווערן, אַז די רעליגיעזע אויטאָריטעטן, אויך די מלוכה־מאַכט, זאָלן נישט קאָנען האָבן קיין תּירוץ זיך צו טשעפּען, צו פֿאַרשאַפֿן צרות. איבער אָט דעם, אַפּנים, אויך די צווייִדייטיקייט פֿון טייל אויסדרוקן אין דער „עטיק". כדי אויף אַ מינוט זיך נישט צו פֿאַרגעסן, האַלט ער תּמיד פֿאַר די אויגן דעם פּאַראָל זיינעם — דאָס לאַטיינישע וואָרט Caute (זיי זייער געהיטן) — וואָס איז געווען אויסגעקריצט אויף זיין רינג, וועלכן ער לאָזט קיינמאָל נישט אַראָפּ פֿון פֿינגער.



שפּינאָזעס רינג

נישט געקוקט אָבער אויף די אַלע באַוואָרענישן איז די געפֿאַר דאָך געווען אַזוי גרויס, אַז ביי זיין לעבן האָט שפּינאָזע זיך נישט דערוועגט צו פֿאַרעפֿנטלעכן זיין קרוינווערק. אין אַ בריוו צו זיין פֿריינט בלייענבערג, שרייבט דעמאָלט שפּינאָזע, אַז מחמת דעם וואָס „די טעאָלאָגן לויערן אויף מיר פֿון אַלע ווינקעלעך, האָב איך באַשטימט אָפּצולייגן די צוגעגרייטע פּובליקירונג [פֿון דער „עטיק"] ביז יענער צייט, ווען איך וועל זען מיט וואָס דאָס אַלץ וועט זיך אויסלאָזן". ס'האָט פֿונדעסטוועגן די „עטיק" שטילערהייט צירקולירט אין מאַנוסקריפּטן, און איז צווישן די מיינסטע אינטעלעקטועלע פֿירער אין מערב־אייראָפּע געווען באַקאַנט נאָך ביי שפּינאָזעס לעבן.

די רויע באַהאַנדלונג און מיאוסע זידלערייען, וואָס שיטן זיך אויף אים אָן אויפֿהער, נעמט ער אויף מיט יענער פֿילאָזאָפֿישער רואיקייט, וועלכע ער רעקאָמענדירט אַנדערע.

אָט וואָס ער שרייבט צו אַ פֿריינט: „איך באַמי מיך מיין לעבן אויסצולעבן נישט אין טרויער און אין זיפֿצן, נאָר אין רו און אין פֿריידיקייט.

„נאָר דער פֿינצטערער און טרויעריקער אָבערגלויבן פֿאַרבאָט אונדז זיך אָפּצוגעבן מיט פֿרייד. וואָס גרעסער ס'איז אונדזער פֿרייד, צו אַלץ אַ גרעסערער פּערפֿעקטקייט, שלימות דערגרייכן מיר".

קאָלערוס, איינער פֿון זיינע ערשטע ביאָגראַפֿן, וואָס האָט געקענט שפּינאָזען, שילדערט זיין אויסזען און שטייגער לעבן מיט אָט די ווערטער:

„ער איז געווען אַ מענטש פֿון מיטעלן וואוקס, זיין פּנים האָט געהאַט זייער פּראָפּאָרציאָנעלע שטריכן, די הויט עטוואָס ברוין, די האָר שוואַרצע און געקרייזלטע, די ברעמען לאַנגע און שוואַרצע, דאָס גאַנצע אויסזען זיינס זייער איינגענעם.

„... געפֿירט האָט שפּינאָזע אַ רעגלמעסיק לעבן, ער האָט תּמיד קאָנ־

טראַלירט זיינע עמאַציעס — מ׳האָט אים קיינמאָל נישט געזען צו טרויעריק אָדער צו פרייליך.

״... ווען ער האָט זיך געפילט מיד נאָך זיין אַרבעט און זיינע פילאָזאָפי־שע פאָרשונגען, פלעגט ער אַרויסגיין פון זיין צימער און שמועסן מיט די הויז־לייט [ביי וועמען ער האָט געוואוינט] וועגן זייערע געוויינטלעכע זאַכן, מעשה שטוב־מענטש, אַפילו וועגן קלייניקייטן״.

אַז אַנדער ביאָגראַף וויסט צו דערציילן, אַז שפינאָזע איז געווען גוט און איינגענעם מיט מענטשן, אַז ער האָט פאַר איטלעך איינעם אין זיין סביבה געהאַט אַ וואַרעם וואָרט — ער האָט אָבער אויך געוואוסט זיין אָרט.

אַ פּאָר אינטערעסאַנטע שטריכן צו דער שפינאָזעס פּערזענלעכקייט געפינען מיר אין זיינעם אַן ענטפער אויף אַ בריוו פון זיין פריינט בלייענבערג, יאַנואַר, 1665. שרייבט דאָרטן שפינאָזע:

״... וואָס איז נוגע מיר פּערזענלעך, האַלט איך, אַז ס׳איז גאָר נישטאָ אין דער וועלט קיין העכערס ווי אַ פריינטשאַפטלעכער בונד צווישן מענטשן וואָס האָבן באמת ליב די וואַרהייט.

״איך גלייב, אַז אין דער וועלט וואָס איז אויסער אונדזער מאַכט, קאָנען מיר גאָר נישט ליב האָבן מיט אַ גרעסערער גייסטיקער פרייד ווי אַט אַזוינע מענטשן.

״ס׳איז גאָר אוממעגלעך, אַז אַט אַזאַ ליבשאַפט, ווען זי שפּינט זיך אויס, זאָל קאָנען צעשטערט ווערן, פונקט ווי ס׳איז אוממעגלעך דאָס, אַז מ׳זאָל זיך אַליין אָפּקערן פונעם אמת צו וועלכן מיר זענען אַמאָל דערגאַנגען; אויב נאָר אַט דער געפיל איז געבויט אויף דער ליבשאַפט פון ביידע צדדים צו דערגיין צום אמת.

״אַט די ליבשאַפט איז, חוץ דעם, דאָס העכסטע און איינגענעמסטע פון אַלעם דעם, וואָס מ׳קאָן געפינען אין די רעאַלע דערשיינונגען, וואָס געפינען זיך אויסער אונדזער מאַכט״.

אָפּזאָגנדיק זיך פון ירושות און פענסיעס, ציט ער זיין מאָגערע חיונה פון שלייפן אָפּטישע גלעזער, און אַלץ וואָס מיר וויסן וועגן זיין לעבן, ווייזט אַז ער איז אויפן שטרענגסטן אופן געווען ערלעך און אויפריכטיק; אַז זיין ליבע צום אמת איז געווען אָן אַ גרענעץ. ער האָט נישט געהאַט קיין אינטערעס צו שטייגן פּערזענלעך העכער. ווען מ׳לייגט אים פאָר די קאַ־טעדרע פאַר פילאָזאָפיע אינעם היידעלבערגער אוניווערזיטעט, איז אים זיין ״פרייהייט צו פילאָזאָפירן״, ווי ער דריקט זיך אויס, ביליקער ווי דער פּאָסטן אין דעם געהויבענעם אוניווערזיטעט. ווייטער ענטפערט ער: ״איך זוך נישט קיין שום העכערע וועלטלעכע פּאָזיציע ווי די וואָס איך געניס איצט״. ווייניק פילאָזאָפן, מוז מען צוגעבן, האָבן געוויזן אַזאַ פעסט־אויסגעהאַלטע־נעם, נאָבעלן כאַראַקטער. בכלל האָט ער זיך נישט געהאַלטן פאַר קיין פּראָ־פעסיאָנעלן פילאָזאָף.

און ווען די „עטיק" האָט דורך זיינע פריינט און פאַרערער ענדלעך דערזען די ליכטיקע שיין, אין אָקטאָבער, 1677, אַכט חדשים נאָך זיין טויט (אויך איצט נישט אונטער זיין נאָמען, בלויז מיט זיינע איניציאַלן, ב. ד. ס.), הייבן די רעליגיעזע אויטאָריטעטן גלייך אויף אַ ווילדע העצע אַנטקעגן דעם „אַטעאיסטישן ווערק". און ס'ווערט אויך באַלד פאַרבאָטן דורך דער מלוכה־מאַכט, אונטערן סטראַשונעק פון לאַנגע תפיסה־טערמינען און שווע־רע געלט־שטראָפן. און אין דער אַלטער האָלענדישער אוניווערזיטעט־שטאָט, ליידען, האָט דער בירגערמייסטער פאַרמשפּט שפּינאָזעס ווערק צום פאַר־ברענען. ס'האָט גאָרנישט געהאָלפן דאָס וואָס שפּינאָזע גיט זיך אין דער „עטיק" קיין ריך נישט אָן גאָט. דאָס האָט אָבער נישט אָפּגעשטעלט די פאַרשפּרייטונג פונעם ווערק.

פאַרהאַסט און באַליידיקט פאַר מער ווי הונדערט יאָר, איז דער אַזוי־גערופענער „פאַרשאָלטענער קליינער אַטעאיסט", געוואָרן דער סימבאָל פון אינטעלעקטועלער ערלעכקייט און אינטעגריטעט. און ביזן היינטיקן טאָג הערט ער נישט אויף צו באַאיינפלוסן דער וועלטס פאַרנעמסטע דענקער — אָנהייבנדיק מיט לייבניצן, שפּינאָזעס בן־דור, ביז דעם אומפאַרגעסלעכן אַלבערט איינשטיין, אין אונדזער אייגענעם דור, וועלכער האָט זיין גאַנץ לעבן זיך געהאַלטן פאַר שפּינאָזעס אַ געטרייען תלמיד. „דער גרעסטער צווישן די מאָדערנע פילאָזאָפן!" — איז געווען זיין דעפיניטיווער אורטייל. היינט איז שוין קלאָר, אַז ער האָט פאַרמאָגט איינעם פון די גרעסטע קעפּ פון אַלע צייטן.

דאָס הויפּט־ווערק זיינס, די „עטיק", אין וועלכן שפּינאָזע פאַרנעמט זיך מיט די פּראָבלעמען פונעם מענטשנס עמאָציאָנעלן ווי אינטעלעקטועלן לעבן אויף אַ דירעקטן און דרייסטן אופן, איז אָן שום ספק איינס פון די פאַר־טיפסטע און פונדאַמענטאַלסטע ווערק אין דער גאַנצער פילאָזאָפישער ליטעראַטור. ער ווערט דאָ געטריבן דורך אַ שטאַרקן באַגער צו אויפרודערן דעם לייענערס האַרץ אַזוי גוט ווי זיין קאָפּ, מיט דעם וואָס ס'איז פאַר אים די טיפע שיינקייט פון אַן אוניווערס, וועלכער ווערט רעגולירט נישט דורך אַ וואָסערע עס איז קאַפּריזן פון אַן איבערנאַטירלעכער גאָטהייט, נאָר דורך די געזעצן פון דער נאַטור אַליין.

דער מענטש, זעט ער, איז באַלאַגערט דורך מוראדיק־קאָנפליקטירנדיקע עמאָציעס — שרעק און האָפענונג, ליבע און האַס, מיטגעפיל און חרטה, אַ געפּלאָגט געוויסן צוליב אַ שלעכטער טאַט. צו לערנען דעם מענטש ווי צו ווערן דער הערשער איבער זיינע צעפלאַמטע עמאָציעס, אימפּולסן, ליידנ־שאַפטן, און נישט דורך זיי באַהערשט צו ווערן; צו ווייזן דעם מענטש דעם וועג ווי אַזוי ער קאָן לעבן אין פרידן מיט זיך אַליין און אין גערעכטי־

קייט מיט אנדערע — אט דאס איז אין לעצטן סך־הכּל דער ציל פון דער עטיק.

כדי צו דערגרייכן אט דעם „סומום באנום", אט דאס העכסטע גוטס, זוכט שפּינאָזע צו באַפרייען דעם מענטש פון זיינע אומגעזונטע, אַנטי־סאָציאַלע עמאָציעס — פון קנאה און שנאה, פון דער תאווה אָפּצושפּעטן, אָפּצולאַכן און באַרעדן יענעם, פון גאווה און כעס, פון זיין אומגעזעטיקטן אַפּעטיט צו כבוד, צו מאַכט און באַרימטקייט, צו רייכקייט און זשעדנעקייט, צו גראָבע פאַרגעניגנס, און דאס גלייכן, דורך דערהייבן אים צו אַזאַ מדרגה, ער זאָל ווערן מסוגל צו זען די אייביקע געזעצן, דורך וועלכע אַלצדינג איז געקומען צו זיין אויף דער וועלט — צו קאָנען אָבסערווירן די טאָג־טעגלעכע עקזיס־טענץ דורכן „קוקווינקל פון דער אייביקייט". ער זוכט צו באַוועגן דעם מענטש צו אַ נייעם שטייגער לעבן.

אט דאס און נישט עפּעס אַנדערש איז דער לעצטער ציל און צוועק פון דעם גרויסן הומאַניסט און זיין דויערהאַפטיקע דערגרייכונג.

אין די געציילטע פאַר הונדערט זייטן וואָס זיין קרוינווערק, די „עטיק", פאַרנעמט, באַהאַנדלט שפּינאָזע נישט נאָר עטישע פּראָבלעמען, נאָר ער האָט דאָרטן צונויפגעפּרעסט אַ פולשטענדיק אויסגערונדעטע און פאַר־גאַנצטע לעבנס־פילאָזאָפיע. זיין ציל איז צו פאַרשטיין די נאַטור און דעם מענטשנס אָרט אין איר, אַזוי אַז ער זאָל זיין ביכולת צו ענדערן סיי זיך אַליין, ווי די געזעלשאַפט אין וועלכער ער לעבט, אַזוי גוט ווי די נאַטור אַרום זיך. ער האָט ליב דעם מענטש און האָט ליב די נאַטור, און זעט אַזוי קלאָר וויביידע זענען זיי אָפּהענגיק איינס פון דאָס אַנדערע. ער האָט געזוכט דעם וועג צו אַ פולער און צופרידענער לעבן, צו אַ ניי, רייכער לעבן, פאַר יעדן מענטש אויף דער ערד.

שפּינאָזעס עטישע אידעאַלן באַאיינפלוסן אַלע פאַזן פונעם מענטשלעכן לעבן און זענען אַ וועגווייזער פאַרן מענטשנס דענקען אַזוי גוט ווי פאַר זיינע טואונגען, פאַר זיינע מעשים. זיין עטישע פילאָזאָפיע שיידט זיך אָפּ פון אַנדערע דער עיקר דערמיט, וואָס זי איז נישט קיין זאַך פון בלויז אינ־טעלעקטועלן אינטערעס. אים איז אין תוך געגומען, ווינציקער געגאַנגען דערין אין וואָס אַקוראַט ס'באַשטייט דאָס גוטע, ווי אין דעם ווי אַזוי צו זיין אַ גוטער מענטש. וואָרום נאָר אט דאָס אַליין בלויז קאָן געבן דער עטיק אַ פּראַקטישן ווערט. ער האָט דערפאַר זיך אָנגעשטרענגט צו זוכן אַ לייזונג צו דעם פּראָבלעם וועגן דעם מענטשלעכן אויפפיר. זיינע עטישע ווערטן זענען דעריבער אַ שטאַרקע הילף פאַר אַזאַ מענטשלעכן אויפפיר, וואָס פּראַקטיצירט יענע עלעמענטאַרע גוטע מידות, וואָס קאָנ־טראָלירן — אָדער דאַרפן קאָנטראָלירן — די באַציאונגען צווישן מענטש

און מענטש אין פּריוואַטן לעבן: ערלעכקייט, פריינטלעכקייט, גערעכטיקייט, פאַרשטענדעניש צווישן מענטשן. ער ווייזט דעם וועג צו שלימות־דיקער, פערפעקטער אויפפירונג אין פּריוואַטן, אַזוי גוט ווי אין עפנטלעכן לעבן. ער לערנט, אַז דעם מענטשנס געוויינטלעכע טאָג־טעגלעכע טואונגען, שטעלן מיט זיך פאָר מאָראַלע ווערטן, מחמת אָט די טואונגען זענען אַ בייַשטייער צו דער אַלגעמיינער באַוועגונג פאָר פרייהייט, פאַר אַ בעסערער וועלט.

זאָגט שפינאָזע: „דער וואָס לעבט לויט דער אָנפירונג נאָך פונעם שכל, שטרעבט, אויף וויפיל נאָר מעגלעך, דעם צווייטן פאַר זיין האַס, כעס, גרינגשעצונג, און אַז. וו., צוריקצוצאָלן מיט ליבשאַפט אָדער מיט איידלקייט". („עטיק", טייל 4). נאָך זאָגט ער: „האַס ווערט דורך קעגנהאַס פאַרמערט און קאָן דורך ליבע צעשטערט ווערן". („עטיק", טייל 3). ווייטער, „אַזוי, למשל, האָב איך אויפגעשטעלט ווי איינעם פון די וויכטיקסטע כללים פאַרן לעבן, אַז האַס דאַרף מען בייקומען דורך ליבשאַפט און נאָבלקייט, און נישט מיט האַס צוריקצאָלן". („עטיק", טייל 5).

דאַרף דאָ אָבער אויך קלאָר ווערן, אַז ווען שפינאָזע הייסט פאַר האַס, כעס, גרינגשעצונג, און אַז. וו., צוריקצאָלן מיט ליבשאַפט אָדער מיט איידלקייט, נישט אָפּצאָלן מיט „שלעכטס פאַר שלעכטס", האָט ער דערמיט נישט געמיינט טיף אַראָפּבייגן דעם קאָפּ, זיך אונטערגעבן צו אומגערעכטיקייט, „אויפשטעלן די צווייטע באַק". פאַרקערט די מעשה. אַז עוולה, אַז אומגערעכטיקייט טאָר נישט פאַרשווייגן ווערן, מוז באַקעמפט ווערן. מיט זיך אַליין ווייזט ער אַ ביישפּיל ווי אַזוי ער אַליין האָט פּראַקטיצירט דאָס וואָס ער האָט געפּרעדיקט, וי אַזוי ווערטער און מעשים גייען ביי אים האַנט אין האַנט, האַרמאָנירן צווישן זיך. מיט זיין גאַנצער עניוות, באַשיידנקייט איז ער פעסט באַשטאַנען אויף זיינע רעכט.

ער איז נאָך גאָר יונג געווען, אין זיינע פריע צוואַנציקער יאָרן, ווען דער פאָטער זיינער איז געשטאָרבן. האָבן זיין שוועסטער מרים מיט איר מאַן שמואל דע קאַסערעס, פאַרכאַפּט אַלץ וואָס ס'איז געבליבן פונעם פאָטער, די גאַנצע ירושה (די מוטער האָט שוין נישט געלעבט). פאַרן ברודער גאָרנישט געלאָזט. ער איז דאָך אַן אַפּיקורס, אַ „פאַרבלאָנדזשעטער", קומט אים דערפאַר גאָרנישט. אין הסכם מיט זיין עטישן פּרינציפּ אַנטקעגנצושטעלן זיך קעגן יעדן אומרעכט, וועלנדיק דערווייזן אַז פאָרמעל איז גערעכטיקייט אויף זיין זייט, און אַז די משפּחה איז אומגערעכט, ווייל זייער אַקט איז נישט דיקטירט געוואָרן דורך יושר, דורכן שכל, נאָר דורך עמאָציעס און זשעדנעקייט — איז דער אַקט זייערער דאַדורך פאַלש און אומגערעכט, און דאַרף דערפאַר באַקעמפט ווערן. דער יונגער ברוך שפינאָזע נעמט זיך מיט זיי לאָדן אין די געריכטן אויפצומאָנען זיין חלק ירושה, וואָס קומט אים על־פּי יושר און לויטן אָביעקטיוון געזעץ. נישט געקוקט אויף די העצעס קעגן

אים, געווינט ער סוף־כל־סוף דעם פּראָצעס. נאָך דעם אָבער ווי דאָס גע־ריכט פּסקנט אים צו זיין חלק ירושה, ערשט דעמאָלט זאָגט ער זיך דערפון אָפּ. ער איז זיי מוחל די ירושה. אים איז געגאַנגען, ווי געזאָגט, אין אַ סך מערער ווי די ירושה — אין אַ פּרינציפּ, וועלכער ווערט שפּעטער דער גרונטשטיין אין די עטישע טעאָריעס זיינע פון זיין הויפּט־פילאָזאָפיש ווערק, די „עטיק".

אין דער „עטיק", האָט איר אַן אומגעווייינטלעך ווערטפול ספר, פול מיט חכמה און מענטשלעכער גוטסקייט. איר געפינט דאָ ענטפערס אויף די אַנגסטלעכע עמאָציאָנעלע פּראָבלעמען אינעם טאָג־טעגלעכן לעבן, וואָס מאַטערן דעם מענטש. איר קריגט אַ בעסערע פאַרשטענדעניש וועגן דער מענטשלעכער נאַטור, ו ו ע ג ן ז י ך א ל י י ן. דער פאַקט איז, אַז פון אַלע פאַרמען פון וויסן, איז פאַרן מענטש קיין שום וויסן נישט אַזוי פיל ניצ־לעך, ווי דאָס וואָס העלפט אים צו פאַרשטיין זיך אַליין. איז דאָך נאָך סאָקראַטעס געווען ביי דער מיינונג, אַז „אַ לעבן אָן אַ חשבון הנפש איז נישט כדאי גאָר צו לעבן". ער ווייזט אונדז ווי אַזוי נישט צו ווערן אַריינ־געצויגן אין אַ קאָנפליקט מיט פריינט, מיט נאָענטע, מיט די וואָס מיר ליבן, וועלכס פירט אונדז שלעכט אויסצוטייטשן גוט־מיינענדיקע אַקציעס, מעשים ביי אַנדערע. מיט איין וואָרט, ער ווייזט דעם וועג צו אַ גליקלעכער לעבן, צו אַ געזונטן גייסט, כדי צו קאָנען אויפהאַלטן אַ געזונטן קערפּער — אַ זאַך וואָס שטימט מיט דער מעדיצינישער וויסנשאַפט. מיר שטרעבן צו זיין געזונט, כדי צו זיין גליקלעך — וויפיל אָבער פון אונדז שטרעבן צו זיין גליקלעך כדי צו זיין געזונט? זייער טרעפלעך האָט זיך וועגן אָט דעם אויסגעדריקט דער גרויסער רוסישער שרייבער און הומאַניסט קאָראָלענקאָ (1921־1853): „דער מענטש איז געבוירן צו גליק ווי דער פויגל צו פליען".

בקיצור, איטלעך איינער וואָס זוכט אַ ריכטיקן וועגווייזער פאַר פּערזענ־לעכער אויפפירונג, אַ פּראַקטישע פילאָזאָפיע פאַרן טאָג־טעגלעכן לעבן, קאָן נישט טון קיין בעסערס ווי זיך צו פאַרטיפן אין אָט דעם אומשטערב־לעכן ווערק. דאָס איז איינס פון יענע ווערק וואָס מ׳קאָן אָנרופן וועלט־ביכער — ביכער וואָס זענען צוגעפּאַסט נישט צו איין דור און צו איין באַשטימטער צייט, נאָר צו אַלע צייטן.

צו פאַרשטיין די אידעען, וואָס אָט דער גרויסער דענקער האָט מיט דריי הונדערט יאָר צוריק געפורעמט און טייער געהאַלטן, קאָן דעם היינט־צייטיקן מענטש געבן אַ נייע פעאיקייט צו אורטיילן וואָס איז גוט און וואָס איז שלעכט, און אַ וויזיע וואָס וועט אים קלאָר מאַכן און באַלייכטן זיין לעבן ווי אַ מענטש און ווי אַ מיטגליד אין דער געזעלשאַפט. ער רעדט דאָ אַזוי קלאָר און דירעקט צום מענטש אין דער היינטיקער איבערגאַנגס־צייט, אַ צייט פון אומאויפהערלעכן וועלט־קריזיס, דער העכסטער קריזיס אפשר אין דער גאַנצער לאַנג פון דער מענטשלעכער געשיכטע. מ׳געפינט דאָ אַ

וויכטיקן ביישטייער צום מענטשנס לאנגער באמיאונג צו מאכן די וועלט פאר א בעסער אָרט צום לעבן.

צוליב דעם אָבער וואָס שפינאָזע האָט, ווי שוין פריער געוויזן, געהאַלטן פאר נייטיק זיינע אידעען אויסצודריקן אין אַ שטרענג־מאַטעמאַטישער פאָרמולירונג, און אויך דאָס וואָס ער האָט, ווי געזאָגט, פאר זיינע נייע געדאַנקען זיך געמוזט באַנוצן מיטן שווערן און סטערילן זשאַרגאָן פון דער מיטלאַלטערלעכער סכאָלאַסטיק, איז ער דעריבער מער באַקאַנט דורך דעם וואָס אַנדערע האָבן וועגן אים געשריבן, ווי דורך זיינע אייגענע ווערק. צו דעם האָט נאָך יעדער איינער, מחמת דער צווײדײַטיקײַט פון טייל אויסדרוקן זיינע, געזוכט אויסצוטייטשן שפינאָזעס פילאָזאָפיע אויף זיין אייגענעם סוביעקטיוון אופן. איז אפשר טאַקע אַ טעות געווען דאָס וואָס ער האָט זיך אַזוי שטרענג געהאַלטן ביי דער מאַטעמאַטישער מעטאָדע און לאָגיק, און פאַרשטעלט דערמיט דעם וועג פאַר אַ ברייטערן קרייז לייענער?

כדי אָבער די „עטיק" זאָל, ווי שפינאָזע האָט עס אין זינען געהאַט, אין לעבן אַריינדרינגען און דאָס לעבן פורעמען, האָט געמוזט דער פרואוו געמאַכט ווערן, צו געבן דעם היינטצייטיקן לייענער די „עטיק" אין אַ מער צוגענגלעכער פאָרם. בלייבנדיק געטריי דעם תוך, האָט מען אויף וויפיל נאָר מעגלעך, געדאַרפט די מאַטעמאַטישע פאָרם פון דער פאָרמולירונג איבערטראָגן אין אַ נישט־מאַטעמאַטישער פאָרם. נישט קיין באַאַרבעטונג און נישט קיין פּאָפּולאַריזאַציע, נאָר מ'האָט די „עטיק" געדאַרפט איבערליפערן אין איר גאַנצן פאַרנעם און די סטרוקטור פונעם ווערק נישט בייטן.

ווינציקסטנס צוויי אַזוינע אויסגאַבן זענען באַקאַנט דעם שרייבער פון די שורות, איינע אַזאַ אויסגאַבע אין דייטש, אַן אויסגעצייכנטע, איז אַרויס אין 1925, דורכן שפינאָזע־פאָרשער קאַרל געבהאַרדט, איינער פון די אָנערקענטסטע שפינאָזע־אויטאָריטעטן. נאָך אַזאַ מין אויסגאַבע פון דער „עטיק" אין ענגליש, איז אַרויס אין ניו־יאָרק אין 1957, דורך נאָך אַ שפינאָזע־קענער, דאַגאָבערט ד. רונעס. ביידע די אויסגאַבן האָבן, יעדע אויף איר באַזונדערן אופן, אויסגעהאַלטן די פּראָבע. דער דאָזיקער אויפטו זייערער האָט געהאָלפן אויסברייטערן דעם לייענער־קרייז פון אָט דעם ספר.

מיט דער נייער יידישער איבערזעצונג פון דער „עטיק", וואָס איז אַרויס אין דעם י. ל. פּרץ פאַרלאַג, תל־אביב, 1963, האָט אויך דער שרייבער פון די שורות זיך געשטעלט דעם ציל צו ברענגען דעם יידיש־לייענער שפינאָזעס „עטיק" אין אַ מער־צוגענגלעכער פאָרם. דאַרף אָבער דערביי דאָ באַטאָנט ווערן, אַז דאָס איז נישט נאָך אַ פּירוש, אַ נייע אויסטייטשונג און אַריינטייטשונג, אָדער אַ מין פּאָפּולאַריזאַציע פון שפינאָזעס לעבנס־ווערק. דאָס איז אַ געטרייע איבערזעצונג פונעם אָריגינאַל גופא, אַנשטרענגענדיק זיך איבערצוליפערן, אויף וויפיל נאָר מעגלעך, די שטרענג מאַסיווע סטרוקטור פון שפינאָזעס אַפאָריסטישער אויסדרוקס־פאָרם אין אונדזער היינטצייטיקן

יידיש. דאָס נייע איז אָט דער פּרעזענטירונג פון דער „עטיק" באַשטייט דעריז, וואָס אויפן מוסטער פון די פריער־דערמאָנטע אויסגאַבן, ווערט אויך דאָ, אויף וויפיל נאָר מעגלעך, די „עטיק" אויסגעשיילט אויס די מאַטעמאַטישע פאָרמולירונגען פון די אויפווייזן און איבערגעטראָגן אין אַ נישט־מאַטעמאַטישער פאָרם.

פאַרן יידיש־לייענער ווערט איצט דערמעגלעכט צוצוטרעטן צום האַרץ פון אָט דעם גרויסן ווערק. ער רעדט דאָ אַזוי קלאָר און דירעקט צום היינטיקן מענטש אין אַ צייט פון עקסטרעמער אַנגעצויגנקייט און עמאָציאָנעלער אויפגערודערטקייט. איז דאָך שפּינאָזע באַקאַנט ווי דער גרויסער פאָרשער פונעם מענטשנס אינערלעכן קיניגרייך. דער ציל זיינער איז צו העלפן דעם מענטש דערגרייכן צו אַ גאַנצער, אָפּגערונדעטער און ראַציאָנעלער פּערזענלעכקייט, דורכן אינטעגרירן יענע אינסטינקטן און נויטן זיינע, וועלכע זענען אין קאָנפליקט מיט דער געזעלשאַפט. די לערע זיינע ווי אַזוי דער מענטש קאָן דורך פאַרשטענדעניש — „נישט וויינען, נישט לאַכן, נאָר פאַרשטיין" — איינצוימען און איבערוועלטיקן די עגאָאיסטישע אימפּולסן אין אונדזער טעגלעכן לעבן, ווי אויך אַלע אַנדערע אַנטי־סאָציאַלע עמאָציעס, און מיט דער הילף פונעם שכל געבן דעם לעבן אַ זינען — אָט דאָס איז דער קווינט־עסענץ פון זיין מיסיע.

אינאיינעם מיטן נאַטוראַליזם אין זיין פילאָזאָפיע, שטעלט שפּינאָזע אַרויס אידעאַלן פון אינדיווידועלער אויפריכטונג און סאָציאַלן יושר. שפּינאָזיזם רוקט אַרויס אינטעלעקטועלע און עמאָציאָנעלע זיכערקייט פאַרן מענטש. ער באַט אַן סטאַנדאַרדן פון אַן עטיק, וואָס זאָל אַרבעטן, און שאַפט אַ פונדאַמענט פאַר אַן אינספּירירנדיק לעבן. זיין עטישע טעאָריע קולטיווירט גרעסערן רעספּעקט פאַר מענטשלעכע ווערטן אין אַלע באַציאונגען צווישן מענטש און מענטש. ער האַלט, אַז בלויז דורך זיין אייגענער אָנשטרענגונג קאָן דער מענטש הויך אויפהייבן זיינע עטישע סטאַנדאַרדן און דערמיט באַרייכערן דאָס מענטשלעכע לעבן. דאָס סאַמע וויכטיקסטע אָבער פונעם שפּינאָזיזם, איז דאָס וואָס ער איז דורך־און־דורך אַדורכגענומען מיט הומאַניטעט, מיט ליבשאַפט פאַרן מענטש, מיט אַ זין פאַרן מענטשנס פעאיקייטן, וואָס נישט געקוקט אויף די אַלע שטרויכלונגען און בלאָנדזשענישן זיינע, ווערט ער דאָך געפירט צו אַ פולער מענטשלעכער לעבן.

צום לעצט, זאָל דאָ ווידער אַמאָל דערמאָנט ווערן, אַז מיט אָט דער איבערזעצונג פון דער „עטיק", איז אַ פּרואוו געמאַכט געוואָרן, דאָס דאָזיקע ווערק צו מאַכן מער־וויניקער צוגענגלעך פאַר אונדזער ערנסטן לייענער, וואָס איז נישט היימיש אין דער פילאָזאָפישער ליטעראַטור. אויב ס'וועט אַ דאַנק דעם, אויך ביי אונדז אויסגעברייטערט ווערן דער קרייז לייענער, וואָס וועט איצט קומען טרינקען פון אָט דעם לעבנס־קוואַל, וועט דאָס זיין די בעסטע באַלוינונג פאַר דער שווערער מי און מאַטער.

## עטלעכע קורצע אָפּרויסזאָגונגען וועגן שפּינאָזען

„מ'האָט מיט רעכט באַוואונדערט די חריפות מיט וועלכער שפּינאָזע פירט אַרויס די גרונט־אידעען פון זיין סיסטעם, און פאַרבינדט זיי ביז די מינדסטע דעטאַלן מיט געאָמעטרישער פעסטקייט". — משה מענדעלסאָן.

„נישטאָ קיין אַנדער פילאָזאָפיע, ווי די פילאָזאָפיע פון שפּינאָזען. ווען נאָר איך וויל מיך דערנעענטערן צו עמעצן, ווייס איך נישט פון קיין אַנדערן". — גאָטהאָלד אפרים לעסינג.

„איך לייען שפּינאָזעס „עטיק"... איך פיל, אַז ער איז מיר זייער נאָענט —הגם זיין גייסט איז אַ סך טיפער און ריינער פון מיינעם". — — — — —

„אַ מוח וואָס האָט אַזוי אַנטשיידן געווירקט אויף מיר, און וועלכער האָט דערצו נאָך געהאַט אַזאַ גרויסע ווירקונג אויף מיין גאַנצן אָרט דענקען — איז געווען שפּינאָזע". — יאָהאַן וואָלפגאַנג געטהע.

„ביים לייענען שפּינאָזען ווערן מיר אַדורכגענומען מיט אַזאַ געפיל, ווי ביים אַנבליק פון דער גרויסער נאַטור אין איר העכסט־באַלעבטער רואיקייט. מיר זעען פאַר זיך אַ וואַלד פון צום הימל־גרייכנדיקע געדאַנקען, וואָס די סאַמע העכסטע בליענדיקע צווייגן זיינע וויגן זיך אַזוי ווי כוואַליעס אויפן ים, בעת די אומבאַוועגלעך פעסטע שטאַמען זייערע זענען איינגעוואָרצלט אין דער אייביקער ערד... פון שפּינאָזעס ווערק ווייעט די לופט פון דער צוקונפט". — היינריך היינע.

„שפּינאָזע איז דער צענטראַלער פונקט פון דער מאָדערנער פילאָזאָפיע — אַנטוועדער שפּינאָזיזם אָדער קיין פילאָזאָפיע". — געאָרג ווילהעלם העגעל.

„וואָס שפּינאָזע האָט געטון איז געווען זיין אויסרוף צו יעדער עפּאָכע: נוצט אייער אינטעלעקט, דעם פאַרשטאַנד, שאַרפט אים, געטרויט אים, לערנט זיך ווי אַזוי אים צו נוצן, און לאָזט זיך פירן נאָר דורך אים אַליין בלויז. ער איז דער דיקטאַטאָר וואָס וועט פירן די וועלט פאָראויס; ער איז דער שאַפנדיקער פּראָצעס, וואָס מיט דער הילף זיינער וועט איר זיך קאָנען אַנטקעגנשטעלן דעם כאַאָס וואָס שטייט אין וועג די כוחות פון אויפקלערונג, פון אַ צופרידענעם געמיט און פון אייער אויספורעמען זיך". — אַרנאָלד צווייג.

„שפּינאָזע איז איינער פון די גרעסטע העלדן פון דער מענטשהייט. ער האָט אָוועקגענומען ביי די מענטשן די נאַריש־פּוסטע מורא פאַרן טויט און די אומזיסטיקע האָפענונג צו ווערן אומשטערבלעך, געבנדיק זיי דאָס געפיל, און דערוויזנדיק זיי, אַז זיי זענען אייביק". — אַנאַטאָל פראַנס.

„שפּינאָזע! אַ וואַרעמקייט צעגיסט זיך איבערן קערפּער, אַזוי אָפט ווי מ'דערמאָנט זיך וועגן אים און מ'פאַרטיפט זיך אין אים. ווער ס'האָט אים אין דער יוגנט געליעבט, דער האָט זיין גייסט געטובלט אין אַ ברענענדיקן, לייטערנדיקן פייער. שפּינאָזע איז דער הייליקער פונעם דענקען, ווי שעלי פון דער פּאָעזיע". — געאָרג בראַנדעס.

„שפינאָזע איז איינער פון יענע גרויסע מענטשן, וואָס זייער אימפּאַזאַנטקייט וואַקסט באַשיינפּערלעך מיטן לויף פון יאָרן. ווי אַ באַרג וואָס איז ביים אַנהייב פאַרשטעלט דורך די בערגלעך ביי זיין צופוסנס, שטייגט ער אַלץ העכער ביים צוריקטרעטן פון אים". — דזשאָרדזש סאַנטאַיאַנאַ.

„די אַלע פאַרשידענע געדאַנקען־שטרעמונגען האָבן אין שפּינאָזען נישט אַרויסגעבראַכט קיין עקלעקטישן געמיט . . . נאָר זיי זענען אַלע צונויפגעשמאָלצן געוואָרן אין איין איינציקער איינהייטלעכער געדאַנקען־מאַסע, פון וועלכער שפּינאָזע האָט ווי פון איין גאָס אַרויסגעבראַכט זיין וואונדערשיינעם פאַנטעאיסטישן וועלט־בילד". — ד"ר חיים זשיטלאָווסקי.

„שפּינאָזע האָט נישט גלאַט אַזוי געשליפן גלעזער — ער האָט געשליפן ברילן פאַר אַ נייעם וועלט־באַנעם". — שלמה מיכאָעלס.



דאָס שפּינאָזע־הויז — דער „דאָמוס ספּינאָזאַנאַ" —
אין האַאַג. (דאָס בילד איז גענומען געוואָרן אין 1951.)
ביים הויז שטייט שמואל ווינערס זון, דר. מ. מ. ווינער.
שפּינאָזע האָט געוואוינט און געאַרבעט אויפן העכסטן שטאָק פון דעם הויז.
איצט איז דאָס גאַנצע הויז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שפּינאָזע מוזעי,
און מענטשן פון אַלע עקן וועלט שטראָמען אַהין יעדן טאָג פון יאָר.

# קאַרל מאַרקס — דער שאַפער פונעם מאַרקסיזם

## צו זיין הונדערט און פופציקסטן געבוירנטאָג — 1968-1818



קאַרל מאַרקס — אין זיינע יונגע סטודענטישע יאָרן.

מאַרקסיזם איז אַ גרופּע אידעען וועגן דער נאַטור פונעם אוניווערס, פונעם מענטש, פון דער געזעלשאַפט און פון דער מענטשלעכער געשיכטע, און אַט די אידעען טראָגן דעם נאָמען פון קאַרל מאַרקס. ווערט היינטיקן מאַי, 1968, הונדערט און פופציק יאָר ווי מאַרקס איז געבוירן געוואָרן. אָבער איידער ס׳ווערט דאָ בקיצור דערקלערט וואָס איז אַזוינס מאַרקסיזם — עטלעכע קורצע ביאָגראַפישע פּרטים וועגן זיין לעבן און שטאַרבן.

טיילן פון דער אַרבעט פאַרעפנטלעכט אין „יידישע קולטור״, חודש-שריפט פון איקוף, מערץ און אַפּריל, 1968, ניו-יאָרק, און אין „זאַמלונגען״, פּערטליאַר-שריפט, נומער 41, האַרבסט, 1968, ניו-יאָרק.

## .1

קארל מארקס איז געבוירן געוואָרן מאַי 5, 1818, אין טריער, דייטשלאַנד, דער זון פון אַן אַדוואָקאַט און אַן אייניקל פון אַ רב. נאָכן פאַרענדיקן זיין שטודיום אין טריער, טרעט ער אריין אין אוניווערזיטעט אין באָן און שטודירט דערנאָך אויך אין אוניווערזיטעט אין בערלין. דאָרטן שטייט ער צו צו דער גרופּע רעוואָלוציאָנער־געשטימטע סטודענטן, וועלכע זענען געווען באַקאַנט ווי „לינקע העגעליאַנער״. נאָכן פאַרענדיקן זיין שטודיום אין בערלינער אוניווערזיטעט האָט דער יונגער מארקס געגומען אַרבעטן אויף זיין דאָקטאָראַט־דיסערטאַציע מיטן נאָמען: „די אונטערשידן צווישן דער נאַטור־פילאָזאָפיע פון דעמאָקריטן און עפּיקורן״. אין אָט דעם ווערק האַלט ער זיך נאָך אַלץ ביי אַן אידעאַליסטישן שטאַנדפּונקט אין דער פילאָזאָפיע. דורך די ווייטערדיקע עטלעכע יאָר גייט ער איבער פון פייערבאַכס הומאַניזם צום דיאַלעקטישן מאַטעריאַליזם.

די פּאָליטישע רעאַקציע אין דייטשלאַנד אין 1841, מאַכט פאַר אים אוממעגלעך צו קריגן אַ פּאָסטן אין אַן אוניווערזיטעט. ווערט דער יונגער, 23־יעריקער מארקס רעדאַקטאָר פון אַ ראַדיקאַל־בורזשואַזער צייטונג אין קעלן, „די רהיינישע צייטונג״. אָבער ס׳נעמט נישט לאַנג וועז אונטערן דרוק פון דער צענזור און פון די אייגנטימער פון דער צייטונג, ווערט ער געצוואונגען צו רעזיגנירן פון דער צייטונג. ער עמיגרירט קיין פּאַריז און ווערט דאָרטן פאַרוויקלט אין קאָמוניסטישע אַקטיוויטעטן, אין טעאָרעטישע און אויך אין פּראַקטישע. מארקס האָט, ווי באַקאַנט, אויך אַרויסגעוויזן אַ שטאַרקן אינטערעס אין קונסט, אָבער גאָר באַזונדערס אין פּאָעזיע. ער האָט אין דער יוגנט אַליין אויסגעפּרואווט זיין כוח אין דער דאָזיקער קונסט. אין פּאַריז ווערט מארקס נאָענט באַפריינדט מיט היינריך היינען, וועלכער האָט אַזוי שטאַרק געהאַלטן פון מארקס׳ קינסטלערישן און קריטישן חוש, אַז ער פלעגט כסדר זיך מיישב זיין מיט מארקסן וועגן זיין יעדער נייער פּאָעמע, און זיך נישט באַרואיקט ביז מארקס איז געבליבן צופרידן סיי מיטן אינהאַלט, ווי אויך מיט דער פאָרעם פון זיינע שירים.

אין 1845 ווערט מארקס אַרויסגעטריבן פון פראַנקרייך און באַזעצט זיך אין בריסל, בעלגיע, וואו ער לעבט ביז 1848. נאָך דעם ווי ער ווערט אויסגעוויזן פון בעלגיע, נאָך דער רעוואָלוציע פון פעברואַר, 1848, ציט זיך מארקס אַריבער קיין לאָנדאָן, וואו ער האָט געלעבט ביז סוף פון זיינע טעג.

צווישן 1845 און 1849 האָט מארקס מיט דער הילף פון ענגעלסן, אַנטוויקלט די יסודותדיקע שטריכן פון דעם וואָס איז באַקאַנט ווי מאַרקסיזם. „די הייליקע פאַמיליע״ און „די דייטשישע אידעאָלאָגיע״ (ביידע געשריבן בשותפות מיט ענגעלסן), ווייטער זיין „אָרעמקייט פון פילאָזאָפיע״, אַ קריטיק איבער פּרודאָנען, זענען אָט די אַלע ווערק ביז אַ געוויסן גראַד פונדאַמענטאַלע דאָקומענטן אויפן וועג צום וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם. „דער

קאמוניסטישער מאניפעסט", געשריבן בײנאַנד מיט ענגעלסן, איז פאַר־עפנטלעכט געוואָרן אין פעברואַר, 1848, מיט הונדערט און צוואַנציק יאָר צוריק, ווי די פּראָגראַם פון דער קאָמוניסטישער ליגע, די ערשטע אינטער־נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע, און מאַרקסיזם טרעט צום ערשטן מאָל אויף אויף דער וועלט־אַרענע. דער מ א נ י פ ע ס ט איז דערשינען פונקט ערב דעם אויסברוך פון די פראַנצויזישע און דײַטשישע רעוואָלוציעס פון 1848, אין פאַרבינדונג מיט וועלכע מאַרקס האָט געשפּילט אַ וויכטיקע פּראַקטיש־אָרגאַניזירנדיקע ראָלע.

נאָך די פּאָליטישע איבערקערענישן אין פראַנקרײַך אין 1851, האָט מאַרקס פאַרעפנטלעכט זײַן "דער אַכטער ברומעיר פון לואי באָנאַפּאַרט", אין וועלכן ער ציט אונטער אַ סך־הכל פון די רעזולטאַטן פון דער רעוואָלו־ציע אין 1848־1851. די יאָרן נאָך דער רעוואָלוציע זענען פאַר מאַרקסן געווען יאָרן פון העכסט־אינטענסיווער אַרבעט איבער זײַן הויפּט־ווערק, "קאַפּיטאַל", פון וועלכן דער ערשטער באַנד איז אַרויס אין 1867. דאָס איז באמת אַ קאָלאָסאַל ווערק. איבער אָט דעם ווערק האָט ער געמוזט גרינדלעך דערלערנען אַלע געביטן, וואָס זענען פאַרבונדן מיט דער וויסנשאַפט וועגן דער מענטשלעכער געזעלשאַפט, לויט די ערשטע קוואַלן. ער האָט אויסגע־פאָרשט די בורזשואַזע פּאָליטישע עקאָנאָמיע, מיט דער גאַנצער פולקייט און טיפקייט. ווי אַזוי ער האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט פאַר די גרעסטע שוועריג־קייטן, קאָן דינען אָט דער פאַקט. בעת ער האָט געדאַרפט דערלערנען די ערד־רענטע און האָט זיך געניטיקט אין דער סטאַטיסטיק פון דער רוסישער דאָרפישער ווירטשאַפט, איז ווי שטאַרק פאַרנומען ער איז נישט געווען, האָט ער איינס און צוויי זיך אויסגעלערנט די רוסישע שפּראַך, וועלכע איז פאַר אַן אייראָפּעער אומגעהייער שווער, כדי צו קאָנען לייענען אין אָריגי־נאַל די אָפיציעלע סטאַטיסטישע באַריכטן. ער האָט אַזוי גוט באַהערשט די רוסישע שפּראַך, אַז ער האָט, ווי אַ ליבהאָבער פון פּאָעזיע, געקאָנט פריי לייענען די רוסישע פּאָעטן אין אָריגינאַל.

וועט דערבײַ דאָ כדאַי זײַן, אגב, אָנצואווײַזן דערויף, אַז מאַרקס, וועל־כער האָט אויפגעדעקט די טונקעלע זײַטן אין דער קולטור פון די פריערדיקע קלאַסן־געזעלשאַפטן, האָט ער אָבער אין דער אייגענער צײַט געהאַלטן, אַז אויף וויפיל ס'האָט די קונסט אין יענע געזעלשאַפטן אָנטפּלעקט די גרויס־קייט פונעם מענטש, געגעבן אַ קינסטלערישע פאָרם זײַנע קאָנפליקטן און ליידנשאַפטן און אָנגעדייט אויף זײַנע אומענדלעכע פּאָטענציעלקייטן, איז אָט די קונסט זייערע פונקט אַזוי אויך היינטצײַטיק און פאַר אַלע צײַטן.

אין די לעצטע יאָרן פון זײַן לעבן אַרבעט מאַרקס אויף די ווייטערדיקע בענד פון "קאַפּיטאַל". דאָס זענען אויך געווען יאָרן פון אָנגעשטרענגטע פּאָליטישע און אָרגאַניזאַציאָנעלע אַקטיוויטעטן.

מיט דער פאַרשטאַרקונג פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, אָנהייב זעכציקער

יאָרן, נעמט זיך מאַרקס צום רעאַליזירן זײַנע אידעען וועגן אַן אַסאָציאַציע פון אַרבעטער אין די פֿירנדיקע אײראָפּעאישע לענדער. אין 1864 ווערט אין לאָנדאָן געגרינדעט די אינטערנאַציאָנאַלע אַרבעטער אַסאָציאַציע — דער ערשטער אינטערנאַציאָנאַל, אין וועלכן מאַרקס ווערט דער באַוועגנ־דיקער גײַסט און אינטעלעקטועלער פֿירער. אין 1871 שרײַבט ער אַן זײַן בריליאַנטענע בראָשור, „דער בירגער־קריג אין פֿראַנקרײַך", אַ חריפֿותדי־קער אַנאַליז פֿון דער פּאַריזער קאָמונע. דער גענעראַל־ראַט פֿונעם ערשטן אינטערנאַציאָנאַל ווערט דעמאָלט אַריבערגעפֿירט קיין אַמעריקע, וואו ער ווערט אין 1876 אויפֿגעלייזט. פֿון יענער צײַט אָן און ווײַטער האָט מאַרקס זיך געווידמעט צום פֿאַרענדיקן זײַן „קאַפּיטאַל".

דאָס טרײַבן אים אַלע מאָנטיק און דאָנערשטיק פֿון איין לאַנד צום אַנ־דערן, צו וועלכן ער איז געווען אונטערגעוואָרפֿן דורך רעאַקציאָנערע רע־גירונגען, די שווערע נויט וועלכע ער האָט מיט זײַן פֿאַמיליע געליטן זײַן גאַנץ לעבן און וועלכע איז בלויז טיילווײַז געלינדערט געוואָרן דורך דער מאַטעריעלער הילף פֿון ענגעלסן, די מעכטיקע קאַמפֿן וואָס מאַרקס האָט געפֿירט קעגן אַ סך נישט־פּראָלעטאַרישע און אַנטי־פּראָלעטאַרישע טענ־דענצן — אַלע האָבן זיי אונטערגעגראָבן זײַן געזונט. און אין מערץ 14, 1883, פֿאַרענדיקט זיך זײַן לעבן. ער איז אויסגעגאַנגען זיצנדיק ביי זײַן אַרבעטס־טיש. אויפֿן צווייטן טאָג נאָך מאַרקס' טויט האָט ענגעלס געשריבן: „די מענטשהייט איז נידעריקער געוואָרן מיט אַ קאָפּ, און דאָס מיטן גע־ניאַלסטן קאָפּ, וואָס די מענטשהייט האָט פֿאַרמאָגט אין דער לעצטער צײַט".

אין זײַן אויטאָביאָגראַפֿיש ווערק „דער אַני מאמין פֿון אַ ליבעראַל", האָט דער פֿאַרשטאָרבענער מאָריס ר. קאָהען, באַרימטער פֿילאָזאָפֿיע־פּראָפֿע־סאָר אין ניו־יאָרקער סיטי־קאָלעדזש (שטאָטישער אוניווערזיטעט), און מחבר פֿון אַ צאָל וויכטיקע ווערק אין אָט דעם פֿעלד, געגעבן איינע פֿון די בעסטע דעפֿיניציעס וועגן עטיק: „דער שורש און הויפּט־מאָטיוו פֿון עטישן געדאַנק", שרײַבט ער דאָרטן, „איז די ליידנשאַפֿט צו לינדערן מענטשלעכע לײַדן". צו מעסטן, בכן, מאָראַל מיט אָט דער מאָס, איז אין דער געשיכטע נישט געווען קיין אפֿשר קיין מענטש פֿון אַ העכערער מאָראַל ווי קאַרל מאַרקס. האָט ער דאָך זײַן גאַנץ לעבן אַוועקגעגעבן אָט דער איינ־ציקער זאַך — צו לינדערן די לײַדן פֿון דער מענטשהייט, פֿון יעדן מענטש.

פֿון דער צווייטער זײַט האָט דער אמת פֿון דער מאַרקסיסטישער טעאָריע אַרויסגערופֿן אַ פּאַניק פּשוט צווישן איינגנוציקע מענטשן, וועלכע האָבן קיין חשק נישט אויפֿצוגעבן זייערע פּריווילעגיעס, אַלץ קומט זיי, און האָט געפֿירט צו שווערע רדיפֿות מצד דער רעאַקציע קעגן די אָנהענגער פֿונעם מאַרקסיזם. אָבער צווישן הומאַניסטן און עטישע, אומאייגננוציקע מענטשן האָט מאַרקס' הומאַניסטישע טעאָריע געפֿונען אָנהענגער.

נאָך מאַרקס' טויט, האָט זײַן נאָענטסטער מיטאַרבעטער און מיטקעמ־

פער, פרידריך ענגעלס זיך גענומען צו דער אַרבעט פון רעדאַקטירן און צו־גרייטן צום דרוק דעם צווייטן און דריטן באַנד פון „קאַפּיטאַל”, וועלכס מאַרקס האָט נישט באַוויזן צו פאַרענדיקן. מיט אָט דער אַרבעט זיינער האָט ענגעלס אויפגעשטעלט אַן אייביקן מאָנומענט פאַר זיין גרויסן פריינט.

אַזוינע געניאַלע מענטשן ווי קאַרל מאַרקס, וועלכע לייגן אַרויף דעם חותם פון זייער רייכער פּערזענלעכקייט אויף גאַנצע היסטאָרישע עפּאָכעס, ווערן געבוירן איין מאָל אין יאָרהונדערטער, און פאַר זייער אויפקום און אַנטוויקלונג האָט געמוזט זיין אַ גאָר באַזונדערס גינציקער צונויפפאַל פון אַ גאַנצער ריי אומשטענדן.

## .2

## וואָס איז מאַרקסיזם?

מיר קומען איצט צו צו דער שאַפונג פון קאַרל מאַרקס—צום מ א ר ק ־ ס י ז ם. אין וואָס, בכן, באַשטייט זיין באַדייט?

ס'האָט לעניִן דעפינירט די דריי קוואַלן פון וואַנעט ס'שטאַמט אָפּ דער מאַרקסיזם, אָט אַזוי: 1. די קלאַסישע דייטשישע פילאָזאָפיע; 2. די קלאַ־סישע ענגלישע עקאָנאָמיע; 3. די פראַנצויזישע פּאָליטישע טעאָריע, ביי־נאַנד מיט איר רעוואָלוציאָנערער פּראַקטיק.

וועט דאָ איצט אין פּלאַץ זיין צו זאָגן אַ וואָרט וועגן דעם, ווי אַזוי מאַרקס איז געקומען צו דעם, ער זאָל ווענדן זיין געדאַנק צום שטודיום פון אָט די דריי פאַרשידנאַרטיקע פעלדער. ווי אַ ברילִיאַנטענער און פלייסיקער סטודענט אין אוניווערזיטעט, האָט ער אַדורכשטודירט די געשיכטע פונעם מענטשלעכן געדאַנק זינט דעם גרויען אַלטערטום אָן ביז אַראָנטער צו העגעלן, אין מאַרקס' אייגענע טעג, און ער האָט זיך פאַרהאַלטן ביי העגעלס לערע וועגן דער מלוכה, ווי אַ מאַכט וואָס שטייט איבער דער געזעלשאַפט, אַנהאַלטנדיק אַ גלייכגעוויכט צווישן די אַנטקעגנגעשטעלטע, זיך־באַקעמפנ־דיקע אינטערעסן. ס'איז געווען דער ספּעציעלער כאַראַקטער פון מאַרקס' דענקען תמיד נאָכצופאָרשן די פאַרבינדונג צווישן טעאָריע און פּראַקטיק. האָט ער אָבער בשום אופן נישט געקאָנט זען ווי אַזוי העגעלס טעאָריע וועגן דער אומפּאַרטייאישקייט פון דער מלוכה קאָן שטימען מיט דער פּראַקטיק. פאַרקערט גאָר, ווען נאָר די עקאָנאָמישע אינטערעסן פון די פאַרשידענע עלעמענטן אין דער געזעלשאַפט זענען געווען אַנטקעגנגעשטעלט איינער דעם אַנדערן האָט די מלוכה תמיד און כסדר געדינט די אינטערעסן פונעם הערשנדיקן קלאַס. אַנשטאָט צו באַשיצן די שוואַכע האָט די מלוכה גאָר געהאָלפן די שטאַרקע. כדי בכן צו געפינען אַ מער ראַיעלע דערקלערונג בנוגע די אמתע קאָנדיציעס אין דער היינטצייטיקער געזעלשאַפט, ווי ס'איז

געוועז העגעלס, האט מארקס אין זיינע שטודיעס זיך געווענדט צו אזוינע ענגלישע עקאנאמיסטן ווי אדאם סמיט און דעיוויד ריקארדא און אנדערע. די ק ר י ט י ק וואס מארקס האט אדורכגעפירט איבער זייערע מיינונגען, איז אייגנטלעך אן אפשאצונג וועגן דעם, וועלכע פון די טעאריעס פון אט די גרויסע בורזשואזע באגרינדער פון דער עקאנאמישער וויסנשאפט פארמאגן א פערמאנענטע דויערהאפטיקייט. צוקומענדיק אט אזוי נאך צו א פארשטענדעניש וועגן דער אמתער נאטור פון דער געזעלשאפט און זייענדיק פאראינטערעסירט זי אויסצובעסערן, האט זיך מארקס גענומען צו די ווערק פון יענעם פאלק, וועלכס האט געמאכט די אנטשיידנדיקסטע רעוואלוציע קעגן פעאדאליזם און אויף וועלכן ס׳איז אויסגעפאלן דער גורל צו זיין דער הויפט רעוואלוציאנערער כוח אינעם נייצנטן יארהונדערט — צו די פראנצויזן. אט אזוי נאך איז אויס דער דערפארונג פון די דריי סאמע פארגעשריטענע צווישן די מערב־אייראפעאישע פעלקער אויסגעהאמערט געווארן די טעאריע וואס איז באקאנט ווי מארקסיזם. דער רעזולטאט איז געווען א בריליאנטענער נייער סינטעז, וועלכער איז העכסט אריגינעל און שטייט אין דער אייגענער צייט פעסט אינעם הויפט־שטראם פון דער היינטצייטיקער אינטעלעקטועלער אנטוויקלונג און גייט נאך אלץ פארויס.

מיר וועלן איצט געבן גאנץ בקיצור די צענטראלע עלעמענטן פונעם מארקסיסטישן בליק אויף דער מענטשלעכער געזעלשאפט און איר געשיכטע.

דער אוניווערס, האלט מארקס, איז גאנץ רעאל און עקזיסטירט פאר אייביקייטן, נאך איידער ס׳איז געווען א מענטשלעך לעבן, אדער בכלל א וואסער עס איז לעבן אויף אונדזער פלאנעט. דא, אויף דער ערד, איז לעבן א זייטיקער פראדוקט פון דער נאטור, בעת דעם אפקילן זיך פון דער ערד, און די מענטשהייט איז א רעזולטאט פון אן אומגעהייער לאנגן פראצעס פון עוואלוציע. אין די גאר פריע שטופן פון דער מענטשלעכער געזעלשאפט, איז מענטשלעכע ארבעט געווען אזוי ווינציק פראדוקטיוו, אז זי האט נישט ארויסגעגעבן קיין סורפלוס, קיין איבערפלוס, וואס זאל אריבערגיין איבער דעם סאמע נייטיקסטן פארן לעבן און אויף זיך צו רעפראדוצירן. אזוי לאנג ווי אט דאס איז אנגעגאנגען, האבן מענטשן געלעבט אין א מצב פון פרימיטיוון קאמוניזם — קאאפערירנדיק צווישן זיך איינער מיטן אנדערן, טיילנדיק זיך, קעמפנדיק צוזאמען, אבער נאך נישט עקספלואטירנדיק איינער דעם צווייטן.

שפעטער, מיט דער צייט, האט די טעכניק אויף אזוי פיל זיך פארבעסערט, אז א מענטש האט געקאנט פראדוצירן מערער ווי דאס אין וועלכן ער אליין האט זיך גענייטיקט, און פון אט דער צייט הייבט זיך אן די עקאנאמישע עקספלואטאציע פון מענטש דורך מענטש און ס׳קומען צווישן זיי אויף סאציאלע, צווישן זיך צעשפאלטענע קלאסן. ווען איין שבט האלט

מלחמה און צעשלאָגט אַ צווייטן שבט, האָט זיך איצט בעסער געלוינט צו נעמען געפאַנגענע ביים באַזיגטן שונא און זיי צווינגען צו אַרבעטן פאַרן זיגער, איידער זיי אומצוברענגען. טייל מענטשן ווערן אַזוי נאָך הערשער, לעבנדיק פון די סורפּלוס־פּראָדוקטן וואָס ווערן פּראָדוצירט דורך אַנדערע; בעת די פּאַקטישע פּראָדוצירערס האָבן פאַרלוירן זייער אומאָפּהענגיקייט און פרייהייט און אויסגעברענגט זייערע לעבנס פּראַצעווענדיק פאַר זייערע באַלעבאַטים. אויף אָט דעם אופן הייבט זיך אָן די עקספּלואַטאַציע פון מענטש דורך מענטש און די צעטיילונג פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט אין אַנטקעגנגעשטעלטע קלאַסן, און אינאיינעם דערמיט דער קלאַסן־קאַמף.

אָבער אָט די פאָרם פון עקספּלואַטאַציע בלייבט נישט שטיין אויף איין אָרט, און באמת, קיין שום זאַך אין אונדזער וועלט בלייבט נישט אומגעענדערט, אַלצדינג איז אין אַ כסדרדיקן פלוס, האַלט זיך אין בייטן. די עקספּלואַטירערס זוכן אויסצוברייטערן דעם סורפּלוס וועלכן זיי קריגן אַריין, און מיט אָט דעם ציל אין אויג, האַלטן זיי אין איין דערפינדן און אַריינברענגען אַן אַלץ נייערע און בעסערע טעכניק אין דער פּראָדוקציע; די עקספּלואַטירטע ווידער, פון זייער זייט, זוכן צו פאַרבעסערן זייער מצב און זיי פירן דעריבער אָן אַ קאַמף, וואָס שטעלט זיך קיינמאָל נישט אָפּ, צו פאַרגרעסערן זייער חלק פונעם פּראָדוקט, וועלכן זיי פּראָדוצירן פאַר זייערע באַלעבאַטים. ווי אַ פּועל־יוצא דערפון ענדערן זיך די פאָרמען פון עקספּלואַטאַציע, און אינאיינעם דערמיט די גאַנצע סטרוקטור פון דער געזעלשאַפט. צום אָנהייב איז עס געווען שקלאַפעריי, ווען דער אַרבעטער איז געווען דאָס אייגנטום פון זיין באַלעבאָס. דערנאָך איז געקומען די פּאַנשטשיזנע, לייב־אייגנטום, אין וועלכער דער אַרבעטער האָט שוין דערגרייכט אַ געוויסן גראַד פון פרייהייט, אָבער איז נאָך אַלץ געווען צוגעבונדן צו דער ערד וועלכע ער האָט באַאַרבעט. אַזאַ געזעלשאַפט ווערט אָנגערופן פעאָדאַליזם. און צום סוף איז געקומען די לוין־אַרבעט אין וועלכער דער אַרבעטער איז לויטן געזעץ פולשטענדיק פריי. דערפאַר אָבער וואָס ער פאַרמאָגט נישט די פּראָדוציר־מיטלען מיט וועלכע ער זאָל קאָנען פּראָדוצירן פאַר זיך אַליין, מוז ער אַרבעטן פאַרן פּראָפיט פון אַנדערע.

אַ געזעלשאַפט געבויט אויף פּריוואַט־אייגנטום פון די פּראָדוציר־מיטלען און אויף לוין־אַרבעט ווערט אָנגערופן קאַפּיטאַליזם. דער קאַפּיטאַליזם איז צום ערשטן אויפגעקומען אין ענגלאַנד און אין נאָך עטלעכע ערטער אין מערב־אייראָפּע, נישט אַלע אויף אַמאָל, נאָר ביסלעכווייז און מיט גרויס מאַטערניש, צווישן דעם זעכצנטן און נייצנטן יאָרהונדערט. דער קאַפּיטאַליזם האָט מיט זיך געברענגט סאָציאַלע און פּאָליטישע איבערקערענישן, אַ נייעם אופן פון דענקען, און אַ טיפע איינזעעניש וועגן די אומגעהייערע שאַפנדיקע מעגלעכקייטן פון מענטשלעכער אַרבעט און אינדוסטריע. היסטאָריש גערעדט, איז קאַפּיטאַליזם געווען אַ היפּשער שפּרונג פאָראויס,

אין די ווערטער פונעם „קאמוניסטישן מאניפעסט”: „ער האט אדורכגעפירט וואונדער וואס האבן ווייט איבערגעשטיגן די עגיפטישע פיראמידן, די רוימישע אקוועדוקטן, און די גאטישע קאטעדראלן; ער האט אדורכגעפירט עקספעדיציעס וואס האבן אוועקגעשטעלט אין שאטן אלע פריערדיקע וואנדערונגען און קרייצצוגן”.

אבער קאפיטאליזם האט אינעווייניק אין זיך דאס וואס מארקס רופט אן קאנטראדיקציעס, ווידערשפרוכן וואס דערלאזן אים נישט צו רעאליזירן די מעגלעכקייטן, וועלכע ער איז געווען דער ערשטער זיי אויפצודעקן. דער קאפיטאליסטישער קלאס, וואס באשטייט פון יענע וואס פארמאגן די פראדוציר־אינסטרומענטן, און לאזן זיי אין באוועגונג, איז און מוז זיין פאראינטערעסירט בלויז אין מאכן פראפיטן, און נישט אינעם וואוילזיין פונעם כלל, פון אלע מענטשן. קאפיטאליסטן סובארדינירן, ווארפן אונטער אלע אנדערע צילן צו אט דעם איינציקן ציל — צו קריגן דעם העכסט־מעגלעכן פראפיט. יאגנדיק זיך נאך אט דעם ציל, צאלן זיי די ארבעטער אזוי ווינציק ווי ס'לאזט זיך נאר, און האלטן אין איין איינפירן נייע ארבעט־שפארנדיקע מאשינען. דער פועל־יוצא דערפון איז, וואס די פארברויך־קראפט פונעם ארבעטער־קלאס ווערט געהאלטן אויף א נידעריקן מצב, בעת די קאפיטאליסטן זוכן דורך אלערליי מיטלען אנצוזאמלען אלץ מערער און מערער קאפיטאל. אבער דאס אנזאמלען אלץ מערער און מערער קאפיטאל מיינט די פארמערונג פון דער געזעלשאפטס פראדוצירונג קאפאציטעט. האבן מיר דעריבער דעם מאדנעם פאראדאקס, וואס פון איין זייט האלט קאפיטאליזם צוריק דעם פארברויך און פון דער צווייטער זייט פארשנעלערט ער אזוי פיל ווי נאר מעגלעך די פראדוקציע. אט דאס איז זיין סאמע פונדאמענטאלע קאנטראדיקציע, סתירה, וועלכע רופט ארוים פעריאדיש עקאנאמישע קריזיסן און ארבעטסלאזיקייט, און אט דאס וועט נישט אנדערש קאנען עלימינירט ווערן ווי נאר דורכן ענדערן דעם סיסטעם פון דעם וואס האלט זיך אויף פראדוקציע פאר פראפיט צו יענעם סיסטעם, וואס וועט פראדוצירן פארן געברויך.

אויפן גרונט פון אט דעם אנאליז, האט מארקס געגלייבט, אז ס'איז אין די אינטערעסן פון די ארבעטער זיך צו ארגאניזירן פאליטיש כדי עווענטועל איינצוקריגן די מאכט און פארבייטן דעם קאפיטאליזם דורך א סיסטעם וואס זאל זיין באגרינדעט אויף קהל'עשן אייגנטום פון די פראדוציר־מיטלען און עקאנאמישער פלאנירונג, א סיסטעם וועלכן ער און זיינע נאכפאלגער האבן א נאמען געגעבן *סאציאליזם*. נאך מער, מארקס איז נישט געווען אין ספק, אז די ארבעטער וועלן פאקטיש נאכפאלגן אט דעם קורס, און אז זייערע וואקסנדיקע צאלן אונטערן קאפיטאליזם, זייער וויכטיקייט און דיסציפלין וועלן פריער אדער שפעטער פארזיכערן זייער נצחון. בנוגע דעם *וויאזוי* דער דאזיקער איבערגאנג וועט אדורכגע־

פּירט ווערן, האָט מאַרקס לכתחילה געהאַלטן, אַז דאָס וועט אומעטום זיין דורך די מיטלען פון אַ גוואַלטזאַמער רעוואָלוציע. מיט דער אויסשפּרייטונג אָבער אַלץ מערער פון פּאָליטישער דעמאָקראַטיע, בפרט אין די ענגליש־רעדנדיקע לענדער, האָט ער שפּעטער דעם דאָזיקן בליק זיינעם מאָדיפיצירט, און האָט אין די לעצטע פּאָר צענדליק יאָר פון זיין לעבן געגלייבט, אַז אונטער געוויסע אומשטענדן קאָן אין טייל לענדער גאַנץ מעגלעך יאָ געמאָלט זיין אַ פּרידלעכער און געזעצלעכער איבערגאַנג. „מיר ווייסן", — האָט ער געזאָגט אין אַ רעדע אין אַמסטערדאַם, אין 1872, — „אַז ספּעציעל וועט מען מוזן נעמען אין באַטראַכט די אינסטיטוציעס, מנהגים און טראַדיציעס פון די פאַרשידענע לענדער; און מיר לייקענען נישט, אַז ס'איז פאַראַן געוויסע לענדער, אַזוינע ווי די פאַראייניקטע שטאַטן און ענגלאַנד, אין וועלכע די אַרבעטער קאָנען האָפן צו דערגרייכן זייערע צילן דורך פרידלעכע מיטלען".

### 3.

## וואָס־זשע אַזוינס איז סאָציאַליזם?

לויט מאַרקסן איז סאָציאַליזם יענע פאָרם פון אַ געזעלשאַפט וועלכע וועט קומען נאָכן קאַפּיטאַליזם, פּונקט אַזוי ווי קאַפּיטאַליזם איז די געזעלשאַפטלעכע פאָרם וואָס איז געקומען נאָכן פעאָדאַליזם.

די סאַמע פונדאַמענטאַלע ענדערונג וואָס סאָציאַליזם ברענגט אַריין באַשטייט אין דער אָפּשאַפונג פונעם קאַפּיטאַליסטישן פּריוואַט־אייגנטום איבער די פּראָדוציר־מיטלען. מאַרקס האָט קלאָר דערוויזן ווי קאָנטראַדיקציעס, ווידעראַנאַנדן זענען איינגעבוירן אינעם קאַפּיטאַליסטישן סיסטעם, און ווי ער איז, נאָך זיין נאַטור נאָך, פול באַלאָדן מיט קאָנפליקטן. ער האָט געוויזן, אַז הגם דער איבערגאַנג פון פעאָדאַליזם צו קאַפּיטאַליזם האָט מיט זיך רעפּרעזענטירט אַ געוואַלדיקן שריט פאָראויס צו אַ מער ראַציאָנעלן, שכלדיקן מצב פאַר דער מענטשהייט, ווערט אָבער אונטערן קאַפּיטאַליזם ווייטערער פּראָגרעס צעקרימט, צעקריפּלט און עווענטועל פאַרבלאָקירט דורך דער איראַציאָנעלקייט פונעם קאַפּיטאַליסטישן סדר. ווייטער האָט ער געוויזן, אַז אָט די איראַציאָנעלקייט איז נישט קיין פאָראיבערגייענדיקע כאַראַקטעריסטיק פונעם קאַפּיטאַליזם, נאָר איז איינגעבוירן אינעווייניק אין אים, אַז זי רעפּרעזענטירט דעם אומפאַרמיידלעכן אַרויסוואוקס פון זיינע סאַמע יסודות: דאָס איז די אינסטיטוציע פון פּריוואַט־אייגנטום אויף די פּראָדוציר־מיטלען. ער האָט דערוויזן, אַז אויפן היינטיקן שטאַפּל פון היסטאָרישער אַנטוויקלונג, קאָן אַ סאָציאַליסטיש־פּלאַנירטע געזעלשאַפט, דורכן אויסנוצן די פּראָדוציר־מיטלען, וועלכע ווערן געזעלשאַפטלעך אייגנטום, פירן צום וואוילזיין פאַר יעדן איינעם מיטגליד פון דער געזעלשאַפט.

דערפון איז במילא שוין געדרונגען, אַז געזעלשאַפטלעך אייגנטום פאָדערט עקאָנאָמישע פּלאַנירונג. די קאַפּיטאַליסטישע עקאָנאָמיע, ווי באַוואוסט, ווערט באַהערשט דורכן מאַרק, דאָס מיינט, דורך פּריוואַטע פּראָדוצירער אָדער קאָרפּאָראַציעס, וואָס פּאַסן זיך צו צו די פּרייז־באַוועגונגען אויפן מאַרק, מיט אַן אויג אַז זייערע אייגענע פּראָפיטן זאָלן זיין די העכסט־מעגלעכע. דורך אָט דעם מעכאַניזם ווערט דער פּאַרלאַנג און דער רעזערוו פון סחורות צוגעפּאַסט איינס צו דאָס אַנדערע. געזעלשאַפטלעכע קערפּערשאַפטן האָבן נישט קיין סיבה וואָס זאָל זיי צווינגען אַריינצוקריגן די העכסט־מעגלעכע פּראָפיטן — הגם מ'דאַרף צוגעבן, אַז אונטער געוויסע אומשטענדן קאָן מען זיי אויפפאָדערן צו מאַכן אַזוי פיל פּראָפיטן וויפיל ס'איז נאָר מעגלעך, — פּראָפיטן, נאַטירלעך, נישט פאַר אינדיווידועלע קאַפּיטאַליסטן, אָדער קאָרפּאָראַציעס. בכלל גענומען אָבער, מוזן זיי האָבן אַ וואָסער עס איז אַנדער פּרינציפּ פאַר זייער עקאָנאָמישער אָנפירונג ווי דעם פּראָפיט־פּרינציפּ, און אָט דאָס קאָן בלויז זיין דורכן אויספאָלגן אַ פּלאַן וועלכער זאָל קאָאָרדינירן די אַקטיוויטעטן פון אַלע געזעלשאַפטלעכע קערפּערשאַפטן, וואָס פירן אָן מיט דער אינדוסטריע. דערביי אָבער דאַרף מען אויסמיידן איבערגעטריבענע צענטראַליזאַציע, וואָס שוואַכט־אָפּ דעם דעמאָקראַטישן עלעמענט אין דער אַרבעט.

בכן, טענהט סאָציאַליזם, אַז ס'איז אַקוראַט און גענוי דאָס באַפרייען זיך פון דער נויטווענדיקייט צו מאַכן פּראָפיטן, און דאָס קאָאָרדינירן פון אַלע עקאָנאָמישע אַקטיוויטעטן דורך איין אַלגעמיינעם פּלאַן, וואָס גיט די מעגלעכקייט דער סאָציאַליסטישער עקאָנאָמיע ביייצוקומען די סתירות, די ווידעראַנאַנדן פונעם קאַפּיטאַליזם און צו אַנטוויקלען זיינע רעסורסן און די טעכנאָלאָגיע פאַרן גרעסטן גוטס פאַר אַלע מענטשן. אונטער אָט אַזאַ סיסטעם, קאָנען קריזיסן און אַרבעטלאָזיקייט קומען בלויז דורך אַ שלעכטער פּלאַנירונג; און בעת שלעכטע פּלאַנירונג איז זיכער נישט אוממעגלעך, בפרט אין די ערשטע סטאַדיעס פון דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט, איז דאָך נישטאָ קיין סיבה פאַרוואָס די פּלאַנירער זאָלן וואָס ווייטער נישט לערנען פון דערפאַרונג ווי צו פאַרריכטן זייערע טעותן און צו רעדוצירן די רעזולטירנדיקע נישט ריכטיקע צוגעפּאַסטקייטן און דיספּראָפּאָרציעס צו אַן אַלץ קלענערער און קלענערער צאָל אונטערנעמונגען.

בנוגע דעם ווידער, וואו ס'וועט פריער איינגעפירט ווערן סאָציאַליזם — האָט מאַרקס תחילת דערוואַרט, אַז סאָציאַליזם זאָל פריער קומען אין די מער אַוואַנסירטע אינדוסטריאַליזירטע לענדער, און אויפצובויען דעם סאָציאַליזם אויף די פּאָליטישע יסודות, וועלכע יענע לענדער האָבן שוין דערגרייכט. היות אין אָט די לענדער זענען די אַרבעטער אַ מאַיאָריטעט פון דער באַפעלקערונג, האָט ער געגלייבט, אַז דאָס איבערנעמען די פּאָליטישע מאַכט דורכן אַרבעטער־קלאַס וואָלט געמיינט פולע דעמאָקראַטיע און פרייהייט

פאַר די מיינסטע מענטשן, והגם ער האָט אויך דערוואָרט, אַז ס'זאָל דאָרט זיין אַ גרעסערער אָדער קלענערער פעריאָד ווען די רעכט און פרייהייטן פון די פריערדיקע עקספּלואַטירערס זאָלן ווערן אונטערגעוואָרפן צו געוויסע באַשרענקונגען. בנוגע דער ווייטערער צוקונפט, האָט ער געהאַלטן, אַז די פולע אַנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפטס עקאָנאָמישן פּאָטענציאַל אונטערן סאָציאַליזם, וועט ביסלעכווייז, טריט ביי טריט אויפהייבן דעם וואוילשטאַנד און די בילדונג פון יעדן איינעם אויף אַזוי פיל, אַז סוף כל סוף וועלן אַלע קלאַסן און קלאַסן־אונטערשידן אַוועקפאַלן. ווען אָט דאָס וועט געשען — דאָס מיינט, ווען די סאָציאַליסטישע פּראָדוקציע וועט אויסוואַקסן צו אַזאַ מדרגה, אַז זי וועט שוין קאָנען דערמעגלעכן דעם איבערגאַנג פון סאָציאַליזם צו קאָמוניזם, אָבער נישט פריער — וועט די מלוכה ווי אַן אונטערדריקערישער אַפּאַראַט צו ספּראַווען זיך מיט קלאַסן־קאָנפליקטן און אַנדערע פאָרמען פון סאָציאַלע קאָנפליקטן — „פאַרוועלקט ווערן". דאָס וועט זיין אַ מלוכה פון אַזאַ געזעלשאַפט אין וועלכער, צו ציטירן מאַרקס' ווערטער: „די פרייע אַנטוויקלונג פון יעדן איינעם איז דער באַדינג פאַר דער פרייער אַנטוויקלונג פון אַלע", און אַז דאָס וועט זיין אַ געזעלשאַפט אין וועלכער די פאַרטיילונג וועט פאָרקומען לויט אָט דעם פּרינציפּ פון מאַרקסן: „פון יעדן לויט זיינע פעאיקייטן, צו יעדן לויט זיינע באַדערפענישן".

אמת, ס'האָבן שוין אַנדערע פאַר מאַרקסן געהאַט אַן ענלעכע וויזיע וועגן אַ גוטער מענטשלעכער געזעלשפט, וואָס וועט קומען — אַ געזעלשאַפט פון שפע פאַר אַלעמען און ברודערשאַפט, אָנשטאָט אַ געזעלשאַפט פון דחקות, נויט, אומוויסנקייט און אָפּפרעמדונג,* צו וועלכן דער מענטשלעכער מין איז ביז היינט געווען פאַרמשפּט צו לעבן. ס'האָט ענגעלס טאַקע אָנגעוויזן, אַז די דריי גרויסע אוטאָפּיסטן, סען סימאָן, פוריע און אָוען, נישט געקוקט אויף דער פאַנטאַסטישקייט און אוטאָפּיזם פון זייערע לערעס, זענען זיי

*) מיטן טערמין „אָפּפרעמדונג", אָדער „אַליענירונג", האָט מאַרקס געמיינט דאָס וואָס אינעם מענטשנס באַוואוסטזיין ווערן אונטערן קאַפּיטאַליזם פאַרקריפּלט די רעאַלע פאַרהעלטענישן צווישן די מענטשן. די דאָזיקע „אָפּפרעמדונג" קומט פאָר אויפן ביישפּיל פונעם סחורה־פעטישיזם אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, וואו מ'קוקט אויף סחורות וואָס זענען פּראָדוקטן פונעם מענטשנס מי, ווי אויף זאַכן וואָס פאַרמאָגן אין זיך די איבערנאַטירלעכע אייגנשאַפטן צו דעטערמינירן דעם גורל פון די מענטשן. ס'באַקומט זיך אַזוי נאָך, ווי די פאַרהעלטענישן צווישן זאכן וואָלטן אַרויסגערופן געוואָרן נישט דורך די פאַרהעלטענישן צווישן מענטשן, נאָר פאַרקערט גאָר, די פּראָדוציר־פאַרהעלטענישן פון די מענטשן ווערן באַשטימט דורך די אייגנשאַפטן פון די זאַכן, וועלכע ווערן פּראָדוצירט דורך די מענטשן.

דאך געווען די דירעקטע פאָרגייערס פונעם וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם. וואָס עס שיידט אָבער ספּעציעל אויס מאַרקסן פון זיינע פאָרגייערס איז דאָס וואָס ער האָט זיך אָנגעשטרענגט צו דערווייזן, אַז אָט די געזעלשאַפט פון דער צוקונפט, וועלכע ער האָט אָנגערופן סאָציאַליזם, איז נישט בלויז אַ חלום און אַ האָפענונג, נאָר איז בפירוש יענע שטופע אין דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג, וועלכע איז דעטערמינירט צו קומען באַלד נאָכן קאַפּיטאַליזם. אוודאי וועט זי נישט קומען אויטאָמאַטיש, פון זיך אַליין, אויך נישט ווי דער רעזולטאַט פון בלינדע כוחות. די דאָזיקע נייע געזעלשאַפט וועט גיכער קומען ווי דער רעזולטאַט פון דער באַוואוסטזיניק אָרגאַניזירטער אַקטיוויטעט פון די אַרבעטס-מענטשן, די גאָר גרויסע מאַיאָריטעט פון דער מענטשהייט. האָבנדיק פאַרן אויג אָט די פּערספּעקטיווע, דאַרף דעריבער זיין די אויפגאַבע פון יעדן מענטשן־פריינט צו ווידמען זיין ענערגיע צו אויפקלערן און אָרגאַניזירן דעם אַרבעטער־קלאַס ער זאָל דערפילן זיין מיסיע, וואָס די געשיכטע האָט פאַר אים באַשטימט. אָט דאָס איז, אייגנטלעך, דאָס וואָס מאַרקסיסטן באַמיען זיך צו טון פאַר מער ווי הונדער יאָר שוין.

דער פאַקט וואָס סאָציאַליזם איז אַ דאַנק מאַרקסן געוואָרן וויסנשאַפטלעך באַגרינדעט, דאָס ער פאָדערט היינט פון זיינע אָנהענגער (ווי אַ באַדינג פאַר דער לייזונג פונעם קריזיס אין דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט אין אונדזערע טעג) אַ פאַרשטענדעניש פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט אין פאַרבינדונג מיט דער אַנטוויקלונג פון די פּראָדוציר־כוחות — אָט דער פאַקט האָט עס געבערענגט צו שטאַנד דעם בונד צווישן אינטעלעקטואַלן און אַרבעטער, וועלכס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר דער היינטיקער וועלט.

דאַרף מען דערביי אויך אין זינען האָבן, אַז איינער פון די צילן פון דעם דאָזיקן בונד — דער בונד צווישן אינטעלעקטואַלן און אַרבעטער — איז אָפּצושאַפן די מחיצה צווישן יענע וואָס אַרבעטן מיט דער האַנט און די וואָס אַרבעטן מיטן קאָפּ. אָט די צעטיילונג וואָס האָט זיך געשאַפן מחמת דעם פּאַמעלעכן פּראָצעס אין דער אַנטוויקלונג פון דער מענטשלעכער געשיכטע, נעמט זיך איצט ענדלעך פאַרענדיקן. בעת דער שווערער מצב פון יענע וואָס אַרבעטן מיט דער האַנט, שליסט פאַר זיי אָפּ אויס די מעגלעכקייט פאַר אַ הויכער מענטשלעכער קולטור, קאָן דאָך אַ מענטש מיט הויכע גייסטיקע פעאיקייטן בייקומען די דאָזיקע שוועריקייטן און זיך אַדורכברעכן אַ וועג צו אַן אמתער טעאָריע וועגן דער מענטשלעכער געזעלשאַפט. אַ טעאָריע וואָס ווייזט אים קלאָר דאָס אָרט וואָס אַרבעט פאַרנעמט אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט, מחמת דעם, וואָס ס׳איז דאָך די מענטשלעכע אַרבעט וואָס פּראָדוצירט די אַלע נויטווענדיקייטן פאַרן לעבן, אָן וועלכן דער מענטש וואָלט קיין איין טאָג נישט געקאָנט עקזיסטירן.

**.4**

א וויכטיקער שטריך פונעם מאַרקסיזם איז דאָס, וואָס מאַרקס איז געווען דער ערשטער אַרויסצוברענגען דעם פאַקט, אַז די געשיכטע פונעם געדאַנק, אַז דאָס דענקען האָט נישט קיין אייגענע באַזונדערע עקזיסטענץ, נאָר איז אַ רעפלעקסיע, אַן אָפּשפּיגלונג פון דער געשיכטע פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט, אויס וועלכער דאָס דענקען וואַקסט אַרויס. דאָס איז אַן אַנ־ווייז דערויף, אַז די סאָציאַלע פילאָזאָפיע, למשל, פון אַ פּאַרצייטיקן שקלאַפן־אייגנטימער, לאָמיר זאָגן מיט אַן ערך צוויי און אַ האַלב טויזנט יאָר צוריק, קאָן נישט דירעקט אָנגעווענדט ווערן צום קלאַסן־קאַמף אין דער היינטצייטיקער אינדוסטריעלער געזעלשאַפט. דורכן אויפדעקן די פאַר־בינדונג צווישן דעם דענקען און דער געזעלשאַפט, ד״ה, פונעם הערשנדיקן סאָציאַלן סיסטעם, העלפט אונדז דער מאַרקסיזם אָפּצושיידן און אויסצו־שיידן יענע געדאַנקען וועלכע שטערן און צעמישן אונדז אין אונדזער אַנשטרענגונג בייצוקומען די שלעכטסקייטן פון דער געזעלשאַפט, פון יענע געדאַנקען וועלכע רייניקן אָפּ אונדזער גייסט און קרעפטיקן אונדזער ציל.

וועט דעריבער איצט נייטיק זיין צו פאַרלירן עטלעכע ווערטער צו דער־קלערן גאַנץ בקיצור וואָס מאַרקסיסטן פאַרשטייען אונטערן נאָמען מ אַ ־ ט ע ר י אַ ל י ז ם און וואָס אונטער א י ד ע אַ ל י ז ם.

דאָס גאַנצע צווייטע קאַפּיטל פון ענגעלס׳ וויכטיק ווערק וועגן דער מאַרק־סיסטישער פילאָזאָפיע, „לודוויג פייערבאַך און דער אויסלאָז פון דער קלאַ־סישער דייטשישער פילאָזאָפיע", האָט ער געווידמעט דעם ענין א י ד ע אַ ־ ל י ז ם און מ אַ ט ע ר י אַ ל י ז ם, כדי איין מאָל פאַר אַלע מאָל צו באַזיי־טיקן אַלע פעלערן און פאַלשקייטן בנוגע אָט די צוויי טערמינען. ווען מ׳רעדט וועגן אַן אידעאַליסט אין דער פילאָזאָפיע מיינט עס נישט איינער, וואָס שטרעבט צו דערהויבענע צילן, ווי מענטשלעכע גוטע מידות, יושר און דאָס גלייכן; פונקט אַזוי מיינט נישט אין דער פילאָזאָפיע אַ מאַטעריאַ־ליסט, איינער וואָס יאָגט זיך נאָך געמיינע צילן, ווי זיך נאָכגעבן אַלע ני־דעריקע תאוות, פרעסן, זויפן, זשעדנעקייט נאָך געלט און דאָס גלייכן. אין דער פילאָזאָפיע איז אַן אידעאַליסט דער, וואָס האַלט, אַז די אידעע, דער געדאַנק איז געקומען פאַר דער נאַטור, פאַרן מענטש, אַז די וועלט שטאַמט אָפּ פונעם דענקען, אַז די מאַטעריעלע, ממשותדיקע וועלט, ווי מיר קענען זי, איז בלויז אַן אָפּשפּיגלונג, אַן אָפּבילד פונעם „גייסט", ד״ה, פונעם געדאַנק. דער מאַטעריאַליסט, ווידער, האַלט פונקט פאַרקערט, „אַז די נאַטור איז געווען פריער פאַרן גייסט", אַז אידעען זענען אָפּשפּיגלונגען אינעם מענטשנס מוח פון דער אַרומיקער מאַטעריעלער, קערפּערלעכער וועלט, אַז דאָס מענטשלעכע ז י י ן איז געקומען פריער פאַרן דענקען.

קיין שום אַנדער באַדייט ווי אָט דעם, האָבן נישט פאַר מאַרקסיסטן די

צוויי אויסדרוקן — אידעאליזם און מאטעריאליזם און ווערן אין קיין שום אנדער זין נישט באנוצט.* דעם אבסורד פון אן אנדערן אויסטייטש פון אט די צוויי טערמינען — אידעאליזם און מאטעריאליזם — איז זייער גרינג איינצוזען שוין דערפון אליין, וואס קיינער וועט דאך נישט לייקענען, אז מארקס און ענגעלס האבן זיך געיאגט נאך די סאמע דערהויבנסטע צילן און זיך פאר זיי מוסר נפש געווען. פילאזאפיש אבער זענען זיי געווען מאטעריאליסטן, נישט קיין אידעאליסטן.

העגעל איז געווען דער ערשטער, וואס האט דורך זיין דיאלעקטישער מעטאדע באנומען אין דער וועלט אלצדינג — די נאטור, די מענטשלעכע געשיכטע און דאס גייסטיקע לעבן — נישט אין א פארגליווערטן, סטאטישן צושטאנד, נאר ווי א פראצעס — אין א מצב פון אייביקער באוועגונג, פארענדערונג, טראנספארמירונג, און אן אנטוויקלונג, וואס הערט קיין מאל נישט אויף. די סיבה פאר דער אנטוויקלונג ליגט נישט אין א דרויסנדיקן כוח, נאר אינעווייניק אין דער זאך גופא. טראגט אבער ביי העגלען די דיאלעקטיק אן אידעאליסטישן כאראקטער. אידעען זענען ביי אים נישט קיין אפשפיגלונג פון זאכן וואס עקזיסטירן אין דער רעאלער, ממשותדיקער וועלט, נאר פארקערט גאר, אלע זאכן וואס געפינען זיך אין דער וועלט, און זייער אנטוויקלונג, זענען אן אפשפיגלונג אין דער מאטעריעלער וועלט פון אן „אידעע", א געדאנק, וואס האט שוין עקזיסטירט פריער, נאך פאר דער וועלט־באשאפונג. איז געקומען מארקס און האט באפרייט העגעלס דיאלעקטישע מעטאדע פון איר פילאזאפישן אידעאליזם — אנווענדנדיק דעם פילאזאפישן מאטעריאליזם — און האט דערוויזן, אז העגעלס אזוי־גערופענע „אידעע" איז נישט מער ווי אן אפשפיגלונג פון די קאנקרעטע, ממשותדיקע דערשיינונגען, ווי זיי קומען אביעקטיוו פאר אין דער רעאלער, מאטעריעלער וועלט.

נישט סתם צוליב שפעקולאטיווע חקירות נעמט מארקס אונטער זיין קריטיק איבער העגעלס אידעאליסטישער פילאזאפיע. מארקס נייטיקט זיך דעמלט צום שטארקסטן אין א וויסנשאפטלעך־באגרינדעטער מעטאדע צו קאנען פארשן די אינעווייניקסטע פארבארגענע פראצעסן אין דער מענטשלעכער געשיכטע. צו דערגרייכן דעם דאזיקן ציל זיינעם, רעוואלוציאניזירט מארקס דעם העגעליאניזם און שאפט א נייע ריכטונג אין דער פילאזאפיע אונטערן נאמען דיאלעקטישער מאטעריאליזם, פאראייניקנדיק העגעלס דיאלעקטיק מיטן מאטעריאליזם. דער דאזיקער נייער וועלט־באנעם איז אבער אויך פונקט אזוי ווייט פונעם אלטן מעכאנישן מאטעריאליזם ווי פון העגעלס פילאזאפישן אידעאליזם.

*) "לודוויג פייערבאך און דער אויסלאז פון דער קלאסישער דייטשישער פילאזאפיע", פון פרידריך ענגעלס, ז. 21, יידישע איבערזעצונג פון ש. ווינער. איקוף־פארלאג, ניו־יארק 1943.

באַוואָפנט מיט דער דאָזיקער נייער קאָנצעפּציע זיינער — דעם דיאַלעקטישן מאַטעריאַליזם — קריגט איצט מאַרקס די מעגלעכקייט צו אַנטדעקן די אַנטוויקלונגס־געזעצן אין דער מענטשלעכער געשיכטע.

שטודירנדיק די אַנטוויקלונגס־געזעצן, וואָס באַוועגן די מענטשלעכע געזעלשאַפט אין זיין צייט, קומט מאַרקס צום אויספיר, אַז דער עצם גאַנג פון דער געשיכטע פירט איצט מיט אַן אייזערנער נויטווענדיקייט צום סאָציאַליזם. אונטערפירנדיק אַ סך־הכל פון דער היסטאָרישער דערפאַרונג פון די פריערדיקע רעוואָלוציעס, און שטיצנדיק זיך אויף אַ גרינטלעכער פאַרשטענדיש פונעם תוך אין די צווישנאַנאַנדיקע באַציאונגען צווישן מענטשן, וואָס גייען־אָן אין דער היינטיקער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, באַשאַפט קאַרל מאַרקס זיין טעאָריע וועגן קלאַסן־קאַמף און זיין לערע וועגן דער וועלט־היסטאָרישער ראָלע פונעם פּראָלעטאַריאַט.

צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע ווערט פאָרמולירט אַ וויסנשאַפטלעכע טעאָריע, וואָס דאַרף דינען דעם קאַמף פאַר דער באַפרייאונג פון דער גאַנצער אַרבעטנדיקער מענטשהייט פון דער קאַפּיטאַליסטישער, אַזוי גוט ווי פון יעדער אַנדער, עקספּלואַטאַציע. עפענען מאַרקס און ענגעלס אויף נייע אומענדלעכע פּערספּעקטיוון צו שטודירן דעם גאַנג פון דער מענטשלעכער געשיכטע אויפן יסוד פון אַ שטרענג־וויסנשאַפטלעכער טעאָריע.

דאַרף דערביי דאָ אָנגעוויזן ווערן, אַז ביי מאַרקסן און ענגעלסן איז זייער טעאָריע נישט קיין פאַרגליווערטע דאָגמע. גאַנץ ווייט דערפון. דער מאַרקסיזם דינט ווי אַ קאָמפּאַס, ווי אַ וועגווייזער אין אונדזער היינטיקער היסטאָרישער עפּאָכע, אין וועלכער דער פּראָצעס פון אומאויפהערלעכע ענדערונגען גייט אָן כסדר אָן אַן אָפּשטעל. אָט ווי לענין דריקט זיך אויס וועגן אָט דעם ענין: „מיר קוקן בשום אופן נישט אויף מאַרקס' טעאָריע, ווי אויף עפּעס וואָס איז פאַרענדיקט און איז נישט צום באַרירן. פּונקט פאַרקערט, מיר זענען איבערצייגט, אַז זי האָט בלויז געלייגט די ווינקלשטיינער פאַר דער וויסנשאַפט, וועלכע סאָציאַליסטן מוזן פירן ווייטער פאָראויס אין אַלע ריכטונגען, אויב זיי ווילן נישט בלייבן הינטערשטעליק הינטער די געשעענישן".

.5

זינט דעם סוף פון נייגצנטן יאָרהונדערט ביז היינט איז ביי די קעגנער פון מאַרקסיזם, ביי די אידעאָלאָגן פונעם קאַפּיטאַליזם און זייערע נאָכשלעפּערס, אין זייערע פאַלסיפיקאַציעס, דער באַליבטסטער אַרגומענט, וואָס מ'האַלט אים אין איין קייען און איבערקייען, אַז מאַרקס האָט נישט געטראָפן מיט זיינע פאָראויסזאָגונגען. מאַרקס, טענהן זיי, האָט אויס זיין אַנאַליז פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע אַרויסגעדרונגען, אַז דער רייכער וועט ווערן אַלץ רייכער און דער אָרעמער אַלץ אָרעמער, און אַז

דער מיטלקלאַס וועט צעריבן ווערן צווישן די אייבערשטע און אונטערשטע מילשטיינער, ביז וואַנעט ס׳וועט אינעם פינאַלן קריזיס פונעם קאַפּיטאַליזם „אויסקלונגען דער גלאָקן־געקלאַנג ביי דער לוויה פונעם קאַפּיטאַליסטישן פּריוואַט־אייגנטום״ . . . און „די עקספּראָפּריאַטאָרס וועלן עקספּראָפּרי־אירט ווערן״. (מאַרקס אין „קאַפּיטאַל״).

וואָס־זשע אָבער ווייזן די פאַקטן? סטאַטיסטיק ווייזט, אַז דער לעבנס־סטאַנדאַרד האָט זיך אויפגעהויבן, אַרבעטער־יוניאָנס, פּראָפעסיאָנעלע פאַ־ריינען, און רעפאָרם־געזעצגעבונג, געוואונענע דורכן אָרגאַניזירטן אַרבע־טער־קלאַס און דורך זיין קאַמף, האָבן אויפגעהויבן דעם אַרבעטער־לוין, רעדוצירט די אַרבעטס־שעהן און איינגעשטעלט אַזוינע סאָציאַלע בענעפיטן פון וועלכע מ׳האָט נישט געוואוסט אין דער פאַרגאַנגענהייט. דער מיטל־קלאַס, ווידער, ווייט פון צעריבן ווערן, האָט זיך וואָס ווייטער פאַרמערט. בכן, אַזוי ווי מאַרקס׳ פאַראויסזאָגונגען זענען פאַלש, מוז שוין, טענהן זיי, אויך דער אַנאַליז זיינער פאַלש זיין, און מ׳קאָן דעריבער אוועקשיקן דעם מאַרקסיזם צום מוזעאום פון אויסגעשפּילטע פילאָזאָפיעס.

דער דאָזיקער סאָרט קריטיק נעמט זיך אַנטוועדער אויס אַז אייבערפלעכ־לעכער באַקאַנטשאַפט מיטן מאַרקסיזם, אָדער דורכן אַרויסצופּן ביי אים איינעם אָדער צוויי פּסוקים־אַפאָריזמען, דורך יענע וואָס האָבן קיינמאָל נישט נאָכגעפאָלגט דעם פּראָצעס פון מאַרקס׳ געדאַנקענגאַנג. דער אמת איז, אַז סיי ער און סיי ענגעלס האָבן אָנערקענט, אַז כדי אָנצואווענדן זייער טעאָריע וועט זי מוזן צוגעפּאַסט ווערן צו יעדן פאַל באַזונדער. אַזוי פרי נאָך ווי אין 1858, שרייבט ענגעלס אין אַ בריוו צו מאַרקסן, אַז דאָס עקס־פּלואַטירן „די גאַנצע וועלט״ האָט אין ענגלאַנד דערפירט צו „אַ בורזשואַזער אַריסטאָקראַטיע און אַ בורזשואַזן פּראָלעטאַריאַט, פּונקט ווי צו אַ בור־זשואַזיע״. ענטפערנדיק ענגעלסן אויף דעם בריוו שרייבט מאַרקס, אַז דאָס וואָס דער קאַפּיטאַליזם קריכט אַלץ מערער אין נייע לענדער, וועט אָפּלייגן די סאָציאַלע רעוואָלוציע אין אייראָפּע. געמיינט האָט ער דערמיט, אַז דורך דער עקספּלואַטירונג און אויספּלינדערונג פון די רויע מאַטעריאַלן אין די נייע לענדער, אין די קאָלאָניעס, האָבן די אייראָפּעאישע מדינות געקאָנט זיך פאַרגונען צו שאַפן ביי זיך אין דער היים אַ „בורזשואַזן פּראָלעטאַריאַט״.

מאַרקס האָט, ווי באַוואוסט, נישט דערלעבט צו פאַרענדיקן זיין „קאַפּי־טאַל״, אָבער אין זיין אָנגעצייכנטן פּראָיעקט פאַרן פערטן באַנד פון „קאַפּיטאַל״, וועלכן ס׳האָט אַרויסגעגעבן קאַוטסקי, נאָך דעם ווי ביידע, סיי מאַרקס ווי אויך ענגעלס זענען שוין נישט מער געווען צווישן די לעבעדיקע, האָט דאָרטן מאַרקס בפירוש זיך פאַררופן אויף דער „אומאויפהערלעכער פאַרגרעסערונג פון דער צאָל פון די מיטלקלאַסן״, און וועגן דער ווירקונג וואָס דאָס האָט אויף דער „זיכערקייט און מאַכט פון די אייבערשטע קלאַסן״, — עפּעס וואָס זיינע קריטיקער באַשולדיקן אים אין האָבן פאַרזען.

א ווארט נאך וועגן זיין פאליטישער פאראויסזעאונג. אין 1870, אין דער שעה פון דייטשלאנדס זיג איבער פראנקרייך, שרייבט מארקס א בריוו צו זארגען (סעפטעמבער 1, 1870). איז אט וואס ער האט צו זאגן: „וואס די פרייסישע טיפשים זעען נישט איין איז אט דאס, אז די איצטיקע מלחמה פירט ... אומפארמיידלעך צו א מלחמה צווישן דייטשלאנד און רוסלאנד ... א מלחמה נומער 2 פון אט דעם סארט וועט דינען ווי א הייבאם פאר דער אומפארמיידלעכער סאציאלער רעוואלוציע אין רוסלאנד". איז אט די פאראויסזעאונג אויך אן ענטפער יענע אלע, וואס האלטן נאך איצט אין אויפווארפן מארקסן, אז ער האט נישט „געטראפן" מיט זיין פאראויסזאגן, אז סאציאלע רעוואלוציעס וועלן פריער קומען אין די אינדוסטריעל־אנטוויקלטע לענדער.

ס'דארף פאר אונדז קלאר ווערן, אז הגם מארקס און ענגעלס האבן געארבעט אויף זייערע ווערק אין מיטן פון נײַנצנטן יארהונדערט און האבן, נאטירלעך, נישט געקאנט פאראויסזען אלע פרטים פון די שפעטערדיקע אנטוויקלונגען און טענדענצן אינעם קאפיטאליזם, איז דער חידוש נאך גרעסער דורך דעם זעלטענעם פאקט, וואס אין אלע תמציתדיקע פונקטן האבן ביז היינט נאך קיינע פון מארקס' אויספירן נישט פארלוירן זייער קראפט, וואס זייער טעארעטישער בנין איז געבליבן פעלדזנפעסט און איז אויך נישט אפגעפרעגט געווארן דורך שפעטערדיקע געשעענישן. געשיכטע שטייט נישט אויף אן ארט, אויך קאפיטאליזם האט, נאטירלעך, פאר אט דער צייט אדורכגעמאכט א היפש ביסל ענדערונגען. אבער ווי גייט דאס ווערטל: ס'איז די זעלבע יענטע נאר אנדערש געשלייערט. אויף וויפיל ס'זאל דער קאפיטאליזם זיך נישט האבן געענדערט בלייבט ער אלץ דער זעלבער. און בעת די גרונטאווגע אירראציאנעלקייט, די אומשכלדיקייט פונעם סיסטעם האט געביטן טייל פון זיינע פארמען, איז אבער די אירראציאנעלקייט, די אוממענטשלעכקייט זיינע היינט נאך מער קלאר און בולט ווי ווען עס איז פריער. און אט די אירראציאנעלקייט זיינע, ווייזט זיך ארויס צו זיין א קראנקהייט וואס קאן נישט געהיילט ווערן דורך די כל־ערליי באבסקע רפואות, וואס ווערן פון צייט צו צייט פארשריבן דורך סאציאלע רעפארמערס פון כל־המינים. אט די אירראציאנעלקייט זיינע איז היינט, בכן, אן אינטעגראלער באשטאנד־טייל, דער כאראקטעריסטישער שטריך פונעם קאפיטאליסטישן סאציאלן סיסטעם. און סאציאליזם שטעלט מיט זיך פאר דעם איינציקן שכלדיקן, מענטשלעכן אויסוועג פונעם טעמפן ווינקל אין וועלכן קאפיטאליזם האט אריינגעצוואונגען די מענטשהייט. ס'איז נאך נישט געווען א סאציאלער סיסטעם וואס זאל אזוי קולטיווירן די סאמע געמיינסטע אינסטינקטן ביי מענטשן, און זיי דערצו נאך גלאריפיצירן, ווי קאפיטאליזם אין די טעג פון זיין טיפסטער ירידה; די גאנצע אטמאספערע היינט איז אנגעלאדן מיט א שווערן קאשמאר.

## 6.

אמת, דער איבערגאַנג פון קאַפּיטאַליזם צו סאָציאַליזם איז שוין גאָר נישט קיין גרינגער שליטוועגס. ס'האָט אויף דעם שוין מאַרקס אָנגעדייט אין 1871, אין זיין ברילִיאַנטענער בראָשור, „דער בירגער־קריג אין פראַנק־רייך". זאָגט דאָרט מאַרקס: „פאַר אייך פאַראויס ליגן פופצן, צוואַנציק, פופציק יאָר בירגער־קריג און מלחמות צווישן לענדער און פעלקער, נישט נאָר צו ענדערן די היינטיקע באַציאונגען, נאָר צו ענדערן אויך זיך אַליין, און זיך מאַכן פּאַסיק פאַר פּאָליטישער הערשאַפט". האָט ער דערמיט אָנגעדייט, אַז צו ענדערן די מענטש־לעכע נאַטור, זיין פּסיכיק, — צו באַפרייען אים פון דער קנאה און שנאה און אַלע אַנדערע אומגעזונטע, דעסטרוקטיווע עמאָציעס, וועלכע האָבן זיך אַזוי טיף איינגעשניטן אין זיין לייב און לעבן, אַ פּראָדוקט פון אַלע פריער־דיקע צעשפּאָלטענע קלאַסן־געזעלשאַפטן ביז היינט, וועט נעמען אַ סך לענ־גער און וועט אָנקומען אַ סך שווערער ווי צו בייטן דעם סאָציאַלן סיסטעם. האָט דען דאָס געקאָנט אַנדערש זיין!

לאָמיר זען וואָס איז פאָרגעקומען אין דער מענטשלעכער געשיכטע ביז היינט. דער פאַקט וואָס ענדערונגען קומען פאָר אין יעדן נייעם סאָציאַלן סדר, ווי מאַרקסיסטן פאַרשטייען דאָס, — בעתן איבערגאַנג פון שקלאַ־פעריי צום פעאָדאַליזם, און פונעם פעאָדאַליזם צום קאַפּיטאַליזם, — איז ווי ראַדיקאַל און צעשמעטערנדיק אָט די ענדערונגען זענען נישט געווען, האָט זיי אָבער גענומען עטלעכע הונדערט יאָר זיך אויסצוקריסטאַליזירן, זיך אויסצוציייטיקן. און ענדערונגען פון אָט אַזאַ פאָרעם זענען אין גאַנצן פאָרגעקומען בלויז עטלעכע מאָל אין פאַרלויף פון דער מענטשלעכער גע־שיכטע. און אין הסכם מיט דער זיך־בייטנדיקער סאָציאַלער אָרדענונג זענען אויך פאָרגעקומען ענדערונגען אין דער מענטשלעכער נאַטור, אין זיינע באַציאונגען צו די מיטמענטשן, צו דער וועלט; די ראַזיקע ענדערונ־גען אינעם מענטשנס כאַראַקטער זענען אָבער צוגעגאַנגען מיט גאַנץ פּאַ־מעלעכע שריט; אַננעמענדיק אומגעהייערע פּראָפּאָרציעס בעת מ'קוקט אויף אָט די ענדערונגען אין פולער היסטאָרישער פּערספּעקטיוו, האָט מען זיי אָבער נישט געקאָנט באַמערקן אינעם לעבנס־שפּאַן פון גאַנצע דורות. דאָך אָבער וועט זיין אַ טעות אַנצונעמען די פּאַמעלעכדיקייט פון די ענדערונ־גען אינעם מענטשנס כאַראַקטער, אַז זיי קומען גאָר אין גאַנצן נישט פאָר; אָט דער טעות נעמט זיך פונעם גלויבן, אַז דער מענטשלעכער מין איז אַזוי געווען און וועט שוין אַזוי אייביק בלייבן דער זעלבער. ס'וועט אויך נישט וויניקער פאַלש זיין אַרויסצודרינגען אויס דעם פאַקט וואָס ענדערונגען קומען פאָר, וועגן דער שנעלקייט מיט וועלכער זיי קומען פאָר.

לאָמיר דערביי אויך נישט פאַרגעסן, אַז דער היינטיקער אַרבעטער־קלאַס גופא איז נישט געבליבן אומבאַרירט פון די פּאַראַרבנדיקע איינפלוסן פון

דער קאפיטאליסטישער וועלט, פון איר אידעאלאגיע; דאס בייקומען דעם קאפיטאליזם נישט נאר ווי אן עקאנאמישן און סאציאלן סיסטעם, נאר אויך ווי אן אידעאלאגיע איז א לאנגער און העכסט פיינלעכער פראצעס. האט דאך שוין ענגעלס אין זיין „אנטי־דיורינג“ געווארנט, אז אן אידעאלאגיע וואס האט שוין איבערגעלעבט איר צייט, קאן נאך נעמען לאנגע יארן ביז וואנעט מ׳ווערט פון איר אין גאנצן פטור. די נייע וועלט שפרינגט נישט ארויס מיט פראכט און גלאנץ א פערפעקטע, נאר מיט א היפש ביסל נישט פארהיילטע וואונדן און צעקאליעטשעטע דורך א שווערער פארגאנגענהייט.

אין זיין „קריטיק פון דער גאטהא פראגראם“ (1875), טיילט מארקס איין די אנטוויקלונג פון דער נייער סאציאליסטישער געזעלשאפט אין צוויי פאזן: די ערשטע פאזע א סאציאליסטישע און די צווייטע א קאמוניסטישע. אין דער ערשטער פאזע — דער סאציאליסטישער, דערקלערט דארט מארקס — „האבן מיר צו טון נישט מיט א געזעלשאפט, וועלכע האט זיך אנטוויקלט אויף א פונדאמענט וועלכן זי אליין האט געשאפן, נאר פארקערט, ווי אזא וואס שיילט זיך אויס פון דער קאפיטאליסטישער געזעלשאפט“.

אין אט דער ערשטער פאזע, זאגט מארקס, איז די געזעלשאפט „נאך אין יעדער הינזיכט פארפעסטעט עקאנאמיש, מאראליש, אינטעלעקטועל מיט די קראנקהייטן פון דער אלטער קאפיטאליסטישער געזעלשאפט, פון וועמענס מוטערטראכט זי שיילט זיך אויס . . .“.

„די געזעלשאפט, — זאגט דארטן ווייטער מארקס, — אנערקענט נאך שטילשווייגנדיק די נישט גלייכע אינדיווידועלע פעאיקטן און אט אזוי נאך די פארשידענע ארבעטס־קאפאציטעטן ווי נאטירלעכע פריווילעגיעס . . . אבער אט די אומפערפעקטקייטן זענען אומפארמיידלעך אין דער ערשטער פאזע פון דער קאמוניסטישער געזעלשאפט, ווען זי נעמט זיך ערשט אויסשיילן, נאך לאנגע געבורטס־ווייען אוים דער קאפיטאליסטישער געזעלשאפט. גערעכטיקייט קאן קיין מאל נישט שטיין אויף א העכערער מדרגה פון דער עקאנאמישער סטרוקטור און דער קולטורעלער אנטוויקלונג פון דער געזעלשאפט, וואס דעטערמינירט אט די סטרוקטור“.

„גאנץ אנדערש איז אבער, — דערקלערט דארטן ווייטער מארקס, — אין דער צווייטער פאזע: אין דער העכערער פאזע, אין דער קאמוניסטישער געזעלשאפט . . . נאך דעם ווי דער דיפערענץ צווישן ארבעט מיט דער האנט און אינטעלעקטועלער ארבעט וועט פארשווינדן . . . נאך דעם ווי די פראדוציר־כוחות וועלן זיך שטארק פארגרעסערן און אלע קוואלן פון קאאפעראטיוון, שותפותדיקן רייכטום וועלן פריי פליסן, ביינאנד מיט דער אלזייטיקער אנטוויקלונג פון יעדן איינעם יחיד — דעמאלט און בלויז דעמאלט ערשט וועט די געזעלשאפט זיך אין גאנצן באפרייען פון די אמאליקע בורזשואזע האריזאנטן פון רעכט און די געזעלשאפט וועט ארויפ־

שרייבן אויף איר פאן דעם לאזונג: פון יעדן לויט זיינע פעאיקייטן און צו יעדן לויט זיינע באדערפענישן".

אט דעם וויסנשאפטלעכן אנאליז פון מארקסן מוז מען תמיד האבן אין זינען אין די דיסקוסיעס וועגן די „אומפארמיידלעכע" אומפערפעקטקייטן ביי די איצטיקע סאציאליסטישע געזעלשאפטן אין דער איצטיקער ערשטער פאזע פון זייער אנטוויקלונג.

א הויכער גראד פון סאציאלער באוואוסטזיניקייט פאדערט זיך, בכן, צו קאנען מאכן א צווישנשייד צווישן דעם טויטלעכן געראנגל פון דער אלטער וועלט און די געבורט־אנגסטן פונעם נייעם, צווישן דער חורבה און דעם נאך וואלט געוועזן צו אידעאליזירן זיינע צייטווייליק העסלעכע שטריכן. נישט פארענדיקטן נייעם בנין. פונקט אט אזוי נייטיקט זיך א הויכער גראד פון סאציאלער באוואוסטזיניקייט זיך אויסצומאלן דאס נייע אין זיין טאטאלקייט און איגנארירן דערביי זיינע ביטערע טעותן. אבער נאך ערגער

פאר א סך, מעגן זיי זיך זיין סוביעקטיוו אויפריכטיק — איז אבער פאר זיי בשום אופן נישט מעגלעך צו באנעמען, צו ארומכאפן זאכן, וועלכע זענען נאך נישט פולשטענדיק ארויפגעשוואומען אויף דער אייבערפלאך. ס'איז בכלל א סך גרינגער צו באמערקן דאס שרעקלעכע, העסלעכע, דאס אוממענטשלעכע, דעם חרובן פאסאד פון דער עפאכע און זי פאראורטיילן, איידער ארייצודרינגען אינעם סאמע קערן פון דעם וואס דערפון וועט ארויסקומען — און אלץ מערער אט אזוי, וואס מערער שרייענדיק ס'איז די צעפאלונג, וועלכע רייסט די אויגן פונקט אין אט יענער מינוט, איידער די שווערע איבערמענטשלעכע פראצע ביים קאנסטרואירן א נייע וועלט — בפרט איז עס ריכטיק בנוגע יענע, וואס קלאמערנדיק זיך אין אט די פאר־אורטיילן, טראגן זיי אויף זיך נישט קיין מינדסטע אחריות.

מ'דארף אויך נישט אונטערשאצן דעם שרעקלעכן קלעם, א רעזולטאט פון דער מורא, צעטומלטקייט, צעשפאלטנקייט פון דער מענטשלעכער פער־זענלעכקייט, דעם פאראורטייל און דאס גלייכן, וועלכע שלעפן זיך נאך ווי אן אומפארמיידלעכע נאכווייעניש פון דער פארגאנגענהייט. א שווערע ירושה איז ארייגעשלעפט געווארן צום סאציאליזם פון די פריערדיקע צע־שפאלטענע קלאסן־געזעלשאפטן — קנאה און שנאה, קריגערישקייט, גערעג איינער איבערן אנדערן פאר פאזיציעס פון מאכט, פון פרעסטיזש, אפילו אנטיסעמיטיזם פונעם ערגסטן סארט, און נאך אזוינע „שיינע" מידות, וועלכע צעקרימען און צעקריפלען דעם סאציאליסטישן פראצעס.

ווען מארקסיסטן וועלן אנהייבן בעסער צו באנעמען דעם פארנעם און די טיפקייט פון אט די אלטע, איינגעגעסענע געוואוינהייטן און וועלן אלץ מערער דערקענען דעם שונא אינעווייניק אינעם מענטש, אין אלע זיינע סובטילע וואריאציעס, וועלן זיי אלץ מערער זיין בכוח עפעקטיוו זיך צו פארמעסטן קעגן די פארקרימונגען און פארקריפלונגען פונעם מארקסיזם

און פון זיינע עטישע אידעאלן. און הגם די טיטאנישע אויפגאבע צו בייטן די וועלט ווי אויך זיך אליין, איז שוין גאר נישט קיין גרינ־גער עסק — וועט דאס סוף כל סוף דאך מוזן רעאליזירט ווערן. קיין מאל טאר מען נישט פארגעסן, אז מארקסיזם לאזט אויף קיין מינוט נישט ארויס פון אויג די אידעע, דעם חלום וועגן מענטשלעכער אייניקייט, און דורך אומאויפהערלעכן גוראנגל זוכט ער די דאזיקע אידעע צו פארוויקלעכן. און מיטן גאנג פון זייער ווייטערדיקן אנטוויקלען די סאציאליסטישע גע־זעלשאפט וועלן די מענטשן ביסלעכווייז אליין באשאפן זייערע נייע סטאנ־דארטן פון מאראל און קולטור און ביינאנד דערמיט אויך ענדערן זיך אליין. און אט דאס וועלן זיי אויך ווייטער טון בעתן איבערגאנג־פראצעס פון סאָ־ציאליזם צו אלץ העכערע און העכערע פארמען פון דער געזעלשאפט.

מארקסיזם האט קיין מאל נישט געזוכט אנצוצייכענען א מאפע, א דע־טאליזירטן פלאן פאר א סטאטישער, פארגליווערטער געזעלשאפט, שוין אויף תמיד און אייביק. מארקסיזם איז קיין דאגמע נישט. אויב ס׳איז אינעם מארקסיזם פאראן א וואסער עס איז פרינציפ וואס איז אין אים פונדאמענ־טאל און איז דער עיקר זיינער, איז עס דער פרינציפ פון דיאלעקטיק, וועל־כער לערנט, אז אלצדינג ענדערט זיך און בייט זיך, איינגערעכט סאציאלע און פאליטישע באדינגונגען, פראבלעמען און טאקטיק. ס׳איז דעריבער נישטא קיין סאציאלער אדער עקאנאמישער צושטאנד וואס געדויערט איי־ביק, און נישטא קיין פאליטישע טאקטיק וואס איז אייביק ריכטיק. פארן מארקסיזם מיינט סאציאליזם דער ערשטער עטאפ אין דער ווייטערדיקער און אומאויפהערלעכער אנטוויקלונג פון די מענער און פרויען אין א גע־זעלשאפט, אין וועלכער ענדערונגען הערן קיין מאל נישט אויף. איז ער דעריבער פון איין זייט אן עפעקטיווער וועגווייזער פאר דער ווייטערדיקער אנטוויקלונג פון די מענטשן צו א העכערער מדרגה, דורך אלץ נייערע און נייערע פארמען פון מענטשלעכן צוזאמענלעבן, און פון דער צווייטער זייט איז ער גענוג עלאסטיש נישט ארויפצוצווינגען דעם נעכטן אויף די מענטשן פונעם מארגן.

דארף דא נאך צוגעגעבן ווערן, אז די סאציאליסטישע מאראל איז א שטארקע הילף פאר אזא מענטשלעכן אויפפיר וואס פראקטיצירט יענע עלע־מענטארע גוטע מידות, וואס קאנטראלירן — אדער דארפן קאנטראלירן — די באציאונגען פון מענטש צו מענטש אין פריוואטן לעבן: ערלעכקייט, פריינדלעכקייט, גערעכטיקייט, פארשטענדעניש צווישן מענטש און מענטש. כדי צו בויען א בעסערע וועלט מוז מען קודם אנהייבן מיט זיך אליין — מוז מען פריער זיך אליין איבערבויען. מארקסיסטישע עטיק קאן אונדז פירן צו פארשטיין די פארבינדונג צווישן פריוואט־פערזענלעכער און געזעלשאפט־לעכער מאראל. שלימותדיקע אויפפירונג אין דער עפנטלעכקייט, איז מחייב צו עטישער אויפפירונג אין פריוואטן לעבן.

## 7.

**מיר דערנעענטערן זיך איצט צו דער לאנג־יאריקער איינגעגעסענער פּאָלעמיק — צי איז מאַרקס געווען אַן „אַנטיסעמיט" אָדער נישט?**

די דאָזיקע פּאָלעמיק באַזירט זיך דער עיקר אויף מאַרקס' אַ יוגנט־שריפט, „צו דער יודן־פראַגע". עמערס גאַנצע טינט זענען שוין פאַרנוצט געוואָרן דורך די קעגנער פונעם מאַרקסיזם, פונעם סאָציאַליזם אין אָט דער פּאָלעמיק.

מיט 126 יאָר צוריק, אין יאָר 1844, האָט דער יונגער מאַרקס פאַרפעסנט־לעכט אין די „דויטש־פראַנצויזישע יאַרביכער" אַן אַרטיקל אונטערן נאָמען „צו דער יודנפראַגע". דאָס דאָזיקע אַרטיקל איז זינט דעמאָלט פיל מאָל און באַוואוסטזיניק פאַלש אויסגעטייטשט געוואָרן, דורך בלערליי אַנטי־מאַרקסיסטן, ווי „פיינטלעך" צו יידן, און אפילו אַלס „אַנטיסעמיטיש". דער אמת איז אָבער, אַז אָט דאָס אַרטיקל איז געווען גאָר פונקט דער היפוך דערפון: עס איז געשריבן געוואָרן מיטן ספּעציעלן צוועק צו פאַרטיידיקן די רעכט פון יידן אויף פולער גלייכבאַרעכטיקונג אין דער דעמאָלטדיקער בורזשואַזער געזעלשאַפט, וואָס האָט דורך אירע אידעאָלאָגן געזוכט צוצו־שרייבן אויפן יידישן חשבון אירע אייגענע מיאוסע פעלערן.

מאַרקס' אַרטיקל איז אייגנטלעך געווען אַן ענטפער צו ברונאָ באַוערן, „דעם פירער פון די 'יונגע העגעליאַנער'", צו וועלכע אויך מאַרקס האָט פריער געהערט אַ שטיקל צייט. דאָס איז געווען אַ ליבעראַל־פילאָזאָפישע גרופּע, וואָס האָט אונטער דער אָנפירונג פון לודוויג פייערבאַך און ברונאָ באַוער געפירט אַן אויפקלערונג־אַרבעט אינעם גייסט פון די ליבעראַלע „אויפקלערער" פונעם 18טן יאָרהונדערט. איינע פון די צילברעטער אין זייערע אַטאַקעס איז געווען די רעליגיע. אין זייער קריטיק איבערן קריסטנ־טום האָבן זיי אויך נישט געשאַנעוועט די יידישע רעליגיע, וועלכע איז אין יענער צייט אין דייטשלאַנד באַטראַכט געוואָרן ווי די איינציקע פאָרם פון יידנטום.

לודוויג פייערבאַך איז דער ערשטער אַרויסגעקומען מיט אַ שאַרפער קריטיק אויף דער יידישער רעליגיע. אין זיין ווערק „דער תוך פון קריסטנ־טום", באַצייכנט ער די יידישע רעליגיע ווי „אַ רעליגיע פון עגאָאיזם". ער דערקלערט דאָרטן, אַז „נוצן, פּראָפיטן, זענען דער העכסטער פּרינציפּ פון יודאָאיזם . . . זייער פּרינציפּ, זייער גאָט איז דער פּראַקטישער פּרינציפּ פונעם וועלט־עגאָאיזם אין דער פאָרם פון רעליגיע".

ברונאָ באַוער, ווידער, אין זיינע אַרבעטן וועגן דער יידן־פראַגע, זאָגט אַז ערד דאָס זעלבע וואָס פייערבאַך, אַז די יידן וועלכע ער באַטראַכט ווי אַ רעליגיעזע גרופּע, דרינגען אַריין אין אַלע ווינקלען און שפּאַלטן פון דער געזעלשאַפט צו „עקספּלואַטירן אירע אומזיכערע עלעמענטן. די יידישע רעליגיע, זאָגט באַוער, איז אַ סיסטעם פון בעסטיאַלישער ביטערקייט און

אָפּנאַרעריי. יידן, זאָגט ער ווייטער, זענען קעגן היסטאָרישן פּראָגרעס. זיי האָבן זיך אָפּגעשניטן פון דער וועלט און לעבן אַ פאַנטאַסטיש לעבן".

באַוער האַלט, אַז די יידן, פּונקט ווי די קריסטן, קאָנען געווינען זייער פרייהייט בלויז דורכן בייקומען זייער רעליגיע. אָבער אַזוי ווי יודאַאיזם ווי אַ רעליגיע איז פאַרביטן געוואָרן דורכן קריסטנטום, מוז דער ייד אַדורכ־מאַכן אַ שווערערן וועג, ווי דער קריסט, כדי זיך צו קאָנען דערשלאָגן צו זיין פרייהייט. — ער דאַרף זיך פריער גיין לערנען ביים קריסטנטום.

אַנטקעגן אַט אַזאַ צוגאַנג צו יידן און דער יידן־פראַגע איז עס מאַרקס אַרויסגעקומען אין זיין פריער־דערמאָנטן אַרטיקל. אין זיין ענטפער האָט מאַרקס גענוצט נאַטירלעך זייער אייגענע טערמינאָלאָגיע — די טערמינאָ־לאָגיע פון פייערבאַכן און באַוערן. אַט דאָס איז געווען די אָנגענומענע פילאָזאָפישע פראַזעאָלאָגיע פון יענער צייט.

איז דאָס סאַמע ערשטע רייסט מאַרקס אַרונטער אין דער דאָזיקער אַר־בעט זיינער דעם טעאָלאָגישן שלייער אין וועלכן ברונאָ באַוער האָט די פראַגע פאַרוויקלט: ער פאָדערט צו באַטראַכטן "נישט די שבת־יידן (ווי באַוער טוט דאָס), נאָר די אַלטעגלעכע יידן".

פייערבאַך האָט דערקלערט, אַז "יודאַאיזם איז עגאָאיזם, זיין פּראַקטי־שער פּרינציפּ איז — נוצן, פּראָפיטן". באַוער ווידער האָט באַשולדיקט די יידן, אַז זיי זענען "אַ פאָלק פון פּעדלער", וואָס זוכן זיך אַרויסצודרייען פון אַרבעט. מאַרקס נעמט מיט אים אויף די דאָזיקע אישו. די פראַגע, זאָגט ער, ווערט דורך די קריטיקער פון יידן געשטעלט אַזוי:

"וואָס איז די וועלטלעכע באַזע פון יודאַאיזם? פּראַקטישע נויטן, עגאָ־איזם.

"וואָס איז דער וועלטלעכער קולט פון דעם יידן? פּעדלעריי. וואָס איז זיין וועלטלעכער גאָט? געלט.

"זייער גוט. עמאַנציפּאַציע פון פּעדלעריי און פון געלט, און דעריבער, פון פּראַקטישן, אמתן יודאַאיזם [געלט], וואָלט געווען די זעלבסט־עמאַנ־ציפּאַציע פון אונדזער עפּאָכע".

ווי אין זיין יעדער פּאָלעמיק, אָפּערירט דאָ קאַרל מאַרקס מיט די ווער־טער, מיט די בלבולים, פון יענע קעגן וועלכע ער פּאָלעמיזירט. ער מאַכט אָבער באַלד קלאָר, וואָס ער איז אויסן צו באַווייזן:

"אַן אָרגאַניזאַציע פון אַזאַ געזעלשאַפט, וואָס וואָלט אָפּגעשאַפט די פונ־דאַמענטאַלע קאָנדיציעס פון פּעדלעריי, וואָלט געמאַכט דעם דאָזיקן יידן, וואָס זיי פירן אַרום, אוממעגלעך. זיין רעליגיעזער באַוואוסטזיין וואָלט זיך אויפגעלייזט ווי אַ נעפּל, אין דערווירקלעכער, קרעפּטיקנדיקער לופט פון יענער געזעלשאַפט".

און כדי צו מאַכן אין גאַנצן קלאָר וואָס ער באַצייכנט מיטן וואָרט "ייד", ווייזט מאַרקס אָן, אַז דאָס וואָס באַוער רופט אָן "יידישקייט", איז באמת

גאָר „אַז אַלגעמיינער אַנטי־סאָציאַלער עלעמענט, וואָס איז דערפירט געוואָרן צו זיין העכסטן פּונקט דורך דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג", אין וועלכער יידן האָבן ענערגיש קאָאָפּערירט — צו אַ פּונקט ביי וועלכן ער [דער אַנטי־סאָציאַלער עלעמענט] „מוז נויטוועדיק זיך אַליין אויפלייזן".

צו אַט דעם האָט נאָך מאַרקס צוגעגעבן:

„יודאַאיזם האָט עקזיסטירט בייַנאַנד מיטן קריסטנטום, נישט נאָר ווי אַ רעליגיעזע קריטיק פונעם קריסטנטום, נישט בלויז ווי די פאַרקערפּערונג פון ספקות אין דער רעליגיעזער פּאַטערשאַפט פון קריסטנטום, נאָר גראָד דערפאַר, ווייל יודאַאיזם האָט זיך אויפגעהאַלטן און אפילו באַקומען זיין העכסטע אַנטוויקלונג אין דער קריסטלעכער געזעלשאַפט. דער ייד איז, ווי אַ מיטגליד פון דער בורזשואַזער געזעלשאַפט, בלויז דער ספּעציעלער אויסדרוק פון דעם יודאַאיזם אין דער בורזשואַזער געזעלשאַפט".

מאַרקס ווייזט דערביי אַז אויף אַ פונדאַמענטאַלן שטריך אין דער געשיכטע פונעם יידישן פאָלק, וואָס איז אַבסאָלוט נייטיק כדי ריכטיק צו פאַרשטיין די יידישע געשיכטע.

„יודאַאיזם", זאָגט ער, „איז פאַרבליבן לעבן נישט להכעיס, נאָר אַ דאַנק דער געשיכטע".

מאַרקס באַנוגנט זיך נישט מיטן בלויזן צוריקווייזן באַוערס טעאָלאָגישן צוגאַנג צו דער יידן־פראַגע; צוריקווייזנדיק אַט דעם צוגאַנג פאַרטיידיקט מאַרקס די יידן. ער שרייבט דאָרט ווייטער:

„פון איר אייגענעם אינגעווייד שאַפט די בורזשואַזע געזעלשאַפט כסדר יידן.

„וואָס איז געוועזן דער יסוד פון דער יידישער רעליגיע? פּראַקטישע נויטן, עגאָאיזם [מאַרקס ציטירט דאָ פייערבאַכס ווערטער]. פּראַקטישע נויטן, אָדער עגאָאיזם, זענען דאָך דער פּרינציפּ פון דער בורזשואַזער געזעלשאַפט... דער גאָט פון די פּראַקטישע נויטן און עגאָאיזם איז געלט... געלט ווידער איז דער אַלגעמיינער און זעלבסט־קאָנסטרואירטער ווערט פון אַלע זאַכן. אַט דאָס האָט באַרויבט די גאַנצע וועלט — די וועלט פון דער מענטשהייט, ווי אויך פון דער נאַטור — פון איר אייגנאַרטיקן ווערט. געלט ווערט דער זין פון מענטשלעכער אַרבעט און עקזיסטענץ...".

יענע וואָס פאַרשטייען נישט די דאָזיקע גייסטרייכע פאַרטיידיקונג פון די יידן קעגן דער באַשולדיקונג, אַז זיי זענען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אַלדאָס בייז אין דער היינטיקער קאַפּיטאַליסטישער סאָציאַלער אָרדענונג, זיי וועלן בכלל גאָר נישט פאַרשטיין אין מאַרקסעס פּאָלעמיק, נישט נאָר קעגן באַוערן, נאָר אויך קעגן אַלע אַנדערע קעגנער פון סאָציאַליזם.

פונדאַמענטאַל האָט זיך אין אַט דער פּאָלעמיק פון מאַרקסן קעגן באַוערן, געהאַנדלט וועגן דעם רעכט פון די יידן אויף פולער

גלייכבארעכטיקונג, נישט ווען זיי וועלן פריער האָבן דורכגע־גאַנגען באַוּערם פּילאָזאָפישן קורס וועגן קריסטנטום, נאָר שוין איצט אין די גרענעצן פון דער בורזשואַזער מלוכה.

אין דעם דאָזיקן אַרטיקל זיינעם „צו דער יידן־פראַגע" האָט מאַרקס בכלל נישט אַרויסגעפירט די טעמע פון אַנטיסעמיטיזם. אין יענער צייט, אין די פּערציקער יאָרן פונעם נייַנצנטן יאָרהונדערט, איז אַנטיסעמיטיזם נאָך נישט געווען קיין פּאָליטישע אישו. דער קאַפּיטאַליזם איז נאָך גע־גאַנגען דעמאָלט, אין די פערציקער יאָרן פונעם נייַנצנטן יאָרהונדערט, באַרג אַרויף, און האָט זיך נאָך נישט געניייטיקט אין דעם דאָזיקן פאַרסמטן געווער. ערשט אין די אַכציקער יאָרן פונעם נייַנצנטן יאָרהונדערט, ווען די אַרבעטער־באַוועגונג מאַכט ריזיקן פאַרשריט אין אַלע קאַפּיטאַליסטישע לענ־דער און דער קאַפּיטאַליזם טרעט אַריין אין זיין עפּאָכע פון אימפּעריאַליזם, ערשט דעמאָלט הייבט אַנטיסעמיטיזם אָן צו פאַרנעמען אַן אָרט אין דער אידעאָלאָגיע און פּאָליטיק פון דער בורזשואַזיע.

מאַרקס איז געשטאָרבן נאָך איידער דער אַנטיסעמיטיזם איז אונטערן קאַפּיטאַליזם געוואָרן אַ שאַרפע פּאָליטישע אישו. די מאַרקסיסטישע אָפּ־שאַצונג פונעם אַנטיסעמיטיזם איז שוין אויסגעקומען צו געבן פרידריך ענגעלסן, דעם נאָענטסטן מיטאַרבעטער פון מאַרקסן.

אין אַן אַרטיקל וואָס ענגעלס האָט פאַרעפנטלעכט אין דער ווינער „אַר־בעטער צייטונג", מאַי 9, 1890, ווייזט ער אָן אויפן כאַראַקטער פון דער אַנטיסעמיטישער באַוועגונג און וואָרנט קעגן דער געפאַר, וואָס זי שטעלט מיט זיך פאַר פאַר דער אַרבעטער באַוועגונג.

ענגעלס ווייזט דאָרט אָן אויף די עלעמענטן אין דייטשלאַנד און עסטרייך וואָס ווערן באַווירקט פונעם אַנטיסעמיטיזם — „די קליין־בורזשואַזיע, דער האַנטווערקער, דער קליינער קרעמער, וועלכע ווערן אַלע רואינירט דורך דער קאָנקורענץ פונעם קאַפּיטאַליזם אויף אַ גרויסן מאַסשטאַב. און ער שרייבט ווייטער:

„דער אַנטיסעמיטיזם איז בכן נישט קיין אַנדער זאַך ווי דער אָפּרוף פון די מיטלאַלטערלעכע, פאַרלנדיקע שיכטן פון דער געזעלשאַפט קעגן דער היינטצייטיקער געזעלשאַפט, וועלכע באַשטייט אין תוך פון לוין־אַרבעטער און קאַפּיטאַליסטן. אונטער אַ מאַסקע פון בלומרשטן, 'סאָציאַליזם' דינט דער אַנטיסעמיטיזם בלויז רעאַקציאָנערע צילן. מיר קאָנען בשום אופן נישט האָבן קיין שייכות מיט דעם".

ווייטער ווייזט דאָרט ענגעלס אָן אויף די נייע אַנטוויקלונגען אינעם יידנטום, און אויף די נייע כוחות־פאַרהעלטענישן, וואָס האָבן זיך געשאַפן אינעם גאַנג פון דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג.

„דער אַנטיסעמיטיזם", שרייבט דאָרט ווייטער ענגעלס, „פאַלסיפיצירט די גאַנצע לאַגע. ער קאָן דאָך אַפילו נישט די יידן, וועלכע ער פאַרשרייט,

אַנישט וואָלט ער געוואוסט, אַז אין ענגלאַנד, אין אַמעריקע און אין טערקיי — זענען פֿאַראַן טויזנטער יידישע פּראָלעטאַריער, און אַז די דאָזיקע יידישע אַרבעטער זענען די אַממערסטן עקספּלואַטירטע און די אומגליקלעכסטע פֿון אַלע. דאָ, אין ענגלאַנד האָבן מיר אין די לעצטע צוועלף חדשים געהאַט דריי סטרייקס פֿון יידישע אַרבעטער. ווי אַזוי זשע קאָן מען זיך באַנוצן מיטן אַנטיסעמיטיזם אַלס קאַמף קעגן קאַפּיטאַל?

„אַחוץ דעם זענען מיר שולדיק אַ סך, זייער אַ סך צו יידן. שוין אָפּגערעדט פֿון היינע און בערנע, האָט מאַרקס געשטאַמט פֿון ריינעם יידישן בלוט. לאַסאַל איז געווען אַ ייד. אַ סך פֿון אונדזערע בעסטע מענטשן זענען געווען יידן".

זעען מר דאָ ווי ענגעלס פֿאַרגעסט נישט צו באַטאָנען די פּראָגרעסיווע טראַדיציע און דעם פּראָגרעסיווןביישטייער פֿון יידישן פֿאָלק, אָנרופֿנדיק אַזעלכע נעמען ווי היינע, בערנע, מאַרקס און לאַסאַל.

ענגעלס, מאַרקס' נאָענטסטער מיטאַרבעטער, איז געווען דער ערשטער צו באַגריסן דעם קעמפֿנדיקן יידישן פּראָלעטאַריאַט. ער איז געווען דער ערשטער צו סיגנאַליזירן אָט דעם היסטאָרישן עטאַפּ אין דער אַנטוויקלונג פֿון דער יידישער געשיכטע. נישט געקוקט דערויף וואָס ער איז געווען איבערגעלאָדן מיט אַרבעט, נעמט זיך ענגעלס גענוג צייט צו אינטערעסירן זיך מיט די נייע אימיגראַנטישע יידישע ישובים אין ענגלאַנד און אַמעריקע, מיט די ערשטע אויסדרוקן פֿון אַ קלאַסן־באַוועגונג צווישן יידישע אַרבעטער. ער טרעט אַרויס קעגן דער „גאַוועדיקער פֿלאַפּלעריי" פֿון די אַנטיסעמיטן וועגן די יידן.

די יידן־פֿראַגע, ווי מאַרקס און ענגעלס האָבן זי אַוועקגעשטעלט האָט געשטימט מיט דער קאָנקרעטער היסטאָרישער לאַגע פֿון די יידן צו יענער צייט. זיי האָבן אָנגעוויזן, אַז די יידן־פֿראַגע איז אַ סאָציאַלע פֿראַגע, אַ טייל פֿון דער אַלגעמיינער סאָציאַלער פֿראַגע. איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל מאַכן זיי אַ סוף צו דעם מיש־מאַש אין דעם באַנעם פֿון דער יידן־פֿראַגע, וואָס האָט דעמאָלט געהערשט. זיי שטעלן אַוועק די יידן־פֿראַגע, ווי מאַרקס האָט זיך אויסגעדריקט „אויף אַ נייעם יסוד", און צייכענען אָן די גרונט־שטריכן פֿון אַ פּראָגראַם פֿאַר דער פּראָלעטאַרישער ליזונג פֿון דער יידן־פֿראַגע — פֿאַר איר מענטשלעכער ליזונג.

**ניו־יאָרק, 1968.**

# אַלבערט איינשטיין

## צו זיין צענטן יאָרצייט — 1965-1955



אַלבערט איינשטיין

.1

### איינשטיין — דער געניאַלער וויסנשאַפטסמאַן

צען יאָר זענען שוין פאַרביי זינט ס'איז פון אונדז אויף אייביק אוועק דער אומשטערבלעכער, אומפאַרבייטלעכער אַלבערט איינשטיין. מאָנטיק פאַרטאָג, אַפּריל 18, 1955, האָט ער אין שפּיטאָל אין פּרינסטאָן, ניו־דזשוירזי, אויסגעהויכט זיין לעצטן אָטעם. וואָס מער אָבער מיר דערווייטערן זיך פון יענע טעג ווען ער איז צווישן אונדז אַרומגעגאַנגען מיט זיין גוטן, מילדן שמייכל, אַלץ קלערער און בולטער טויכט פאַר אונדז אויף דאָס באַזונדערע און אייגנאַרטיקע אָרט וואָס ער האָט פאַרנומען אין דער מענטשהייט. נישט ווינציקער ווי אין דער וועלט פון וויסנשאַפט איז ער פונקט אַזוי אויך מיט זיין שיין מענטשלעך לעבן, מיט זיין מיטגעפיל און ליבשאַפט צו זיינע מיטמענטשן, געווען דער סימבאָל פון אַלץ וואָס איז נאָבל, מענטשלעך און גיט דעם לעבן אַ זין.

**פאַרעפנטלעכט אין „יידישע קולטור", חודש־שריפט, אַפּריל, 1965, און מאַי, 1965, נ"י.**

אלבערט איינשטיין איז איינער פון יענע זעלטענע פיגורן אין דער מענטשלעכער געשיכטע, וואס אויף זיין גורל איז אויסגעפאלן צו ווערן א לעגענדע פון הערואישע פראפארציעס נאך ביי זיין לעבן. וואס מער אומפארשטענדלעך פארן ברייטן, נישט־פראפעסיאנעלן עולם זיינע אידעען זענען געווען, אלץ מערער האבן זיי געוועקט קוריאזיטעט. בערטראנד ראסעל האט דאס דאזיקע אזוי טרעפלעך כאראקטעריזירט מיט אט די ווערטער: „איטלעך איינער ווייסט אז איינשטיין האט אויפגעטון עפעס־וואס שטוינענדיקס, אבער זייער ווייניק מענטשן וויסן וואס אקוראט ס'איז דאס וואס ער האט אויפגעטון". דאס וואס מ'זאגט, אז ס'איז אפשר קוים דא א טוץ מענטשן אויף דער וועלט וואס באנעמען פולשטענדיק איינשטיינס טעאריעס וועגן אוניווערס, איז אן ארויסרוף און רעגט אן טויזנטער, אויב נישט מיליאנען מענטשן, וועלכע טראכטן וועגן מאכן א פרואוו צו פארשטיין וואס אט דער מאטעמאטישער גאון האט געזאגט.

דאס נישט זיין ביכולת צו באנעמען איינשטיינען נעמט זיך אויס דער אומגעווייגלעך קאמפליצירטער נאטור פון דעם פעלד אין וועלכן ער האט אפערירט. ס'האט איינער אן ענגלישער וויסנשאפטסמאן די דאזיקע סיטואציע זייער ריכטיק דערקלערט מיט אט די ווערטער:

„די דאזיקע לערע איינשטיינס גיט זיך אפ מיט דער שייכות צווישן פיזישע און מאטעמאטישע אנגעלעגנהייטן, און קאן דעריבער דערקלערט ווערן אין מאטעמאטישע טערמינען בלויז. ס'איז אוממעגלעך צו פרעזענטירן זיין לערע אין אזא פארם וואס זאל קאנען פארשטאנען ווערן דורך יענע וועלכע האבן נישט א גאנץ נישטקשהדיקע קענטעניש אין אלגעברע".

פונדעסטוועגן איז אנגענומען, אז ס'איז אפשר דאך מעגלעך אנצודייטן געוויסע שטריכן פון איינשטיינס טעאריע וועגן קאסמאס, נישט דארפנדיק דערביי אנצוקומען צו מאטעמאטישע סימבאלן. זיין אידעע וועגן קאסמאס איז א פאנטאסטישע וועלט, איבערדרייענדיק קאפויער ביזן העכסטן גראד יענע אידעען וועגן קאסמאס וועלכע זענען געווען פעסט איינגעווארצלט פאר יארהונדערטער. „ס'איז א שווערער ביסן פארן נישט־ספעציאליסט, פארן נישט־פראפעסיאנעלן מענטש צו פארדייען". ער הייסט אונדז, א שטייגער, אקצעפטירן אזוינע אומגלויבלעכע קאנצעפציעס ווי אט די, למשל: אז דער וועלט־רוים איז אויסגעבויגן, משופעדיק; אז די קורצסטע שטרעקע צווישן צוויי פונקטן איז נישט די גלייכע ליניע; אז דער אוניווערס איז ענדלעך, האט א סוף, האט אבער קיין גרענעץ נישט, איז גרענעצלאז; אז פאראלעלע ליניעס טרעפן זיך עווענטועל צונויף; אז ליכטשטראלן זענען אויסגעבויגן; אז צייט איז רעלאטיוו און קאן נישט אויף פונקט דעם זעלבן אופן געמאסטן ווערן אומעטום; אז די מאס פון א לענג וואריאירט זיך, ענדערט זיך, לויט דעם נאך ווי געשווינד זי ווערט געמאסטן; אז דער אוניווערס איז אין דער פארם פון א צילינדער, לענגעב־

דיק, נישט ווי ס'איז געווען אָנגענומען אַז ער איז ספעריש, רונד, אין דער פאָרם פון אַ גלאָבוס; אַז אַ קערפּער אין באַוועגונג וועט זיך צונויפּציען, איינשרומפּן אין דער מאָס זיינער, אָבער וועט זיך פאַרגרעסערן אין זיין מאַסע, אין זיין שווערקייט; און אַז אַ פערטע דימענסיע — צייט — איז צוגעגעבן געוואָרן צו די אונדז באַקאַנטע דריי דימענסיעס, דאָס הייסט, צו די דריי אויסמעסטונגען, — די הייך, די לענג און די ברייט — וועלכע מיר קענען דורך אונדזערע חושים.

איז הגם איינשטיינס צושטייערן צו דער וויסנשאַפט זענען געווען אַ היפּש ביסל, שפּאַרט זיך אָבער זיין באַרימטקייט דער עיקר אָן אויף דער טעאָריע פון רעלאַטיוויטעט, אַ דערגרייכונג וועגן וועלכער אַ באַקאַנטער פיזיקער האָט זיך זייער טרעפלעך אויסגעדריקט מיט אָט די ווערטער: „זיין רעלאַטיוויטעט־טעאָריע האָט אַ מאָנומענטאַלע קוואַליטעט, וועלכע האָט אוועקגעשטעלט איר אויטאָר צווישן די באמת גרעסטע וויסנשאַפטלייט פון אַלע צייטן, אין דער אויסדערוויילטער געזעלשאַפט פון אַרכימעדעס און אייזעק ניוטאָן. מיט אירע באַצויבערנדיקע פּאַראַדאָקסן און ספּעקטאַקולערע דערפאָלגן האָט זי צעפלאַמט די פאַרשטעלונגס־קראַפט ביים ברייטן עולם".

די איינשטיין רעוואָלוציע האָט זיך אָנגעהויבן פונקט מיט זעכציק יאָר צוריק, אין 1905, ווען דער שווייצאַרישער וויסנשאַפטלעכער זשורנאַל אין דער דייטשישער שפּראַך, „אַנאַלן דער פיזיק", האָט פאַרעפנטלעכט זיינס אַ „פּאַפּיר" וואָס האָט פאַרנומען אַרום דרייסיק זייטן, טראָגנדיק דעם באַשיידענעם נאָמען „וועגן די עלעקטראָ־דינאַמיקס פון באַוועגלעכע קערפּערס". אין דער דאָזיקער קליינער אַרבעט זיינער האָט איינשטיין אוועקגעלייגט דעם פונדאַמענט פאַר זיין רעלאַטיוויטעט טעאָריע, וואָס האָט אים אַזוי באַרימט געמאַכט, און פאַרזיכערט איינס פון די געהויבנסטע ערטער אין די מאַטעמאַטיש־פיזישע וויסנשאַפטן, ווי אויך אין דער דערקענטעניש פונעם תוך פון דעם אוניווערס. איינשטיין איז דעמאָלט קוים 26 יאָר אַלט געווען, און איז געווען אַ קליינער אָנגעשטעלטער אין דער פּאַטענטן־ביוראָ אין דער שווייץ.

געבוירן געוואָרן איז איינשטיין אין דייטשלאַנד, אין אַ יידישער מיטל־קלאַס פאַמיליע אין אולם, ווירטעמבערג, דעם 14טן מערץ, 1879. געווען איז ער אַ שוואַך קינד. ביזן עלטער פון דריי יאָר האָט דער קליינער אַלבערט נישט געקאָנט רעדן. און ווען מ'האָט אים שפּעטער אַריינגעגעבן אין אַ קינדער־שול איז ער ביז 12 יאָר געווען אַ שוואַכער תלמיד. ערשט אין עלטער פון 12 יאָר האָט דער שפּעטערדיקער געניאַלער מאַטעמאַטיקער זיך פאַראינטערעסירט אין אַ לערנבוך פון געאָמעטריע, וואָס האָט אים, ווי ער האָט שפּעטער דערציילט, „געעפנט די אויגן". זינט דעמאָלט אָן האָט ער זיך אַזוי פאַראינטערעסירט אין מאַטעמאַטיק, אַז ער איז, אָן דער הילף

פֿון לערער, אַליין אַדורכגעגאַנגען אַ קורס אין העכערער מאַטעמאַטיק.

איבער דעם וואָס אין דער פֿאַמיליע נעמט דאָס רעדעלע זיך דרייען באַרג אַראָפּ, איז דער 15־יעריקער אַלבערט גענייט אַראָפּצוגיין אויף אייגענע קעסט. ער פֿאָרט אַריבער אין דער שווייץ און קריגט דאָרטן די מעגלעכקייט ווייטער אָנצוגיין מיט זיין וויסנשאַפֿטלעכער אויסבילדונג אין דעם פּאָליטעכנישן אינסטיטוט אין ציריך. ווי אַ סטודענט האָט ער זיך שטאַרק אויסגעצייכנט אין מאַטעמאַטיק, אַ פֿעלד אין וועלכן ער האָט פֿרי אַרויסגעוויזן סימנים פֿון גאונות. דעם פּאָליטעכניקום ענדיקט ער אין יאָר 1900, אין עלטער פֿון 21 יאָר. דאָרטן האָט ער חתונה מיט אַ סערבישער סטודענטקע פֿון פּאָליטעכניקום, מילעוואַ מאַריטש, און ווערט אַ שווייצאַרישער בירגער. נישט קריגנדיק די מעגלעכקייט צו ווערן אַ פּראָפֿעסאָר אין אוניווערזיטעט, צו וואָס ער האָט געשטרעבט, מוז ער, כּדי צו פֿאַרדינען אויף דער חיונה, אָננעמען אַ קליינעם פּאָסטן אין דער פּאַטענטן־ביוראָ. זיין אַרבעט דאָרטן איז באַשטאַנען אין אַדורכקוקן אַפּליקאַציעס וואָס דערפֿינדערס שטעלן־צו צו דער ביוראָ, און צוגרייטן פּרעלימינערע באַריכטן וועגן די דערפֿינדונגען. זיין פּאָסטן האָט אים ביזן יאָר 1909 אַריינגעטראָגן אַרום 600 דאָלאַר אַ יאָר.

מענטשן וואָס האָבן אים דעמאָלט געקענט, דערציילן, אַז אין 1904 האָט מען כּמעט טעגלעך געקאָנט זען דעם יונגן אַלבערט איינשטיין אַרומפֿירנדיק זיין יינגעלע, וואָס האָט אויך געהייסן אַלבערט, אין אַ קינדער־וועגעלע איבער די גאַסן פֿון ציריך. אָפֿטמאָל פֿלעגט ער זיך אָפּשטעלן אין מיטן דער גאַסן־באַוועגונג אַ פֿאַרטראַכטער, אַרויסנעמען פֿון וועגעלע אַ העפֿט און עפּעס פֿאַרצייכענען אין אים. די פֿאַרצייכענונגען זענען געווען מאַטעמאַטישע פֿאָרמולעס, פֿון וועלכע ס׳זענען שפּעטער אַרויסגעוואַקסן איינשטיינס וועלט־באַרימטע מאַטעמאַטיש־פֿיזישע טעאָריעס וועגן מאַטעריע, ענערגיע, באַוועגונג, צייט, און בכלל וועגן דער מאַטעמאַטישער סטרוקטור פֿונעם אוניווערס.

יעדע פֿרייע מינוט זיינע נוצט ער אויס צו שטודירן אינטענסיוו די ווערק פֿון פֿילאָזאָפֿן, וויסנשאַפֿטלייט און מאַטעמאַטיקערס. שוין אין זיין פֿריער יוגנט נעמט איינשטיין אויף די אידעען פֿון ראַציאָנאַליזם און הומאַניזם ביי זיין באַליבטן פֿילאָזאָף שפּינאָזע. אין זיין גאַנצן וועזן וואַקסט אַ גוואַלדיקער באַגער צו דערקענען די ראַציאָנעלע, שכלדיקע געזעצן פֿונעם אוניווערס. אין גיכן איז ער שוין גרייט געווען אַרויסצולאָזן דעם ערשטן פֿון אַ גרויסער צאָל אָריגינעלע צושטייערן צו דער וויסנשאַפֿט, אַ בייטראָג וועלכן ס׳איז באַשערט געווען צו האָבן די סאַמע ווייט־גרייכנדיקע אָפּקלאַנגען. דאָס איז געווען דער פֿריער־דערמאָנטער 1905 „פּאַפּיר" אין וועלכן איינשטיין האָט אַרויסגעפֿירט זיין ספּעציעלע טעאָריע וועגן רעלאַטיוויטעט, מאַכנדיק דערמיט אַן אַרויסרוף די ביז דעמאָלט עקזיסטירנדיקע קאָנצעפּ־

ציעס וועגן צייט און רוים (אויסשפרייטונג), וועגן מאַטעריע און ענערגיע. די יסודות פאַר אַט דער טעאָריע זענען אַוועקגעלייגט געוואָרן אין צוויי פונדאַמענטאַלע הנחהס.

די ערשטע הנחה איז געווען דער פּרינציפּ פון רעלאַטיוויטעט: יעדע באַוועגונג איז רעלאַטיוו. אַ פאַמיליאַרע אילוסטראַציע פון אַט דעם פּרינציפּ איז אַ באַן אין באַוועגונג, אָדער אַ שיף. אַ מענטש זיצנדיק אין דער באַן מיט פאַרטונקלטע פענצטער, וועט ער, אויב דער טומל וועט זיין נישט קיין באַדייטנדיקער, נישט האָבן קיין שוין אידעע וועגן דער שנעלקייט אָדער אין וועלכער ריכטונג די באַן לויפט, אָדער אפילו צי די באַן באַוועגט זיך בכלל. אַ מענטש אויף אַ שיף, מיט די פענצטערלעך פאַרמאַכט, וועט זיין אין אַן ענלעכער פאַרלעגנהייט. מיר באַנעמען באַוועגונג, הייסט עס, אין רעלאַטיווע טערמינען בלויז, דאָס מיינט, אין פאַרבינדונג מיט אַנדערע אָביעקטן. למשל, ווען מיר קוקן אַרויס פונעם באַן־פענצטער און זעען ווי די באַן־סטאַנציע רוקט זיך אַוועק פון אונדז אַלץ מערער און מערער, אָדער ווען מ׳איז אויף אַ שיף און מ׳זעט ווי דער פּאָרט איז שוין העט־ווייט אַוועק פון דער שיף — ערשט דעמאָלט כאַפּן מיר זיך, אַז די באַן אָדער שיף באַוועגט זיך און אין וועלכער ריכטונג זי באַוועגט זיך. אויף אַן אומגעהייער־גרעסערן פאַרנעם וואָלט מען פונקט אַזוי די פאַראויס־באַוועגונג פון דער ערד נישט געקאָנט אויסגעפינען אויב ס׳וואָלטן נישט געווען קיין אַנדערע הימלישע קערפּערס אויף צו מאַכן אַ פאַרגלייך.

מיר קומען איצט צו דער צווייטער הויפּט־היפּאָטעזע איינשטיינס, וועלכע באַשטייט אין דעם, אַז די געשווינדטקייט מיט וועלכער ליכט באַוועגט זיך איז אומאָפּהענגיק פון דער באַוועגונג פון איר קוואַל פון וואַנעט זי שטאַמט אָפּ. די שנעלקייט פון ליכט וועלכע איז 186,000 מייל אַ סעקונדע, איז תמיד די זעלבע אומעטום אינעם אוניווערס, נישט קוקנדיק אויפן אָרט, צייט אָדער ריכטונג. ליכט באַוועגט זיך אין אַ לויפנדיקער באַן, למשל, מיט פונקט דער זעלבער שנעלקייט ווי זי טוט עס דרויסן פון דער באַן. קיין שום כוח קאָן נישט מאַכן ליכט צו באַוועגן זיך געשווינדער אָדער פּאַמעלעכער. נאָך מער, קיין שום זאַך קאָן נישט איבערשטייגן די געשווינדקייט פון ליכט. הגם עלעקטראָנען אינעם אַטאָם קומען צו נאָענט צו אַט דער געשווינדטקייט. ליכט איז פאַקטיש דער איינציקער באַשטענדיקער, קיינמאָל זיך נישט־ענדערנדיקער פאַקטאָר אין דער נאַטור.

פונאַנדערגייענדיק זיך מיט ניוטאָנס לערעס, האָט איינשטיין פאַרזיכערט אַז ס׳איז נישטאָ אַזאַ זאַך ווי אַבסאָלוטע באַוועגונג. די אידעע וועגן דער אַבסאָלוטער באַוועגונג פון אַ קערפּער אינעם וועלט־רוים, אין דער אויסשפּרייטונג, און אַז ער איז אומאָפּהענגיק פון דער באַוועגונג פון אַנדערע קערפּערס, האָט קיין שום זין נישט. וואָרום די באַוועגונג פון יעדן איינעם קערפּער איז רעלאַטיוו לגבי דער באַוועגונג פון אַן אַנדער קערפּער.

באוועגונג איז דער נאטירלעכער צושטאנד ביי אלע זאכן. אין ערגעץ נישט אויף דער ערד אדער אינעם אוניווערס איז פאראן עפעס, וואס איז אין אבסאלוטער רו. אומעטום אין אונדזער קאסמאס, וועלכער געפינט זיך קיינמאל נישט אין א צושטאנד פון רו, גייט תמיד און כסדר אן א באוועגונג, אנהייבנדיק מיטן פיצעלע אטאם ביז צו די סאמע גרעסטע הימלישע גאלאקסיעס.

די ערד, למשל, באוועגט זיך ארום דער זון לויט דער ראטע פון צוואנציק מייל א סעקונדע. אין אן אוניווערס וואו אלץ איז באוועגונג און קיין שום פיקסירטע, פעסטע פונקטן וואס זאלן פינקטלעך וייזן די באוועגונג זענען נישטא, קאן דעריבער נישט זיין קיין פעסטגעשטעלטע סטאנדארטן אויף צו פארגלייכן געשווינדקייטן, לענג, מאס, מאסע (געוויכט) און צייט, סיידן נאר ווען מ׳זאל זיי מעסטן דורך רעלאטיווע באוועגונגען. בלויז ליכט איז נישט רעלאטיוו, די געשווינדקייט מיט וועלכער ליכט באוועגט זיך, בלייבט אומפארענדערט, מאכט נישט אויס פון וואס פאר א מקור זי שטאמט אפ, אדער די פאזיציע אין וועלכער ס׳געפינט זיך דער וואס אבסערווירט די ליכט, ווי דאס איז דערוויזן געווארן דורכן בארימטן עקספערימענט מיט צווי ליכט־שטראלן, וועלכן ס׳האבן אדורכגעפירט די צווי אמעריקאנער פיזיקער, מייקלסאן און מארלי, אין יאר 1887. דאס האט טאקע יענער עקספערימענט צוגעשטעלט דעם יסוד פאר איינשטיינס טעאריע וועגן ליכט.

אין דער פריער־דערמאנטער ערשטער ארבעט זיינער וועגן רעלאטיוויטעט, אין 1905, וויזט איינשטיין, אז די צווי אמעריקאנער פיזיקער האבן מיט זייער עקספערימענט אויסגעמאסטן אקוראט די שנעלקייט פון ליכט. דעם סאמע וויכטיקסטן פונקט וועלכן ער האט ארויסגעהרונגען פון זייער עקספערימענט, איז געווען, אז ליכט באוועגט זיך מיט דער זעלבער געשווינדקייט, נישט אכטנדיק דערויף אונטער וואסערע אומשטענדן עס ווערט געמאסטן, און אז די באוועגונג פון דער ערד אין איר שייכות צו דער זון האט קיין שום איינפלוס נישט אויף דער געשווינדקייט פון ליכט.

דער עיקר אבער וועט מען איינשטיינען געדענקען פאר זיין טעאריע וועגן דער רעלאטיוויטעט פון צייט, וועלכע איז אנגענומען געווארן פון אלע פיזיקער, און שטעלט מיט זיך פאר א שארפן איבערברוך מיט יענער טעאריע וועלכע האט דאמינירט די פיזישע וויסנשאפט זינט ניוטאנען.

די סאמע שווערסטע פון אלע איינשטיינס קאנצעפציעס צו באנעמען, יענע וואס האט צעטרייסלט ביזן יסוד די טראדיציאנעלע, ביז איצט אנגענומענע מיינונג, איז אן ספק די רעלאטיוויטעט פון צייט. איינשטיין האלט אז געשעענישן אין באזונדערע ערטער וועלכע קומען פאר אין זעלבן מאמענט פאר איין אבסערווירער, קומען נישט פאר פונקט אינעם זעלבן מא־

מענט פאר אן אנדער אבסערווירער. למשל, צוויי געשעענישן וואס מ'האלט אז זיי זענען פארגעקומען אין דער זעלבער צייט פאר איין אבסערווירער וואס האט זיך געפונען אויף דער ערד, זענען נישט פארגעקומען פונקט אין דער אייגענער צייט פאר אן אבסערווירער וואס האט זיך געפונען אין א לויפנדיקן באן אדער אין אן עראפלאן. ווארום צייט איז רעלאטיוו בנוגע דער פאזיציע און דער געשווינדקייט אין וועלכער דער אבסערווירער געפינט זיך, און איז אט דערפאר נישט אבסאלוט. אט איז איין ביישפיל וואס דארף באשטעטיקן די טעאריע וועגן דער רעלאטיוויטעט פון צייט. א מענטש אין ניו־יארק טעלעפאנירט צו א פריינט אין לאנדאן, און כאטש אין ניו־יארק איז ערשט 7 אין אוונט און אין לאנדאן איז שוין 12 ביינאכט, וועלן מיר פונדעסטוועגן זאגן, אז זיי רעדן „אין דער זעלבער צייט". אט דאס ווייזט אונדז באשיינפערלעך קלאר וואס מען מיינט מיט רעלאטיוויטעט פון צייט. פארוואס־זשע דאך זאגן מיר „אין דער זעלבער צייט", בעת אין ניו־יארק איז ערשט 7 אין אוונט און אין לאנדאן איז שוין 12 ביינאכט? דערפאר ווייל ביידע זענען איינוואוינער פונעם זעלבן פלאנעט און זייערע זייגערס זענען אנגעסטראיעט צום זעלבן אסטראנאמישן סיסטעם, — צום אסטראנאמישן סיסטעם פון אונדזער ערד.

א מער קאמפליצירטע סיטואציע בנוגע דעם ענין רעלאטיוויטעט פון צייט שאפט זיך ווען מיר ווענדן אן די דאזיקע טעאריע צום אוניווערס ווי א גאנצן. ווי וואלט געווען, א שטייגער, ווען מיר זאלן פרובירן פעסטשטעלן וואס ס'קומט פאר אויפן שטערן ארקטורוס „אט איצט". ארקטורוס איז 38 ליכט־יארן ווייט פון אונדזער ערד. א ליכט־יאר איז די שטרעקע וואס ליכט מאכט דורך אין א יאר, אדער אן ערך זעקס טריליאן מייל. אויב מיר זאלן פרובירן „אט איצט" זיך פארבינדן מיטן שטערן ארקטורוס דורך ראדיא, וואלט גענומען 38 יאר ביז אונדזערע ווערטער וואלטן דערגאנגען צו זייער ציל, צום שטערן ארקטורוס, און נאך 38 יאר צו קריגן פון דארט אן ענטפער. און ווען מיר קוקן אויפן ארקטורוס און מיר זאגן אז מיר זעען אים איצט, אין 1965, זעען מיר פאקטיש דעם שאטן זיינעם, אן אפשפיגלונג וואס פאלט אויף אונדזער אפטישן נערוו אין אויג פון ליכטשטראלן וואס האבן פארלאזט זייער מקור פון וועלכן זיי שטאמען, אינעם יאר 1927. צי קאנען מיר גאר בכלל אפילו וויסן אז ארקטורוס עקזיסטירט איצט? אן ענטפער דערויף וואלט אונדז ערשט די נאטור געקאנט געבן אין 1995.

אדער מיר נעמען אזא פאל. א געשעעניש אויף א ווייטן שטערן, לאמיר זאגן, אן אויפרייס וועלכן ס'האט אבסערווירט אן איינוואוינער אויף אונדזער ערד אט איצט, איז גארנישט פארגעקומען פונקט אין דער אייגענער צייט ווען דער מענטש אויף דער ערד האט דעם אויפרייס אבסערווירט. פארקערט גאר, איבער דעם וואס ליכט באוועגט זיך 186,000 מייל א

סעקונדע, וועט א געשעעניש אויף א ווייטן שטערן וואס מיר זעען איצט, שוין האבן געהאט פארגעקומען מיט לאנגע יארן צוריק. ס׳קאן אויך גאנץ געמאלט זיין, אז דער שטערן האט שוין לאנג גאר אויפגעהערט צו עקזיס־טירן. האט איר דא ווידער א קלארע באשטעטיקונג בנוגע דער ריכטיקייט פון איינשטיינס טעאריע וועגן דער רעלאטיוויטעט פון צייט. דער איינ־וואינער אויף אונדזער ערד האט איצט ערשט אבסערווירט אן אויפרייס אויף א ווייטן שטערן, וועלכער איז שוין גאר געהאט פארגעקומען מיט לאנגע יארן צוריק. ס׳קאן אבער אויך גאנץ מעגלעך זיין, אז ער האט לאנג שוין אויפגעהערט צו עקזיסטירן.

יעדער באוועגלעכער פלאנעט האט זיין אייגענעם סיסטעם פון צייט, וואס שיידט זיך אונטער מיט זיינע צייט־פארצייכענישן פון די אנדערע פלאנעטן. א טאג אויף אונדזער פלאנעט איז בלויז דער פעריאד וואס ס׳פאדערט זיך פאר דער ערד צו מאכן אן ארומקרייז ארום איר אקס. אזוי ווי אבער דעם פלאנעט יופיטער נעמט מער צייט פעריאדיש ארומצוקרייזן ארום דער זון ווי ס׳נעמט דער ערד, איז א יאר אויפן יופיטער א סך לענ־גער ווי אויף דער ערד. (ערשט אט דא לעצטנס האט די אמעריקאנער געא־גראפישע געזעלשאפט אויסגערעכנט אז דעם גרעסטן פלאנעט, יופיטער נעמט גאנצע צוועלף ערדישע יארן ארומצוקרייזן ארום דער זון). ווען די שנעלקייט פארגרעסערט זיך, גייט די צייט פאמעלעכער. ווייטער זענען מיר צוגעוואוינט צום געדאנק אז יעדער פיזישער אביעקט, יעדע זאך, פארמאגט דריי דימענסיעס, דריי אויסמעסטונגען, — א הייך, א לענג און א ברייט, — קומט איינשטיין און זאגט, אז אויך צייט איז א דימענסיע אינעם וועלט־רוים, אין דער אויסשפרייטונג, און אז דער וועלט רוים איז א דימענסיע פון צייט. נישט צייט און נישט רוים (אויסשפרייטונג) קאנען עקזיסטירן איינער אן דעם צווייטן, און ביידע זענען דעריבער אפהענגיק איינער פונעם אנדערן. און איבער דעם וואס באוועגונג און ענדערונג הערן קיינמאל נישט אויף, לעבן מיר אין א פיר דימענסיאנעלן אוניווערס, מיט צייט ווי די פערטע דימענסיע.

אט אזוי נאך זענען די צוויי פונדאמענטאלע הנחהס פון איינשטיינס טעאריע, ווי ער האט זיי פרעזענטירט באלד ביים אנהייב, אין יאר 1905, געווען, ערשטנס, די רעלאטיוויטעט פון יעדער באוועגונג און, צווייטנס, די קאנצעפציע זיינע וועגן ליכט ווי די איינציקע קוואנטיטעט אינעם אוני־ווערס וואס ענדערט זיך קיינמאל נישט.

אנטוויקלענדיק דעם פרינציפ וועגן דער רעלאטיוויטעט פון באוועגונג, האט איינשטיין אומגעווארפן נאך א פעסט־אנגענומענע מיינונג. פריער, איידער איינשטיין האט ארויסגעפירט זיין טעאריע וועגן דער רעלאטיווי־טעט פון באוועגונג, זענען לענג און מאסע (שווערקייט) באטראכט געווארן ווי אבסאלוט און באשטענדיק אונטער אלע אומשטענדן, ד״ה, אז גארנישט

קאן צוקומען צו דער לענג אדער וואג פון א זאך און גארנישט קאן פון איר אפקומען. איצט אבער, איז געקומען איינשטיין און האט דערקלערט, אז מאסע, די וואג פון אן אביעקט, אדער די לענג זיינע, הענגט־אפ אין דעם ווי גיך דער קערפער, דער אביעקט, באוועגט זיך. ווי א ביישפיל האט ער זיך פארגעשטעלט א באן טויזנט פוס לאנג, לויפנדיק מיט דער שנעלקייט פון פיר־פינפטלעד פון דער שנעלקייט פון ליכט. פאר אן אבסערווירער וואס שטייט אויף אן ארט אומבאוועגלעך און קוקט זיך צו ווי די באן לויפט פארביי, וועט די לענג פון דער באן רעדוצירט ווערן צו זעקס הונדערט פוס בלויז, הגם פאר א פאסאזשיר אויף דער באן וועט זי אלץ בלייבן, א טויזנט פוס לאנג. פונקט אט אזוי, וועט יעדער מאטעריעלער קערפער, באוועגנדיק זיך דורכן רוים, צונויפקארטשען זיך, צונויפציען זיך, לויט דעם נאך ווי געשווינד ער באוועגט זיך. א מעסט־שטעקן, למשל, אויב מ׳וואלט אים געקאנט אדורכשיסן דורכן וועלט־רוים לויט דער ראטע פון 161,000 מייל א סעקונדע, וואלט ער איינגעלאפן, איינגעשרומפן ביז א העלפט. די ראטאציע, דאס ארומדרייען זיך פון דער ערד ארום איר אקס האט דעם אויסטערלישן עפעקט וואס דער שטח פון איר ארומקרייז־ליניע פארמינערט זיך מיט אן ערד דריי אינטשעס.

אויך מאסע פארענדערט זיך. ווען די געשווינדטקייט פארגרעסערט זיך, פארגרעסערט זיך אויך די מאסע, די שווערקייט פון אן אביעקט. עקספערימענטן האבן געוויזן, אז ווען די שנעלקייט פון דער באוועגונג פון קליינע ברעקלעך מאטעריע ווערט ארויפגעטריבן ביז 86 פראצענט פון דער געשווינדטקייט פון ליכט, וועגן זיי דעמאלט צוויי מאל אזוי פיל ווי בעת זיי זענען אין רו. דער דאזיקער פאקט האט געהאט אומגעהייערע אימפליקאציעס פאר דער אנטוויקלונג פון אטאמישער ענערגיע.

• • •

איינשטיינס אריגינעלע ערשטע דערקלערונג אין 1905 איז באקאנט ווי די ספעציעלע טעאריע וועגן רעלאטיוויטעט, ווייל אירע אויספירן זענען באגרענעצט צו אן איינפארמיקער באוועגונג אין א גלייכער ליניע, און האבן גארנישט וואס צו טון מיט אנדערע סארטן באוועגונגען. ס׳איז אבער זייער זעלטן אין אונדזער קאסמאס, אז שטערן, פלאנעטן און אנדערע הימלישע קערפערס זאלן זיך באוועגן אין אן איינפארמיקער גלייכער ליניע. יעדע טעאריע, דעריבער, וואס נעמט נישט אין זיך אריין יעדן סארט באוועגונג גיט אן אומפולשטענדיקע באשרייבונג פונעם אוניווערס. נעמענדיק דאס אין באטראכט, איז דער צווייטער שריט איינשטיינס געווען די פארמולירונג פון זיין אלגעמיינע טעאריע וועגן רעלאטיוויטעט, א פראצעס וואס האט געפאדערט צען יאר אינטענסיווע ארבעט. אין דער אלגעמיינער טעאריע האט איינשטיין שטודירט די פארבארגענע כוחות וואס פירן אן מיט די באווע־

גונגען פון די שטערן, קאָמעטן, מעטעאָרן, גאַלאַקסיעס, און אַנדערע קערפּערס וואָס ווירבלען אַרום אינעם אומגעהייער גוואַלדיק גרויסן אוניווערס.

אין זיין „אַלגעמיינע טעאָריע וועגן רעלאַטיוויטעט“, פאַרעפנטלעכט אין 1915, האָט איינשטיין אַרויסגערוקט אַ נייעם באַנעם וועגן גראַוויטאַציע, מאַכנדיק גרינטלעכע ענדערונגען אין די אידעען וועגן גראַוויטאַציע און ליכט וועלכע זענען געווען אַלגעמיין אָנגענומען זינט ניוטאָנס צייט. גראַוויטאַציע האָט ניוטאָן באַטראַכט ווי אַ „כוח“. איז געקומען איינשטיין און האָט דערוויזן, אַז דער רוים אַרום אַ פּלאַנעט, אָדער אַרום אַן אַנדערן הימלישן קערפּער איז אַ גראַוויטאַציע־פעלד ענלעך צום מאַגנעטישן פעלד אַרום אַ מאַגנעט. די גוואַלדיק־גרויסע קערפּערס, אַזוינע ווי די זון אָדער שטערן, זענען אַרומגערינגלט מיט אומגעהייער־גרויסע גראַוויטאַציע פעלדער. דערמיט ווערט אויך דערקלערט דער ערדס צוציען צו זיך די לבנה. די דאָזיקע טעאָריע דערקלערט אויך די אומרעגלמעסיקע, נישט פעסט־איינגעשטעלטע באַוועגונגען פונעם פּלאַנעט מערקורי, דער נעענטסטער פּלאַנעט צו דער זון, אַ דערשיינונג וואָס האָט פאַר הונדערטער יאָרן אַריינגעפירט די אַסטראָנאָמען אין אַ פאַרלעגנהייט, און איז נישט געדעקט געוואָרן דורך ניוטאָנס געזעץ פון גראַוויטאַציע. אַזוי מעכטיק זענען די גרויסע גראַוויטאַציע־פעלדער פון דער זון, אַז זיי בייגן אויס אַפילו ליכט־שטראַלן. אין 1919, עטלעכע יאָר נאָך דעם ווי די אַלגעמיינע טעאָריע וועגן רעלאַטיוויטעט איז באַקאַנט געמאַכט געוואָרן, האָבן פאָטאָגראַפיעס וואָס מ'האָט אַראָפּגעכאַפּט פון דער ליקוי־חמה אַנטשיידנדיק דערוויזן די אַבסאָלוטע ריכטיקייט פון איינשטיינס טעאָריע, אַז ליכט־שטראַלן וואָס גייען אַדורך דער זונס גראַוויטאַציע־פעלד לויפן גיכער אין אויסגעבויגענע ליניעס ווי אין גלייכע.

נאָך אָט דעם אויסגעפינס איז געקומען איינשטיינס אַ דערקלערונג, אַז דער וועלט־רוים איז אויסגעבויגן, משופּעדיק. די זיך־דרייענדיקע פּלאַנעטן, ווערנדיק באַאיינפלוסט דורכן בייזיין פון דער זון, פאָלגן־נאָך די מעגלעך קירצסטע וועגן, פּונקט אַזוי ווי אַ טייך, פליסנדיק צום ים, פאָלגט־נאָך דעם קאָנטור פונעם לאַנד דורך וועלכן ער פליסט, מיטן גרינגסטן און סאַמע נאַטירלעכסטן קורס. אין אונדזער ערדס סכעמע פון זאַכן, וועט אַ שיף אָדער אַן עראָפּלאַן אַריבערשפּאַנענדיק דעם אָקעאַן נאָכפאָלגן אַ געבויגענע ליניע, דאָס מיינט, אַז די ליניע זייערע איז אין דער פאָרם פון אַן אַרקע אָדער די האַלב־רונדקייט פון אַ צירקל, און נישט קיין גלייכע ליניע. פּונקט דערזעלבער כלל באַהערשט די באַוועגונגען פון אַ פּלאַנעט אָדער פון ליכט־שטראַלן.

אויב, בכן, מ'נעמט אָן איינשטיינס טעאָריע וועגן אַן אויסגעבויגענעם וועלט־רוים, דאַרף מען דערפון לאָגיש אַרויסדרינגען, אַז דער וועלט־רוים איז באַגרענעצט, האָט אַ סוף, און אַז אַ ליכט־שטראַל פון אַ שטערן, למשל,

קערט זיך אום עווענטועל, נאך הונדערטער מיליאנען יארן, צוריק צום פונקט פון וואנעט ער האט ארויסגעשטראלט, פונקט ווי א רייזנדער אויף א שיף וואס צירקלט ארום די ערד ארום און ארום, קומט סוף־כל־סוף צוריק צום פונקט פון וואנעט די שיף האט זיך ארויסגעלאזט. די שיף איז טאקע געפארן אלץ ווייטער און ווייטער פאראויס, נישט אויסדרייענדיק זיך אויף צוריק, אין איין און דער זעלבער ריכטונג — לאמיר זאגן, פון מערב צו מזרח — דאך אבער וועט די שיףביים סוף פון דער רייזע ווידער צוריקקומען צום זעלבן ארט פון וואנעט זי איז ארויסגעפארן. (דער דאזיקער עקספערימענט האט, אגב, פולשטענדיק באשטעטיקט די היפאטעזע, אז די ערד איז קיילעכדיק). ווייטער דרינגט ארויס איינשטיינס טעאריע, אז דער אוניווערס האלט נישט כסדר און תמיד אין איין אויסציען זיך אינעם רוים, נאר האט לעצטע גרענעצן, הגם מ׳קאן קיין דעפיניטיווע, באשטימטע גרענעצן נישט עטאבלירן.

• • •

פון איינשטיינס אלע גרויסע וויסנשאפטלעכע אנטדעקונגען און אויסגעפינסן, האט זיין צושטייער צו דער אטאמישער טעאריע געהאט דעם סאמע דירעקטן און סאמע דורכדרינגענדיקסטן עפעקט אויף דער וועלט אין דער היינטיקער צייט. קורץ נאך דעם ווי זיין ערשטער „פאפיר” וועגן רעלאטיוויטעט איז פארעפנטלעכט געווארן אין 1905, אינעם שווייצארישן זשורנאל „אנאלן דער פיזיק”, האט דער זעלבער זשורנאל אפגעדרוקט איינשטיינס א קורצן ארטיקל, אין וועלכן ער האט זיין טעאריע נאך ווייטער אויסגעברייטערט. געהייסן האט דאס ארטיקל: „איז די אינערציע פון א קערפער אפהענגיק אין זיין ענערגיע?” אין אט דעם ארטיקל האט איינשטיין צום ערשטן מאל דערקלערט, אז דאס נוצן פון אטאמישער ענערגיע איז מעגלעך — ווינציקסטנס אין פרינציפ. דאס פריילאזן פון אט דער אומגעהייערער קראפט קאן דערגרייכט ווערן לויט א פארמולע וועלכע ער האט דארטן פארגעלייגט, די סאמע ערשטע מאטעמאטישע פארמולע אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט ביז איינשטיינען.

אין דער דאזיקער בארימטער מאטעמאטישער פארמולע זיינער האט איינשטיין דעמאנסטרירט, אז ענערגיע און מאסע (מאטעריע) זענען איינע און די זעלבע זאך, און אז זיי אונטערשיידן זיך צווישן זיך אין דעם נאר אין וועלכן מצב זיי געפינען זיך. מאסע, מאטעריע איז פאקטיש קאנצענטרירטע ענערגיע.

„די דאזיקע פארמולע”, שרייבט דער באוואוסטער אמעריקאנער שריפטשטעלער בארנעט אין זיין אויסגעצייכנטער אפשאצונג פון איינשטיינס טעאריע, „שטעלט צו דעם ענטפער צו א סך פון די לאנג־דויערנדיקע מיסטעריעס אין דער פיזיק. זי דערקלערט ווי אזוי ראדיא־אקטיווע סובסטאנ־

צן, ווי ראדיום אדער אוראניום, זענען ביכולת ארויסצושיסן פון זיך זייערע טיילעכלעך מיט אומגעהייערע געשווינדטקייטן און צו טון דאס אט אזוי אן אן אפשטעל פאר מיליאנען יארן. זי דערקלערט ווי אזוי די זון און אלע שטערן קאנען אזוי אנהאלטן דאס אויסשטראלן פון זיך ליכט און היץ פאר ביליאנען יארן, ווארום אויב אונדזער זון וואלט זיך אויסגענוצט דורך די אונדז באקאנטע פראצעסן פון אויסברענונג, וואלט זי שוין געווען אפגעשטארבן אין א פארפרוירענער חשכות מיט גאנצע אייביקייטן צוריק. זי [איינשטיינס פארמולע] דעקט אויף דעם גוואלדיקן פארנעם פון דער ענערגיע וואס שלומערט אין די קערנדלעך פון די אטאמען, און זי זאגט פאראויס וויפיל גראם פון אוראניום ס'דארף אריינגיין אין א באמבע כדי חרב צו מאכן א שטאט".

ביז 1939 איז די דאזיקע מאטעמאטישע פארמולע איינשטיינס געבליבן א טעאריע. פריער מיט עטלעכע יאר, אין 1933, נאך היטלערס קומען צו דער מאכט, ווערט איינשטיין געטריבן צו פארלאזן בערלין. תחילת האט ער נישט געהאט קיין איבעריקן חשק צו פארלאזן דייטשלאנד אין מיטן פון נאצישן אנגריף אויף די יידן. ס'נעמט אים דערריבער זעקס חדשים צייט איידער ער פועלט ביי זיך אנצונעמען דעם אנבאט וואס ס'האט אים געמאכט פון אמעריקע דער אינסטיטוט פאר אוואנסירטן שטודיום אין פרינסטאן, ניו־דזשוירזי. ווען איינשטיין איז געקומען צום אמעריקאנער קאנסול נאך א וויזע, נעמט דער קאנסול אים אויף א פארהער, ער וויל וויסן צי איז ער נישט קיין קאמוניסט. לאזט איינשטיין איבער דעם קאנסול און גייט צוריק אהיים. פארט ער שוין נישט קיין אמעריקע. אויף מארגן אבער רופט אים אפ דער קאנסול אויפן טעלעפאן, אנטשולדיקט זיך פאר שטעלן אים פראגעס, און זאגט אים, אז ס'ווארט אויף אים די וויזע.

דערווייסנדיק זיך, אז די נאצים האלטן אין איין אימפארטירן אוראניום קיין דייטשלאנד, און אז זיי פירן אן אן אינטענסיווע פארשונג צו שאפן אן אטאמישע באמבע, שרייבט איינשטיין, דעם 31טן יולי, 1939, צו פרעזידענט רוזוועלט א העכסט קאנפידענציעלן בריוו:

„א לעצטע ארבעט פון ע. פערמי און ל. שילארד וואס איז מיר אנפארטרויט געווארן אין מאנוסקריפט, פירט מיך צו דערווארטן, אז דער עלעמענט אוראניום קאן פארוואנדלט ווערן אין א נייעם און וויכטיקן קוואל פון ענערגיע אין דער באלדיקער צוקונפט . . . די דאזיקע נייע דערשיינונג וואלט אויך געקאנט פירן צום אויפבוי פון באמבעס, און ס'לייגט זיך אויפן שכל . . . אז אן איינציקע באמבע פון אט אזא טיפ, געפירט מיט א שיף און אויפגעריסן אין א פארט, וואלט זייער גרינג געקאנט צעשטערן דעם גאנצן פארט אינאיינעם מיט א טייל פון דער טעריטאריע ארום פארט".

ווי א באלדיקער רעזולטאט פון איינשטיינס בריוו צו רוזוועלטן, הייבט זיך אן דער אויפבוי פונעם מאנהעטן אטאם־פראיעקט. ארום זעקס יאר

שפעטער, יולי 16, 1945, פירט אדורך אמעריקע דעם ערשטן אויפרייס פון אן אטאם־באמבע ביי דער אלאמאגארדא רעזערוואציע אין ניו־מעקסיקא. קירצלעך דערנאך, אויגוסט 6, 1945, איז געקומען די מוראדיקע פארוויסטונג דורך דער באמבע וואס אמעריקע האט אראפגעווארפן אויף דער געדיכט־באפעלקערטער יאפאנישער שטאט היראשימא. צום ערשטן מאל אין דער מענטשלעכער געשיכטע ווערט לויז־געלאזט די ענערגיע פונעם אטאם. א נייע ערא אויף אונדזער פלאנעט הייבט זיך אן. דעם גרויסן איינשטיינס אויסרעכענונגען, אז מאטעריע קאן זיך פארוואנדלען אין ענערגיע און אויך פארקערט, האט זיך ארויסגעוויזן הונדערט פראצענט ריכטיק.

נאך דעם אומבאשרייבלעכן חורבן וואס די אטאם־באמבע האט אנגעמאכט קאן איינשטיין שוין מער נישט רוען. מיט דער גאנצער ענערגיע און זיין גרויסער אויטאריטעט ווארפט זיך אט דער גרויסער מענטשנפריינט אריין אין קאמף ביזן לעצטן טאג פון זיין לעבן, אז אטאם־ענערגיע זאל נישט מער גענוצט ווערן פאר מאסן־פארניכטונג. מלחמה מוז איצטער, אין דער אטאם־עפאכע, אונטער אלע אומשטענדן פארמיטן ווערן, אויב די וועלט זאל האבן א קיום. האט ער טאקע קורץ פארן טויט אויסגעדריקט זיין חרטה פאר חתמענען דעם בריוו צו פרעזידענט רוזוועלט. זיין פארענטפערונג איז געווען, ער האט געציטערט, אז די נאצים זאלן נישט פארכאפן און אפשר פריער מאכן די באמבע.

• • •

הגם די אטאמישע באמבע איז געווען די סאמע ספעקטאקולערע פון אלע פראקטישע אנווענדונגען פון איינשטיינס טעאריעס, האט אבער זיין באַרימטקייט ווי א געניאלער וויסנשאפטסמאן זיך עטאבלירט אויף תמיד און אייביק דורך גאר אז אנדער אויסערגעוויינטלעכן אויפטו זיינעם. כמעט איינצייטיק מיט זיין ספעציעלער טעאריע וועגן רעלאטיוויטעט אין 1905, האט איינשטיין אנטוויקלט זיין פאטאעלעקטרישן געזעץ. מאכנדיק קלאר דעם מיסטעריעזן פאטאעלעקטרישן עפעקט, טרעט ער דערמיט אויס דעם וועג פאר דער קומענדיקער טעלעוויזיע, פארן קלאנגפילם, און פארן „עלעקטרישן אויג", מיט זיינע אנדערע פארשידנארטיקע נוצן. דאס איז איינשטיין אייגנטלעך פאר דער אנטדעקונג פון זיין פאטאעלעקטרישן געזעץ באערט געווארן מיטן נאבעל־פריז פאר פיזיק אין 1921. וואס־זשע טוט ער, אט דער גרויסער „גביר"? ער שענקט אוועק די גאנצע סומע, איז באטרעף פון איבער 40 טויזנט דאלאר, פאר נויטבאדערפטיקע סטודענטן און געלערנטע. פאר זיך לאזט ער גארנישט.

אין זיינע שפעטערע יארן ארבעט איינשטיין אומדערמידלעך און אן אפשטעל אויף דעם וואס איז באקאנט ווי די אוניפיצירטע (איינהייטלעכע) פעלד־טעאריע, מאכנדיק א פרואוו צו דערווייזן די הארמאנישקייט און

איינהייטלעכקייט אין דער נאַטור ווי אַ גאַנצע. אינעם קורס פון זיין זוכן קאָסמישע האַרמאָנישקייט, רייסט ער פריער אַרונטער די טראַדיציאָנעלע ווענט וואָס זענען ביז אים געשטאַנען צווישן מאַטעריע און ענערגיע, און נעמט זיך דערנאָך אויסגלייכן דעם אומענדלעך גרויסן אוניווערס מיטן אומגעהייער קליינעם אַטאָם. לויט זיין מיינונג נאָך, דאַרף מען די זעלבע פיזישע געזעצן וואָס מ׳ווענדט אָן צום סאַמע קלענסטן פיצל אַטאָם פונקט אַזוי אָנווענדן צו די אומגעהייער־גרויסע הימלישע קערפּערס. איינשטיינס אוניפיצירטע פעלד־טעאָריע וויל פאַראייניקן אַלע פיזישע דערשיינונגען אין איין איינציקער סכעמע. גראַוויטאַציע, עלעקטריציטעט, מאַגנעטיזם, און אַטאָמישע ענערגיע זענען יענע אַלע כוחות וואָס דאַרפן געדעקט ווערן דורך דער איין און איינציקער פעלד־טעאָריע זיינער.

אין 1950, נאָך עטלעכע און צוואַנציק יאָר פון אינטענסיוו־אָנגעשטרענג־טער פאָרשונג, דערלאַנגט ענדלעך איינשטיין דער וועלט אַט אַזאַ טעאָריע. ער דריקט דערביי אויס דעם גלויבן, אַז אַט די טעאָריע פאַרמאָגט דעם שליסל צום אוניווערס, פאַראייניקנדיק אין איין קאָנצעפּציע די אומגעהייער קליינינקע, אין אַ קרייז זיך דרייענדיקע וועלט פונעם אַטאָם און די גוואַל־דיק־אומענדלעכע שטרעקעס אין דעם שטערן־אָנגעפילטן וועלט־רוים. מחמת מאַטעמאַטישע שוועריקייטן, איז נאָך די טעאָריע נישט פולשטענדיק דורכ־געקאָנטראָלירט געוואָרן ביז די סאַמע מינדסטע דעטאַלן בנוגע די עטאַב־לירטע פאַקטן אין פיזיקס. איינשטיין אַליין אָבער האָט, נישט וואַקלענדיק זיך אויף קיין איין רגע, פעסט געגלייבט, אַז זיין אוניפיצירטע (פאַראיינ־הייטלעכטע) פעלד־טעאָריע וועט מיט דער צייט אַרויסברענגען אַ דערקלע־רונג וועגן דעם „אַטאָמישן כאַראַקטער פון ענערגיע״, און דעמאָנסטרירן די עקזיסטענץ פון אַ ריכטיק־איינגעאָרדנטן אוניווערס. די אוניפיצירטע פעלד־טעאָריע איז איינשטיינס גוואַלדיק־גרויסער צושטייער צו דער פאַרשטענ־דעניש פון די געזעצן אינעם אוניווערס — אַ צושטייער וואָס וועט האָבן אַ ווייט־גרייכנדיקן עפעקט אין זיין אָנווענדונג אין דער וויסנשאַפט פאַר קו־מענדיקע דורות.

די פילאָזאָפיע וואָס האָט אינספּירירט איינשטיינען דורך די יאָר־צענד־ליקער פון אינטענסיוו־אינטעלעקטועלער אָנשטרענגונג, און די באַלוינונגען וואָס ער האָט דערפון באַקומען, האָט ער געשילדערט אין אַ לעקציע וועגן דעם בראשית פון דער אַלגעמיינער טעאָריע וועגן רעלאַטיוויטעט, אין דעם אוניווערזיטעט אין גלאַסגאָ, סקאָטלאַנד, אין 1933. זאָגט איינשטיין:

„די פינאַלע רעזולטאַטן קוקן כמעט אויס גאַנץ פשוט; יעדער אינטעלי־גענטער סטודענט אין אַן אוניווערזיטעט קאָן זיי פאַרשטיין אָן צופיל זאָרג. אָבער די יאָרן פון נאָכזוכעניש אין דער פינצטער פאַר אַן אמת וואָס מ׳פילט אים, אָבער מ׳קאָן אים נישט אויסדריקן; דער אינטענסיווער באַ־גער און דאָס כסדרדיקע וואַקלען זיך צווישן צוטרוי און האַרץ־צעבראָכנדיקע

ספקות, ביז וואַנעט מ׳ברעכט זיך אַדורך צו קלאָרקייט און פאַרשטענדעניש, אַז דאָס ווייסט בלויז דער, וואָס האָט עס אַליין אַדורכגעלעבט״.

אַ וואָרט וועגן דעם פאַרוואָס איינשטיין אַפּעלירט צו דער פאַרשטעלונגס־קראַפט פון אַזוי פיל מענטשן אין דער וועלט. דאָס איז דערפאַר וואָס זיינע טעאָריעס האָבן נישט נאָר אַן אינטערעס פאַר ספּעציאַליסטן בלויז. למשל, די אידעע זיינע וועגן דער רעלאַטיוויטעט פון צייט, איינע פון זיינע פונדאַ־מענטאַלע אידעען, איז נישט נאָר נוגע דער ווּיסנשאַפט, נאָר אויך דעם טעגלעכן לעבן פון יעדן מענטשן.

מיר וועלן נעמען פאַר אַ ביישפּיל אונדזערע יידיש־לייענער. איז דער גרויסער רוב זייערער אַנטוועדער אין די מיטעלע יאָרן, אָדער שוין העט־ווייט אַריבערגעשפּאַנט די מיטעלע יאָרן. פאַר זיי וועט גרינג זיין צו באַ־נעמען דעם זין פון רעלאַטיוויטעט פון צייט דורך אַז דער אייגענער דער־פאַרונג זייערער. איר דאַרפט זיך בלויז דערמאָנען ווי דאָס יאָר פלעגט אַמאָל זיך פאַר אייך אויסציען אַזוי לאַנג, און פאַרקערט, ווי האַסטיק, מיט וואָס פאַר אַ גאַלאָפּ ס׳לויפן איצט די טעג, וואָכן, חדשים. נאָך איידער מ׳קוקט זיך רעכט אַרום — און דאָס אַלטע יאָר איז אַוועק און שוין ווידער אַ ניי יאָר. מאַכט נישט אויס צי דאָס איז געווען אַ גוטס, אָדער פאַרקערט. וואָס־זשע אַזוינס, אייגנטלעך, קומט דאָ פאָר? באַשטייט אַ יאָר דאָך נאָך אַלץ פון 365 טעג, ווי אַמאָל אין די יינגערע יאָרן, דער מעת־לעת האָט אויך איצט נאָך אַלץ די זעלבע 24 שעה. נאָר וואָס־זשע דען? די צייט גופא איז טאַקע נישט קירצער געוואָרן, נאָר פאַר יענע וואָס ווערן אַלץ עלטער און עלטער (נאָך אויף לאַנגע יאָרן), נעמט זי, די צייט, אַלץ מער איינלויפן, איינשרומפּן. (דער דאָזיקער פענאָמען, דאָס וואָס צייט ווערט פאַרן מענטש, מיט די יאָרן אַלץ מערער איינגעשרומפּן, איז אייגנטלעך אַ ביאָלאָגישער פאַקטאָר, און איז פאַר זיך אַליין אַ באַזונדערע טעמע, וואָס איז אָבער נישט דירעקט פאַרבונדן מיטן עניין וואָס ווערט דאָ איצט באַרירט).

בקיצור, אַז דער גאַנץ פּשוטער ביישפּיל דאַרף פאַר אייך באַשיינפּער־לעך קלאָר מאַכן, וואָס ס׳מיינט רעלאַטיוויטעט פון צייט — ווי אַזוי אייך און די זעלבע צייט האָט מיט יאָרן צוריק פאַר אייך זיך אויסגעצויגן אַ סך לענגער ווי היינט. ס׳וועט דערביי דאָ נאָך כדאי זיין צוצוגעבן, אַז אַ חוץ דעם וואָס איינשטיינס טעאָריעס האָבן געהאַט אַן אַלגעמיינעם באַדייט, נישט נאָר פאַר ווּיסנשאַפטסלייט בלויז, האָבן מענטשן, צוליב זיין פּער־זענלעכקייט, צוליב זיין וואוילגעניייגטקייט צו יעדן איינעם, אויך געפילט דעם דאָזיקן איינפלוס זיינעם, אַפילו ווען זיי האָבן אים נישט געקענט דירעקט.

פאַרן פאַרענדיקן, נאָך איין ציטאַטע פון אַן ענגלישן ווּיסנשאַפטסמאַן, וואָס וועט אילוסטרירן איינשטיינס אָרט אין דער ווּיסנשאַפטלעכער וועלט. שרייבט פּאָועל אַהעסער:

„איינפלוס איז א שוואך ווארט פאר אלבערט איינשטיינס אויפטו. די טעאריעס וואס ער האט ארויסגערוקט זענען געווען רעוואלוציאנערע. אין זיי איז געבוירן געווארן די אטאמישע עפאכע, און וואוהין זי פירט די מענטשהייט ווייסן מיר נישט. מיר ווייסן יא אבער, אז מיר האבן דא דעם גרעסטן וויסנשאפטסמאן און פילאזאף אין אונדזער יארהונדערט, וואס איז געווארן כמעט א הייליקער אין אונדזערע אויגן און וואס די דערגרייכונג זיינע איז א באַרעכטיקונג פאר אונדזער גלויבן אינעם מענטשלעכן גייסט, א סימבאל פונעם מענטשנס אייביקער זוכעניש, פון זיין שטרעקן זיך צו די שטערן".

● ● ●

צום סוף זאל דא פארן לייענער קלאר ווערן, אז דער אויטאר פון די שורות האט, נאטירלעך, גאנץ בצימצומדיק קוים באַרירט דא דעם גוואלדיקן פאר־נעם פון איינשטיינס אנטדעקונגען און אויסגעפינסן אין די מאטעמאטיש־פיזישע וויסנשאפטן, וועלכע האבן רעוואלוציאניזירט און אין גאנצן גע־ביטן דעם אויסקוק אויפן קאסמאס זינט ניוטאנען, און וועלכער האט אריינ־געפירט די אטאמישע ערא. דער ציל דא, א גאנץ באשיידענער, איז געווען צו געבן אונדזער יידיש־לייענער עטלעכע שטריכן בלויז, דעם קווינט־עסענץ פון איינשטיינס געניאלע טעאריעס וועגן אוניווערס, אויף וויפיל ס'איז נאר מעגלעך, נישט צו דארפן דערביי אנצוקומען צו מאטעמאטישע סימבאלן אדער פארמולעס.



**צו זיין 75סטן געבוירנטאג, מערץ 14, 1954, ארבעט איינשטיין, ווי יעדן אנדערן טאג, אין דער שטילקייט פון זיין מיט ביכער־ארומגערינגלטער סטודיא, אין זיין היים אין פרינסטאן, ניו־דזשוירזי.**

.2

## איינשטיין—דער מענטש און קעמפער פאַר שלום און קאָ־עקזיסטענץ

אַלבערט איינשטיין, דער געניאַלער יידישער מאַטעמאַטיקער, וואָס האָט מיט זיין טעאָרעטישער פיזיק אַריינגעפירט די אַטאָמישע עפּאָכע און געעפנט דעם וועג צו דער לבנה, איז פונקט אַזוי גרויס געווען ווי אַ הומאַניסט, ווי אַ הויך־עטישע פּערזענלעכקייט. מיט זיין פלאַמיקן גלויבן אינעם מענטש, ווי מיט זיינע גרויסע וויסנשאַפטלעכע דערגרייכונגען, איז ער געווען אַ סימבאָל פון אַלץ וואָס איז שיין און נאָבל אינעם לעבן.

בטבע אַ שטילער, צוריקגעצויגענער מענטש, פאַרטיפט אין זיינע וויסנשאַפטלעכע שטודיעס, איז דאָך איינשטיין אָבער נישט געווען צוריקגעצויגן פון דער וועלט. פאַרקערט, ער האָט נישט געזוכט אויסצומיידן די קאַטאַקליזמען פון זיין לעבנסצייט. זיין גאַנץ לעבן איז ער געווען אַריינגעצויגן און זיך תמיד געפונען אין סאַמע מיטן פון די גרויסע היסטאָרישע קאַמפן. ווי אַ וויסנשאַפטסמאַן האָט ער, ווי באַוואוסט, אַרונטערגעריסן די טראַדיציאָנעלע ווענט צווישן מאַטעריע און ענערגיע, און מיט זיין אוניפיצירטער פעלד־טעאָריע האָט ער געזוכט האַרמאָנישקייט אין קאָסמאָס; באַמיענדיק זיך אויסצוגלייכן דאָס אומגעהייער גרויסע מיטן סאַמע קלענסטן אינעם אוניווערס — האָט ער פונקט אַזוי שווער געאַרבעט אַריינצוברענגען האַרמאָנישקייט, שלום און פריינטשאַפט צווישן פעלקער און ראַסן און פאַרשטענדניש צווישן מענטש און מענטש.

זיינע וועגווייזערס אינעם באַנעם פון דער וועלט און דער מענטשלעכער געזעלשאַפט זענען געווען שפינאָזע און מאַרקס.

ווען אַ באָסטאָנער קאַרדינאַל האָט, איידער איינשטיין איז געקומען קיין אַמעריקע, געוואָרנט די אַמעריקאַנער יוגנט זיך צו היטן פאַר אים, ווייל ער איז אַן אַטעאיסט, האָט אַ ניו־יאָרקער ראַביי (רב), געשיקט צו איינשטיינען אַ טעלעגראַמע, פרעגנדיק אים: „גלייבט איר אין גאָט?" ווי זיין שטייגער איז געווען, האָט אים איינשטיין באַלד געענטפערט: „איך גלייב אין שפינאָזעס גאָט, וואָס אַנטפלעקט זיך אין דער האַרמאָנישקייט פונעם גאַנצן זיין". פאַר איינשטיינען זענען קלאָר געווען די אידעאָלאָגישע בענדער וואָס האָבן אים געבונדן מיטן שפינאָזען. האָט איינשטיין דאָך פאַרענדיקט די אַרבעט פון שפינאָזען, דערמיט וואָס ער האָט צעשטערט דעם מעכאַניסטישן באַנעם וועגן אוניווערס, אַ באַנעם וועלכן שפינאָזע האָט פריער אונטערגעגראָבן.

איינשטיין איז, ווי באַוואוסט, געווען דער ערשטער וואָס איז אַרויסגע־

פאַרעפנטלעכט אין „יידישע קולטור", חודש־שריפט, מערץ, 1966, ניו־יאָרק

קומען מיט דער טעאָריע, אַז מאַטעריע און ענערגיע איז איינע און די זעלבע זאַך. ער האָט דערקלערט אַז דאָס אויסנוצן די גוואַלדיקע ענערגיע וואָס ליגט אינעווייניק אינעם אַטאָם קאָן איצט ווערן אַ רעאַלע מעגלעכקייט. דאָס האָט ער דאָך אַרויסגעבראַכט די ערשטע מאַטעמאַטישע פאָרמולע אין דער געשיכטע, ווי אַזוי דאָס קאָן געטון ווערן.

דעם 6טן אויגוסט, 1945, לייענט איינשטיין אין זיין פרימאָרגן צייטונג דאָס דאָזיקע קורצע שטיקל נייעס: „צום ערשטן מאָל אין דער מענטשלעכער געשיכטע האָט מען פריינגעלאָזט די ענערגיע פונעם אַטאָם איבער דער געדיכט־באַפעלקערטער יאַפּאַנישער שטאָט היראָשימאַ. אין איין אויגנבליק איז פון דער דאָזיקער קאָכיקער שטאָט מיט אַ באַפעלקערונג פון 245 טויזנט געוואָרן אַש און פאָרעד, הונדערט טויזנט מענטשן טויט און נאָך אַמאָל אַזוי פיל פאַרוואונדעט און פאַרקריפּלט".

דאָס איז געווען דער טרויעריקסטער טאָג אין זיין לעבן. דער דאָזיקער מוראַדיקער חורבן דורכן פריילאָזן די ענערגיע פונעם אַטאָם אין וועלכן אַזוי פיל אומשולדיקע מענטשן זענען אומגעקומען און פאַרקריפּלט געוואָרן, האָט אים שרעקלעך צעטרייסלט. ער האָט דאָס דערפילט אויף זיין געוויסן, און ער ווערט אַלאַרמירט וועגן דער גוואַלדיקער סכנה וואָס לויערט איצט אויף דער וועלט. ער גלייבט, אַז איצט ווען דער אַטאָם איז באַזיגט געוואָרן, טאָר שוין מער קיין רייד נישט זיין וועגן מלחמות. קאַמף קעגן מלחמה ווערט איצט זיין לעבנס־ציל. אומדערמידלעך און אומאויפהערלעך האַלט ער אין איין וועקן און מאָנען צו מאַכן אַ סוף צו מלחמות און פאַר אַנטוואָפענען זיך.

ענדלעך קריגט ער די געלעגנהייט צו רעדן צו דער וועלט אויף דער טעלעוויזיע, קעגן אַן אַטאָם־הידראָגענישער מלחמה ווי קעגן מלחמה בכלל. דעם 12טן פעברואַר, 1950, טרעט ער אויף, דאָס איינציקע מאָל אין זיין לעבן, דאַכט זיך, מיט אַ רעדע אויף דער טעלעוויזיע־פּראָגראַם אין ניו־יאָרק, מיט וועלכער ס'האָט אָנגעפירט עלענאָר רוזוועלט, די פרוי פון פאַרשטאָרבענעם פּרעזידענט רוזוועלט.

אין אָט דער רעדע באַמיט ער זיך צו דערווייזן, אַז אין אַן אַטאָם־מלחמה וועלן מער נישט זיין קיין זיגער און קיין באַזיגטע. ער וואָרנט, אַז מלחמה מיט דעם נייעם סופּער־הידראָגענישן מחבל, וואָס מ'האָט געהאַלטן דעמאָלט אין פאַרענדיקן, טראָגט מיט זיך טויט און פאַרוויסטונג פאַר אַלעמען גלייך, די ראַדיאָ־אַקטיווע פאַרגיפטונג פון דער אַטמאָספערע דורך דער הידראָגענישער באָמבע קאָן אויסלעשן יעדן פונק פון לעבן אויף אונדזער פּלאַנעט. מלחמה מוז איצטער אין דער אַטאָם־עפּאָכע, אונטער אַלע אומשטענדן פאַרמיטן ווערן. פרידלעכע קאָ־עקזיסטענץ צווישן לענדער און פעלקער איז איצט דער איינציקער אויסוועג.

איינשטיינס דרייסטער אַרויסטריט אויף דער טעלעוויזיע קעגן מלחמה

קריגט גלייך אַז אָפּקלאַנג אין קאָנגרעס, אין דער אַמעריקאַנער פאָלקס־רע־
פּרעזענטאַנץ אין וואַשינגטאָן. די קאַלטע מלחמה־לייט האָבן לאַנג אויף זיך
נישט געלאָזט וואַרטן. שוין אויף מאָרגן האָט דער דעמאָלט טרויעריק־
באַרימטער ראַסיסטיש־אַנטיסעמיטישער מלחמה־העצער, רענקין, וואָס האָט
רעפּרעזענטירט אין קאָנגרעס דעם נאָך מער טרויעריק־באַרימטן דרום־
שטאַט מיסיסיפּי, זיך אָפּגעריסן ווי פון אַ קייט אויף איינשטיינען. ס'איז
גאָר קיין גרענעץ נישט געווען צו זיינע זילזולים, ניבול־פּה, העצעס קעגן
דעם נאָבעלן קעמפער פאַר שלום. שוין דאָס וואָרט שלום ברענגט אים אַרויס
פון די כלים. אין זיין איגנאָראַנץ און רציחה וואַרפט ער זיך אַרויף אויף
דעם וועלט־באַרימטן וויסנשאַפטסמאַן מיט אַט אַזאַ מין מענה־לשון, —
אַז איינשטיין איז אַן אַלטער „פעיקער״, אַז די מעשה וועגן זיין בייטראַג
צו דער אַנטדעקונג פון דער אַטאָם־באָמבע איז „באָנק״, און ווייטער האָט
ער געליאַרעמט, אַז „איינשטיין האָט גענראַפט דעפּאָרטירט ווערן פון אַמע־
ריקע פאַר זיינע קאָמוניסטישע מעשים נאָך מיט יאָרן צוריק״.

איז מען געווען דעמאָלט געפּלעפט, און זיך געפרעגט — ווי קומט עס
וואָס מ'האָט אין קאָנגרעס דערלאָזט, אַז אַט דער פינצטערער, איגנאָראַנ־
טער פאַרשווין זאָל פאַרשווארצן דאָס פּנים פון אַמעריקע אין דער וועלט
און קיינער זאָל דאָרט קיין פּיפּס נישט טון? איז דער תירוץ געווען —
דער קאַלטער־מלחמה קלימאַט, פון איין זייט, וואָס איז געווען אין סאַמע־
ברען דעמאָלט, און פון דער צווייטער זייט האָבן אין יענער טרויעריקער
צייט, ווען מעקאַרטי האָט גערירט הויך אויפן פערד, אַפילו מיטגלידער
פון קאָנגרעס געציטערט פאַר זיין טעראָר.

אין אַט יענע טעג פון אינטעלעקטועלער ירידה און פּרינציפּלאָזן אָפּאָר־
טוניזם, האָט איינשטיין, נישט געקוקט אויף זיין שוואַכן געזונט און אויף
דער סכנה צו וועלכער ער שטעלט זיך אויס אין די עלטערע יאָרן, מיט גרויס
קוראַזש זיך אַוועקגעשטעלט מיט זיין גאַנצן פּרעסטיזש קעגן פינצטערן מע־
קאַרטיזם. אין אַט דער טרויעריקער צייט קעמפט די דאָזיקע ליכטיקע פּער־
זענלעכקייט אומדערשראָקן, מיט דער גאַנצער אויטאָריטעט זיינער פאַר אַ
צוריקקער צו שכלדיקייט, קעגן גערדאַנקען־קאָנטראָל און פאַר דער חשיבות
פונעם מענטש — קעגן די מעקאַרטישע רדיפות, קעגן דער קאַלטער מלחמה.
ווען ס'האָט איינער אַן אינזשעניר וואָס איז דעמאָלט געשלעפּט געוואָרן צו
דער מעקאַרטישער אינקוויזיציע דאָרטן אָפּן דערקלערט, אַז ער זאָגט זיך
אָפּ צו ענטפערן אויף זייערע פראַגעס, אויף דער עצה פון איינשטיינען,
האָט ער אַליין, איינשטיין, באַשטעטיקט אַז דאָס האָט ער אים טאַקע געגעבן
די עצה.

אין יענער צייט זעט ער קיין אַנדער אויסוועג נישט פונעם קלעם אין
וועלכן די מענטשהייט איז אַריינגעשפּאַרט געוואָרן, ווי נאָר אין סאָציאַליזם.
אין מאַי, 1949, פאַרעפנטלעכט ער אינעם סאָציאַליסטישן חודש־זשורנאַל

„מאנטלי רעוויו", אין ניו־יאָרק, אַ אַרטיקל אונטערן נאָמען: „פאַרוואָס סאָציאַליזם?" * (דאָס אַרטיקל האָט דער זשורנאַל דערנאָך אַרויסגעגעבן אין אַ באַזונדערער בראָשור).

שרייבט ער דאָרטן צווישן אַנדערן:

„אַנומעלטן האָב איך דיסקוטירט מיט אַן אינטעליגענטן און וואוילמיינענדיקן מענטשן וועגן דער סכנה פון נאָך אַ מלחמה. . . . גאַנץ רואיק גיט ער מיר אַ זאָג: פאַרוואָס זענט איר אַזוי שטאַרק קעגן דעם פאַרשווינדן פונעם מענטשלעכן מין?

„כ'בין זיכער, אַז נישט מער ווי מיט אַ הונדערט יאָר צוריק וואָלט קיינער נישט אַזוי גרינג געמאַכט אַזאַ מין דערקלערונג. דאָס איז די דערקלערונג פון אַ מענטשן וואָס האָט אומזיסט געשטרעבט צו דערגרייכן אינערלעכע גלייכגעוויכט און האָט מער אָדער ווייניקער פאַרלוירן די האָפענונג ס'זאָל זיך אים דאָס איינגעבן. אָט דאָס איז דער אויסדרוק פון פיינלעכער איינזאַמקייט און איזאָלירטקייט פון וועלכע אַזוי פיל מענטשן ליידן אין היינטיקע טעג.

„. . . דער יחיד איז געוואָרן מער באַוואוסטזיניק ווי פריער וועגן זיין אָפּהענגיקייט פון דער געזעלשאַפט. די דאָזיקע אָפּהענגיקייט אָבער קומט אים נישט פאָר ווי אַ פּאָזיטיווער געווינס, ווי אַן אָרגאַנישע פאַרבינדונג, ווי אַ באַשיצנדיקער כוח, נאָר גיכער ווי אַ באַדראָאונג פאַר זיינע נאַטירלעכע רעכט, אַפילו פאַר זיין עקאָנאָמישער עקזיסטענץ. נאָך מער, זיין פּאָזיציע אין דער געזעלשאַפט [היינט] איז אַזאַ, אַז די עגאָאיסטישע אייגנוציקע טרייב־כוחות זיינע ווערן כסדר אַלץ מערער אַקצענטירט, בשעת זיינע סאָציאַלע טרייב־כוחות, וועלכע זענען בטבע שוואַכער, דעגענערירן אַלץ מערער און מערער.

„. . . די עקאָנאָמישע אַנאַרכיע אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, ווי זי עקזיסטירט ביים היינטיקן טאָג, איז, לויט מיין מיינונג, דער אמתער קוואַל פון אַלדאָס בייז . . .

„איך בין איבערצייגט, אַז בלויז איין וועג איז פאַראַן צו עלימינירן די דאָזיקע זייער ערנסטע שלעכטסקייטן, און דאָס איז דורך דער עטאַבלירונג פון אַ סאָציאַליסטישער עקאָנאָמיע, באַגלייט מיט אַ דערציאונג סיסטעם וואָס זאָלן זיין אָריענטירט אויף סאָציאַלע צילן".

● ● ●

צו צוויי זאַכן האָט איינשטיין, ווי באַוואוסט, געהאַט אַ שטאַרקן ווידערווילן. 1) אויסצובאַרגן זיין נאָמען פאַר אונטערנעמונגען און 2) מ'זאָל אים מאַכן אַ געבורטסטאָג שמחה. (געבורטסטעג, פלעגט ער זאָגן, זענען פאַר

*) Why Socialism? by Albert Einstein, Monthly Review, May, 1949, New York.

קינדער) . צומאָל קומט אים אָבער דאָך אויס צו מאַכן אויסנאַמען.

ווי דער ערן־פּאַרזיצער פונעם יידישן קאָנסיל פון ראָשיען וואָר רעליף (יידישן ראַט פון מלחמה־הילף פאַר רוסלאַנד) אין די פאַראייניקטע שטאַטן, האָט ער אין 1942, אין ברען פון דער מלחמה קעגן די נאַציס, צוגעשטימט צו אַ באַנקעט אין זיין נאָמען פונעם יידישן ראַט פאַר מלחמה־הילף צו רוסלאַנד. דער באַנקעט איז פאַרגעקומען דעם 25סטן אָקטאָבער, 1942, אין קאָמאָדאָר האָטעל, אין ניו־יאָרק. איז דער הויך־פּונקט פון יענעם אומ־פאַרגעסלעכן צונויפקום געווען איינשטיינס רעדע וואָס איז דאָרט פאַר־געלייענט געוואָרן. מיט גליענדיקע ווערטער האָט ער געלויבט די סאָוועטן־מאַכט און פאָלק פאַר זייער איבערמענטשלעכער אָנשטרענגונג צו שלאָגן די נאַצישע חיה־רעה, פאַר די אומגעהייערע קרבנות וואָס זיי ברענגען אין זייער קאַמף קעגן די נאַצישע קאַניבאַלן. די רעדע זיינע האָט ער פאַרענ־דיקט מיט אָט די ווערטער:

„פערזענלעך גלייב איך, אַז אָן רוסלאַנד וואָלטן די דייטשישע בלוט־הינט דערגרייכט זייער ציל. מיר ווערן דעריבער דיקטירט בלויז פונעם געפיל פון זעלבסט־דערהאַלטונג, ווען מיר זאָלן טון פאַר רוסלאַנד אַלץ וואָס אונדזער גרעסטע אָנשטרענגונג קאָן באַווייזן. דאָס איז חוץ דעם וואָס אירע אומגעהייערע פאַרלוסטן און די ליידן פון איר פאָלק האָט געלייגט אויף אונדז און אונדזערע קינדער אַ חוב, וועגן וועלכן מיר מוזן זיין באַוואוסט־זיניק יעדע שעה פון אונדזער לעבן, אויב מיר זאָלן אויפהיטן אונדזער זעלבסט־רעספּעקט. לאָמיר זיך אויפפירן אין הסכם דערמיט און געבן אונד־זער פולע שטיצע דעם יידישן ראַט פאַר מלחמה־הילף צו רוסלאַנד”.

מיט אַ קנאַפּ יאָר שפּעטער, שוין נאָך דער נאַצישער מפּלה ביי סטאַלינ־גראַד, זעען מיר אים ווידער ווי דער ערן־פּאַרזיצער פון אַ ברייטן געזעל־שאַפטלעכן קאָמיטעט פון אַלע ריכטונגען אין אַמעריקאַנער יידישן לעבן, אויך אַ צאָל פּראָמינענטע נישט־יידן, וואָס האָט זיך פאַרמירט צו געבן אַ פייערלעכן קבלת־פּנים די שליחים פונעם סאָוועטן־פאַרבאַנד צו די יידן אין די פאַראייניקטע שטאַטן. די דעלעגאַציע איז באַשטאַנען פונעם גרויסן יידישן אַרטיסט שלמה מיכאָעלס, פאָרזיצער פונעם יידישן אַנטי־פאַשיס־טישן קאָמיטעט אין מאָסקווע, און פונעם באַרימטן יידישן פּאָעט איציק פעפער. דער אימפּאָזאַנטער קבלת־פּנים פאַר דער יידיש־סאָוועטישער דע־לעגאַציע איז פאָרגעקומען דעם 1טן יולי, 1943, אין אַסטאָר האָטעל, אין ניו־יאָרק.

(צו אונדזער גרויס אומגליק זענען ביידע, מיכאָעלס און פעפער, געווען צווישן יענע בעסטע קולטור־שעפער אונדזערע אין סאָוועטן־פאַרבאַנד וואָס זענען געפאַלן קרבנות אין דער טרויעריקער עפּאָכע פונעם סטאַלין־קולט).

ביים אָפּצייכענען זיין 74סטן געבוירנטאָג, מערץ, 1953, מאַכט דער גרויסער וויסנשאַפטסמאַן אַ גאָר באַזונדערן אויסנאַם. נישט נאָר איז ער

אַרויס פון זיין אַפּזונדערונג און געגעבן זיין וועלט־באַרימטן נאָמען אַ מתנה דעם ניי־פּראָיעקטירטן יידישן מעדיצינישן אוניווערזיטעט אין ניו־יאָרק, נאָר ער שטימט אויך צו מ'זאָל דעם אוניווערזיטעט אָנרופן „אַלבערט איינ־שטיין קאַלעדזש פון מעדיצין". און נאָך מער, ער האָט אַפילו מסכים געווען פּערזענלעך בייצוזיין ביים יום־טוב לכבוד זיין 74סטן געבוירנטאָג, צו שאַפן פאָנדן אויף צו בויען דעם איינציקן און ערשטן יידישן מעדיצינישן אוניווערזיטעט אין אַמעריקע.

ס'איז פאַר יידן צו שטודירן מעדיצין אין אַמעריקע געווען דעמאָלט אַן אָנגעווייטיקט פּראָבלעם. רעפּרעזענטאַטיווע יידישע אָרגאַניזאַציעס זענען עפנטלעך אַרויסגעקומען מיט דער באַשולדיקונג, אַז ס'ווערט דאָ אין די מע־דיצינישע אוניווערזיטעטן פּראַקטיצירט, דורך פאַרשידענע דריידלעך, אַן אמתער נומערוס קלאָוזוס פאַר יידישע סטודענטן. אַ פאַקטישע פּראָצענט־נאָרמע. מ'האָט דעריבער כמעט אין יעדן מעדיצינישן אוניווערזיטעט אין אייראָפּע געקאָנט דעמאָלט טרעפן אַמעריקאַניש־יידישע סטודענטן. דאָס איז פאַר זיי געבליבן דער איינציקער אויסוועג צו שטודירן מעדיצין. דאַרף דעריבער קיין חידוש נישט זיין, וואָס דאָס מאָל איז ער געגאַנגען אַזוי ווייט ווי צוצושטימען צו אַלץ וואָס מ'האָט פון אים פאַרלאַנגט, אַבי בייהילפיק זיין אינעם שאַפן פאָנדן פאַרן אויפבוי פונעם אוניווערזיטעט.

הכלל, לכבוד דער דאָזיקער געלעגנהייט מוז ער פון זיך אַרונטערוואַרפן דעם לויז־נאָכהענגענדיקן סוועטער פון וועלכן ער שיידט זיך קיינמאָל נישט, און זיינע צעקנאָדערטע הויזן, און ער פוצט זיך אויס אין אַ גראָען אָנצוג. אָבער נאָך שווערער קומט אים אָן פון זיך אַרונטערצוואַרפן זיין לעבנס־לאַנגע צוריקגעהאַלטנקייט אין דער מסיבה פון אַן עולם. אין אַ פאַרזאָרגטן מאָמענט פאַר דער פייערונג, מורמלט ער אַרויס אַ צעטראָגענער, „אַפילו דער אַמבאַסאַדאָר פון מאַרס וועט דאָרטן זיין". די פאָרנעמע געסט דאָרטן זענען טאַקע אַלע געווען פון אונדזער פּלאַנעט, אָבער איינשטיין אין זיין צוריקגעהאַלטנקייט האָט זיך סיי ווי געפילט ווי ער וואָלט געווען ווייט אַוועק פון געמיטלעכקייט, און נאָכגעלאָזטקייט גאַנצע ליכט־יאָרן. ביים מאָלצייט, דערזעענדיק אויפן טעלער דאָס דיקע שטיק רינדערן פלייש, רופט ער אויס, „דאָס איז דאָך פאַר לייבן!"

אויב ס'האָט זיך דאָרטן נישט געוואָרפן אין די אויגן זיין געזעלשאַפט־לעכע אויפגעלייגטקייט, האָט מען דאָס אָבער נישט געקאָנט זאָגן בנוגע דעם ציל פון דער אונטערנעמונג: די דאָזיקע געבורטסטאָג־שמחה פאַר איינשטיינען האָט געהאָלפן שאַפן אַ וואָסערע ד ר י י מ י ט א פ י נ פ ט ל מ י ל י אָ ז ד אָ ל אַ ר פאַרן צען מיליאָן דאָלאַר בוי־פאָנד פאַרן אוניווער־זיטעט אויף זיין נאָמען. פאַר אָט דעם מענטש, וועלכער האָט געביטן יעדן הויפּט־באַנעם וועגן שטח, צייט און ענערגיע, וואָס איז געווען אָנגענומען ביז אים, איז דאָס געווען אַ צעשרויפטער, שווערער טאָג. „איך בין צופרידן

וואָס ס'איז שוין פֿאַראיבער", האָט ער אָפּגעזיפֿצט, ווען ס'איז טאַקע ענדלעך געווען פֿאַראיבער. ביי פֿאַרמעלע פֿייערונגען און ביי פֿאַרשווענדעריש שמחות האָט ער זיך קיינמאָל נישט געפֿילט אויפֿן פּלאַץ.

האָבן מיר דאָ ערשט געזען ווי איינשטיין האָט געפּראַוועט זיין 74סטן געבוירנטאָג אויף אַן אופֿן צו וועלכן ער איז נישט געווען געוואוינט און נישט לויט זיין גוסט. איז דאָס געווען דערפֿאַר ווייל ס'איז בכלל נישט געווען קיין פֿאַל ער זאָל אָפּזאָגן אַ ווענדונג נאָך הילף, צי דאָס איז געווען פֿאַר אַן אוניווערזיטעט, פֿאַר אַ שפּיטאָל אָדער פֿאַר אַן אַנדער נייטיקער אינסטיטוציע, אָדער גאָר פֿאַר אַ פּריוואַטער פּערזאָן. ער איז אין זיינע באַציאונגען מיט מענטשן געווען אויסערגעוויינלעך פֿריינדלעך און מילד. אַ וואַרעמקייט האָט פֿון אים אַרויסגעשטראַלט. ער האָט געהאַט אַן אָפֿן אויער און אַן אָפֿן האַרץ פֿאַר מענטשן אַרום אים.

בעתן בירגער־קריג אין שפּאַניע, אין די דרייסיקער יאָרן, פֿאָרמירט זיך אויך אין אַמעריקע אַ פֿרייוויליקער באַטאַליאָן פֿון אַנטי־פֿאַשיסטישע קעמפֿער — די אַזוי־גערופֿענע לינקאָלן־בריגאַדע — צו העלפֿן די לאָיאַליסטן אין זייער קאַמף קעגן די פֿאַשיסטישע אַגרעסאָרס. פֿאַלט איינעם פֿון זיי איין דער געדאַנק זיך צו ווענדן צו איינשטיינען נאָך הילף. ער איז זיכער, האָט ער געטענהט, אַז איינשטיין וועט זיי נישט אָפּזאָגן.

אין איין שיינעם טאָג קלאַפּט ער אָן אין איינשטיינס טיר אין פּרינסטאָן. געווען איז ביי איינשטיינען אַ חוק ולא יעבור, אויפֿצונעמען יעדן איינעם וואָס קלאַפּט־אָן אין זיין טיר. דערקלערט אים דער יונגערמאַן ווער ס'האָט אים געשיקט און וואָס זיין מיסיע איז: מיר האָבן, זאָגט ער אים, מענטשן וואָס זענען גרייט צו שטעלן זייערע לעבנס אין קאָן, צו העלפֿן די אַנטי־פֿאַשיסטישע לאָיאַליסטן אין שפּאַניע אין זייער קאַמף קעגן די פֿאַשיסטישע אָנפֿאַלער. מיר נייטיקן זיך אין אַמוניציע, קליידונג, מעדיקאַמענטן, מ'דאַרף דעקן די הוצאות פֿאַרן אַריבערפֿירן אונדז דעם אָקעאַן מיט דער שיף.

„גוט", ענטפֿערט אים איינשטיין, „כ'וועל זען צונויפֿקלאַפּן אַזאַ סומע ווי נאָר מעגלעך, און זי אייך אָפּגעבן". נעמט אָבער דער יונגערמאַן אין אים איינטענהן, אַז בעסער וועט זיין ווען ער וואָלט זיי געקאָנט שענקען דעם ערשטן אָריגינעלן מאַנוסקריפּט וועגן זיין רעלאַטיוויטעט־טעאָריע. דער מאַנוסקריפּט קאָן זיי אַריינברענגען גענוג אויף אַלץ אין וואָס זיי נייטיקן זיך. ענטפֿערט אים איינשטיין, ער וואָלט זיי זיכער געגעבן יענעם מאַנוסקריפּט — אָבער וואו נעמט מען אים איצט? שוין אַ מעשה פֿון איבער דרייסיק יאָר ווי ער האָט אים פֿאַרעפֿנטלעכט אין דער שווייץ, אין 1905. ס'איז אים דעמאָלט נישט איינגעפֿאַלן אַז דער מאַנוסקריפּט וועט אַמאָל האָבן אַזאַ גרויסן ווערט. ס'איז פֿון אים מסתמא קיין זכר נישט געבליבן . . .

פֿאַרטראַכט ער זיך אויף אַ ווייל און זאָגט דעם יונגנמאַן, ער זאָל צו

אים צוריקקומען אין צוויי טעג אַרום. זיצט ער די צוויי טעג און אַרבעט אַז אָפּשטעל אויף זיין ערשטן „פּאַפּיר" וועגן רעלאַטיוויטעט. ער שרייבט אים איבער מיט זיין האַנטשריפט. און ווען דער יונגערמאַן קומט צו אים צוריק אין צוויי טעג אַרום, דערלאַנגט אים איינשטיין דעם פּאַרטיקן מאַנוסקריפּט. אַ רייכער קאַלעקציאָנער קויפט ביי זיי אָפּ דעם איינשטיין־מאַנוסקריפּט פאַר אַ ריזיקער סומע, וואָס האָט געקלעקט אויף אַלץ אין וואָס זיי האָבן זיך געניייטיקט, און האָט דערמעגלעכט זייער אָפּפאָר צום פראָנט אין שפּאַניע. (דער דאָזיקער מאַנוסקריפּט געפינט זיך היינט אין דער ביבליאָ־טעק פונעם קאָנגרעס אין וואַשינגטאָן. דער קאַלעקציאָנער האָט ביי דער טראַנסאַקציע אַריינגעכאַפּט אַ גאַר היפּש פאַרדינסטל — אַ פּאַבלהאַפטע סומע. איינשטיין אַליין אָבער האָט פון דעם גאַנצן משא־ומתן גאָרנישט געוואָסן).

● ● ●

פונקט אַ יאָר פאַר זיין טויט, ווען דער גרויסער וויסנשאַפטסמאַן און הומאַניסט ווערט 75 יאָר אַלט, דעלעגירט די ניו־יאָרקער „טיימס" קיין פּרינסטאָן אַן אָנגעזעענע מיטאַרבעטערן פון דער צייטונג, גערטרוד סעמיועלס, צו אָבסערווירן ווי אַזוי איינשטיין וועט אָפּמערקן זיין 75סטן געבוירנטאָג, און דאָס באַשרייבן פאַר דער צייטונג.

דעם 14טן מערץ, 1954, גיט די ניו־יאָרק „טיימס" אָפּ דעם גרעסטן טייל פון איר ליטעראַרישער זונטיק־ביילאַגע פאַר דער באַשרייבונג, ווי ס'איז זיך פאַרלאָפן איינשטיינס 75סטער געבוירנטאָג. זי גיט אויך אַ צענדליק בילדער פון איינשטיינען.

בקיצור, יענעם פרימאָרגן, ווען איינשטיין ווערט 75 יאָר אַלט, מאַכט מען פאַר דער שרייבערין פון דער „טיימס" פּלאַץ אינעם אויטאָמאָביל וואָס פירט אים טאָג־טעגלעך פון זיין היים צום אינסטיטוט פאַר אַוואַנסירטע שטודיעס אין פּרינסטאָן, וואו ער אַרבעט דעם ערשטן האַלבן טאָג.

זי הייבט אָן איר באַשרייבונג מיט אָט די ווערטער:

„דער פרימאָרגן איז געווען אַ קלאָרער, פרישׁ און קאַלט, און דער גרויסער פּאַסאַזשיר־אויטאָמאָביל מיטן אויפשריפט „אינסטיטוט פאַר אַוואַנסירטע שטודיעס", לאָזט זיך אַרויס אין וועג אַריין צונויפצוקלייבן די פּאַסאַזשירן זיינע אַרום שטעטל. דאָס ערשטע שטעלט דער שאָפער זיך אָפּ ביי דר. קורט גאָדעל, מאַטעמאַטיק פּראָפעסאָר אין אוניווערסיטעט. ער מורמלט אַרויס גוטמאָרגן, ווען ער פאַרנעמט זיין פּלאַץ הינטערן שאָפער און פאַלט גלייך אַריין אין אַ שטילשווייגעניש. אויפן וועג ווייטער נעמט דער שאָפער אויף נאָך עטלעכע פּאַסאַזשירן.

„ס'איז 10:35 ווען די מאַשין דרייט זיך אַריין אינעם מוירסער געסל פאַר איר טראַדיציאָנעל לעצטן פּאַסאַזשיר. דער אויטאָמאָביל נעמט גיין פּאַ־

מעלעכער איבער דער גאַס איז וועלכער ביימער זענען אויסגעשטעלט אין אַ גלייכער שורה און איינפאַכע הייזלעך, ביז ער קומט צו צו נומער 112.

„אויפן טראָטואַר אַנטקעגן הויז, לאָזנדיק זיך צו דער מאַשין מיט זיכערע, מונטערדיקע טריט ווי אַ יונגערמאַן, איז אַן איינזאַמע פיגור. אַ טונקל־בלאָ פון וואָל־געשטריקט היטעלע אויפן קאָפּ איז נידעריק אַרונטערגעצויגן איבער זיין שטערן און אויערן; טיפע קנייטשן הינטער די אויגן, די וואַנ־צעס צעשויבערט, די באַרימטע צעפּלאַטערטע ווייסע האָר זיינע זעען זיך אַרויס אַביסל איבער זיין רויט און וויים געשטרייפטן האַלדזטוך, וועלכער איז פאַרבונדן מיט אַ שלייף אונטערן קין; ער טראָגט אַ לאַנגן, שוואַרצן אייבערראָק און אונטערן אָרעם אַ דינער פּאָרטפעל פון ברוינער לעדער.

„צי דערפאַר וואָס דאָס געסל איז גראָד אין יענער צייט געווען ליידיק און אויך דאָס וואָס ער ווערט אידענטיפיצירט מיט אַפּגעזונדערטקייט, אָדער צוליב דער ליבלעכקייט פון זיין געווינענדיקן שמייכל ווען ער נעמט זיך דערנעענטערן צו דער מאַשין, אָדער מחמת דעם אויסטערלישן הולד זיינעם, איז דער עפעקט געווען ממש עלעקטריזירנדיק.

„איצט שטעלט די מאַשין זיך אָפּ ביים ראָג, די האַנט זיינע אויפן טיר־הענטל, גיט ער זיך אַ לייכטן פאַרנייג, אויפן שטייגער ווי דאָס ווערט געטון אין דער אַלטער־וועלט, מיט אַ באַזונדערן בליק פאַר זיין אַלטן פריינט, פּראָפעסאָר גאָדעל; עפנט די טיר, און זאָגט גוטמאָרגן, בעת ער פאַרנעמט זיין פּלאַץ ביי דער זייט פונעם שאָפער. די מאַשין נעמט זיך רירן און אַזוי איילנדיק זיך צום אינסטיטוט הייבן זיך אָן די פרימאָרגן שפּאַסרייען.



אַלבערט איינשטיין, ווי די איינוואוינער פון פּרינסטאָן פלעגן אים זען אויף זיין טעגלעכן שפּאַציר פון זיין היים צום אוניווערזיטעט און צוריק.

„דער שאָפּער טוט אַ זאָג: 'נו, איר האָט היינט אַ שיינעם טאָג צו נעמען אייער שפּאַציר צוריק אַהיים, דאָקטאָר'. דאָס געשטריקטע היטעלע אויפֿן קאָפּ וויגט זיך פּאַמעלעך אַהין און צוריק מיט אַן איינגעהאַלטענעם געלעכטערל ווען ער ענטפֿערט אים, „יאָ, נו, כ'וואָלט אַ בעלן געווען צו נעמען דעם שפּאַציר ביידע וועגן, אַהין און צוריק, מ'קאָן עס אָבער נישט טון איצט'. 'איר מיינט', פּרעגט ווייטער דער שאָפֿער, אַז ס'וועט דאָס יאָר נאָך שנייען?' און ווידער קומט אַן איינגעהאַלטן געלעכטערל, און ער ענטפֿערט אים, 'ער האָט עס מיר נאָך נישט געזאָגט'.

„פּראָפּ. גאָדעל, וואָס האָט עס אויפֿגעכאַפּט, לאַכט אויך אין זיך. די רעשט פֿונעם וועג איז שוין געווען שטיל, אויס קעגנזייטיקן רעספּעקט.

„אָפּגעפֿאָרן האַלב וועג ציט ער אַרויס אויס דעם פּאָרטפֿעל אַ צייטונג און דערלאַנגט זי פּראָפּ. גאָדעלן צו לייענען; זי איז פֿאַרבויגן ביי אַ שטיקל נייעס פֿון וואַשינגטאָן. איצט לאָזט די מאַשין זיך אַריין אינעם אינסטיטוטס גערעמען הויף און פֿאָרט צו צו דער געביידע מיט אַ קופּאָל פֿון אויבן, וועלכע מ'רופֿט פֿולד־האָל. ער דאַנקט דעם שאָפֿער. גיט אים אין שפּאַס אַ סאַלוט ווען די מאַשין ליידיקט זיך אויס, שטייט אַ ווײַלע שמועסנדיק מיט פּראָפּ. גאָדעל וועגן דער נייעס אין צייטונג אויף וועלכער ער האָט אים אָנגעוויזן, דערנאָך שפּאַנט ער מונטערדיק אַריין אין אַ זייטיקן אַריינגאַנג וואָס פֿירט צו זיין אַרבעטס־צימער אין אינסטיטוט אויפֿן אונטערשטן שטאָק.

„אָט אַזוי, אָן פּאָמפּ אָדער פּריווילעגיעס האָט דר. אַלבערט איינשטיין, פּראָפֿעסאָר עמעריטוס פֿון אינסטיטוט פֿאַר אַוואַנסירטן שטודיום, נאָבעל־פּריז געווינער, און, לויט דזשאָרדזש בערנאַרד שאָ איינער פֿון די אַכט „באַשעפֿער פֿונעם אוניווערס", אָנגעהויבן היינט אין זיין 75סטן געבוירנטאָג זיין אַרבעטס־טאָג. (די זיבן אַנדערע באַשעפֿער, האָט שאָ געזאָגט, זענען געווען פּיטאַגאָראַס, אַריסטאָטל, פּטאָלעמעי, קאָפּערניקוס, גאַלילעי, קעפּלער און ניוטאָן).

„יעדן אין דער פֿרי, אַחוץ זונטיק, ברענגט די מאַשין אים אַהין, און אַרום 1 בייטאָג לאָזט ער זיך צופֿוס צוריק אַהיים די אַנדערהאַלבן מייל, וואו ער זעצט פֿאָר זיין אַרבעט; זומער־צייט איז די פּראָצעדור אַ פֿאַרקערטע — דעם שפּאַציר פֿון זיין הויז צום אינסטיטוט נעמט ער אין דער פֿרי און פֿאָרט אַהיים בייטאָג אין דער היץ. זיינע שפּאַציר־געוואוינהייטן זענען שוין אַזוי גוט באַקאַנט אין שטעטל, אַז פּרינסטאָנער איינוואוינער, ווען זיי זעען אים, דאַרפֿן שוין נישט קוקן אויפֿן זייגער צו וויסן ווי שפּעט ס'איז און נייגעריקע באַזוכער אין שטעטל קאָנען אים אָבסערווירן אין דער באַשטימטער צייט ווען ער גייט זיך זיין וועג".

כדי צונויפֿצושטעלן דעם פּאָרטרעט ווי איינשטיין לעבט און אַרבעט, האָט די שרייבערין פֿונעם אַרטיקל אין דער „טיימס" גערעדט מיט יענע

וואָס אַרבעטן מיט אים צום נאָענטסטן אין אינסטיטוט און מיט די וואָס קענען אים פּערזענלעך און וואָס וואוינען מיט אים. זי שרייבט ווייטער:

„דער פּאָרטרעט איז, הערט מען באַלד ביים אָנהייב, אַזאַ ווי פון אַ מענטש וואָס ווערט געהאַלטן אין דער גרעסטער פאַרערונג דורך זיינע קאָלעגן און שכנים — פּונקט מיט אַזוי פיל יראת הכבוד קוקט מען אויף אים פאַר זיין גרויסער הומאַניטעט, פאַר דער זויבערקייט פון זיין לעבן און פאַר זיין אַבסאָלוטער יושרדיקייט — 'פאַר אַט דעם ביישפּיל וואָס ער ווייזט מיט זיך', ווי ס'האָט איינער אַ פריינט זיך אויסגעדריקט. — 'אַזוי גוט ווי פאַר זיין ביישטייער צו דער וויסנשאַפט'. זעלטן אַז ער קריגט געסט, האַלטנדיק, אַז אַפּזונדערונג וואָס איז פיינלעך פאַר דער יוגנט, איז אָבער גאַנץ איינגענעם אין די יאָרן פון רייפקייט'. דאָך אָבער אין פאַרלויף פון די יאָרן האָבן אים אויפגעזוכט פּרעמיער־מיניסטאָרן, בן־גוריון, נעהרו, ווי ס'האָבן צו אים געטראָפן טאַגאָר, שווייצער, פּאָליטישע און אַרבעטער־פירער, שרייבער און גייסטלעכע, און איבער אַלץ, מענטשן מיט גאַנץ געוויינלעכע מענטשלעכע פּראָבלעמען, וועלכע ער האָט צוגעצויגן נישט נאָר ווי דער וואָס שטודירט די שטערן, נאָר ווי אַזאַ מיט אינטערעס און מיטגעפיל פאַר זיינע מיטמענטשן".

מ'וואָלט אַוודאי געדאַרפט ציטירן נאָך און נאָך פון דעם אינטערעסאַנטן אַרטיקל אין דער „טיימס". ס'האָט זיך שוין אָבער אַזוי אויך צו לאַנג אויסגעצויגן. אָבער כאָטש נאָך איין עפּיזאָד, וואָס איז פאַרבונדן מיט זיין באַרימטן פידל:

„נאָכן מאָלצייט ביי טאָג כאַפּט ער אַ קורצן דרימל, דערנאָך אַרבעט ער ווייטער, אָדער לייענט ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין. זעלטן־ווען אַז ער גייט אַוועק ערגעץ. נאָר פון צייט־צו־צייט שפּילט ער אויף זיין גראַנד־פּיאַנאָ באַך, מאָצאַרט אָדער וויוואַלדי. שוין עטלעכע יאָר ווי ער רירט זיך נישט צו צו זיין פידל, אַפּנים איבער דער אַטאַקע פון בורסיטיס אינעם געלענק פון זיין האַנט, און ער קאָן דעריבער נישט פּראַקטיצירן. דאָס לעצטע מאָל ווען ער האָט געשפּילט אויף דער פידל, און לאַנג געשפּילט, איז געווען אין 1948, ווען ער האָט זיך צופעליק באַגעגנט מיט אַ קאָנצערט־פּיאַניסטין און איר ברודער אַ וויאָליניסט, געבוירענע אין דייטשלאַנד. שפּאַצירנדיק זענען זיי פאַרוויקלט געוואָרן אין אַ דיסקוסיע וועגן מוזיק, און איינשטיין האָט אים אַ פרעג געטון צי ער קען באַכס טאָפּל־קאָנטשערטאָ און וויוואַלדיס טאָפּל־קאָנטשערטאָ. דער וויאָליניסט האָט אים געענטפערט, אַז ער קאָן זיי און אַז זיי זענען אַ פּראַכט, און איינשטיין האָט אים ווייטער געזאָגט, 'איך וועל צו אייך צוקומען אין אָוונט'. יענע נאַכט איז ער צו זיי געקומען מיט זיין פידל און מיט די נאָטן, און אַלע דריי האָבן געשפּילט די גאַנצע נאַכט".

(זיין באַרימטן פידל האָט איינשטיין אין זיין צוואה אָפּגעזאָגט פאַר זיין אייניקל בערנאַרד איינשטיין).

אין נאָוועמבער, 1952, נאָכן טויט פונעם ערשטן ישראל־פּרעזידענט, דר. חיים ווייצמאַן, האָט מען איינשטיינען געוואָלט צוטיילן דעם כבוד צו פאַר־נעמען דעם העכסטן פּאָסטן אין דער מדינה. איז דאָס געווען אַ לאָגישער שריט וואָס אַ דאַנקבאַר פאָלק קאָן אָנבאָטן זיין אויסדערוויילטן זון, איינעם וואָס פאַרשאַפט אַזוי פיל כבוד זיין פאָלק. אויף זיין עניוותדיקן שטייגער ענטפערט ער אויף אַן איידעלן אופן, אַז ער מוז זיך לײַדער אָפּזאָגן פון דעם גרויסן כבוד; אַז ער איז נישט קאָמפּעטענט גענוג צו פאַרנעמען אַזאַ הויכן פּאָסטן ווי פּרעזידענט פון דער ישראל־מדינה, איז געווען דער לאָגישער און פּשוטער ענטפער זיינער.

דעם 4טן אַפּריל, 1954, פּונקט אַ יאָר פאַר זיין טויט, האָט די יידישע פּרעסע געהאַט דאָס דאָזיקע קורצע, אָבער באַדייטונגספולע שטיקל נייעס:

„תל־אביב, ישראל, אַפּריל 3 (איטא). — ווען ער וואָלט געווען פּרעזי־דענט פון אַמעריקע, וואָלט ער אַרויסגעגעבן די מעדיצינישע ווערק פון רמב״ם, אַנשטאָט צו מאַכן אַטאָם־באָמבעס, האָט דערקלערט פּראָפעסאָר אַלבערט איינשטיין אין אַ בריוו צו דר. מאָנטנער אין ישראל, איז דאָ באַ־ריכטעט געוואָרן. דר. מאָנטנער האָט דאָס דערציילט בעת אַ לעקציע וועגן מעדיצין און דעם רמב״ם, צו זיין 750סטן יאָרצייט, וואָס ער האָט דאָ גע־האַלטן סוף וואָך״.

צוטיילנדיק כבוד דעם רמב״ם צו זיין 750סטן יאָרצייט, פאַרגעסט נישט דער דאָזיקער גאון־עולם און גרויסער מענטשנפריינט אין דער גרויליקער געפאַר וואָס לויערט אויף דער וועלט דורך אַן אַטאָם־מלחמה. ווען ס'האָט אויסגעזען, אַז די וועלט איז אויף דער שוועל פון דער ערגסטער קאַטאַס־טראָפע, פאַרוואַרפט ער אַ בריק איבער די 750 יאָר וואָס טיילן אונדז אָפּ פונעם רמב״ם, כדי ווידער און אָבער אַמאָל צו וואָרענען קעגן אַן אַטאָמיש־הידראָגענישער וועלט־פאַרטיליקונג.

מערץ 14, 1955, איז געווען זיין 76סטער געבוירנטאָג. אַ פּאָר וואָכן שפּעטער, אין מיטן אַפּריל ברעכט ער צונויף אין מיטן דער אַרבעט, בעת ער האַלט אין צוגרייטן אַ דערקלערונג פאַרן יום־העצמאות, דעם אומאָפּ־הענגיקייטס־טאָג פון ישראל, און פאַלט אַוועק אַ געפערלעך קראַנקער. אָנ־געהויבן האָט ער די דערקלערונג וועגן דעם סיכסוך צווישן ישראל און עגיפּטן, און וועגן דער צעטיילטקייט פון דער וועלט אין צוויי לאַגערן. דעם 15טן אַפּריל נעמט מען אים אַריין אין שפּיטאָל. נאָך אַ דריי טעג, דער־פילט ער זיך בעסער, און ער מיינט אַז ער קאָן שוין ווייטער זיך נעמען אַרבעטן אויף זיין דערקלערונג, וואָס ער האָט געלאָזט אין מיטן. אָבער דעם זעלבן טאָג, דעם 18טן אַפּריל, מאָנטיק פאַרטאָג, איז ער אויסגעגאַנגען.

אין זיין צוואה האָט ער אָנגעזאָגט, אַז זיין מאַרך זאָל מען נאָך זיין טויט איבערגעבן פאַר וויסנשאַפטלעכער פאַרשונג און דעם קערפּער דערנאָך קרעמירן. זיין ווילן ווערט געטון דעם זעלבן טאָג. ער האָט אויך פאַרזאָגט

מ'זאָל נישט מאַכן קיין שום עפנטלעכע צערעמאָניעס אַרום זיין לוויה. דעם זון, האַנס, האָט ער אויך געבעטן, אַז נאָכן קרעמירן דעם קערפּער זאָל מען דאָס אַש נישט מקבר זיין ערגעץ אויף אַ באַשטימטן אָרט. „איך וויל נישט", האָט ער געזאָגט, „אַז מענטשן זאָלן קאָנען אָנווייזן אויף אַ לאָך אין דער ערד און זאָגן—אָט דאָ איז ער".

נאָך איינשטיינס טויט לאָזט דער אַלוועלטלעכער שלום־ראַט אין פּאַריז אַרויס אַ דערקלערונג אין וועלכער עס זאָגט זיך צווישן אַנדערן:

„די מענטשהייט האָט פאַרלוירן איינעם פון די גרעסטע געלערנטע פון אַלע צייטן, וועלכער האָט זיין גאַנץ לעבן געווידמעט דער וויסנשאַפט, שטרעבנדיק דערצו, אַז זי זאָל דינען דעם מענטשלעכן גליק. איינשטיין, וועלכער איז געווען דער טעאָרעטיקער פון דער אַטאָם־ענערגיע, האָט גע־קעמפט פאַר דעם, אַז דער דאָזיקער מעכטיקער כוח זאָל אויסגענוצט ווערן פאַרן וואוילזיין פון דער מענטשהייט.

„די האָפענונגען איינשטיינס זענען אָבער נישט מקוים געוואָרן, דער טויט האָט איבערגעריסן דעם פאָדעם פון זיין לעבן, און ער קאָן שוין מער נישט פּראָטעסטירן קעגן דער אָנווענדונג פון דער אַטאָם־ענערגיע פאַר צילן פון מאַסן־פאַרניכטונג. אָבער דער אַלוועלטלעכער שלום־ראַט און די הונדערטער מיליאָנען שלום־ליבנדיקע מענטשן וועלן ווייטער פּראָטעסטירן און קעמפן מיט אַלע כוחות פאַרן פולשטענדיקן פאַרבאָט פונעם אַטאָם־געווער, פאַרן זיג פון שלום".

פּראָפעסאָר האַראָלד יורי, אַמעריקאַנער נאָבעל־פּריז געווינער אין 1934, איינשטיינס אַ לאַנג־יאָריקער פריינט און מיטקעמפער, וועלכער איז אויך באַוואוסט דורך זיין אַרבעט ביים אַרויסברענגען די אַטאָם־באָמבע, האָט באַלד נאָך איינשטיינס אַוועקגיין פון דער וועלט, דערקלערט, אַז ערשט מיט אַ צוויי וואָכן פריער בעת אַ שמועס מיט איינשטיינען אין פּרינסטאָן, האָט אים דער געדאַנק וועגן שלום אויף דער וועלט אויף קיין איין מינוט נישט אָפּגעלאָזט, און ווידער אַמאָל און נאָך אַמאָל האָט ער געוואָרנט קעגן אַן אַטאָמיש־הידראָגענישער מלחמה.

עטלעכע וואָכן נאָך זיין טויט, דעם 12טן מאַי, איז אין לאָס אַנדזשעלעס, קאַליפאָרניע, געווען אַן אָנדענק־פאַרזאַמלונג נאָך איינשטיינען. איז דער הויפּט־רעדנער דאָרט געווען פּראָפעסאָר לינוס פּאָולינג, צוויי מאָל אַ געווי־נער פונעם נאָבעל־פּריז — אין 1954 פאַר כעמיע און אין 1963 פאַר זיין מסירות־נפשדיקער אַרבעט פאַר שלום, קעגן אַן אַטאָמישער מלחמה, ווי בכלל קעגן נוקלעאַרע אויפרייסן, וואָס פאַרסמען אונדזער אַטמאָספערע. האָט ער ביי יענער פאַרזאַמלונג דערציילט, אַז דאָס לעצטע מאָל וואָס ער האָט געזען איינשטיינען איז געווען דעם 15טן נאָוועמבער, 1954, פּונקט פינף חדשים פאַר זיין טויט. האָט פּאָולינג געזאָגט:

„מיר האָבן ביידע גערעדט וועגן דער געפאַר פאַר דער מענטשלעכער צי־

וויליזאַציע דורכן מיליטאַריזם און דער הידראָגענישער באָמבע, וועגן דער שוועריקייט צו פֿאַרשטיין אונדזער אויסלאַנדס־פּאָליטיק און וועגן דעם וואָס מיר פֿאַרפֿעלן אַנצונעמען פּאָזיטיווע מיטלען בנוגע דער צוקונפֿט פֿון פֿרידן.

„איינשטיין האָט ווידער גערעדט וועגן זיין טיפֿער איבערצייגונג, אַז די פֿעלקער פֿון דער וועלט וועלן, כּדי די וועלט צו ראַטעווען, מוזן זען אויסצוקומען צווישן זיך.

„דערנאָך האָט איינשטיין געזאָגט: ‚איין גרויסן טעות האָב איך געמאַכט, ווען איך האָב אונטערגעשריבן דעם בריוו צו פּרעזידענט רוזוועלט, רעקאָמענדירנדיק, אַז ס'זאָל די אַטאָם־באָמבע געמאַכט ווערן‘.“

ווייטער האָט פּאָולינג דערציילט, אַז איינשטיין האָט דערנאָך צוגעגעבן, אַז ער האָט געפֿילט אַ געוויסע באַרעכטיקונג דערויף, ווייל ס'איז געווען גרויס די געפֿאַר, אַז די נאַציס זאָלן פֿאַרכאַפּן און אפֿשר פֿריער מאַכן די אַטאָם־באָמבע.

אין ניו־יאָרק, ביי אַן אָנדענק־פֿאַרזאַמלונג, באַלד נאָך זיין טויט, האָט דר. נחום גאָלדמאַן געשילדערט די איינשטיין־פּערזענלעכקייט מיט אָט די ווערטער:

„איינשטיין האָט געלעבט אין די הויכע וועלטן פֿון אַבסטראַקטע קאָנצעפּציעס און האָט זייער רעאַליטעט און עקזיסטענץ געפֿילט ווי ער וואָלט פּערזענלעך זיך האָבן באַטייליקט אין דער וועלט־באַשאַפֿונג. איך האָב אַמאָל אין בערלין, אין זיין סטודיאָ, געטראָפֿן איינשטיינען לייענען אַן אַמעריקאַנער זשורנאַל, אין וועלכן מ'האָט צוגעזאָגט אַ פּריז פֿון טעלעכע טויזנט דאָלאַר פֿאַר דעם יעניקן וואָס וועט אין אַ פֿיר אָדער זעקס זייטלעך צום בעסטן קאָנען דערקלערן איינשטיינס רעלאַטיוויטעט־טעאָריע. דאָס איז געווען אין דער צייט פֿון דייטשלאַנדס אינפֿלאַציע נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה; און איינשטיינס געהאַלט איז געווען ווייט פֿון גענוג אויף צום לעבן. ער איז געווען דעמאָלט פּשוט אַ נצרך. איינשטיין האָט זיך געווענדט צו מיר מיט אַ שמייכל: ‚זעט, איך האָב דאָ אַ געלעגנהייט צו פֿאַרדינען אַ פֿאַרמעגן, איך דאַרף בלויז אָנשרייבן אַ פּאָפּולערן אַרטיקל וועגן מיין טעאָריע. איך בין אָבער זיכער, אַז די רעדאַקטאָרן וועלן עס נישט אָננעמען. זיי וועלן טענהן, אַז די לייענער וועלן אים נישט פֿאַרשטיין, הגם פֿאַר מיר איז עס גאַנץ פּשוט, און איך מיין, אַז יעדער איינער וואָלט עס באַדאַרפֿט פֿאַרשטיין . . . ‘“

ווייטער האָט דר. נחום גאָלדמאַן געזאָגט:

„פֿאַראַן ביי אונדז אַ לעגענדע וועגן די ל"ו (לאַמעד־וואָוו) צדיקים, די אויסדערוויילטע, גערעכטע, הייליקע, וועלכע זענען דאָ אין יעדן דור און גייען אַרום אין דער וועלט אַנאָנים, אומבאַקאַנט. זיי קענען אַפֿילו נישט איינער דעם אַנדערן. געוויס איז איינשטיין נישט געווען קיין אַנאָנימוס, קיין אומבאַקאַנטער, הגם אים איז זיין וועלט־באַרימטקייט געווען אַ לאַסט.

אבער אויב ס'איז אמאל געווען צווישן אונדז איינער וואס האט פארמאגט די גייסטיקע און עטישע סגולות באטראכט צו ווערן ווי א לאמעד־וואוניק איז עס געווען איינשטיין, וועלכער האט אליין לגמרי־גאר נישט געהאט דאס געפיל, אז ער איז אן אויסדערוויילטער און וואלט אין כעס געווארן ווען עמעצער וואלט אים געזאגט, אז ער איז פון דער גזע פון די לאמעד־וואוו צדיקים".

אין קליינער עפיזאד צווישן א סך, וואס כאראקטעריזירט די איינשטיין־פערזענלעכקייט. באלד נאך איינשטיינס טויט האט איינער א פרינסטאנער ארבעטער, א נעגער, באמערקט פארבייגיין איינשטיינס טאכטער. לייגט ער אוועק זיינע ארבעטס־מכשירים, פארנייגט זיך פאר איר און זאגט:

„וואס פאר א וואונדערלעכער מענטש דער מיסטער איינשטיין איז גע־ווען! דער איינציקער ווייסער, וואס האט נישט געווארט, אז איך זאל אים באגריסן. ער האט שטענדיק דער ערשטער געהויבן דעם הוט".

דריי חדשים נאך איינשטיינס טויט, דעם 10טן יולי, 1955, האט בער־טראנד ראסעל פאר אן איבערגעפאקטער פרעסע־קאנפערענץ אין לאנדאן איבערגעלייענט א ווענדונג צו דער וועלט, וואס איינשטיין האט ארויסגע־לאזט עטלעכע טעג פאר זיין טויט.

אין דערדאזיקער ווענדונג זיינער אלארמירט ער ווידער די וועלט נישט צו נוצן קיין אטאמיש געווער אין מלחמה. ערווארנט: „אויב איר קאנט דאס טון, איז דער וועג פאר אייך אפן צו א נייעם גן־עדן. אויב אבער איר קאנט דאס נישט טון, ליגט פאר אייך די ריזיקע פון אלגעמיינער פארטילי־קונג".

ווייטער ווערט אין אט דער ווענדונג געזאגט צווישן אנדערן:

„אט איז די פראבלעם וואס מיר ברענגען פאר אייך — זאלן מיר מאכן א סוף צו דער מענטשהייט, אדער זאל די מענטשהייט מאכן א סוף צו מלחמה. ... מיר אפעלירן ווי מענטשן צו מענטשן — געדענקט אייער מענטשלעכ־קייט און פארגעסט אלע אנדערע זאכן! מיר זאגן דרינגלעך צו די רעגירונ־גען פון דער וועלט, אז זיי זאלן באנעמען און זיי זאלן אפן דערקלערן, אז זייערע צילן קאנען נישט דערגרייכט ווערן דורך א וועלט־מלחמה. מיר בעטן זיי דערפאר דרינגענדיק, זיי זאלן געפינען פרידלעכע מיטלען אויף אויסצוגלייכן אלע סיכסוכים צווישן זיך.

„ס'איז קיין שום ספק נישט, אז אין א מלחמה מיט הידראגענישע באמ־בעס וועלן גרויסע שטעט אפגעמעקט ווערן פון דער ערד, אבער די אומגליקן וואס וועלן קומען דערנאך וועלן זיין נאך א סך גרעסער. אויב אפילו יעדער איינער אין לאנדאן, אין ניו־יארק און מאסקווע זאל אומקומען, וואלט די וועלט אין לויף פון עטלעכע הונדערט יאר נאך געקאנט קומען צו זיך, נאר איצט ווייסן מיר דאך, ספעציעל נאך די אויפרייסן אין ביקיני, אז אטאם־באמבעס קאנען שטופנווייז אויסשפרייטן פארניכטונג און טויט איבער א

פיל גרעסערן שטח ווי מ׳האָט פריער געהאַלטן.

„אויטאָריטעטן זענען איצט איינשטימיק בנוגע דעם, אַז אַ מלחמה מיט הידראָגענישע באָמבעס קאָן אין גאַנצן מאַכן אַ סוף צו דער מענטשהייט. ס׳איז דאָ די געפאַר פון טויט פאַר אַלעמען, וואָס וועט בלויז פאַר אַ מינאָריטעט קומען פלוצלונג, נאָר פאַר דער מערהייט וועט עס מיינען אַ פּאַמעלעכדיקע מאַטערניש דורך קראַנקהייט און צעפאַלונג . . . די וואָס ווייסן מערער וועגן אַט דעם ענין — זיי זענען די וואָס זענען צום מיינסטן פאַראומערט . . . ״

אויף אַט דער לעצטער ווענדונג איינשטיינס צו דער וועלט מיט זיין וואָרענונג, האָבן אַחוץ בערטראַנד ראַסעלן זיך אויך אונטערגעשריבן נאָך זעקס פון די באַרימטסטע אויטאָריטעטן בנוגע דעם עניין פון אַטאָם־מלחמה, צווישן זיי פינף פרעמירטע מיטן נאָבעל־פּריז. איבערגעשיקט די דאָזיקע ווענדונג איינשטיינס, נאָך זיין טויט, האָט בערטראַנד ראַסעל צו די רעגירונגען פון אַמעריקע, סאָוועטן־פאַרבאַנד, ענגלאַנד, כינע, פראַנקרייך און קאַנאַדע.

איז אַט דאָס געווען איינשטיינס לעצטע וואָרענונג צו דער וועלט, אַ פּאָר טעג איידער דער טויט האָט געמאַכט אַ סוף צו זיין לעבן, — דער לעצטער אַקט אין זיין לאַנגן, אומדערמידלעכן קאַמף קעגן מלחמה, פאַר דעם אַז די מענטשהייט זאָל בלייבן לעבן.

• • •

צום סוף, — די עטלעכע קורצע שטריכן דאָ וועגן דער איינשטיין־פּערזענלעכקייט האָבן געהאַט דעם ציל צו געבן אַ גאַנץ קאָנדענסירטן, הגם אַפּט פּיינלעכן, פאַרטרעט פון אַט דעם גאון אין דער וויסנשאַפט, עכטן הומאַניסט, אומדערשראָקענעם קעמפער קעגן מלחמה, פאַר שלום און קאַ־עקזיסטענץ, און פון זיין פערזענלעכן לעבן. דאָס איז געווען אַ שיין מענטשלעך לעבן מיט גרויסע דערגרייכונגען. ער האָט אין זיך פאַראייניקט דאָס הויך־אינטעלעקטועלע מיטן טיף־עטישן. ס׳איז אוממעגלעך נישט צו שעצן אים און נישט צוטיילן אים כבוד. ער איז נישט נאָר געווען אַ גרויסער מענטש, נאָר אויך אַ גוטער מענטש, פול מיט רחמים און מיטגעפיל צו זיינע מיטמענטשן. ער האָט געהאַט גלויבן אינעם מענטש און אין זיין גייסט. זיין חלום וועגן דער איינהייט פון דער מענטשהייט, זיין נאָבעלע חכמה און דאָס פּשוטע לעבן זיינס וועלן בלייבן דאָס אייביקע אייגנטום פון אַלע מענטשן. פאַר די קומענדיקע דורות וועט זיין לעבן און אַרבעט געזען ווערן ווי פאַרמילדערנדיקע שטריכן פון דער היינטיקער מבולבלדיקער צייט. דאָס בעסטע אין אים וועט ווייטער לעבן אין יענע וואָס ער האָט באַאיינפלוסט. זיין געדעכעניש איז אַ דערמוטיקונג, זיינע דערגרייכונגען אַן אינספּיראַציע.

.1965

# מאַרקסיזם און עטיק

.1

יעדער סאָציאַלער סיסטעם שאַפט אַן אייגענע עטיק, כדי צו העלפן אים, דעם סיסטעם, זיך אויפצוהאַלטן. צו דעם קריגט ער נאָך די ברכה פון דער רעליגיע.

אַט אַזוי ציט זיך דאָס זינט דעם אָנהייב פון דער מענטשלעכער געשיכטע, ווען ס'נעמט זיך אויסקריסטאַליזירן אַ קלאַסן־געזעלשאַפט, אַ געזעלשאַפט צעשפּאָלטן אין אַנטקעגנגעשטעלטע אַנטאַגאָניסטישע קלאַסן, ביזן היינטיקן טאָג. ווען די ניי־אויפשטייגנדיקע בורזשואַזיע האָט אין איר פּראָגרעסיוון באַגינען געקעמפט קעגן פעאָדאַליזם, איז זי דורך דער פעאָדאַלער הערשנדיקער מאַכט באַקעמפט געוואָרן נישט נאָר אויפן פּאָליטישן באָדן, נאָר זי האָט אויך באַשולדיקט די בורזשואַזיע אין אוממאָראַלישקייט. יעדער ראַדיקאָלער רעפאָרמער טוט דעריבער מער ווי סתם צו קריטיקירן די געזעלשאַפטלעכע פאָרם. ער אַטאַקירט די עטישע יסודות פון אָט דער געזעלשאַפט. ער פרעגט־אָפּ יענע אַבסאָלוטע אידעען אויף וועלכע די אידעאָלאָגן פונעם עקזיסטירנדיקן סאָציאַלן סדר שטרענגען זיך אַזוי אָן צו באַגרינדן זיין מאָראַלע סופּעריאָריטעט.

שוין אין די אַלטע צייטן, מיט אַ צוויי און אַ האַלב טויזנט יאָר צוריק, איז אין גריכנלאַנד דער פילאָזאָפישער מאַטעריאַליזם געווען אונטערגעוואָרפן צו מעכטיקע אַטאַקעס און אומגעלומפּערטע מיסרעפּרעזענטאַציעס מצד דעם פילאָזאָפישן אידעאַליזם, די אידעאָלאָגיע פונעם הערשנדיקן קלאַס, אָבער אין קיין שום ספערע פון געדאַנק האָבן די פילאָזאָפישע אידעאַליסטן אַזוי נישט פאַרדרייט דעם זין פונעם פילאָזאָפישן מאַטעריאַליזם און דערגאַנגען צו אַזעלכע אַבסורדן ווי אין דער עטיק.

אָט אַזוי ווערט פון דור צו דור, פאַר הונדערטער יאָרן, מאָנאָטאָניש איבערגעקייעט דער זעלבער ליגן, אַז די מאַטעריאַליסטישע פילאָזאָפיע פאַרמאָגט נישט קיין אידעאַלן, נאָר יאָגט זיך עגאָאיסטיש נאָך „מאַטעריעלע" זאַכן. אין איר אַטאַקע אויף דער מאַטעריאַליסטישער עטיק, האָט דער אידעאַליסטישער פילאָזאָפיע אַרויסגעהאָלפן דער צווייזייטיקער זין פונעם וואָרט „אידעאַליזם". ווי דאָס וואָרט ווערט געוויינטלעך גענוצט, מיינט אידעאַליזם דער גלויבן אין ציל אָדער אין „אידעאַלן". אין דער פילאָזאָפיע אָבער האָט דאָס וואָרט „אידעאַליזם" לחלוטין גאָר נישט וואָס צו טון מיט אידעאַלן, נאָר מיט „אידעען", ד"ה, מיט געדאַנקען, און איז נישט מער ווי די לערע וועגן דעם, אַז דער גייסט אָדער די א י ד ע ע , דאָס מיינט, דער

טיילן פון דער אַרבעט זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין "זאַמלונגען", פערטליאָר שריפט, נומער 20, פרילינג, 1960, און נומער 21, האַרבסט, 1960, ניו־יאָרק.

געדאַנק, איז געווען פריער פאַר דער מאַטעריע, וועלכע איז אין גאַנצן אונ־טערגעוואָרפן דעם גייסט.

אין זיין קלאַסישן ווערק וועגן דער מאַרקסיסטישער פילאָזאָפיע, „לודוויג פייערבאַך און דער אויסלאָז פון דער קלאַסישער דייטשישער פילאָזאָפיע", גיט פרידריך ענגעלס אַ גלענצנדיקע און אויסשעפנדיקע פאָרמולירונג וועגן דעם וואָס ס'מיינט אין דער פילאָזאָפיע מאַטעריאַליזם און וואָס אידעאַליזם. איין מאָל פאַר אַלע מאָל האָט דאָ ענגעלס אין גאַנצן באַזייטיקט יענע אַלע מיסרעפּרעזענטאַציעס און פאַלסיפיקאַציעס בנוגע דעם וואָס מאַרקסיסטן פאַרשטייען אונטער מ אַ ט ע ר י אַ ל י ז ם און אין וואָס פאַר אַ זין דאָס דאָזיקע וואָרט ווערט דורך זיי באַנוצט. ענגעלס דערקלערט דאָרט דעם דאָזיקן ענין מיט אָט די ווערטער:

„. . . די פראַגע וועגן דער שטעלונג פונעם דענקען צום זיין, די פראַגע, וואָס איז דאָס פּרימערע [ד"ה, וואָס איז געקומען פריער] — גייסט צי נאַטור? אָט די פראַגע ווערט דורך דער קירך צוגעשפּיצט צו אָט דעם: האָט גאָט באַשאַפן די וועלט, אָדער איז די וועלט דאָ פון אייביק אָן?

„לויט דעם נאָך ווי אָט די פראַגע איז אַזוי אָדער אַנדערש פאַרענטפערט געוואָרן, האָבן די פילאָזאָפן זיך געשפּאָלטן אין צוויי לאַגערן. יענע וואָס האָבן אַפירמירט די פּרימערקייט פונעם גייסט לגבי דער נאַטור און האָבן במילא שוין אין לעצטן סך־הכל אָנגענומען, אַז די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן אויף אַזאַ אָדער אַן אַנדער אופן . . . זיי האָבן צונויפגעשטעלט דעם אידעאַליסטישן לאַגער. די אַנדערע ווידער וואָס האָבן געזען דאָס פּרימערע [דאָס ערשטע] אין דער נאַטור, זיי געהערן צו די פאַרשידענע שולן פונעם מאַטעריאַליזם.

„קיין שום אַנדער באַדייט ווי אָט דעם האָבן די ביידע אויסדרוקן — אי־דעאַליזם און מאַטעריאַליזם נישט געהאַט פון אָנהייב אָן, און זיי ווערן אויך דאָ אין קיין שום אַנדער זין נישט באַנוצט".*

צו האָבן געזעלשאַפטלעכע און מאָראַלע אידעאַלן האָט דעריבער גאָר נישט וואָס צו טון מיט דער אידעאַליסטישער פילאָזאָפיע.

פילאָזאָפישע אידעאַליסטן האָבן אָבער תמיד געזוכט זיך פאָרצושטעלן ווי מענטשן מיט הויכע אידעאַלן. די אָרגאַניזירטע רעליגיע האָט געשטיצט די דאָזיקע מיסקאָנצעפּציע צוליב אירע טעאָלאָגישע און פראַקטישע צילן. די דאָזיקע שטיצע איז געווען אַ גרויסע הילף פאַר די פילאָזאָפישע אידעאַ־ליסטן אין זייער באַמיאונג צו דערווייזן די ריכטיקייט פון זייער שטעלונג קעגן מאַטעריאַליזם און נאַטוראַליזם.

דער פאַקט איז אָבער, אַז מאַטעריאַליזם ווי אַ פילאָזאָפיע האָט געהאַט

* „לודוויג פייערבאַך און דער אויסלאָז פון דער קלאַסישער דייטשישער פילאָזאָפיע", פון פרידריך ענגעלס, ז' 22. איבערגעזעצט פון ש. ווינער. איקוף־פאַרלאַג, ניו־יאָרק, 1943.

אַז עטיק נאָך זינט דער פּאַרציייטיקער אינדיע און גריכנלאַנד ביזן היינטיקן טאָג. די אמתע פראַגע באַשטייט דעריבער נישט אין דעם וואָס ס'האָבן איר געפעלט עטישע אידעאַלן, נאָר אין דעם וואָס פאַר אַ סאָרט אידעאַלן זי האָט געהאַט. די פראַגע איז נישט, צי זי איז מסוגל צו האָבן אַן עטיק, נאָר דער מאַטעריעלער יסוד פון אירע מאָראַלע ווערטן. די אידעאַליסטן איז נישט געפעלן געוואָרן יענע אידעאַלן, מחמת דעם וואָס אַט די אידעאַלן האָבן זיך קאָנצענטרירט דער עיקר אויף ד ע ר ־ וועלט און אויפן מענטשנס לעבן אין איר. ס'איז די אידעאַליסטן נישט געפעלן וואָס יענע אידעאַלן פון די מאַטעריאַליסטן זענען אַרויסגעוואָקסן פונעם מענטשנס אייגענער נאַטור און נישט אויס די געבאָטן פון אַ גאָטהייט, אָדער אויס אַן אַזוי־גערופענעם מאָראַלן געזעץ.

איז אָבער דער חסרון פונעם פאַרצייטיקן קלאַסישן מאַטעריאַליזם געווען דער, וואָס זיינע עטישע אידעאַלן האָבן איבערגעלאָזט אַ סך אומדערקלערטס און וואָס זיינע מאָראַלע אידעען האָבן פאָרגעלייגט נישט מער ווי בלויז אַ „טעאָרעטישן" אַרויסרוף דעם עקזיסטירנדיקן געזעלשאַפטלעכן סדר העולם.

יענע מעכאַניש־מאַטעריאַליסטישע עטיק האָט זיך פאַרענדיקט איז בעסטן פאַל מיטן אוטאָפּישן סאָציאַליזם פון סען־סימאָן, אָוען און פוריע. אין ערגסטן פאַל איז זי געוואָרן אַן אַפּאָלאָגיע פאַרן קאַפּיטאַליזם.

פאַר אַן אויפקום פון אַן עטיק, וואָס זאָל באמת זיין אַן אַרויסרוף נישט נאָר דער עקזיסטירנדיקער געזעלשאַפט, נאָר אַלע קלאַסן־געזעלשאַפטן אין דער גאַנצער לענג פון דער מענטשלעכער געשיכטע, האָט זיך געפאָדערט אַ דראַסטיש־רעוואָלוציאָנערע ענדערונג אין דער פילאָזאָפיע ווי אין דער עטישער טעאָריע. ס'איז דעריבער געווען פון העכסטן היסטאָרישן באַדייט דאָס, וואָס ס'איז אויסגעפאַלן אויף די פּלייצעס פון מאַרקסן און ענגעלסן, די טעאָרעטיקער פונעם אינדוסטריעלן אַרבעטער־קלאַס, צו דערגרייכן אַן אַדעקוואַטע און וויסנשאַפטלעכע טעאָריע וועגן מאָראַלע ווערטן, וואָס זאָלן טראַנספאָרמירן און רעוואָלוציאָניזירן די גאַנצע ביז־איצטיקע עטיק. וואָרום ווי דען טאַקע האָבן די פילאָזאָפן פון אַ קלאַסן־געזעלשאַפט, אַפילו די מאַטעריאַליסטישע, געקאָנט אַנטוויקלען אַ וויסנשאַפטלעכע און אַן אַל־מענטשלעכע מאָראַל — איין מאָראַל פאַר אַלעמען און יעדערן אין אַ קלאַסן־געזעלשאַפט?

די סאַמע ערשטע הנחה פון איעדער מאַטעריאַליסטישער עטיק מוז זיין, אַז אַלע אידעען וועגן רעכט און אומרעכט, גערעכטיקייט און אומגערעכטיקייט, וועגן דעם גוטן מענטש און גוטן לעבן, זענען מענטשלעכע שאַפונגען, געמאַכט דורך מענטשן און שפּיגלען־אָפּ זייער נאַטור און די קאָנדיציעס פון זייער לעבן.

זענען אָבער אַט די הויכע עטישע פּרינציפּן, ביז דער מאַרקסיסטישער רעוואָלוציע אינעם עטישן געדאַנק, געווען צו אַלגעמיין און אַבסטראַקט. ס'איז אויך קיין שום ספק נישט, אַז אַט די פּרינציפּן פון יעדער מאַטעריאַליסטישער לערע וועגן עטיק, וואָס איז קלאָר אַרויסגעברענגט געוואָרן נאָך דורך העראַקליטן און עפּיקורן אין אַנטיקן גריכנלאַנד, שטייט פּונקט אַזוי פעסט היינט ווי מיט צוויי און אַ האַלב טויזנט יאָר צוריק, קעגן יעדער לערע, אַז אונדזערע מאָראַלע אידעען און אידעאַלן קומען פון אַ גאָטהייט אָדער פון אַן אַנדערן אויסער־מענטשלעכן, אויסער־מאַטעריעלן קוואַל.

וועגן עטיק ווערט אָפט געשטעלט די פראַגע: וואָס איז דאָס אַזוינס וואָס פירט דעם מענטש צו מאַכן מאָראַלע אורטיילן און פאָרמולירן אידעען וועגן דעם גוטן? איז דער ענטפער דערויף, אַז אַלע אידעען וועגן דעם גוטן קומען אויף אויס די נויטן, אינטערעסן און באַגערן פון די מענטשלעכע ברואים און דריקן זיי אויס. דאָס מיינט צו זאָגן, אַז אַלע אונדזערע אורטיילן וועגן מאָראַלע ווערטן, וועגן גוט און שלעכט, גערעכט און אומגערעכט, פרייהייט און קנעכטשאַפט, פּראָגרעס און רעאַקציע זענען אַ פּראָדוקט פון מענטשלעכע האָפענונגען, וואונטשן און באַגערן.

אַלע מאָל ווען אַ הערשנדיקער קלאַס איז געצוואונגען צו ווערן רעאַקציאָנער דורך דעם וואָס ער קאָן שוין מער נישט אַנטוויקלען און אויסנוצן די פּראָדוציר־כוחות פאַרן אַלגעמיינעם וואוילזיין, הייבט ער אָן גלאָריפיצירן „אינערלעכע פרייהייט", דאָס „אינערלעכע גייסטיקע לעבן" און נעמט זיך קלאַמערן אין אַזאַ אָדער אין אַן אַנדערן מין עטישן אידעאַליזם.

דער מאַטעריאַליסטישער עטישער פּרינציפּ, וואָס איז באַגרינדעט דערויף, אַז די אידעען וועגן דעם גוטן קומען אויף אויס די נויטן, אינטערעסן און באַגערן פון די מענטשן, באַגרענעצט אָבער בשום אופן נישט דעם פאַרנעם פונעם מענטשנס אַנדערע שטרעבונגען אָדער באַגערן. ס'איז אין אַט דעם צוזאַמענהאַנג אַבסאָלוט נישטאָ גאָר נישט אַזוינס וואָס זאָל באַרעכטיקן אַ וואָסער עס איז באַשטעטיקונג, אַז מענטשן באַגערן נאָר און בלויז אַזוינע גראָבע מאַטעריעלע זאַכן.

נאָך אַ הויפּט־הנחה פון דער מאַטעריאַליסטישער עטיק איז, אַז דאָס גוטע ווי אַן ענד־ציל האָט צו טון מיט ד ע ר וועלט בלויז און מיטן לעבן פון די מענטשן אויף דער ערד. מחמת דעם וואָס ס'איז נישטאָ, ווי זיי האַלטן, קיין שום אַנדער אָרט אין וועלכן ס'זאָל מענטשן קאָנען גוט זיין, אָדער וואו זיי זאָלן קאָנען געניסן פון אַ גוט לעבן. קאָן איין מאַטעריאַליסט זאָגן: „עס און טרינק, לאָז דיר וואוילגיין, וואָרום מאָרגן קאָנען מיר שטאַרבן", אַן אַנדערער ווידער קאָן איינשטימען מיט עפּיקורן, אַז „מיר קאָנען נישט פירן אַ לעבן פון פאַרגעניגן, אויב ס'איז אין דער אייגענער צייט נישט אַ לעבן פון איבערגעלייגטקייט, פון ישוב־הדעת, ערנהאַפטיקייט

און פון גערעכטיקייט. . . . מחמת אַ פרײדיק לעבן קאָן נישט אָפּגעטיילט ווערן פון אַט די גוטע מידות". ער קאָן אָבער אויך גלייבן ווי דידראָ, דער גרויסער פראַנצויזישער פילאָזאָף־מאַטעריאַליסט אין אַכצנטן יאָרהונדערט, וועלכער האָט געשריבן:

„צו באַמיען זיך צו לאָזן נאָך אונדז אַביסל מער ליכט און קאָמפאָרט ווי ס'איז געווען פריער, צו פאַרבעסערן און פאַרגרעסערן די ירושה וואָס מיר האָבן באַקומען — איז דאָס צו וועלכן מיר דאַרפן זיך ווידמען. איך גיב נאָך צו: צו טון אַזוי פיל גוטס ווי נאָר מעגלעך, און איינשפּאָרן אַרום אונדז אַזוי פיל לײדן ווי נאָר מעגלעך, פאַר אַלע אונדזערע מיטמענטשן אויף אונדזער וועג".

מיט איין וואָרט, ווי ברייט אָדער ווי שמאָל ס'זאָל נישט זיין דעם אָדער יענעם מאַטעריאַליסטס אידעע וועגן דעם גוטן, איז אָבער מיט איין זאַך טרעפן זיי אַלע זיך צונויף — אַז דאָס גוטע מוז זיין אַ גוטס פאַר ד ע ר ־ וועלט און געניסן דערפון דאַרפן לעבעדיקע מענטשן.

איז דערפון געדרונגען, אַז אַט די אַלע פרינציפן פונעם מאַטעריאַליזם זענען געווען אַ פּאָזיטיווע דערגרייכונג אַקעגן אַלע פאָרמען פון אידעאַליסטישער פילאָזאָפיע און רעליגיע. זיי האָבן מוחל געווען די אַלע צוגעזאָגטע גליקן אויף י ע נ ע ר ־ וועלט און בעסער אויסגעוויילט יענע אַלע גוטע זאַכן, וואָס דער מענטש קאָן קריגן אויף ד ע ר ־ וועלט.

די צרה איז נאָר געווען, וואָס דעפינירנדיק די ווערטן פון ד ע ר ־ וועלט און פונעם לעבן אויף דער ערד, זענען אָבער די אַמאָליקע מאַטעריאַליסטן געווען מטושטשדיק, נישט גענוג קאָנקרעט. כדי צו זיין קאָנקרעט וואָלטן זיי באַדאַרפט צוגעבן, אַז זייער געזעלשאַפט, אַ קלאַסן־געזעלשאַפט, קאָן זיך נישט פאַרגינען צוצולאָזן די ברייטע פאָלקס־מאַסן צו דערשלאָגן זיך צו יענע ווערטן, וואָס זיי אַליין האַלטן זיי פאַר גוט. דאָס צו טון, וואָלט פאַר זיי, פאַר יענע מאַטעריאַליסטן, געקאָנט זיין געפערלעך. די אידעאַליסטן ווידער האָבן זיך מיט אַט דעם פּראָבלעם זייער גרינג געספּראַוועט, דורכן אַרויסשטעלן אַז „אייביקן" און „י ע נ ע ־ וועלטיקן" גוטס, אַ מין העכער גייסטיק לעבן, אייביקע גליקזעליקייט, וכדומה, ווי דאָס אמתע גוטס פאַר דער מענטשהייט.

די פילאָזאָפן־מאַטעריאַליסטן אָבער, אין זייער אָפּאָזיציע אַנטקעגן אַט די „גליקן" פון די אידעאַליסטן, האָבן געהאַלטן אין איין האַמערן, אַז אײדער מענטשן קאָנען זוכן עפּעס אַנדערש, מוזן זיי קודם־כל זוכן צו קריגן שפּייז, קליידונג און אַ דאַך איבערן קאָפּ. אײדער מענטשן קאָנען באַפרידיקן אַ וואָסערע עס איז אַזוי־גערופענע העכערע אָדער גייסטיקע באַדערפענישן, מוזן זיי קודם־כל באַפרידיקן אַ היפּש ביסל עלעמענטאַרע נויטן. פאַר מאַטעריאַליסטן האָט דאָס געמיינט, אַז מענטשן קאָנען נישט זיין גליקלעך, קולטורעל, נאָבל, אָדער גרויסמוטיק, סיידן זיי האָבן צו עסן,

סיידן די עלעמענטאַרע מאַטעריעלע נייטיקייטן, אַז וועלכע ס'איז אומ־מעגלעך זיך צו באַגיין, זענען פאַראַן.

דער מאַטעריאַליסט האָט שוין גאָר גוט געוואוסט, אַז אויף ברויט אַליין קאָן דער מענטש נישט לעבן, ווי ס'שטייט געשריבן: „לא על הלחם לבדו יחיה האדם", דאָך האָט ער זיך פעסט געהאַלטן ביים טרואיזם, אַז אָן ברויט קאָן אַ מענטש בכלל גאָר אין גאַנצן נישט לעבן, צי זיין אַן עטישער מענטש, אָדער זיך אָפּגעבן מיט אַ וואָסערע עס איז גייסטיקע ענינים — מיט קונסט, וויסנשאַפט, פילאָזאָפיע וכדומה.

## 2.

ביזן מאַרקסיזם, די אידעאָלאָגיע פונעם היינטצייטיקן אַרבעטער־קלאַס, האָט מען נישט אָנערקענט דעם, דאָכט זיך, אַזוי פּשוטן אמת, אַז דאָס פּראָ־דוצירן די אַלע זאַכן אָן וועלכע מענטשן קאָנען קיין קיום נישט האָבן, אַז אָט דאָס דאָזיקע שטעלט מיט זיך פאָר דעם מאַטעריעלן יסוד פונעם מענטשנס לעבן אויף דער ערד, אַז פּראָדוקציע איז דער באַזיס פאַר אַלע מענטשלעכע ווערטן. אין דערפון געדרונגען, אַז דער פאַרבאַדינג פאַר דער דערפילונג פון אַלע אַנדערע מענטשלעכע ווערטן איז די פאַרגרעסערונג פון דער פּראָ־דוקטיוויטעט פון אַרבעט, די אויסשפּרייטונג פון די פּראָדוציר־כוחות און זיי אויסנוצן אויף צו העכערן דעם לעבנס־סטאַנדאַרד פאַר יעדן איינעם מענטש אין דער געזעלשאַפט — ע פ ע ס א ז ו י נ ס ו ו א ס א י ז נ א ר מ ע ג ל ע ך א ו נ ט ע ר ן ס א צ י א ל י ז ם.

זענען אָבער פריערדיקע מאַטעריאַליסטן, אַליין רעפּרעזענטאַנטן פון די עקספּלואַטירנדיקע קלאַסן, נישט געווען ביכולת צו מאַכן דעם דאָזיקן לאָ־גישן אויספיר. בלויז מאַרקסיסטן האָבן געקאָנט זען, אַז די אַנטוויקלונג פון די פּראָדוציר־כוחות איז דער יסוד פאַר אַלע אַנדערע געזעלשאַפטלעכע אַקטיוויטעטן און איז דער באַזיס פאַר אַלע מענטשלעכע ווערטן. דאָס מיינט, אַז גרויסע קולטורן קאָנען נאָר בליען אויפן פונדאַמענט פון אַ גע־נוגנדיקער עקאָנאָמיע, און אַז אין אַ קלאַסנלאָזער געזעלשאַפט איז קולטור פאַר די ברייטע מאַסן פון פאָלק אָפּהענגיק אין דער דערגרייכונג פון אַ לעבנס־סטאַנדאַרד, וואָס קאָן בלויז קומען מיט אַ כסדר זיך אויסברייטנדי־קער הויכער ראַטע פון אינדוסטריעלער פּראָדוקציע.

קריטיקירנדיק די עטישע פּרינציפּן פונעם אַלטן קלאַסישן מאַטעריאַליזם, האָט דער מאַרקסיסטישער דיאַלעקטישער און היסטאָרישער מאַטעריאַליזם קודם־כל געהאַט איינצואווענדן קעגן דעם קלאַסישן מעכאַנישן מאַטעריאַ־ליזם, דאָס וואָס דער באַנעם זיינער וועגן דעם גוטן איז אַלעמאָל אַב־סטראַקט, און האָט דעריבער קאָנקרעט נישט געקאָנט דינען ווי אַן אינ־סטרומענט פון סאָציאַלן פּראָגרעס. דער הויפּט־חסרון פון די מיינסטע מאַ־טעריאַליסטישע טעאָריעס איז געווען דאָס וואָס זיי האָבן נישט געקאָנט

אנגעווענדט ווערן צו די ממשותדיקע טאג־טעגלעכע פראבלעמען, צו די נויטן און באדערפעניש פון די ברייטע מאסן פון פאלק.

נאכזוכנדיק אזא גוטס וואס זאל אפעלירן צו אלע מענטשן האט דער גריכישער פילאזאף־מאטעריאליסט אריסטיפוס געפונען עס אין פארגעניגן, און א צווייטער גריכישער מאטעריאליסט, עפיקור, אין אטאראקסיא, אין א מין מנוחת־הנפש, אינערלעכע בארואיקטקייט, אינעם באפרייען זיך פון ערגערניש און זארג. דריקן דען אבער פארגעניגן און אטאראקסיא באמת אויס די אלץ־ארומנעמענדיקע קאנקרעטע, ממשותדיקע גוטסקייטן אינעם מענטשלעכן לעבן, אדער צי זענען זיי א ראיעלער וועגווייזער ווי זיך אויפצופירן אין געזעלשאפטלעכער אקטיוויטעט אין קאנקרעטע סיטואציעס? ס'וועט דעריבער בפירוש נישט זיין אויסן וועג צו זאגן, אז זיי זענען אזוי נעבעכדיק און נישט־גענוגנדיק פאר די אידעאלן פון א פועלער, אפגערונדעטער אינדיווידועלער פערזענלעכקייט, אפילו אין א געזעלשאפט וואס איז צעשפאלטן אין אנטקעגנגעשטעלטע קלאסן. דערצו גיט די פארגעניגן־טעאריע גאר נישט און איז לגמרי נישט צוגעפאסט פאר דער אומגעהייערער מערהייט פון דער ארבעטנדיקער מענטשהייט.

די אידעאליסטישע פילאזאפן, פון פלאטאן ביז קאנטן, אזוי גוט ווי די הייליקע, האבן דעריבער גאנץ עפעקטיוו און אפט ריכטיק קריטיקירט די פארגעניגן־טעאריע. האבן זיי אבער אנשטאט דעם געגעבן זייערע אייגענע ספעציעלע „הויכע” ווערטן, וואס האבן אנהאלט קיין שום אנהאלט נישט אינעם קאנקרעטן, ממשותדיקן לעבן פונעם מענטש אויף דער ערד. מ'קאן דעריבער זאגן מיט זיכערקייט, אז פון א מאטעריאליסטישן שטאנדפונקט, איז מארקסן און ענגעלסן געבליבן צום ערשטן מאל זיך אוועקצורייסן פון די באגרענעצטקייטן פון יעדער פארגעניגן אדער גייסטיק־גליק טעאריע. זיי האבן געזען, אז דאס איז נאר געווען א באגרענעצטער און אבסטראקטער אויסדרוק פון די נויטן, האפענונגען און אספיראציעס פון די גרויסע מאסן פון דער מענטשהייט. קריטיקירנדיק די עטיק פונעם מאטעריאליסט לודוויג פייערבאך, שרייבט ענגעלס:

„דורכן אפגעבן זיך נאר מיט זיך אליין, קאן א מענטש זעלטן בלויז, און בשום אופן נישט פאר זיין אייגענער טובה ווענן און פאר דער טובה פון אנדערע, באפרידיקן זיין שטרעבונג צום גליק. צו גליק פאדערט זיך דער מענטש זאל זיין פארבונדן מיט דער דרויסנדיקער וועלט, וועלכע האט די מיטלען צו באפרידיקן זיינע באדערפענישן, ווי שפייז, אן אינדיווידואום פון צווייטן געשלעכט, ביכער, שמועסן, דעבאטירן, אקטיוויטעטן, זאכן צום באנוצן און פארן באארבעטן”. *

ענגעלס לייקנט נישט, אז מענטשן זוכן גליק. דאס איז אבער דא נישט

* „לודוויג פייערבאך”, פון פרידריך ענגעלס, זייט 37. איבערגעזעצט פון ש. ווינער. איקוף־פארלאג, ניו־יארק, 1943.

די פראַגע איז, ערשטנס, צי איז פערזענלעך גליק דער אַלץ מיט אַנאַנדער פונעם מענטשנס שטרעבן, און צווייטנס, צי שטעלט מיט זיך „גליקלעכקייט" גענוגנדיק פאַר דעם פולן קאָמפלעקס פון מענטשלעכע האָפענונגען, וואונטשן, באַגערן, אַספיראַציעס?

אויף דער ערשטער פראַגע ענטפערט ענגעלס, אַז אויב אַ יחיד זוכט גליקלעכקייט פאַר זיך אַליין בלויז, איז ער אין מיינסטע פאַלן פאַרמשפט צו אַנטוישונגען. מ'קאָן זאָגן מיט זיכערקייט, אַז פאַרגעניגן, צי אַפילו ווען מ'זאָל עס רופן גליקלעכקייט, איז נישט מער ווי אַ מינערער טייל פון די אַלע קאָנקרעטע, ממשותדיקע גוטסקייטן, וואָס מענטשן זוכן, און וועלכע שטעלן מיט זיך צונויף דאָס גוטע לעבן. פון אָט דעם שטאַנדפונקט געזען, האָבן די אַלטע מאַטעריאַליסטן, פון די אַלע רייכע, פאַרשידנקאָליריקע און אומענדלעכע גוטסקייטן אינעם מענטשנס לעבן — גוטסקייטן וועגן וועלכע מיר קאָנען אין דער היינטיקער באַגרענעצטער היסטאָרישער עפאָכע, אין אַ צעריסענער קלאַסן־געזעלשאַפט, קוים האָבן אַן אָנוואונק — אַרויסגעכאַפט בלויז איין קליינעם טייל פונעם גאַנצן קאָמפלעקס גוטסקייטן. זענען פאַר אָט די באַגרענעצטקייטן פון די אַלטע מאַטעריאַליסטן געווען, נאַטירלעך, גוטע סיבות. אין זייער גראַנגל אַנטקעגן די כלערליי פאָרמען פון אַזוי־גערופענע ספיריטועלע, איבערערדישע „גוטסקייטן", האָט פאַר זיי פאַרגעניגן, גייסטיק גליק אויסגעזען דער סאַמע דירעקטער, ממשותדיקער און ד י ־ וועלטיקער אָביעקט פון מענטשלעכע באַגערן.

די שאַפער פון אָט דער טעאָריע זענען דערצו נאָך אַליין געווען מיטגלידער פון אַ ליידיק־גייענדיקן קלאַס אין אַ קלאַסן־געזעלשאַפט, אָנהייבנדיק מיט דער פאַרצייטיקער שקלאַפן־געזעלשאַפט. איז הגם זייער באַציאונג צו דער געזעלשאַפט האָט אפשר טאַקע געמעגט זיין אַ גאַנץ אַנדערע ווי די פון די אידעאַליסטישע פילאָזאָפן, ווי למשל, פון פלאַטאָן, זענען זיי אָבער דאָך געווען אַ טייל פון אַ קלאַס, וואָס די נויטווענדיקייטן פון לעבן זענען זיי צוגעשטעלט געוואָרן דורך דער פראַצע פון אַנדערע. זיי איז נאָר געבליבן צו פירן זייער לעבן ווי צעשטויבטע יחידים, איזאָלירטע פון דער געזעלשאַפט מיט אַלע אירע פראָבלעמען.

אמת, די אידעאַליסטישע פילאָזאָפיע, כאָטש אויף אַנדערע אופנים, האָט אויך געליטן פון די זעלבע געזעלשאַפטלעכע באַגרענעצטקייטן. האָבן זיי אָבער דאָס אָנפירן מיט דער געזעלשאַפט פון וועלכער זיי האָבן אַרויסבאַקומען זייער אויסקומעניש, גענומען מער ערנסט. אָט אַזוי, למשל, האָבן פלאַטאָ און אַריסטאָטל, נישט געקוקט אויף די אַלע רעאַקציאָנערע און מיסטישע עלעמענטן אין זייער געדאַנקען־גאַנג, להיפוך צו די מאַטעריאַליסטן־העדאָניסטן [אָנהענגער פון דער פאַרגעניגן־טעאָריע], געזען ווינציקסטנס די עטישע פראָבלעם ווי איינע פון די ב ע ס ט ע אופנים צו רעגולירן דאָס לעבן אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפט. אָבער דער קאַמף צווישן די צוויי

פילאָזאָפישע שולן אין דער פילאָזאָפיע פונעם הערשנדיקן קלאַס, וועלכער ציט זיך שוין זינט די פּאַרצייטיקע גריכן ביזן היינטיקן טאָג, אַנטפּלעקט צום ווייפלטן מאָל ווי אַזוי עטישע קאָנצעפּציעס, אַזוי גוט ווי אַלע אַנדערע קאָנצעפּציעס, ווערן קאָנדיציאָנירט דורך דער קלאַסן־געזעלשאַפט.

פון זינט די פּאַרצייטיקע גריכן ביז צו העלוועציוס אין אַכצנטן יאָרהונדערט אין פראַנקרייך, איז ביי די מאַטעריאַליסטן געווען אָנגענומען, אַז יעדער יחיד קאָן און דאַרף בלויז זוכן זיין אייגן גוטס. וועט גאָר נישט שווער זיין צו דערקענען, אַז די דאָזיקע טעאָריע האָט געשפּילט אַ העכסט וויכטיקע ראָלע אין דער אַנטוויקלונג פונעם בורזשואַזן געדאַנק. די ווערטלעך, „יעדער דאַרף נאָר זיך אין זינען האָבן", „מ'דאַרף אַריינכאַפּן וויפיל נאָר ס'לאָזט זיך", „האַנדלשאַפט איז נישט קיין ברודערשאַפט", און נאָך און נאָך אַזוינע מיני ווערטלעך, אַזש ביז חלשות, איז הגם זיי דריקן אויס די קלאַסישע מאַטעריאַליסטישע לערעס, זענען זיי פּאַקטיש נישט עפּעס אַנדערש ווי נאָר די אַנדערע זייט פון דער מטבע, וואָס ווערט רעפּרעזענטירט דורך די אויפפאָדערונגען פון די פילאָזאָפן־אידעאַליסטן צו אומאייגננוציקייט, פילאַנטראָפּיע און טאָלעראַנץ. ס'וועט דאָ, כ'לעבן, נישט זיין אויסן וועג אָנצואווייזן, אַז אין מאָראַלער טעאָריע און אויפפיר האָט די קלאַסן־געזעלשאַפט באַדאַרפט דעם מאַטעריאַליזם נישט ווינציקער ווי דעם אידעאַליזם — איינעם צו אַפּעלירן צום זעלבסט־אינטערעס פון די מיטגלידער פונעם הערשנדיקן קלאַס און דעם אַנדערן צו פאַרמאַסקירן די רויבערישקייט פון קלאַסן־עקספּלואַטאַציע.

דעם בעסטן ענטפער וואָס דער פאַר־מאַרקסיסטישער מאַטעריאַליזם איז ווען עס איז געווען ביכולת צו געבן אויף דער פראַגע וועגן סאָציאַלער פאַראַנטוואָרטלעכקייט און די נייטיקייט צו האַרמאָניזירן די אָן אַ שיעור צונויפשטויסן צווישן אינדיווידועלע ווילנס, איטלעכער זוכנדיק זיין אייגן גוטס בלויז, איז געווען, אַז אַזוי לאַנג ווי מיר וועלן איטלעך איינער נישט נעמען גאַנץ ערנסט די שטרעבונג צו זעלבסט־אינטערעס ביי אַנדערע, וועלן אויך מיר נישט קאָנען דערגרייכן אונדזער אייגענעם זעלבסט־אינטערעס. דעם דאָזיקן געדאַנק האָט אַזוי טרעפלעך, קורץ און שאַרף אויסגעדריקט נאָך דער פאַרצייטיקער תנא הלל הזקן אין זיין באַרימטן אַפאָריזם: „דעלך סני לחברך לא תעביד" (שבת, לא) — וואָס דיר איז נישט ליב, טו נישט דעם אַנדערן, מיט אַנדערע ווערטער: אויב מיר וועלן זיך היטן נישט אָנצוטרעטן אַנדערע, וועלן די אַנדערע זיך נישט שטעלן קעגן אונדזער זעלבסט־אינטערעס.

די פּראָבלעם וועגן אייגננוציקייט אַנטקעגן אומאייגננוציקייט ווערט גלענצנדיק פאַרענטפערט דורך איינעם פון די גרעסטע קעפּ אין דער אַלטער קלאַסישער פילאָזאָפיע — דורך אַריסטאָטעלעז. הגם ער האָט אָפּגעוואָרפן העראַקליטס דיאַלעקטישן פּרינציפּ, אַז ער קאָן נישט אָנגעווענדט ווערן צו

דער רעאַליטעט, איז זיין אַנאַליז וועגן אַט דער פּראָבלעם געווען פונדעסט־וועגן ווי פון אַן אמת גרינטן דיאַלעקטיקער. אַ דאַנק דעם איז ער געווען ביכולת צו לייזן די פּראָבלעם אויף וועלכער די פילאָזאָפן־אידעאַליסטן האָבן געגעבן ספּיריטועלע ענטפערס און די מאַטעריאַליסטן האָבן זי אין גאַנצן איגנאָרירט. די פראַגע איז געווען צי טוט דער יחיד דאָס וואָס ער טוט, פאַר זיך בלויז, אָדער אַז אויך אַנדערע זאָלן דערפון קאָנען געניסן? אַריס־טאָטל האַלט, און מיט רעכט, אַז דאָ גייט אין אַזאַ מין טואונג, וואָס באַפּרידיקט דעם „איך" פונעם יחיד וואָס טוט זי, און אין דער אייגענער צייט איז אָבער אָט די טואונג אַן אַקטיווקייט וואָס דערמעגלעכט אַ וואָסער עס איז ברייט־מענטשלעך, וויסנשאַפטלעך אָדער קולטורעל גוטס.

ווי די מאַטעריאַליסטן האָט אַריסטאָטל אָנגעהויבן זיין עטישע לערע דער־מיט, אַז דער יחיד וועט נישט טון גאָר נישט, אויב דאָס זאָל אים נישט אויף אַ וואָסערן עס איז אופן ברענגען באַפּרידיקונג. האָט ער אָבער דער־נאָך איינגעזען, אַז די אמתע פּראָבלעם ליגט אין דעם וואָס די באַפּרידיקונג איז אין גאַנצן אָפּהענגיק אין דער אייגנטלעכער נאַטור פון זיין „איך", ד"ה, ווי שמאָל אָדער ברייט ס'איז דעם יחידס „איך". וואָס אַריסטאָטל האָט איינגנס געמיינט צו זאָגן איז, אַז דער איך איז אַזוי ברייט אָדער אַזוי שמאָל ווי ס'איז דער פאַרנעם פון זיינע אינטערעסן.

איז דערפון געדרונגען, אַז יענע הנחה, דאָס זעלבסט־אינטערעס איז דער איינציקער פּרינציפּ פאַרן מענטשלעכן אויפפיר, האָט קיין שום ממשות נישט. דעריבער, אַנשטאָט אָוועקצושטעלן די אַזוי־גערופענע אייגננוציקייט אַנטקעגן אומאייגננוציקייט, איז די עטישע פּראָבלעם איצט, ווי ברייט עס זענען דעם יחידס אינטערעסן און די מיטלען דורך וועלכע אָט די אינ־טערעסן קאָנען אויסגעברייטערט ווערן, זיי זאָלן אין זיך קאָנען אַריינגנעמען אַן אַלץ־גרעסערן אָפּשניט פון דער געזעלשאַפט און אירע ווערטן. ווען אַריסטאָטל זאָגט, אַז טייל מענטשן דאַרף מען אונטערגעבן חשק צו זוכן זייער „זעלבסט־אינטערעס", מחמת ס'איז פאַר אונדזער אַלעמענס טובה וועגן, האָט ער געמיינט דערמיט פּשוט צו זאָגן, אַז אַ מענטש קאָן זיין פאַראינטערעסירט צו טון זאַכן, וואָס זענען אויך אַ טובה פאַר אַנדערע. און פאַרקערט ווידער, ווען ער גיט צו דעם נאָך צו, אַז ס'זענען פאַראַן מענטשן, וואָס מ'דאַרף זיי צוריקהאַלטן פון צו זוכן זייער זעלבסט־אינטע־רעס, ווייל וואָס מער זיי באַפּרידיקן זיך, אַלץ ערגער איז פאַר אַלע אַנדערע, מיינט ער דערמיט צו זאָגן, אַז טייל מענטשנס אינטערעסן זענען פיינדלעך צו די אינטערעסן פון זייערע מיטמענטשן.

דער חסרון אָבער פון אַריסטאָטלס, בכלל געני‌מען, חריפותדיקן אַנאַליז באַשטייט דערין, וואָס צווישן יענע וועלכע ער האָט געהאַלטן, אַז זיי דאַרפן צוריקגעהאַלטן ווערן פון צו זוכן דאָס וואָס אינטערעסירט אָדער באַפּרי־ריקט זיי, זענען פאַקטיש געווען די גאָר גרויסע מערהייט מענטשן. אָט

דער פילאָזאָפישער ריז האָט נישט געקאָנט זיך אויפהייבן איבער די קלאַסן־פּאַראורטיילן פון זיין עפּאָכע אין וועלכער שקלאַפעריי איז געווען דער הערשנדיקער סאָציאַלער סדר. ער האָט זיך נישט געקאָנט באַפרייען פון דער אידעאָלאָגיע פונעם הערשנדיקן קלאַס אין זיין צייט. ער קומט דערייבער צום אויספיר, אַז שקלאַפן, פרויען און אַרעמעלייט זענען בכלל געגוּמען, נישט מסוגל צו אַן עטיש לעבן.

ווערט דערמיט צום וויפלטן מאָל באַשטעטיקט דער כלל גדול, דער טרעפלעכער דיאַגנאָז פון מארקסן, אַז „די הערשנדיקע אידעאָלאָגיע אין יעדער היסטאָרישער עפּאָכע איז די אידעאָלאָגיע פונעם הערשנדיקן קלאַס״. (קאָמוניסטישער מאַניפעסט).

ס׳איז פאַר אַן עקספּלואַטירנדיקן קלאַס אבסאָלוט אוממעגלעך צו האָבן אַן אמת דיאַלעקטישן צוגאַנג צו דער פראַגע וועגן „זעלבסט־אינטערעס״. די אידעאָלאָגן זייערע לערנען אַנטווערדער דעם סאַמע נאַקעטסטן עגאָאיזם, די אומפאַרשעמטסטע אייגננוציקייט, אָדער הייסן זיך ווידמען צו דער גלאָריע פון אומאייגננוציקייט. גאַנץ אָפט לערנען זיי גלייכצייטיק ביידע זאַכן.

די מאַרקסיסטיש־דיאַלעקטישע אויסטייטשונג פון „זעלבסט־אינטערעס״ האָט געגעבן די איינציק־ריכטיקע, גוט־באַגרינדעטע דערקלערונג פאַרן אויפפיר פון אַרבעטער־קלאַס. אַרבעטער האָבן געגומען אידענטיפיצירן זייערע אינדיווידועלע און פערזענלעכע אינטערעסן מיט די אינטערעסן פון זייער קלאַס (אַט דאָס איז, אייגנטלעך, דער מיין פון קלאַסן־באַוואוסטזיין), דאָס וואָס ס׳איז גוט פאַר יעדן איינעם באַזונדער איז גוט פאַר אַלעמען און איינעם, פאַרן גאַנצן קלאַס. איז די פראַגע איצט, צי זענען זיי אומאייגננוציק אָדער אייגננוציק? האָט אָבער די דאָזיקע פראַגע קיין שום זין נישט, ווען זי ווערט אָנגעווענדט צו די קאַמפן פון די אַרבעטער אָדער פון די קאָלאָניאַלע פעלקער. דער איינציקער ענטפער וואָס דאַ קאָן יאָ זיין איז אָט דער, אַז זיי זענען גאָר שטאַרק פאַרטייאיש, אָבער נישט פאַר אינדיווידועלפערזענלעכע צילן, נאָר פאַר דער באַפרייאונג און דעם וואוילזיין פון זייער קלאַס אָדער פאָלק, מיט וועלכן זייערע פערזענלעכע צילן קומען זיך פולשטענדיק צונויף.

דער פאַקט וואָס מענטשן קאָנען זיך ווידמען צו „אידעאַלע צילן״, און קאָנען און זענען מקריב אַלע מעגלעכע באַלדיקע צילן, אַפילו דאָס אייגענע לעבן, פאַר צילן וואָס זענען געוואָרן אין גאַנצן זייערע אייגענע, האָט די קלאַסישע מאַטעריאַליסטן געלאָזט פּשוט אַן אָטעם, איז פאַר זיי געווען איבער זייערע השגות. אויך די טראַדיציאָנעלע פּסיכאָלאָגיע לייקנט, פונקט ווי דער קלאַסישער מאַטעריאַליזם, אַז מענטשן קאָנען באַוועגט ווערן דורך אַ וואָסער עס איז אַנדער זאַך אַ חוץ דורך זייערע פערזענלעכע אינטערעסן. ס׳קומט ביי זיי אויס, אַז וויפיל יענע זאָלן נישט מיינען, אַז זיי זוכן נישט זייערע אייגענע נוצן, קריגן זיי דאָך אַרויס אַ וואָסער עס איז „פערזענלעכע״

באפרידיקונג, בעת ס'קאן זיך זיי אויסדאכטן, אז זיי זענען זיך מקריב פאר זייער קלאס אדער פאלק. דערמיט ווערט אן איבעריק מאל באשטעטיקט דער פולער באנקראט און די איינגעבוירענע אנטי־הומאניסטישע שטעלונג פון די הויפט־שטרעמונגען אין דער בורזשואזער פילאזאפיע און סאציאלער וויסנשאפט.

ס'וועט דא איצט נייטיק זיין אונטערצופירן א שטיקל סך־הכל בנוגע די באגרענעצטקייטן פון אלע פאר־מארקסיסטישע עטישע טעאריעס, סיי פון די אידעאליסטישע פילאזאפן, ווי אויך פון די מעכאנישע מאטעריאליסטן, אדער פון יענע פילאזאפיעס וואס שטעלן זיך מכלומרשט איבער זיי ביידע, ווי דער פראגמאטיזם אדער פאזיטיוויזם.

איבער דעם וואס די קלאסישע מאראליסטן, ווי די פאר־מארקסיסטישע מאראליסטן בכלל, האבן איגנארירט דעם הארטן פאקט, וועלכער איז פונדאמענטאל אין דער גאנצער מענטשלעכער געשיכטע ביז היינט, אז די מענטשן זענען צעטיילט אין אנטאגאניסטישע, איינער דעם אנדערן אנטקעגנגעשטעלטע קלאסן, האבן זיי געלערנט אזא מין גוטס, וואס האט געזאלט גוט זיין פאר אלע מענטשן. וואס־זשע האט זיך ארויסגעוויזן? דאס דאזיקע גוטס איז אנטוועדער געווען אזוי אבסטראקט, אז ס'האט אדער פאר קיינעם נישט געטויגט, אדער ס'איז געווען אזא מין גוטס אויף צו האלטן די מאסן אין צוים, אין אונטערטעניקייט. אדער ס'איז גאר געווען א גוטס פארן הערשנדיקן קלאס, וועלכעס איז פאר די ארבעטנדיקע קלאסן לגמרי געווען אוממעגלעך צו דערגרייכן און האט פאר זיי גאר נישט געמיינט. פלאטאס העכסטער מאראלער אידעאל, גערעכטיקייט, האט א היפש ביסל אונטערגעהונקען מיט אזוינע דיסערטאציעס, ווי „יעדערער דארף וויסן זיין ארט", און אז די מאסן דארפן אקצעפטירן די הערשאפט פון זייערע „עלטסטע". אריסטאטלס גרויסארטיקער מענטש ווידער, איז געווען אן אידעאל פאר א רייכן שקלאפן־אייגנטימער. צו פירן א „לעבן פון נאכדענקען" האט זיך געקאנט בלויז פארגינען יענער וואס איז פריי געווען פון יעדער מין ארבעט, ד"ה, אזוינער וואס האט פארמאגט אי שקלאפן און אי אויפזעער איבער זיי.

נישט אננעמענדיק דעם פאקט, אז אין דער געזעלשאפט גייט אן א געראנגל צווישן אנטאגאניסטישע, איינער דעם אנדערן אנטקעגנגעשטעלטע קלאסן, איז סיי דער מאטעריאליסט, סיי דער אידעאליסט נישט געווען בכוח צו אנטוויקלען אן עטיק, א מאראלן סטאנדארד, א סכום פון ווערטן, וואס זאלן קאנען דינען דעם גרויסן היסטארישן געראנגל פון די עקספלואטירטע און געדריקטע מאסן אין דער וועלט, פאר א בעסער מענטשלעך לעבן. מחמת אט די און אנדערע פונדאמענטאלע באגרענעצטקייטן זענען די דענקער פון אן עקספלואטירנדיקער קלאסן־געזעלשאפט נישט געווען מסוגל ארויסצופירן אן עכטע מ ע נ ט ש ל ע כ ע מאראל.

.3

איינע פון די הויפּט־כאַראַקטעריסטיקס פונעם פריערדיקן עטישן געדאַנק און זיינע סיסטעמען, איז געווען דער אינדיווידואַליזם. ביי די מאַטעריאַליסטן האָט זיך דער אינדיווידואַליזם מיינסטנס אויסגעדריקט אין דער לערע וועגן זעלבסט־אינטערעס און אינעם יאָגן זיך נאָך פּערזענלעכע פאַרגעניגנס, גייסטיק גליק, וואוילזיין, ווי שוין פריער דערמאָנט. ביי אידעאַליסטן ווידער ווערט דער טראָפּ געשטעלט אויפן יחיד, דעם בעל מידות־טובות, אָדער אויף פּערזענלעכער גליקזעליקייט, בעת ס'ווערן איגנאָרירט די אמתע נויטן פון די מענטשן אין גאַנצן און גרויסן גענומען.

ווייטער האָט די קלאַסישע עטיק נישט אָקצעפּטירט קיין שום אַנדער גוטס, ווי נאָר דאָס וואָס איז אַבסאָלוט און אייביק. צי דאָס גוטע איז באַשטאַנען אין פאַרגעניגן אָדער גייסטיק גליק, אָדער אין אַ וואָסערן עס איז אידעאַל צו וועלכן די מענטשלעכע פּערזענלעכקייט זאָל און קאָנען צוקומען, אָדער צי דאָס איז געווען פרייהייט אָדער פליכטן — האָט דאָס אַלץ נישט געקאָנט געענדערט ווערן. וואָרום אויב ס'וואָלט געקאָנט זיך ענדערן צום בעסערן, איז דאָך עס שוין לכתחילה געווען נישט גוט, און אויב ווידער ס'איז באמת גוט געווען, האָט עס זיך דאָך נישט געקאָנט ענדערן צום ערגערן. אמת, מאַטעריאַליסטן פון עפּיקורן אָן ביז דידראָ האָבן יאָ דאָך אַנערקענט, אַז מאָראַלע אורטיילן ענדערן זיך אין צייט און אָרט. האָבן אָבער סיי די מאַטעריאַליסטן און סיי די אידעאַליסטן געשטיצט זיך אויף דער הנחה, אַז די מענטשלעכע נאַטור ענדערט זיך נישט, אַז זי איז באַשענקט מיט באַשטימטע, פיקסירטע מעגלעכקייטן פאַר גוטס, און מיט פונקט אַט אַזוינע אָדער אַנדערע פיקסירטע און סטאַטישע סיבות פאַר שלעכטס און פאַרדאַרבנקייט. דערמיט, מיט אַט דער סטאַטיש־מעטאַפיזישער קאָנצעפּציע, האָבן זיי געקאָנט אַקוראַט באַשטימען, וואָס איז גוט און וואָס איז שלעכט פאַר אַלע דורות און אומשטענדן.

און לסוף זענען ביידע, סיי די מאַטעריאַליסטן און סיי די אידעאַליסטן אין זייער דעפיניציעס וועגן די מאָראַלע גוטסקייטן אָדער צילן פון דער מענטשהייט, געווען אַזוי אַבסטראַקט, מטושטשדיק און אַלגעמיין, אַז זיי האָבן געהאַט אַ קנאַפּן ווערט אָדער גאָר קיין שום ווערט נישט פאַר מענטשן אין די קאָנקרעטע, ממשותדיקע קאָנדיציעס פון לעבן. קיין מאָל האָבן זיי נישט געטראַכט וועגן שפּייז, קליידונג, אַ דאַך איבערן קאָפּ, ווי דאָס פונדאַמענטאַלע גוטס. קיין מאָל האָבן זיי נישט באמת זיך אָפּגעגעבן מיט די ממשותדיקע זאַכן, וועלכע מענטשן באַגערן און צו וועלכע זיי שטרעבן. זיי ווילן געזונט, עקאָנאָמישע באַזאָרגטקייט, ליבשאַפט, פריינטשאַפט, זיי ווילן אַרבעט און פאַרווײַלונג, רעספּעקט פון זייערע מיטמענטשן, די מעגלעכקייט צו אַנטוויקלען ספּעציעלע טאַלענטן און פעאיקייטן.

ערשט אויס אַט די אַלע באַגרענעצטקייטן פון דער קלאַסישער עטיק, קאָן

מען אַראָפּנעמען די ריכטיקע מאָס פון דער גוואַלדיקער מאַרקסיסטישער רעוואָלוציע אינעם עטישן געדאַנק. מאַרקסיזם וואַרפט נישט אָפּ די קלאַסישע עטישע טראַדיציע. פאַרקערט, ער נוצט אויס דאָס בעסטע אין איר, בפרט די אַנטוויקלונגען פון די מאַטעריאַליסטן אין זייער גראַנגל אַנטקעגן אַלע פאָרמען פון מיסטישע און אָבסקוראַנטע צוגאַנגען צו די פּראָבלעמען פון מענטשלעכע ווערטן. דאַרף דאָ אָבער אויך צוגעגעבן ווערן, אַז מאַרקסיסטישע עטיק נעמט אין זיך אַריין די בעסטע עטישע נאָרמען פון דער אידעאַליסטישע מאָראַל בנוגע דעם אויפפיר פונעם יחיד אינעם געוויינטלעכן טאָג־טעגלעכן לעבן. אָבער אויך דאָ זאָגט די מאַרקסיסטישע פילאָזאָפיע איר וואָרט, פונקט אַזוי ווי אינעם גרויסן פּראָבלעם ווי אַזוי צו טראַנספאָרמירן, צו איבעראַנדערשן דאָס לעבן פון דער געזעלשאַפט. די סאָציאַליסטישע מאָראַל, להיפוך צו דעם וואָס די שונאים מעגן זיך זאָגן, איז אַ שטאַרקע הילף פאַר אַזאַ מענטשלעכן אויפפיר, וואָס פּראַקטיצירט יענע עלעמענטאַרע גוטע מידות וואָס קאָנטראָלירן — אָדער דאַרפן קאָנטראָלירן — די באַציאונגען פון מענטש צו מענטש אין פּריוואַטן לעבן: ערלעכקייט, פריינדלעכקייט, גערעכטיקייט, מענטשלעכע פאַרשטענדעניש. כדי אָבער צו קאָנען בויען אַ בעסערע וועלט, מוז מען קודם־כל אָנהייבן מיט זיך אַליין — מוז מען פריער זיך אַליין איבערבויען. מאַרקסיסטישע עטיק קאָן אונדז דעריבער אַ סך בעסער פירן ווי די אידעאַליסטישע מאָראַל צו פאַרשטיין די פאַרבינדונג צווישן פּריוואַט־פּערזענלעכער און געזעלשאַפטלעכער עטיק. שלימותדיקע אויפפירונג אין דער עפנטלעכקייט איז מחייב צו שלימותדיקער אויפפירונג אין פּריוואַטן לעבן. ווי די עטיק פונעם קאַמף פאַר סאָציאַליזם, שיידט זי זיך אָבער ראַדיקאַל אָפּ פון די אַלע פריערדיקע עטישע שולן אין איר צוגאַנג, מעטאָדע און צילן.

אַרויסגייענדיק פונעם פאַקט, אַז „די געשיכטע פון אַלע ביז־איצט עקזיסטירנדיקע געזעלשאַפטן איז די געשיכטע פון קלאַסן־קאַמף”, באַשטייט מאַרקסיזם דערויף, אַז אין אַזאַ געזעלשאַפט, אין אַ געזעלשאַפט וואָס איז צווישן זיך צעשפּאָלטן אין אַנטקעגנגעשטעלטע קלאַסן, האָט נישט געקאָנט זיין אַזאַ מין זאַך ווי אַן איבער־קלאַסן־עטיק. אַן עטיק וואָס איז גוט פאַרן שקלאַפנהאַלטער האָט נישט געקאָנט גוט זיין פאַר זיין שקלאַף. די ווערטן פון די פאַרשידענע קלאַסן ווערן דעטערמינירט, באַשטימט דורך דער באַציאונג פון איין קלאַס צום אַנדערן קלאַס אינעם פּראָצעס פון דער פּראָדוקציע, און ווען די באַציאונגען פון איין קלאַס צום אַנדערן זענען אין דער פּראָדוקציע אַנטאַגאָניסטישע, קעגנערישע, וועלן די ווערטן זייערע נישט נאָר פאַרשידן זיין, נאָר אויך קעגנעריש.

פאַראייניקנדיק זיך אין אַלץ גרעסער צאָלן און זוכנדיק צו מאַכן אַ סוף צו זייער אונטערדריקונג, האָבן די אונטערדריקטע און עקספּלואַטירטע קלאַסן, געמוזט אַרויסברענגען העכערע מאָראַלע ווערטן. אָט אַזוי האָבן

אונדזערע נביאים, די אידעאָלאָגן פון די אונטערדריקטע און באַרויבטע מאַסן אין יידישן לאַנד, שוין מיט דריטהאַלבן טויזנט יאָר צוריק, פאָרמולירט אויסגעצייכנטע מאָראַלע אידעאַלן, בעת זיי האָבן מיט גרויס קוראַזש געקעמפט פאַר די אינטערעסן פון די פאָלקסמאַסן אַנטקעגן דער פאַרגרעסערונג פון דער קלאַסן־צעטיילונג, אַנטקעגן די פריווילעגירטע שיכטן און אַנטקעגן פאַרדאָרבנקייט אין די הויכע פענצטער. פונקט אָט אַזוי זענען די אונטערדריקטע, געטרעטענע מאַסן אין דער ווייט און ברייט־צעוואָרפענער רוימישער אימפעריע, געווען די יעניקע וואָס האָבן געשאַפן דעם אידעאַל וועגן „ברודערשאַפט פון מענטשן". אָבער נישט ביזן אויפשטייג פונעם מאָדערנעם אינדוסטריעלן אַרבעטער־קלאַס האָבן די עקספּלואַטירטע און באַליידיקטע געקאָנט קלאָר פאַרשטיין אָט די עטישע ווערטן און זיי וויסנשאַפטלעך פאָרמולירן. ערשט איצט האָבן זיי אויך געקאָנט פאָרמולירן אַ פּראָגראַם דורך וועלכער די דאָזיקע ווערטן זאָלן קאָנען דערגרייכט ווערן.

אָט אַזוי האָבן די אידעאָלאָגן פונעם אינדוסטריעלן אַרבעטער־קלאַס אַרויסגעפירט די ערשטע וויסנשאַפטלעך־מאַטעריאַליסטישע עטיק אין דער געשיכטע. דערמיט האָט מען נישט נאָר באַקומען אַן עטיק פאַר זיך אַליין, נאָר פאַר דער גאַנצער פּראָגרעסיווער מענטשהייט — פאַר אַלע אונטערגעדריקטע, פאַר די קאָלאָניאַלע פעלקער, אָדער פעלקער־גרופן אומעטום אין אַלע לענדער און קאָנטינענטן. דאָס איז אויך אַן עטיק, וואָס האַרמאָנירט מיט די אינטערעסן פון וויסנשאַפטסלייט און קינסטלער, אָנבאַטנדיק זיי אַ רייך, שעפעריש לעבן אינעם דינסט פונעם גאַנצן פאָלק, נישט נאָר פון אַ קליינער פריווילעגירטער גרופּע. פּאָליטיקער און אידעאָלאָגן פון די רייכע קאַפּיטאַליסטישע לענדער קאָנען גאָר נישט פאַרשטיין פאַרוואָס הונדערטער מיליאָנען מענטשן לאָזן זיך פירן פון מאַרקסיסטן און נישט פון זיי. בלויז קלאַסן־בלינדקייט דערלאָזט זיי נישט צו פאַרשטיין פאַרוואָס די אידעאַלן וועגן ברויט, שלום, דעמאָקראַטיע, קולטור און סאָציאַליזם מיינט פאַר אַרבעטער, פאַרמערס און וויסנשאַפטלעכע אַרבעטער מערער ווי די אידעען וועגן „פרייער אונטערנעמונג", „פּריוואַט־אייגנטום" אָדער די „סואווערעניטעט פונעם יחיד".

אין זיין טעאָריע וועגן עטישע ווערטן, ווי אין אַלע אַנדערע פעלדער, פאַראייניקט דער מאַרקסיזם פּאַרטייאישקייט מיט אָביעקטיווקייט. מאַרקסיזם לערנט ווייטער, אַז אַלץ דאָס וואָס פאַרבעסערט די לעבנס־באַדינגונגען, פאַרגרעסערט די מאַכט, דעם קלאַסן־באַוואוסטזיין פונעם אַרבעטער־קלאַס, איז גוט; אַז אַלץ דאָס וואָס פאַרגיכערט דעם וועג צום סאָציאַליזם איז גוט. אַפירמירנדיק אָבער און באַשטייענדיק אויף דער דאָזיקער פאַרטייאישקייט פאַרן אַרבעטער־קלאַס, האָט די מאַרקסיסטישע עטיק געהאַלטן אין אויג די צוקונפט פון דער גאַנצער מענטשהייט.

מאַרקסיזם שטייט מיטן אַרבעטער־קלאַס, נישט דערפאַר ווייל ער האָט

רחמנות, מיטלייד מיטן אונטערגעדריקטן און ליידנדיקן קלאַס, ווי ס'איז געווען דער פאַל ביי די סאָציאַליסטן־אוטאָפּיסטן, נאָר מחמת דעם וואָס ער, דער מאַרקסיזם, דריקט אויס דעם געדאַנקען־גאַנג און די טעאָריע פון דעם דאָזיקן קלאַס. דאָס זענען געווען די קלאַסן־באַוואוסטזיניקע אַרבעטער אַליין, באַוואָפנט מיט דער מאַרקסיסטישער טעאָריע, וועלכע האָבן אָנער־קענט די איינהייט פון זייערע צילן מיט די צילן פון דער גאַנצער פּראָגרע־סיווער מענטשהייט. דאָס האָט זיי זייער מאַרקסיסטישע טעאָריע געמאַכט מסוגל איינצוזען, אַז דער קאַמף פאַר דער באַפרייאונג פון אַ ל ע מענטשן פון אונטערדריקונג און עקספּלואַטאַציע, איז אויך זייער קאַמף — כדי אויפצוהייבן די געזעלשאַפט אויף אַ העכערן שטאַפּל און פּטור ווערן פון דער עקספּלואַטאַציע פון אַרבעט.

פּונקט אַט אַזוי האָבן זיי געלערנט, אַז נאָר דורך דער העכסט־מעגלעכער סאָלידאַריטעט אין די קאַמפן פון זייערע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, יו־ניאָנס און דורך זייער אַקטיווער באַטייליקונג אין פּאָליטישן לעבן, קאָנען זיי דערגרייכן און אָנהאַלטן בעסערע אַרבעטס־באַדינגונגען און אַ מער־מענטשלעך לעבן. און פּונקט אַזוי האָבן זיי אויך געלערנט די נייטיקייט אַריינצונעמען אין זייערע פאָדערונגען אויך די נויטן פון די פרויען, און צו באַטראַכטן די אינטערעסן פון די קאָלאָניאַלע פעלקער ווי זייערע אייגענע אינטערעסן. אַט אַזוי ברייטערן זיך זייערע קלאַסן־אינטערעסן אויס אַלץ מערער און מערער, ביז זיי ווערן די טרעגער פון די העכסטע און ברייטסטע אינטערעסן פונעם לאַנד און ס'וואַקסט ביי זיי אַלץ מערער דער באַוואוסט־זיין, אַז פאַר זייער אייגענעם וואוילזיין איז שלום נייטיק פאַר דער גאַנ־צער וועלט.

איז דערפון גרינג איינצוזען, אַז מאַרקסיזם ווי דער לעבנס־באַנעם פונעם אַרבעטער־קלאַס, איז מסוגל צונויפצופאָרן די פּאַרטייאישקייט פון אַ קלאַס מיט די ברייטסטע מענטשלעכע אידעאַלן. און פּונקט אַזוי אויך איז פאַר דער פּאָזיציע פונעם אַרבעטער־קלאַס אַ נייטיקייט דורך וויסנשאַפטלעכער פאָרשונג נאָכצוזוכן דעם אמת וועגן אַלע דערשיינונגען אין דער נאַטור ווי אין דער געזעלשאַפט. אַט אַזוי נאָך שטעלן צונויף פּאַרטייאישקייט און אָביעקטיווקייט אַ דיאַלעקטישע איינהייט פאַרן אַרבעטער־קלאַס, פּונקט ווי די מכלומרשט אומפּאַרטייאישע מאָראַלע אָביעקטיווקייט העלפט דער קאַ־פּיטאַליסטישער געזעלשאַפט אויפצוהאַלטן דעם סטאַטוס־קוואָ און איז שוין גאָר פּאַרטייאיש לגבי דעם עקזיסטירנדיקן הערשנדיקן קלאַס.

### .4

איינע פון די באַליבטסטע אַרגומענטן פון דער בורזשואַזער וועלט קעגן מאַרקסיזם איז, אַז ער לערנט, דאָס „דער ציל באַרעכטיקט די מיטלען”.

איז עס דען אָבער נישט אַ פאַקט, אַז אָט די פראַגע ווערט אין מייניסטע פאַלן געשטעלט מיט אַ בייזוויליקן הינטערגעדאַנק, אַזוי אַז ס'איז, אייגנטלעך, נישט אַזוי פיל די אומאיינשטימיקייט מיט די מיטלען וועלכע זענען באַנוצט געוואָרן, ווי מיט די צילן וועלכע מ'האָט געזוכט צו דערגרייכן. אויך אין פריערדיקע היסטאָרישע עפּאָכעס, אויב מ'האָט זעלטן גענוצט דעם אויסדרוק, „מיטלען און צילן", איז עס פונדעסטוועגן געווען דער באַליבטסטער אַרגומענט ביי יענע וואָס זענען געזעסן אין זאָטל, אַנטקעגן די וואָס האָבן געזוכט אַ פונדאַמענטאַלע ענדערונג. די דאָזיקע טענות זענען געקומען מיט אַ שלעכטער כוונה דורך יענע וואָס שטעלן זיך אַנטקעגן יעדער פאָרגעשריטענער באַוועגונג פונעם פאָלק פאַר אַ בעסער לעבן, און וועלכע האַלטן פעסט אין זייערע הענט אַלע הויפּט־אינסטרומענטן פון מאַכט, איבער דער געזעלשאַפט.

פון דער צווייטער זייט איז עס אומפאַרמיידלעך פאַר יעדן געזעלשאַפטלעכן קלאַס וואָס גייט באַרג אַראָפּ, מחמת דעם וואָס ער האָט איבערגעלעבט זיין ניצלעכקייט, שוין גאָר נישט צו באַקירן מיט קיין שום מיטלען פאַר זיין ציל. פינצטערע רעאַקציע, אונטערדריקונג און פייניקונג, די צעשמעטערונג פון אַלע מענטשלעכע ווערטן זענען אַלע מאָל די מיטלען דורך וועלכע אַ פוילנדיקער הערשנדיקער קלאַס, וואָס קאָן מער נישט אָנהאַלטן זיין ממשלה דורך אַלטע עטאַבלירטע מעטאָדן, זוכט צו פאַרהיטן דעם אויפשטייג פון אַ נייער אָרדענונג. די אינקוויזיציע אין שפּאַניע און אין אַנדערע קאַטוילישע לענדער, בעת דער ירידה פונעם פעאָדאַליזם און דער פאַשיזם־נאַציזם אין אונדזערע אייגענע טעג, זענען גרויליקע און בלוטיקע עדות אויף דעם וואָס ס'געשעט ווען די הערשאַפט פון אַ קלאַס האָט נישט מער די מינדסטע היסטאָרישע באַרעכטיקונג. אויב דער געווינטשטער ציל האָט שוין איבערגעלעבט זיין צייט און איז קעגן דעם שכל הישר, וועלן די מיטלען דורך וועלכע מ'זוכט צו דערגרייכן דעם ציל, פונקט אַזוי אויך זיין בלינד און פאַרדאָרבן.

ס'איז נאָך קיינער קיין מאָל נישט באַשטאַנען דערויף, אַז אַ וואָסער עס איז ציל באַרעכטיקט אַלע מיטלען. אַזוי אַוועקצושטעלן די פראַגע איז אַבסאָלוט אַן אומזין. יעדער הערשנדיקער קלאַס ביז היינט האָט תמיד געהאַלטן, אַז די מיטלען דורך וועלכע ער זוכט אויפצוהאַלטן זיין ממשלה זענען גוט, בעת ער האָט פונקט אַזוי געהאַלטן פאַר שלעכט און אוממאָראַליש יענע אַלע מיטלען דורך וועלכע זיין הערשפט קאָן אָפּגעשאַפט ווערן. די מעטאָדן און מעשים פונעם פאַשיזם־נאַציזם רייסן פשוט אויף די אויגן אויף דעם, ווי ווייט אַ הערשנדיקער קלאַס קאָן גיין כדי צו האַלטן זיך ביי דער מאַכט. ז י י ע ר ציל באַרעכטיקט אין זייערע פינצטערע מוחות אַבסאָלוט אַלע מיטלען, בעת זיי באַשולדיקן מיט פרומער אויגן־גלאָצעניש דעם סאָציאַליסטישן סעקטאָר אין דער וועלט אין דעם וואָס זיי אַליין פראַקטיצירן.

ביים מאַרקסיזם ווי אַ וויסנשאַפט פון געשיכטע און געזעלשאַפט איז נישטאָ אַזאַ זאַך ווי אַבסטראַקטע פונאַנדערטיילונג צווישן מיטלען און צילן. די צילן, וואָס יעדער באַזונדערער קלאַס אין דער געזעלשאַפט זוכט, ווערן דעטערמינירט, באַשטימט דורך דער פאָרם פון דער געזעלשאַפט אין וועלכער זיי לעבן. דער עיקר דורך די עקזיסטירנדיקע עקאָנאָמישע באַציאונגען צווישן קלאַס און קלאַס און דורך דער נאַטור פון דער מלוכה־מאַכט. אָט די אייגענע סיבות דעטערמינירן פונקט אַזוי אויך די מיטלען, וואָס פאָדערן זיך כדי צו קאָנען רעאַליזירן די צילן פון אָט די קלאַסן.ביידע, סיי די צילן און סיי די מיטלען, זענען, בכן, בלויז צוויי אַספעקטן פון איינער און דער זעלבער סאָציאַלער באַוועגונג, פונאַנדערגעטיילט אין געדאַנק בלויז, אָבער קיין מאָל נישט פונאַנדערגעטיילט אין דער ווירקלעכקייט. דער זעלבער היסטאָרישער פּראָצעס, וואָס שטויסט אַרבעטס־לייט צו קעמפן פאַר סאָציאַליזם, פאַרן ציל פון שלום און שפע פאַר דער גאַנצער מענטשהייט, פאָדערט אַז אָט דאָס זאָל אין פאַרלויף פונעם קאַמף, געטון ווערן דורכן געווינען אויף זייער זייט די מערהייט פון די באַפעלקערונגען אין זייערע באַזונדערע לענדער און עווענטועל פון דער גאַנצער וועלט. אָט דער פאַקט, שוין פאַר זיך אַליין, לייגט אַרויף אויף מאַרקסיסטן, ווי די פירערס פונעם אַרבעטער־קלאַס, אַזוינע מאָראַלע פאָדערונגען צו שוינען די אינטערעסן, באַדערפענישן און געפילן פון די גאָר גרויסע מאַסן מענטשן, ווי ס׳האָט זיך נאָך קיין מאָל נישט געפאָדערט ביי אַ פריערדיקן רעוואָלוציאָנערן קלאַס.

איז אָבער דער דאָזיקער היסטאָרישער פאַקט, לײדער, אין זיך אַליין נאָך קיין גאַראַנטיע נישט קעגן דעם, אַז טעותן זאָלן נישט געמאַכט ווערן, שווערע טעותן, אָדער מ׳זאָל אַפילו עובר זיין און פאַרשוועכן יענע מאָראַלע פּרינציפּן און סטאַנדאַרטן פון גערעכטיקייט, וועלכע אַ סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט זוכט אַרויסצופירן. און ס׳איז קיין שום ספק נישט, אַז אין אָט דעם פעלד, און נישט אין דער ספערע פון טעכנאָלאָגיע און עקאָנאָמיע, וועט סאָציאַליזם געמשפט ווערן צי ער איז אַ דערפאָלג אָדער אַ דורכפאַל. און ס׳איז שוין לאַנג צייט געווען, אַז מאַרקסיסטן אומעטום אין דער וועלט זאָלן אָפן און מיט קוראַזש קאָנפראָנטירן, קוקן אין פּנים אַריין דער דאָזיקער פּראָבלעם, גאָר נישט פאַרדעקן, נישט געקוקט אויף דער פאַרלעגנהייט צו וועלכער דאָס פירט און ווי דערווידער דאָס זאָל נישט זיין. וואָרום מ׳קאָן היינט מער נישט זאָגן, אַז סאָציאַליזם קאָן נישט באַגיין קיין פאַרברעכן, אָדער אַז פאַרברעכנס זענען נישט באַגאַנגען געוואָרן, אַפילו אין נאָמען פון סאָציאַליזם — פאַרברעכנס קעגן סאַמע תוך פונעם מאַרקסיזם.

קאָן מען דערויף ענטפערן, אַז אַזוינע איבערטרעטונגען און פאַרשוועכונגען פון פונדאַמענטאַלע מאָראַלע אידעאַלן *זענען נישט איינגעבוירן אינעם סאָציאַליזם*, נאָר קומען אויף אינעם איבערגאַנג־פעריאָד דורך די באַזונדערע באַדינגונגען פון אָרט, צייט, אינדיווי־

דועלע פירער, היסטאָרישער טראַדיציע, שווערער ירושה פון די פריערדיקע צעשפּאָלטענע, אַנטאַגאָניסטישע סיסטעמען און דאָס גלייכן; אַז זיי קומען כמעט אין גאַנצן פאַר בעת דער אָנשטרענגונג צו פרעזערווירן די נייע סאָציאַלע אָרדענונג אַנטקעגן אומאויפהערלעכע און עקשנותדיקע אָנשטרענגונגען צו צעשטערן די אָרדענונג, סיי דורך דירעקטער אָפענער אַגרעסיע פון אויסערלעכע שונאים, ווי אויך דורכן גראָבן אינעווייניק מיט אַלע מעגלעכע מיטלען.

קאָן מען אַפילו אין אָט אַזוינע פאַלן נישט מסכים זיין, ווען די מיטלען זענען אַזעלכע וואָס זענען עובר אויף דער סאָציאַליסטישער מאָראַל — מ׳קאָן עס אָבער נאָך ווי עס איז פאַרשטיין. ס׳איז אָבער אַבסאָלוט אוממעגלעך צו באַנעמען דאָס מוראדיקע פאַרברעכן קעגן דער יידישער ליטעראַטור און אירע בעסטע שאַפערס. מ׳דאַרף נישט פאַרגעסן, אַז ערשט אונטער דער נייער סאָציאַליסטישער אָרדענונג אינעם סאָוועטן־פאַרבאַנד און אַ דאַנק איר ברייטער מיטהילף און דערמוטיקונג, האָט דאָס יידישע קולטור־לעבן באַקומען די מעגלעכקייט, ווי נאָך קיין מאָל נישט פריער, אַזוי פרעכטיק זיך פונאַנדערצובליען. איז דאָך דאָס דער ערשטער און איינציקער פאַל אין אונדזער געשיכטע, וואו מ׳האָט אינעם גרונט־געזעץ פון אַ לאַנד, אין דער קאָנסטיטוציע אַריינגעשריבן שוואַרץ אויף ווייס, אַז אַנטיסעמיטיזם איז אַ קרימינעל פאַרברעכן קעגן דער מלוכה, פאַר וועלכן מ׳וועט שטרענג באַשטראָפט ווערן. און אָט דאָס אינעם קלאַסישן לאַנד פון אַנטיסעמיטיזם, יידישער רעכטלאָזיקייט און בלוטיקע פאָגראָמען. און ס׳האָט דאָך גאָר אַנדערש נישט געקאָנט זיין, כל־זמן מ׳האָט זיך שטרענג געהאַלטן ביי דעם לענינשן צוגאַנג אין דער לייזונג פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע, סיי בנוגע דעם יידישן פאָלק, אַזוי גוט ווי בנוגע אַלע אַנדערע פעלקערשאַפטן. ס׳האָט אויך דאָ בשום אופן נישט געקאָנט זיין קיין מינדסטער אָנדייט וועגן קאַמף קעגן שונאים פון דער סאָציאַליסטישער אָרדענונג. וואָס־זשע דאָך פאַר אַ צילן האָט דאָס געקאָנט דינען? ווי אַזוי האָט עס גאָר געקאָנט קומען צו אָט דער טראַגעדיע? דאָס ווידער, וואָס שרייבער, קולטור־טוער פון אַנדערע פעלקערשאַפטן, ווי אויך דאָס וואָס אַלטע, פאַרדינסטפולע קאָמוניסטישע פירער, הויכע מיליטער־לייט האָבן אויך געטיילט דעם זעלבן טרויעריקן גורל, זענען אויך אויף פאַרשידענע אופנים געפאַלן קרבנות דורך ענלעכע פאַרברעכנס — איז נישט דאָס קאָן פאַר אונדז זיין אַ טרייסט און אוודאי נישט קיין פאַרענטפערונג! אַזוינע אומגערעכטיקייטן און איבערטרעטונגען איבער פונדאַמענטאַלע מאָראַלע אידעאַלן, איז ווען אַפילו זיי קומען אויף אין פאַרבינדונג מיטן קאַמף אַקעגן שונאים — זענען זיי אַפילו אין אַזאַ פאַל פיינדלעך דער זאַך פון סאָציאַליזם און שטעלן אין געפאַר זיין דערפאָלג און זיין סאַמע עקזיסטענץ.

די פראַזע „קולט פון דער פערזענלעכקייט” איז, דאַכט מיר, נישט גע־

נוגנדיק, און צו איבערפּלעכלעך ווי אַ דערקלערונג פאַר די אַלע טרויעריקע מעשׂים. גיכער דאַרף אָנגענומען ווערן, אַז די ביוראָקראַטישע פאַרקרימונג און פאַרקריפּלונג פונעם סאָציאַליזם, וועלכע איז געווען די פינצטערע זייט פון דער סטאַלין־עפּאָכע, האָט פּשוט אויסגעטריקנט דעם הומאַניזם פון דער סאָציאַליסטישער פּראַקטיק. איז דער ערשטער קרבן געווען נישט קיין אַנ־דערער, ווי נאָר דער מאַרקסיזם אַליין, ווי ער האָט עס געמוזט ווערן אין אַ סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט, וועלכע נעמט אָן אין אַ וואָסער עס איז ערנסטער לאַגע אַ פאַלשע ווענדונג.

איז אוודאי צו באַגריסן דעם קוראַזש וואָס מ׳האָט אַרויסגעוויזן ביים אויפדעקן אַליין און צוגעבן פאַר דער וועלט, אַז דער סטאַליניזם איז אַוועק אויף אַ געפערלעכן וועג, אַז פאַרברעכנס, שווערע פאַרברעכנס זענען באַגאַנ־גען געוואָרן, ס׳איז אָבער צו באַדויערן די פאַמעלעכדיקייט ביים צוריק גוט מאַכן די עוולות, ביים צוריקברענגען די לאַגע צום פריערדיקן מצב.

נאָך דעם ווי מיר האָבן צוגעזען דאָס ערגסטע, בלייבט איצט אַנטוועדער זיך אָפּזאָגן פונעם סאָציאַליזם, ווי דער איינציקער אויסוועג אין דער היינטיקער ביז־השמשותדיקער צייט אַרויסצושלעפּן די וועלט פונעם קלעם, וואוהין ס׳האָט זי אַריינגעצוואונגען דער באַנקראָטירטער קאַפּיטאַליזם, אָדער זוכן צו פאַרשטיין — „נישט וויינען, נישט לאַכן, נאָר פאַרשטיין“ — (שפּינאָזע).

ס׳וועט בפירוש אַ טעות זיין צו דערוואַרטן, אַז סאָציאַליזם זאָל „איבער־נאַכט“ ליקווידירן די עטלעכע טויזנט יאָר אַלטע שווערע ירושה פון יענע אַלע ביז־היינט אַנטאַגאָניסטישע, צעשפּאָלטענע קלאַסן־געזעלשאַפטן און גלייך אַרויסברענגען דעם נייעם סאָציאַליסטישן מענטש. ס׳איז לײַדער אַ לאַנגער וועג צו גיין. די פאָדערונג פאַר אַזאַ מין גיכן איבערבייט פונעם מענטש, פון זיין נאַטור, פאַר דער באַלדיקער רעאַליזירונג פון דעם וואָס קאָן נאָר פאַמעלעך זיך אַנטוויקלען אויפן פונדאַמענט פון דער גוואַלדיקער טראַנספאָרמירונג פון די נייע אינסטיטוציעס אין דער געזעלשאַפט — צו שטעלן אָט די פאָדערונג ווי אַ באַדינג פאַר דער באַטייליקונג אינעם גע־ראַנגל פאַר אַ בעסערער געזעלשאַפט, איז פּונקט אַזוי גוט ווי אין גאַנצן צו דעזערטירן דעם דאָזיקן קאַמף.

קאָן ווער לייקענען, אַז מאַרקסיזם מיט זיין קאַמף פאַר סאָציאַליזם און פאַר דער איינהייט פון זיין טעאָריע און פּראַקטיק, איז אין תוך גענומען אַן אופן פון דענקען, אַ פילאָזאָפיע, וואָס ווייזט דעם וועג צו אַ וועלט־געזעלשאַפט פון ברידערלעכקייט און שלום און שפע פאַר אַלע מענטשן און פעלקער? איז ער דערפאַר טאַקע דער אינסטרומענט מעגלעך צו מאַכן אַזאַ וועלט, זי אַרויסצוברענגען. ביי יעדן טריט אָבער וואָס ער מאַכט, כדי אַזאַ געזעלשאַפט צו דערגרייכן, מוז ער זיך ראַנגלען נישט צו ווערן פאַרשלונגען, פאַרדרייט, רואינירט דורך אַ וועלט פון צע־

שפּאַלטענע מענטשן, האַלבע מענטשן, אַ פּראָדוקט פון די פריערדיקע קלאַסן געזעלשאַפטן. און דאָס זענען עס דאָך די מענטשן, נישטאָ קיין אַנדערע, וועלכע דער מאַרקסיזם שטרעבט זיך אָן צו טראַנספאָרמירן, צו איבער־אַנדערשן.

ס'דאַרף אויך נישט אונטערגעשאַצט ווערן דער שרעקלעכער קלעם פון דער מורא, צעטומלטקייט, צעשפּאָלטנקייט פון דער גאַנצער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט, דעם פּאָראורטייל און דאָס גלייכן, וועלכע שלעפּן זיך נאָך ווי אַן אומפאַרמיידלעכע נאָכווייעניש פון דער פאַרגאַנגענהייט. מאַרק־סיסטן דאַרפן באַנעמען אַזוי גרינדלעך ווי נאָר מעגלעך, וואָס ס'איז פאָר־געקומען אינעם צעדרויבלטן מענטש אין דער קלאַסן־צעטיילטער געזעל־שאַפט, בפּרט אין דער עפּאָכע פון מאַסן־פּראָדוקציע, אַרבעטס־צעטיילונג, אויפן העכסטן שטאַפּל פון קאַפּיטאַליסטישער עקספּאַנסיע. נאָר אַזוי נאָך וועלן זיי אויך קאָנען באַנעמען וואָס ס'איז אַלץ אַריינגעשלעפּט געוואָרן צום סאָציאַליזם פון די פריערדיקע צעשפּאָלטענע געזעלשאַפטן, וועלכע צע־קרימען און צעקריפּלען דעם סאָציאַליסטישן פּראָצעס.

די אַלטע עטיק איז טויט־קראַנק, פּונקט אַזוי ווי די וועלט, וואָס האָט די דאָזיקע עטיק אַרויסגעבראַכט. אַ נייע עטיק איז נייטיק. אַ נייע מאָראַל, וואָס זאָל אין גאַנצן פריי זיין פון דער פאַרדאָרבנקייט פון אַן עקאָנאָמישן קלאַס, וואָס האַלט זיך אויף דער עקספּלואַטאַציע פון מענטש דורך מענטש און פון אַ געזעלשאַפט וואָס ווייסט נאָר איין זאַך — אומרחמנותדיק צו זשעברעווען, און וועלכע קאָן קיין מאָל נישט זעטיקן איר אַפּעטיט.

קאָן דען ווער לייקענען, אַז די מאַרקסיסטישע עטיק אָטעמט מיט האַס און צאָרן קעגן אומזיסטע צרות און ליידן, און איז פול מיט מיטגעפיל צו די אונטערדריקטע, עקספּלואַטירטע און פאַרשעמטע, און אַז זי פאַרמאָגט אַ ליטערן בטחון אין די דערגרייכונגען פון אַ קלאַסנלאָזער געזעלשאַפט?

דאַרף דאָ צום סוף נאָך אַמאָל באַטאָנט ווערן, אַז סאָציאַליזם און איבער־טרעטונגען איבער עטישע אידעאַלן קאָנען בשום אופן נישט הויזן ביינאַנד, איינס שליסט אויס דאָס אַנדערע און שטעלט פּשוט אין געפאַר זיין קיום. אַזוי ווי קיין שום סאָציאַלער סיסטעם איז נישט גרייט אַליין צו באַגיין זעלבסטמאָרד, און סאָציאַליזם אוודאי נישט, איז דער שכל מחייב, אַז די אַלע פאַרקרימונגען פון סאָציאַליסטישער גערעכטיקייט וועלן עווענטועל מוזן אויסגעגלייכט און גוט געמאַכט ווערן. אָט דאָס, בכן, איז די בעסטע גאַראַנטיע וואָס די מענטשהייט קאָן האָבן פאַר דער באַשיצונג און אויס־ברייטערונג פון אירע מאָראַלע אידעאַלן.

.5

צוריקגייענדיק צו דער פריערדיקער פראַגע וועגן דער שייכות צווישן צילן און מיטלען — איז די אמתע פראַגע אייגנטלעך נישט צי מאַרקסיסטן

גלייבן אַז די צילן באַרעכטיקן די מיטלען. גיכער ווי אַלץ איז די פראַגע אַט די: איז עס ריכטיק אָדער נישט, אַז דער אַרבעטער־קלאַס קאָן געווינען זיין קאַמף פאַר אַ בעסער לעבן, פאַר עקאָנאָמישער זיכערקייט, פאַר שלום און גליקלעכקייט בלויז און נאָר דורך דער דערגרייכונג פון סאָציאַליזם? און צי וועט סאָציאַליזם וועוענטועל ברענגען די באַפרייאונג פון דער מענטשהייט פון יעטווידער עקספּלואַטאַציע פון מענטש דורך מענטש, פון דער אונטערדריקונג פון איין פאָלק דורך אַן אַנדער פאָלק, און אויפהייבן די געזעלשאַפט אויף אַ העכערן שטאַפּל? אויב, נאַטירלעך, אַ העכערער שטאַפּל זאָל אויף אַן אָביעקטיוו־ממשותדיקן אופן פאַרשטאַנען ווערן אינעם זין פון אַלץ־בעסערע לעבנס־באַדינגונגען, אַ כסדרדיקע אויסברייטערונג און פאַרבעסערונג פונעם מאַטעריעלן און קולטורעלן וואוילזיין פאַר אַ ל ע מענטשן אויף דער וועלט — טרעטן מיר דעמאָלט אַרויס פונם פעלד פון עטיק און טרעטן אַריין אין דער ספערע פון קאָנקרעט־עקאָנאָמישן און פּאָליטישן אַנאַליז.

זאָל דאָ קאָנסטאַטירט ווערן, אַז אין זיין אַנאַליז פון די דאָזיקע צוויי סיסטעמען — קאַפּיטאַליזם און סאָציאַליזם — און פאַרגלייכנדיק איינעם מיטן אַנדערן, געפינט מאַרקסיזם די פולע באַרעכטיקונג צו באַשטיין דער־רויף, אַז סאָציאַליזם איז מאָראַליש העכער פון קאַפּיטאַליזם.

מאַרקסיסטן גלייבן, אַז אין יעדן סאָרט געזעלשאַפט הערשן אירע באַזונ־דערע געזעצן, דורך וועלכע זי ווערט אָנגעפירט. קאַפּיטאַליזם, ווי באַ־וואוסט, עקזיסטירט דורך דעם וואָס ער זוכט פּראָפיטן, מאַכנדיק דערביי אַ גאַנץ קנאַפּן וועזן פון מאָראַל, יושר, גוטהאַרציקייט. און דער היינטיקער מאָנאָפּאָל־קאַפּיטאַליזם פאָדערט, אַז זיינע גרויסע מאָנאָפּאָל־קאָרפּאָראַציעס זאָלן אַריינקריגן די העכסט־מעגלעכע פּראָפיטן. אַט דאָס ווידער פאָדערט אומזיכערקייט און אָרעמקייט פאַר ברייטע מאַסן פון פאָלק, דאָס אויס־פּלינדערן די „צוריקגעשטאַנענע” לענדער, און אַז אומאויפהערלעך טרייבן צו מלחמה. דער דאָזיקער כסדרדיקער און אומאויפהערלעכער געיעג נאָך גרויסע און אַלץ גרעסערע פּראָפיטן מוז נויטווענדיק דעטערמינירן די פּאָ־ליטיק פון די גיגאַנטישע קאָרפּאָראַציעס, און אין דער אייגענער צייט די פּאָליטיק פון דער רעגירונג, וועלכע זיי דאָמינירן אומפּאַרמיידלעך. קאָן דען דאָס אונטער אַזוינע עקאָנאָמישע באַציאונגען אַנדערש זיין?

וועט דערביי דאָ, אגב, כדאי זיין אָנצואווייזן, אַז אַפילו זיי אַליין, ד"ה, די בורזשואַזיע וואָס קריגט אַריין אַלע בענעפיטן פונעם עקזיסטירנדיקן סאָ־ציאַלן סיסטעם, פילט זיך היינט שוין גאָר נישט אַזוי האַפּערדיק אונטער זייער אייגענער ממשלה. אַ ראיה דערויף איז דער צוזאַמענברוך פון דער בורזשואַזער בילדונג, דער כוליגאַניזם און פאַרברעכערישקייט צווישן יוגנטלעכע, די געשמאַקלאָזע, סטערילע פּאַרווילונגען זייערע. מ'קאָן צו דעם אויך צורעכענען דעם צוזאַמענברוך אַפילו פון די בורזשואַזע מאָראַלע

סטאַנדאַרטן, דורך דעם וואָס אַלע מוזן היינט צוגעבן די אויסגעליידיקט־קייט פון אַזוינע פונדאַמענטאַל־בורזשואַזע פּרינציפּן, ווי פרייע קאָנקורענץ, פרייער האַנדל און גלייכע געלעגנהייטן.

פון דער אַנדערער זייט — איז פונקט ווי קאַפּיטאַליזם פאָדערט פאַר זיין סאַמע עקזיסטענץ, פאַר זיין קיום און המשך עקספּלואַטאַציע און מלחמה־צוגרייטונגען, אַט פונקט אַזוי האָט אויך סאָציאַליזם זיינע פאָדערונגען, אַן וועלכע ער וואָלט געווען פאַרמשפּט צו דורכפאַל און צו אַפּגעווישט ווערן. סאָציאַליזם מוז באַפרידיקן די בסדר־וואַקסנדיקע מאַטעריעלע און קולטור־רעלע באַדערפעניש פונעם גאַנצן פאָלק. אַט דאָס קאָן נאָר געטון ווערן דורך אַן אומאויפהערלעכער אויסברייטערונג פון דער פּראָדוקציע. אויב נישט וועט סאָציאַליזם זיכער פאַרשפּילן אין דער קאָנקורענץ צווישן די צוויי וועלטן.

אויף איין זייט די העכסט־מעגלעכע פּראָפיטן ; אויף דער אַנדערער זייט אַ בסדר־וואַקסנדיקער לעבנס סטאַנדאַרט. איין סיסטעם נייטיקט זיך אין שלום, פונקט ווי דער מענטש דאַרף לופט צום אָטעמען, און ציטערט פאַר מלחמה ווי פאַר אַ מוראדיק אומגליק, ווי פאַר אַ קאַטאַסטראָפע פון וועל־כער מ׳קאָן זיך נישט אויסבאַהאַלטן. פון דער צווייטער זייט מוז דער געיעג נאָך אַלץ גרעסערע און גרעסערע פּראָפיטן ברענגען די מאַסן בלויז אומזיכערקייט, מאַטעריעלע און קולטורעלע פאַראָרעמטקייט און פירט צו פאַרוויסטנדיקע מלחמות. דער פונדאַמענטאַל עקאָנאָמישער געזעץ פון סאָ־ציאַליזם אָבער פאָדערט צו ברענגען זיי אַלץ מערער פון די גוטע זאַכן אין לעבן — צו בויען אַ נייע וועלט פון גלייכהייט און ברידערלעכקייט.

מאַרקסיזם גלייבט דעריבער, אַז מיט אַט דעם אַנאַליז זיינעם וועגן די צוויי אַנטקעגנגעשטעלטע סאָציאַלע סיסטעמען אין אונדזער צייט, האָט ער דערוויזן, אַז מ׳קאָן נישט אָפּטיילן איינס פון דאָס אַנדערע סאָציאַלע וויסנ־שאַפט פון עטישע ווערטן. דאָס ווידער וואָס אַט די פאָרמולירונגען באַציען זיך מיינסטנטיילס דירעקט און אוממיטלבאַר אויף דעם אַלעם וואָס די מענטשהייט, בכלל גענומען, באַטראַכט פאַר גוט און שלעכט, מיינט נישט, אַז די דאָזיקע פאָרמולירונגען זענען דעריבער ווינציקער וויסנשאַפטלעך.

מיט אַט דער קאָנצעפּציע זיינער האָט דער מאַרקסיסטישער געדאַנק דער־גרייכט זיין רעאַליזירונג און איז צוגעקומען נאָענט צו דער איינהייט פון טעאָריע און פּראַקטיק, וויסנשאַפט און עטיק, נאַטור און געשיכטע. די דאָזיקע אידעע קאָן מען געפינען ביי מאַרקסן און ענגעלסן אומעטום אין זייערע שריפטן. ווי ס׳האָבן באַנומען דאָס די שאַפערס פונעם מאַרקסיזם, איז דאָס אַן אידעאַל, וואָס איז איינגעבוירן אינעם גראַנגל פון די אונטער־דריקטע און עקספּלואַטירטע פאַר אַ בעסער לעבן. דער דאָזיקער צוגאַנג שטעלט מיט זיך פאָר אַ נייע און רעוואָלוציאָנערע פאַרשטענדעניש וועגן

אַלע מאָראַלע ווערטן, באַנעמענדיק זיי אין אַ כסדר זיך אויסברייטערנדיקער איינהייט.

די דאָזיקע מאַרקסיסטישע קאָנצעפּציע פירט אַרויס און זוכט צו טראַנספאָרמירן און אויף אַ קאָנקרעטן, ממשותדיקן אופן צו רעאַליזירן דאָס בעסטע אין די עטישע אידעאַלן פון ביידע, סיי פון די מאַטעריאַליסטן און סיי פון די אידעאַליסטן דורך די אַלע הונדערטער יאָרן. אָנשטאָט אַזאַ און אַזאַ מין עטישן מענטש, אַ בעל מידות־טובות, וואָס די אידעאַליסטן האָבן באַטראַכט ווי דאָס לעצטע וואָרט וועגן דעם וואָס ס׳איז אַזוינס אַ גוטער מענטש, אָדער אַ גוט לעבן, און אָנשטאָט פאַרגעניגן און גליקזעליקייט, אויסגעטון פון יעדן קאָנקרעטן אינהאַלט ביי די אַלטע מאַטעריאַליסטן, רוקט מאַרקסיזם אַרויס אַזאַ פרייהייט, וואָס דאַרף זיין אַלץ־אַרומכאַפּנדיק און אַ גוטס וואָס איז אומאויסשעפּלעך. אָט דער באַנעם וועגן עטיק האָט דעם ציל אַוועקצושטעלן אַלע פריערדיקע עטישע אידעאַלן אויף אַ פעסטן, ממשותדיקן באָדן.

אַלע פריערדיקע קלאַסישע מאָראַלע צילן אָדער אידעען האָבן אָנגענומען די מענטשלעכע נאַטור ווי עפּעס וואָס איז מער אָדער ווייניקער פיקסירט און פאַרענדיקט, אַז די „מענטשלעכע נאַטור קאָן זיך נישט בייטן", און אויס אָט דער אַבסטראַקטער און סטאַטישער „מענטשלעכער נאַטור" דערנאָך אַרויסגעפירט דעם אידעאַלן מענטש און דאָס אידעאַלע לעבן. דערנאָך האָבן זיי די עקזיסטירנדיקע פּראָדוציר־כוחות אין דער געזעלשאַפט און די באַציאונגען צווישן די צוויי קלאַסן — צווישן די וואָס פאַרמאָגן די מיטלען פון פּראָדוקציע פון איין זייט און יענע וואָס פאַרמאָגן גאָר נישט און זענען געצוואונגען צו פאַרקויפן זייער אַרבעטס־קראַפט, פון דער צווייטער זייט — אויך פונקט אַזוי אָנגענומען ווי פיקסירטע און פאַרענדיקטע שוין פאַר אַלע דורות און צייטן, אויף אייביק, און דערנאָך אָט די באַציאונגען צווישן די צוויי אַנטקעגנגעשטעלטע קלאַסן אַרויפגעצוואונגען ווי אַ צוואַנג־יאַקע אויף אַלע מאָראַלע אידעען. מאַרקסיזם האָט נישט אַזוינע באַגרענעצונגען. איז ער דעריבער ביכולת דרייסט אַוועקצושטעלן אַן עטישן אידעאַל, וואָס שטימט זיך צונויף מיט די שטרעבונגען פון דער גרויסער מערהייט פון דער מענטשהייט און מיט אירע כסדר זיך אַנטוויקלענדיקע אידעאַלן וועגן פרייהייט.

ניו־יאָרק, 1958.

# ווער־זשע טאַקע איז געווען דער פּאַרצייטיקער גריכישער פילאָזאָף עפּיקורוס?

**זיין אויסווירקונג אויף אונדזער געשיכטע און לעבן פאַר אַ משך פון מער ווי צוויי טויזנט יאָר.**



ע פּ י ק ו ר ו ס

1.

ווען איז דען פרעמד דער עפּיטעט, גיכער דאָס זידל־וואָרט, אַפּיקורוס, מיט וועלכן מ׳האָט באַטיטלט איטלעך איינעם, וואָס האָט אויפן מינדסטן אָפּגענייגט פון דער טראַדיציאָנעלער אמונה? פון וועמען אָבער אָט דער נאָמען האָט אָפּגעשטאַמט, און וואָס ס׳איז געווען דער אָריגינעלער באַדייט

פאַרעפנטלעכט אין „יידישע קולטור", נאָוועמבער און דעצעמבער, 1970, ניו־יאָרק.

פונעם ווארט אפיקורוס — אט דאס וועט אייך קיינער נישט אקוראט דער־קלערן.

• • •

פון אלע פארצייטיקע גרויסע פילאזאפן האט ביי אונדז, אנהייבנדיק מיט איבער צוויי טויזנט יאר צוריק, ווען די יידן זענען נאך געזעסן ביי זיך אין לאנד, ביז אונדזערע אייגענע טעג, דעם ערגסטן אפשניט ארייננעכאפט, ממש להשמיד ולהרוג, דער קאנטראווערסיאלער גריכישער פילאזאף ע פ י ־ ק ו ר ו ס. דארף דערביי דא אויך צוגעגעבן ווערן, אז קיין בעסערע מערכה האט ער אויך נישט געהאט ביי דער קריסטלעכער רעליגיע. ס'האט קיין שום אנדער פילאזאפיע און עטיק, ווי דער מענטש זאל זיך אויפפירן אין טעגלעכן לעבן, נישט ארויסגערופן אזוי פיל בייז בלוט, אזוי פיל פארדראס ווי די פון עפיקורן.

דעם נאמען אפיקורוס טרעפן מיר צום ערשטן מאל ביי יוסיפוס פלאוויוס אין זיין „קדמוניות" (יידישע אלטערטימלעכקייטן), סימן 11, ב'. אין תלמוד האט מען מיט אט דעם עפיטעט, אפיקורוס, אפיקורסים, באטיטלט יענע אלע, וואס זענען געווארן אנהענגער פון עפיקורס פילאזאפישער שיטה. באריממט איז דער זאג, אין דער משנה, „פרקי אבות", פרק ב', „ודע מה שתשיב לאפיקורוס" — און וויים וואס צו ענטפערן אן אפיקורוס. אין דער משנה, אין „סנהדרין", אינעם לעצטן פרק, „חלק", ווערט געזאגט: „ואילו שאין להם חלק לעולם הבא: האומר אין תורה מן השמים ואפי־קורוס" — און אט די האבן נישט קיין חלק אין עולם הבא: יענע וואס גלייבן נישט אז די תורה איז געגעבן געווארן פון הימל און אן אפיקורוס. באקאנט איז אויך אט דער מאמר אין דער גמרא: „ארבעה נכנסו לפרדס, בן עזאי, בן זומא, אחר ורבי עקיבא . . ." פיר זענען זיי אריינגעגאנגען אין גארטן (עפיקורס שול האט, ווי באקאנט, זיך געפונען אין א גארטן אין אטען), בן עזאי, בן זומא, אחר און רבי עקיבא. דער איינציקער צווישן די פיר תנאים, וואס איז קאליע געווארן און האט אקצעפטירט עפיקורס העלע־ניסטישע פילאזאפישע שיטה, איז געווען דער גרויסער תנא אלישע בן אבויה. ער ווערט פון דעמאלט אן נישט מער דערמאנט ביי זיין נאמען, נאר ער ווערט אנגערופן „אחר", אן אנדערער, ער איז שוין נישט מער דער זעלבער וואס געווען. באקאנט איז אויך די מעשה אין דער גמרא ווי אלישע בן אבויה, שוין אן אפיקורוס, רייט אויף זיין אייזעלע שבת, און דער תנא ר' מאיר גייט אים נאך צו פוס און לערנט ביי אים תורה. מ'וואלט געקאנט ציטירן נאך און נאך פון דער גמרא און פון אנדערע קוואלן. אבער דא וועט געגוג זיין. נאך צוויי באריממטע נעמען אין אונדזער געשיכטע, הונדערטער יארן נאך אלישע בן אבויה, וואס מ'האט זיי ארייננעלייגט אין חרם פאר אפיקורסות, זענען געווען אוריאל אקאסטא און ברוך שפינאזע.

נאך אזוי שפעט ווי אנהייב היינטיקן יארהונדערט, האט דער וויכטיקער

יידישער דראַמאַטורג אין ניו־יאָרק, יעקב גאָרדין, זיך אויך צוגעכאַפּט צו אָט דער טעמע. איינע פון זיינע בעסטע דראַמען, וואָס האָט געהאַט גרויס דערפאָלג אויף דער יידישער בינע איז געווען זיין „אלישע בן־אבויה".

אינטערעסאַנט איז אויך דאָס, וואָס אין מיטן פונעם פאַריקן יאָרהונ־דערט, האָט דער יונגער, 23־יעריקער קאַרל מאַרקס זיך אויך פאַרנומען מיט עפּיקורן. די דיסערטאַציע אויף צו קריגן זיין דאָקטאָראַט אין בערלינער אוניווערזיטעט, איז געווען וועגן עפּיקורס פילאָזאָפיע.

דאַרפן מיר אַליין נאָך גוט געדענקען אָט דאָס ערגסטע זידל־וואָרט — אפּיקורוס, אפּיקורסים אין די שטעט און שטעטלעך אין מזרח־אייראָפּע. נאָך צוויי טויזנט יאָר איז אָט דאָס זידל־וואָרט נאָך אַלץ געווען ביי אַלעמען אויף די ליפּן. וויפיל טראַגעדיעס האָבן אין יענע צייטן זיך אָפּגעשפּילט אין יידישע היימען צוליב דער אַזוי־גערופענער אפּיקורסות. מאַכט נישט אויס וואָס יענע וועלכע מ'האָט באַצייכנט ווי אפּיקורסים, האָבן אַליין שוין לגמרי גאָר נישט געוואוסט עפּעס־וואָס וועגן עפּיקורס פילאָזאָפישער שיטה, און האָבן אפילו מסתמא זיין נאָמען נישט געקענט. נישט איין גליקלעך פאַר־הייראַט פּאָרפאָלק איז אָט אַזוי נאָך פאַראומגליקט געוואָרן, היימען זענען צעבראָכן געוואָרן. עלטערן האָבן מיט געוואַלד אָפּגעגעט זייערע טעכטער, דערפאַר ווייל זייערע מענער האָבן זיך גענומען צו וועלטלעכע לימודים, גע־וואָרן, האָט דאָס געהייסן, אפּיקורסים. ס'האָבן טאַטעס קריעה געריסן, שבעה געזעסן נאָך זייערע קינדער, ווען יענע האָבן זיך געכאַפּט צו ביל־דונג. אָט די אַלע גרויליקע מעשים האָבן געפונען אַ ברייטן אָפּקלאַנג אין דער השכלה־ליטעראַטור אין ניינצנטן יאָרהונדערט. אויף צו קריגן אַ טי־פערן אַריינבליק אין יענער עפּאָכע אינעם יידישן לעבן איז פון גאָר באַ־זונדערן אינטערעס די אויטאָ־ביאָגראַפיע פון שלמה מיימאָן (1754־1800), דעם גרויסן יידישן פילאָזאָף אין אכצנטן יאָרהונדערט, אַ פּראָדוקט פונעם חדר און ישיבה אין דער ליטע (זיין אויטאָ־ביאָגראַפיע איז אַרויס אין אַ יידישער איבערזעצונג).

בקיצור, ווער־זשע טאַקע איז געווען דער דאָזיקער פּאַרצייטיקער גריכי־שער פילאָזאָף, עפּיקורוס, וועלכער האָט גורם געווען אַזאַ אויפרודערונג אין אונדזער געשיכטע און לעבן, באַלד נאָך דעם ווי ער האָט אָנגעהויבן פאַרשפּרייטן זיין לערע, ביז היינט כמעט, און וואָס שטעלט מיט זיך אייגנטלעך פאָר זיין פילאָזאָפיע, וואָס האָט אַרויסגערופן דעם צאָרן פון דער יידישער רעליגיע — און נישט נאָר פון דער יידישער בלויז? וועט דעריבער זיין אין פּלאַץ צו געבן אַ קורצע עקספּאָזיציע פון זיין פילאָזאָפיע, עטיק און פּאָליטישן אני־מאמין. אַ רייכע ליטעראַטור האָט זיך אַנגעקליבן אין משך פון אָט די אַלע יאָרן וועגן אָט דעם קאָנטראָווערסיאַלן פילאָזאָף און גרינדער פון אַן עטישער באַוועגונג. ס'איז דאָ פון וואַנעט צו שעפּן און שעפּן, און זאָל דער לייענער אַליין זען און משפּטן.

.2

איינער פון די פּאַרנעמסטע דענקער אין דער אַנטיקער וועלט, וועלכער האָט קאָנטינואירט און געפירט ווייטער די ליניע פון דער מאַטעריאַליסטי־שער פילאָזאָפיע פון דער העלעניסטישער עפּאָכע אין גריכנלאַנד — איז געווען ע פּ י ק ו ר ו ס. אָננעמענדיק אין זיין פילאָזאָפיע די גרונט־הנחות וועגן דער אַטאָמיסטישער וועלט־דערקלערונג פון לעאוקיפּן און דעמאָקריטן איז ער אָבער אין אַ סך פּונקטן אין תוך זיך פונאַנדערגעגאַנגען מיט זיינע פאַרגייער. די לערע פון די מילעטישע פילאָזאָפן וועגן דעם מאַטעריעלן יסוד פון דער וועלט, העראַקליטס דיאַלעקטיק, די פּיטאַגאָרישע לערע וועגן קוואַנטיטעט, אַריסטאָטלס סענסואַליזם, דעמאָקריטס אַטאָמיזם, די לערע פון די קירענייקער פילאָזאָפן וועגן פאַרגעניגן — אַט דאָס אַלץ זענען גע־ווען די עלעמענטן וועלכע האָבן צונויפגעשטעלט זיין סיסטעם. אַ דאָמי־נירנדיקן באַדייט האָט אָבער ביי אים געהאַט דעמאָקריטס אַטאָמישע טעאָ־ריע, וועלכע האָט אין עפּיקורס פילאָזאָפיע געפונען איר ווייטערדיקע אַנט־וויקלונג.

געבוירן געוואָרן איז עפּיקור אין יאָר 342 אָדער 341 פאַר דער היינ־טיקער צייטרעכענונג, דאָס מיינט מיט אַרום 2300 יאָר צוריק, אויפן גרי־כישן אינדזל סאַמאָס, אין דער פאַמיליע פון אַ דאָרפישן לערער. (געלעבט האָט ער 90 יאָר). צו זיין פערצנטן יאָר הייבט ער אָן זיך פאַרנעמען מיט וויסנשאַפט און פילאָזאָפיע. צו אַכצן יאָר קומט ער אָן קיין אַטען, דעם צענטער פון פילאָזאָפיע. דאָרטן פאַרבלייבט ער אַ קורצע צייט, און לעבט דערנאָך אַרום צען יאָר אין פאַרשידענע שטעט אין קליין־אַזיע. אין טעאָס באַקענט אים אָן אָנהענגער פון דעמאָקריטן מיט זיין אַטאָמישער לערע. ער נעמט אויך אין יענער צייט לעקציעס אין פּלאַטאָס פילאָזאָפיע.

ווען עפּיקור ווערט דרייסיק יאָר אַלט באַזעצט ער זיך פריער אויפן אינדזל מיטעלענע, אַ צענטער דעמאָלט פון גריכישער קולטור און לוקסוס. דערנאָך אין לאַמפּסאַק, וואו ער פאַרנעמט זיך מיט געבן לעקציעס אין פילאָזאָפיע. אין יאָר 307 קערט ער זיך אום קיין אַטען, און גרינדעט דאָרט אַן אייגענע פילאָזאָפישע שול, „די שול פאַר פריינטשאַפט און האַרמאָנישקייט", וואָס איז באַקאַנט אין דער געשיכטע אונטערן נאָמען „עפּיקורס גאָרטן". איבערן טויער פון זיין גאָרטן איז געווען אָט די אויפשריפט: „וואַנדערער, דאָ וועט דיר גוט זיין; דאָ איז דאָס העכסטע גוטס — פאַרגעניגן".

דאָ אין דער דאָזיקער שול לערנט ער מיט זיינע תלמידים און פאַרערער די קונסט פון אַ שכלדיקן, ראַציאָנעלן לעבן. ער האָט געלערנט, אַז פאַרגעניגן און גליק זענען די נאַטירלעכע צילן אין לעבן. אָבער, להיפוך צו שפּעטערדיקע פאַלשע אויסטייטשונגען און מיספאַרזענטאַציעס פון זיין לערע, האָט ער נישט געפּרעדיקט דאָס יאָגן זיך נאָך בלויז קערפּערלעכע פאַרגעניגנס אָדער נאָך אַ וואָסערן עס איז ספּעציעלן פאַרגעניגן, נאָר בלויז

יענע פֿאַרגעניגנס וואָס שטימען זיך צונויף, וואָס האַרמאָנירן מיט שׂכלדיקייט, מיט אינטעליגענץ און מיט מעסיקייט. פֿאַרגעניגנס פֿונעם גייסט, איז געווען זיין מיינונג, שטייען העכער ווי די פֿאַרגעניגנס פֿונעם קערפּער.

עפּיקורס פֿילאָזאָפֿיע האָט געגעבן אויסדרוק צום באַגער פֿאַר אַ ראַפּינירטן, איידעלן סאָרט גליק, וואָס איז די באַלוינונג פֿאַרן קולטורעלן מענטש. אָט אַזאַ מין גליק קאָן ער נאָר דערגרייכן אויס די פֿריידן פֿונעם גייסט, איבער וועלכן ער איז ביכולת צו האָבן אַ גרעסערן קאָנטראָל ווי איבער יענע פֿאַרגעניגנס וואָס זענען פֿון אַ מאַטעריעל־זינלעכער נאַטור. די פֿריינטשאַפֿט צווישן באַגאַבטע און נאָבעלע מענטשן, דער פֿרידן און נחת־רוח וואָס קומען אויף אויס אַ שיינעם אויפֿפֿיר, אויס גוטער מאָראַל און עסטעטישער הנאה זענען די אידעאַלן פֿון די עפּיקורעער, וועלכע זאָגן זיך אָפּ צו ווערן מבולבל דורך אַ וואָסערע עס איז מעטאַפֿיזישע אָדער רעליגיעז־מיטאָלאָגישע לערעס, וואָס צווינגען אַרויף אויפֿן מענטשן פֿליכטן און שטייען דערפֿאַר אין וועג דער פֿרייהייט פֿון ריינעם פֿאַרגעניגן. עפּיקורוס האָט, ווי שוין געזאָגט, אַקצעפּטירט דעמאָקריטס נאַטור־וויסנשאַפֿטלעכע לערע וועגן אַטאָמיזם, ער האָט אָבער מאָדיפֿיצירט דעמאָקריטס דעטערמיניזם דורכן דערלויבן צופֿאַל, וואָס קאָן פֿירן דערצו, אַז דער אַטאָם זאָל אין זיין באַוועגונג זיך אָפּקערן פֿון זיין פּרעדעטערמינירטן, פֿאַראויסבאַשטימטן קורס אין גאָר אַן אַנדער ריכטונג.

.3

עפּיקורס ווערק זענען צו אונדז נישט דערגאַנגען. מ'האָט שוין גוט אַכטונג געגעבן זיי זאָלן פֿאַרשווינדן. אויפֿגעהיטן האָבן זיך בלויז דריי בריוו זיינע, אין וועלכע ס'איז אויף אַ העכסט קאָנדענסירטן אופֿן אויסגעלייגט געוואָרן זיין לערע, ס'האָבן זיך אויך אויפֿגעהיטן אַ צאָל פֿראַגמענטן פֿון זיינע ווערק. אגב, איז עפּיקור געווען איינער פֿון די פּרוכטבאַרסטע שרייבער אין אַלטערטום. ער האָט אָנגעשריבן אַרום דריי הונדערט אַרבעטן. צו אונדז זענען דערגאַנגען די נעמען בלויז פֿון אַ מאַסע ווערק זיינע. זיין הויפּט־ווערק — „וועגן דער נאַטור", איז באַשטאַנען פֿון אַן ערך 37 ביכער.

דער וויכטיקסטער קוואַל אָבער צו דערלערנען עפּיקורס פֿילאָזאָפֿיע, אַחוץ די אויפֿגעהיטע, פֿריער־דערמאָנטע בריוו זיינע און די פֿראַגמענטן, איז אַ באַרימטע פֿילאָזאָפֿישע פּאָעמע פֿון זיין טאַלענטירטן נאָכפֿאָלגער אויפֿן רוימישן באָדן, ל ו ק ר ע צ י ו ס, וועלכער האָט געלעבט אין די יאָרן 54-98 פֿאַר דער היינטיקער צייט־רעכענונג. די דאָזיקע דידאַקטישע פּאָעמע „דע נאַטוראַ רערום" [וועגן דער נאַטור פֿון זאַכן], באַשטייט פֿון זעקס ביכער און שטעלט מיט זיך פֿאָר אַן אינטערעסאַנטע עקספּאָזיציע פֿון עפּיקורס פֿילאָזאָפֿיע. דער ציל פֿון דעם דאָזיקן ווערק, ווי דער מחבר דער־

קלערט דאָס, איז געווען צו באַפרייען זיינע לייענער פון דער מורא פאַרן טויט. ער האָט געגלייבט, אַז אָט די מורא איז צונויפגעבונדן מיט רעליגיע, מיט דער מורא פאַר די געטער. די דאָזיקע פאָעמע זיינע האָט באַקומען די איינשטימיקע לויב פון געלערנטע פאַר דעם טאַלענט מיט וועלכן לוקרעציוס האָט די סאַמע שווערסטע פילאָזאָפישע געדאַנקען אויסגעדריקט אויף אַ וואונדערלעך פאָעטישן אופן.

קומען מיר איצט צוריק צו עפיקורן.

די יאָרן און אַקטיוויטעטן פון עפיקורן זענען אויסגעפאַלן אין אַ העכסט שטורמישן און שווערן פעריאָד אין דער געשיכטע פון גריכנלאַנד, ווי בכלל אין יענעם וועלט טייל. גריכנלאַנד איז געווען דעמאָלט אַן אַרענע פון אומאויפהערלעכע רואינירנדיקע מלחמות און פאָליטישע איבערקערענישן. הערשער אין גריכנלאַנד האַלטן זיך אין איין בייטן. די פאַרוויסטונגען אין יענעם לאַנד האָבן פאַרשאַרפט די קלאַסן־קעגנזאַצן. רעוואָלטן פון שקלאַפן האַלטן אין איין אויסברעכן. דער אַנטיקער שקלאַפן־אייגנטימערישער סאָציאַלער סיסטעם לעבט אַדורך אַ שווערן קריזיס.

אין אָט דער אויפגעבורעטער צייט אין זיין לאַנד, מיידט עפיקור אויס יעדע באַטייליקונג אין געזעלשאַפטלעכן לעבן. די עיקר זאָרג זיינע איז געווען דער וואוילזיין, דאָס גליק פונעם יחיד, נישט פון דער געזעלשאַפט ווי אַ גאַנצע, און האָט געוויכט פון יעדער פאָליטישער אַקטיוויטעט. עפיקורן ווערט צוגעשריבן דער מאַקסים: „שלייך זיך אַדורך דורכן לעבן אומבאַמערקט".

דער ציל פון דער פילאָזאָפיע, האָט עפיקור געהאַלטן, איז דאָס מענטשלעכע גליק.

„זאָל קיינער נישט, — זאָגט עפיקור אין אַ בריוו צו מענאָיקען, — אָפּלייגן פילאָזאָפיע אין דער יוגנט און זאָל קיינער פון איר נישט אָפּשטיין אויף דער עלטער. וואָרום ס'קאָן קיינער דאָך נישט זיין נישט־דערוואָקסן אָדער אַריבערגעוואָקסן פאַרן געזונט פון דער נשמה. און ווער ס'זאָגט, אַז די צייט פאַר פילאָזאָפיע איז נאָך נישט געקומען אָדער איז שוין אַוועקגעפלויגן, איז גלייך ווי ער וואָלט זאָגן, אַז די צייט פאַר גליק איז אָדער נאָך נישט געקומען, אָדער עקזיסטירט נישט מער. דעריבער איז פילאָזאָפיע אַ נויטווענדיקייט סיי פאַר אַלט און סיי פאַר יונג; דעם ערשטן איז זי נויטווענדיק, כדי ביי די שפּעטע יאָרן זיך באַנייען מיט גליק, זיך פרייען מיטן פאַרגאַנגענעם; דעם צווייטן, כדי ער זאָל בלייבן יוגנטלעך און ביי־זאַמען מיט די עלטערע יאָרן אָן שום מורא גיין אַנטקעגן דעם, וואָס דאַרף קומען".

כדי צו זיין גליקלעך, זאָגט ער ווייטער אין יענעם בריוו, מוז דער מענטש פאַרשטיין די געזעצן פון דער נאַטור. „אַן נאַטור־קענטעניש איז אוממעגלעך צו דערווערבן נישט־פאַרטונקלטע פרייד".

4.

עפּיקור טיילט איין די פילאָזאָפיע אין דריי טיילן: 1. די לערע וועגן דער נאַטור (פיזיק); 2. די לערע וועגן די אופנים ווי צוצוקומען צו דער דערקענטעניש פון דער נאַטור און דעם מענטש (לאָגיק, אָדער ווי ער האָט עס אָנגערופן: קאַנאָן) און 3. די לערע וועגן דעם ווי דער מענטש זאָל צוקומען צו גליק (עטיק).

ער האָט קאַטעגאָריש אָפּגעוואָרפן אַ וואָסערע עס איז איבערנאַטירלעכע כוחות, אַנטקעגנשטעלנדיק דער אידעאַליסטישער פילאָזאָפיע, דער מיסטיק, דעם רעליגיעזן וועלט־באַנעם זיין מאַטעריאַליסטישע לערע.

די מאַטעריעלע וועלט האָט עפּיקור אָנערקענט ווי די איינציקע און פּרימערע רעאַלקייט. אַלע דערשיינונגען אין דער נאַטור האָט ער דערקלערט ווי די אינערלעכע געזעצמעסיקייט אין דער נאַטור גופא, אָפּוואַרפנדיק אַזוינע כוחות וואָס זענען איבער אונדזערע חושים, וואָס שטייען כלומרשט העכער איבער דער וועלט. זיין מאַטעריאַליסטישע לערע האָט עפּיקור באַגרינדעט אויף דעם אָנערקענען די אייביקייט פון דער מאַטעריע, אַפירמירנדיק די מאַטעריעלע איינהייט פון דער וועלט.

אין זיין בריוו צום גריכישן היסטאָריקער העראָדאָט שרייבט ער:

„קודם־כל, פאַר אַלץ — קומט קיין זאַך נישט אויף פונעם נישט־זיין, פון גאָרנישט. וואָרום אויב אַנדערש, וואָלט דאָך אַלץ געקאָנט אויפקומען פון אַלצדינג, נישט נייטיקנדיק זיך אין קיין שום באַזונדערן אייגענעם אַנהייב פאַר זייער אַנטוויקלונג. און אויב עפּעס־וואָס וואָלט אינעם נישט־זיין צעשטערט געוואָרן, וואָלטן במילא דאָך אויך אַלע אַנדערע זאַכן פאַרשוואונדן: וואָרום ס'וואָלט דאָך מער נישט געווען אָט דאָס אויף וועלכן זיי האָבן זיך געהאַלטן.

„און דער אוניווערס איז דאָך תמיד געווען אַזאַ ווי ער איז, און וועט אַזוי בלייבן. וואָרום ס'איז נישטאָ גאָר נישט אַזוינס וואָס וואָלט געקאָנט אין אים אַריינדרינגען און אַדורכפירן ענדערונגען".

דער קאָסמאָס ווי אַ גאַנצער און די פאַרשידנאַרטיקע דערשיינונגען אין דער וועלט זענען פאַר עפּיקורן דער פּראָדוקט פון מעכאַנישער באַוועגונג. אָנהייבנדיק מיט די גאָר סאַמע ערשטע טיילעכלעך פון אַטאָמען אינעם ליידיקן רוים.

זייענדיק אויף אַזוי פיל פאָראויס פון זיין צייט האָט עפּיקור געלערנט, אַז „אַטאָמען מוזן אומבאַדינגט זיך באַוועגן מיט אַ גלייכער געשווינדטקייט, אָן שום שטערונג, ווען זיי טראָגן זיך אַדורך דורכן רוים. וואָרום ס'קאָן דאָך נישט געמאָלט זיין, אַז שווערע אַטאָמען זאָלן האָבן אַ גרעסערן אימפעט ווי קלענערע און גרינגערע, ווען קיין שום זאַך שטעלט זיך זיי נישט אַנטקעגן". אָט אַזוי נאָך געהערט עפּיקורן די היפּאָטעזע, אַז „אַטאָמען, ווי פאַרשידן זיי זאָלן נישט זיין לויט דער מאָסע, דער וואָג און פאָרם, באַוועגן

זיי זיך . . . מיט אַ אַלצאַיינער שנעלקייט אינעם ליידיקן רוים". (מאַרקס, אין זיין פריער־דערמאָנטער אַרבעט וועגן עפּיקורן.)

אַט דער אומשטאַנד מאַכט, לויט עפּיקורן, אוממעגלעך צוזאַמענשטוי־סונגען צווישן אַטאָמען. אויב זיי באַוועגן זיך מיט אַ אַלצאַיינער שנעל־קייט, מוזן זיי תמיד זיך געפינען אַפּגעטרעטן אויף אַ גלייכער דיסטאַנץ איינס פון דאָס אַנדערע, און ס'וואָלטן דעריבער נישט געקאָנט פאָרקומען קיין צוזאַמענשטויסן צווישן אַטאָמען. אַט דערפון איז עפּיקור געקומען צום אויספיר, אַז בעתן פאַלן נייגן זיך אַטאָמען אָפּ אין אַ זייט פון דער גלייכער ליניע, דורך וועלכן ס'קומט צווישן זיי פאַר זייער צונויפבאַהעפ־טונג, און אויפן גרונט פון אַט דעם געזעץ דאָס אויסבילדן זיך פון זאַכן.

דאָס אָפּנייגן זיך פונעם אַטאָם פון זיין וועג אין אַ אַנדער ריכטונג איז אַ וואָסער עס איז טרייב־קראַפט, וועלכעס קומט פאַר דורך אַן אינערלעכער סיבה, שטעלט אַוועק די פּראָבלעם פון נויטווענדיקייט און צופעליקייט.

עפּיקור איז אַרויסגעקומען קעגן פאַטאַליזם, קעגן דער נויטווענדיקייט, וועלכע איז איינגעבוירן אין דער פילאָזאָפיע פון דעמאָקריטן מיט זיין לערע וועגן דער אומפאַרמיידלעכקייט פון דער נויטווענדיקייט און פון זיין נעגירן צופעליקייט. עפּיקור האָט געהאַלטן, אַז דעמאָקריטס קאָנצעפּציע וועגן נויטווענדיקייט, אויסשליסנדיק צופעליקייט, איז געוועזן פונקט אַזאַ פאַ־טאַליזם, ווי דער גלויבן אין דער געטלעכער פּרעדעטערמינירונג, פאָראויס־באַשטימונג. „וואָרום ס'איז שוין בעסער, — זאָגט ער, — נאָכצופאָלגן דעם מיטאָס וועגן געטער, איידער דאָס שקלאַפישע קלאַמערן זיך אין דעם פאַטום [גורל] פון די נאַטור־וויסנשאַפטסלייט: דער ערשטער האָט כאָטש די האָפענונג צו ריירן גאָט דורכן אָפּגעבן אים כבוד, בעת דער לעצטער פאַר־מאָגט זיין אייגנס אַ נויטווענדיקייט, וואָס ווערט דורך קיין שום זאַך נישט גערירט".

אַריינפירנדיק אין זיין נאַטור־סיסטעם די קאַטעגאָריע פון צופעליקייטן, האָט עפּיקור דאָך באַמיט זיך נישט אין גאַנצן צו צעשטערן דערמיט דעם דעטערמיניזם; ער האָט אָבער נישט נעגירט, אָפּגעלייקנט דעם געזעץ פון קאַוזאַליטעט, ד"ה, אַז פאַר אַלצדינג וואָס קומט פאַר מוז פאַר דעם זיין אַ סיבה.

וועגן דער וועלט־באַשאַפונג, צייכנט עפּיקור אָן — להיפוך צו דער רעלי־גיעזער טראַדיציע, אַז די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן דורך גאָט, אָדער געטער — אַט אַזאַ מין בילד: דער אוניווערס איז אומענדלעך. ס'זענען פאַראַן אַ אַ צאָל וועלטן — סיי אַזוינע וואָס זענען ענלעך צו אונדזערער און אויך אַזוינע וואָס זענען נישט ענלעך צו אונדזער וועלט. אַלע וועלטן זענען אויפגעקומען אויס אַטאָמישע שטורעמווינטן, וועלכע האָבן זיך אויס־געפורעמט אויס די באַוועגונגען און דער פאַראייניקונג פון די אַטאָמען צווישן זיך. „ביים אָנהייב פונעם אויסבילדן זיך פון דער וועלט, — שרייבט

ווייטער עפּיקור אין זיין בריוו צו הערָאדאָטן, — דרינגען אין איר אַריין די אין אַ קרייז זיך ווירבלענדיקע, פריער־דערמאָנטע, שטורעמווינטן".

אַלע דערשיינונגען אין דער נאַטור, ווי בכלל אַלע פּראָצעסן וועגן דעם אויפקום פון דער וועלט, געשען, לויט זיין מיינונג, אויפן יסוד פון דער געזעצמעסיקייט אין דער נאַטור. „מ'דאַרף זיי, די נאַטור־דערשיינונגען, — שרייבט ער ווייטער — נישט פאַרשטיין אַזוי ווי זיי וואָלטן כלומרשט פאָרגעקומען לויטן ווילן פון וועמען עס איז, וועלכער גיט אַכטונג, אָר־גאַניזירט אָדער בויט זיי אויף, און אַז ער פאַרמאָגט אויך זיין אייגנס אין דער אייגענער צייט גליקזעליקייט, נחת־רוח אויף יעדן מעגלעכן אופן, ביי־נאַנד מיט אומשטערבלעכקייט".

צופירנדיק אַלע ענדערונגען אין זאַכן צום איבערשטעלן זיך פון די אַטאָ־מען צווישן זיך, האָט עפּיקור דאָך קאַטעגאָריש אַפירמירט די אָביעקטיוו־קייט פון דער קוואַליטעט. לויט עפּיקורן איז נישט אַ זאַך פּשוט די טאָטאַל־קייט פון די אַטאָמען בלויז, נאָר אַ דעפיניטיווע איינהייט, אַ באַזונדערע גאַנצקייט, וועלכע פאַרמאָגט אַ געוויסע „האַרמאָנישע באַוועגונג". אינעם פּראָצעס פון דער פאַראייניקונג פון אַטאָמען צווישן זיך, קומט אויף אַ באַ־שטימטע זאַך, וועלכע דערווערבט אַן אָנהאַלטנדיקן קאָמפּלעקס פון תמצית־דיקע אייגנשאַפטן, אַ דעפיניטיווע קוואַליטעט.

אָבער נישט פיזיק איז געווען, אייגנטלעך, עפּיקורס הויפּט־אינטערעס.

קומען מיר, בכן, איצט צו צו זיין לערע וועגן דער נשמה.

„די נשמה, — שרייבט עפּיקור ווייטער אין זיין בריוו צו הערָאדאָטן, — איז נישט עפּעס־אַזוינס וואָס איז דרויסן פונעם קערפּער, אויב מ'זאָל אונ־טערן נאָמען נשמה פאַרשטיין אַ זעלבסטשטענדיק־באַזונדערע זאַך, אַזאַ מין זאַך וועגן וועלכער מ'קאָן נישט דענקען, אַז זי איז פאַרבונדן מיט קערפּער־לעכקייט, אַ חוץ ווי נאָר מיטן ליידיקן חלל . . . יענע וואָס דערקלערן די נשמה ווי אָן אַ קערפּער, אַז זי איז קערפּערלאָז, יענע רעדן פון היץ".

אָפּלייקענענדיק פאַר דער נשמה עפּעס אַ מין באַזונדערע גייסטיקע סוב־סטאַנץ, אַ באַזונדערע עקזיסטענץ פאַר זיך אַליין, האָט אומפאַרמיידלעך גע־מוזט נאָכקומען דאָס אָפּלייקענען פאַר דער נשמה אומשטערבלעכקייט. „מיטן פונאַנדערפאַלן זיך פונעם גאַנצן קערפּער, — זאָגט ווייטער עפּיקור, — לייזט זיך אויך אויף די נשמה".

ווייטער איז די גרונט־הנחה פון זיין דערקענטעניש־טעאָריע, אַז אונדזע־רע פּערצעפּציעס, אונדזער געפילס־לעבן און שפּירונגען זענען אמתע, זיי קומען אויף אויס דער אָביעקטיווער רעאַלקייט און שטעלן צונויף דעם יסוד פון דער דערקענטעניש. אָט דער אמת איז באַגרינדעט אויפן צוטרוי צו די אָנווייזונגען פון די געפילן, וואָרום די שפּירונגען, די חושים, ווייזן אונדז די פאָרם פון זאַכן.

אויב מיר זאָלן אָנערקענען אַז אונדזערע געפילן נאַרן אונדז אָפּ, וואָלט

דאָס אונדז באַרויבט פון אַ קריטעריום צו אורטיילן וואָס איז אמת און וואָס איז פאַלש און וואָלט נישט נאָר געמאַכט אוממעגלעך יעדע דערקענטעניש, נאָר אַפילו אויך יעדע אַקטיווקייט בכלל, וועלכעס וואָלט אונדז אומפאַרמיידלעך דערפירט צו אונטערגאַנג.

דער מקור פאַר אונדזערע געפילן איז, בכן, די אָביעקטיווע רעאַלקייט. „מיר זען", זאָגט עפיקור ווייטער, „און באַנעמען די קאָנטורן פון זאַכן, דערפאַר ווייל ס'האַלט אין אונדז אין איין אַריינפליסן עפעס־וואָס פון דער דרויסנדיקער וועלט". אַ דאַנק אונדזערע חושים דרינגט אין אונדז אַריין דאָס, וואָס געפינט זיך דרויסן פון אונדז.

.5

די וויכטיקסטע זייט אָבער אין עפיקורס פילאָזאָפיע, וואָס האָט אַרויסגערופן דעם צאָרן ביי די רעליגיעזע אויטאָריטעטן, איז געווען דאָס וואָס צווישן אַלע אַנטיקע פילאָזאָפן האָט ער שאַרף אַרויסגערוקט זיין אַנטי־רעליגיעזקייט, אָנשפאַרנדיק זיך אויף די וויסנשאַפטלעכע דערגרייכונגען פון יענער צייט.

די אַטאָמישע לערע, די וויכטיקסטע וויסנשאַפטלעכע דערגרייכונג אין יענער צייט, איז פיינדלעך דער פאָרשטעלונג וועגן דער וועלט־באַשאַפונג און איר אויפהיטונג דורכן כוח פון אַן איבערנאַטירלעך, איבערמענטשלעך וועזן. די נאַטור האָט איר יסוד אין זיך אַליין, און אַלצדינג וואָס קומט אין איר פאָר איז מיטן כוח פון איר אייגענער געזעצמעסיקייט.

דאָס אָפלייקענען פאַר דער נשמה אַ באַזונדערע מאַטעריעלע סובסטאַנץ און דאָס אָפזאָגן דער נשמה אומשטערבלעכקייט איז אויך אומאָפרייסבאַר פאַרבונדן מיט די אַטעאיסטישע איבערצייגונגען פון עפיקורן. דאָס דערקענען די נאַטור־געזעצן און דער מאַטעריאַליסטישער באַנעם פון דער נשמה, באַפרייט מענטשן, לויט עפיקורן, פון דעם אייביקן שוידער, פון דער שרעק פאַרן טויט און פאַר די שטראָפן נאָכן טויט אויף יענער וועלט, וואָס ווערט אויפגעהאַלטן דורך דער מיטאָלאָגיע, דורך דער רעליגיע.

די עפיקורעער האָבן אָט די מורא פאַרן טויט געהאַלטן פאַר נישט קיין רעאַלער. זיי האָבן געגלייבט, אַז מענטשן האָבן מורא פאַרן טויט טיילווייז איבער נאַטירלעכער שוואַכקייט, דער עיקר אָבער מחמת דער מיטאָלאָגיע, דער רעליגיע מיט אירע סטראַשונקעס פאַר דער שטראָף נאָכן טויט. צום בעסטן איז אָט דאָס אַרויסגעפירט געוואָרן דורך פלאַטאָן אין זיינע ד י אַ ל אָ ג ן, אין וועלכע ער באַשרייבט מיט אַלע פיטשטשעווקעס די טאָפאָגראַפיע פון יענער־וועלט, ווי זי קוקט אויס, די באַפעלקערונג דאָרטן און די שווערע באַשטראָפונגען פאַר די באַגאַנגענע עבֿרות ביים לעבן. „ער, פלאַטאָ, — שרייבט לוקרעציוס אין זיין פריער־דערמאָנטן פאָעטישן ווערק, —

האָט דורך זיינע מיטאָלאָגישע מעשיות אין זיינע ד י אַ ל אָ ג ן, זיך באַ־מיט צו באַקענען די זינדיקע מיט דעם, וואָס ס'שטייט זיי פאַר נאָכן טויט אויף יענער־וועלט". די מורא פאַר די געטער האָט עפיקור פאַררעכנט פאַרן גרעסטן בייזס פאַר מענטשן. ער האָט זיך באַמיט צו פאַרטרייבן פון די מענטשנס הערצער דעם פחד פאַרן טויט, וואָס ווערט סוגעסטירט דורכן גלויבן אין געטער. אויב אויף יענער זייט פון קבר איז נישטאָ גאָר נישט, איז נישטאָ מער וואָס מורא צו האָבן פאַרן טויט, האָט ער געהאַלטן.

אַ צווייטע צרה, אַחוץ דער שרעק פאַרן טויט, וואָס גייט ביינאַנד מיט רעליגיע, איז, לויט עפיקורן, דאָס אומוויסן, דאָס וואָס מענטשן פאַרשטייען נישט די נאַטור־געזעצן: „די שטערבלעכע, — שרייבט ער, — האָבן גע־זען אַ באַשטימטן סדר אין די דערשיינונגען . . . נאָר האָבן נישט געקאָנט דערקלערן, פאַרוואָס אָט דאָס אַלץ קומט פאָר. איז פאַר זיי געבליבן צו מאַכן נאָר איין אויספיר: איבערלאָזן אַלץ פאַר די געטער און צוגעבן, אַז אַלצדינג אין דער וועלט געשעט לויטן ווילן פון די געטער". עפיקור האָט געפאָדערט צו לערנען די נאַטור־געזעצן, וועלכעס איז נייטיק פאַר דעם, כדי צו פאַרטרייבן די דורך דער רעליגיע אויפקומענדיקע „שווידערס און פאַר־אומערונג פונעם געמיט".

נישט געקוקט אָבער דערויף, האָט עפיקור דאָך געצאָלט צינז דעם גייסט פון זיין צייט און אָנערקענט די עקזיסטענץ פון געטער. נישט מער, וואָס לויט זיין לערע, לעבן זיי אין די צווישן־וועלטלעכע רוימען און מישן זיך לחלוטין גאָר נישט אַריין אין דער אַנטוויקלונג פון דער נאַטור און אין די מענטשלעכע ענינים. „פאַרברענגענדיק אין גליקזעליקער רו, אין נחת־רוח הערן זיי זיך נישט צו צו קיין שום תפילות און בקשות, קימערן זיך נישט, נישט וועגן אונדז, נישט וועגן דער וועלט . . .". (מאַרקס, אין זיין פריער־דערמאָנטער יוגנט־אַרבעט וועגן עפיקורן.)

## 6.

מיר קומען איצט צו צו עפיקורס עטישער טעאָריע.

עפיקורס עטיק איז געבויט אויף אַ נאַטוראַליסטישן און אינדיווידואַליס־טישן פונדאַמענט. דעם מענטש באַטראַכט ער ווי אַ וועזן וואָס ווערט גע־פירט דורך זיינע חושים, און די געפילן זענען דער קריטעריום פאַר דער מאָראַל. „וואָרום איטלעכס גוטס אָדער שלעכטס, — זאָגט עפיקור, — איז אין די געפילן".

דאָס העכסטע גוטס, האָט ער געהאַלטן, איז פאַרגעניגן. דער מענטש דאַרף זיך באַפרייען פון אַלעם דעם, וואָס שטייט אין וועג פון פאַרגעניגן. טוגנד, גוטע מידות זענען נייטיק נישט גלאַט אַזוי פאַר זיך אַליין, נאָר דער־פאַר, וואָס אָט דאָס, גוטע מידות דערמעגלעכט די דערגרייכונג פונעם העכסטן גוטס, פון נחת־רוח, גליקזעליקייט.

„ס'איז גענוג צו האָבן געפילן און זיין אַ לעבעדיק וועזן, — זאָגט עפּיקור אין זיין בריוו צו מענאָיקעוס, — כּדי צו וויסן, אַז צופרידנקייט איז גוט". ווייטער, זאָגט ער דאָרטן, — „מיר באַנעמען אָט דאָס [די צופרידנקייט] ווי דאָס פּרימערע, ווי דאָס סאַמע ערשטע איינגעבוירענע גוטס; זי דינט אונדז ווי דער אויסגאַנגס־פּונקט פאַר יעדן באַגער, און צו אויסמיידן וואָס עס איז, און צו אָט דעם קומען מיר אין לעצטן סך־הכּל תּמיד צו ווי צו אַ ציל, אויף וויפיל מיר שאַצן אָפּ יעדעס גוטס מיט אַ געפיל פון צופרידנקייט, ווי דעם סטאַנדאַרד".

פאַרגעניגן איז דער נאַטירלעכער ציל פון אַלץ וואָס לעבט. איטלעכס באַשעפעניש זוכט צופרידנקייט, נחת־רוח און מיידט אויס ליידן. „אָט דערפאַר, — זאָגט עפּיקור ווייטער אין דעם בריוו, — דערקלערן מיר פאַרגעניגן ווי דעם יסוד און ציל פון אַ גליקזעליק לעבן".

עפּיקור ווייזט אָבער אָן דאָרט ווייטער, אַז מ'דאַרף פונאַנדערשיידן צווישן די אמתע און די פאַנטאַסטישע, די נאַטירלעכע פון גלאַט־טומלדיקע פאַרגעניגנס.

„מיר, — שרייבט ער ווייטער אין אָט דעם בריוו, — קלייבן נישט אויס גלאַט אַזוי איעדעס גוטס; ס'טרעפט אויך, אַז מיר גייען פאַרביי אַ סך פאַרגעניגנס, נאָך וועלכע ס'קומען אָבער דערנאָך גרעסערע שוועריקייטן. און מיר פאַררעכענען אַמאָל אַ סך ליידן פאַר וויכטיקער ווי פאַרגעניגנס, בעת מיר טראָגן איבער ליידן אַ לענגערע צייט, אָבער ס'קומען נאָך זיי גרעסערע פאַרגעניגנס. איטלעכס פאַרגעניגן איז, לויט זיין נאַטור נאָך, אַ גוטס, אָבער נישט יעדעס גוטס פאַרדינט זיך אָנגענומען צו ווערן . . . וואָרום אונטער געוויסע אומשטענדן קאָן אַמאָל אַ גוטס פאַר אונדז גאָר ווערן אַ שלעכטס, אַ שלעכט גוטס. אמתדיק גליק קאָן מען דערגרייכן, בלויז דעמאָלט ווען מ'ווייסט דעם ריכטיקן וועג צו אָט דעם גליק. די אויפגאַבע פון דער פילאָזאָפיע באַשטייט דאָך אייגנטלעך אין אָט דעם, צו ווייזן דעם וועג צו גליק".

„ס'טויגן צו גאָר נישט יענע ווערטער פונעם פילאָזאָף, — זאָגט עפּיקור אין אַן אַנדער בריוו, — וועלכע היילן נישט אַ וואָסערע עס איז מענטשלעכע ליידן. וואָרום פּונקט ווי אַ מעדיצין איז אומניצלעך, אויב זי איז נישט ביכולת צו פאַרטרייבן די קראַנקהייט פונעם קערפּער, איז פּונקט אָט אַזוי אויך אַ פילאָזאָפיע אומניצלעך, אויב זי איז נישט בכּוח אַרויסצוטרייבן ליידן פון דער נשמה".

עפּיקור האָט גערעכנט, אַז גליק באַשטייט אינעם דערגרייכן דאָס מיינסט סאָלידע און דויערנדיקע גליק. גרויס באַדייט האָט ער דערביי צוגעגעבן צו יענער קערפּערלעכער צופרידנקייט, וואָס איז פאַרבונדן מיטן געפילס־לעבן. „איך ווייס נישט, — זאָגט ער ווייטער, — ווי אַזוי איך קאָן האָבן אַן אידעע וועגן דעם גוטן, אויב איך זאָל אויסשליסן צופרידנקייט פון געשמאַק,

געהער און פאַרגעניגן וואָס מיר קריגן אַרויס בעת מיר קוקן זיך צו צו פּרעכטיקע פאַרמען".

ס'האָט אָבער עפּיקור בשום אופן נישט פאַרשטאַנען פאַרגעניגן אין אַ וואולגאַרן, גראָב־חושימדיקן זין, ווי די רכילותניקעס אינעם רעליגיעזן לאַגער, פון יעדער רעליגיע, האָבן געטענהט.

„ווען מיר זאָגן, — שרייבט עפּיקור אין זיין בריוו צו מענאָיקען, — אַז פאַרגעניגן איז אַ ציל, רעדן מיר נישט וועגן די פאַרגעניגנס פון יענע וואָס פירן אַ צעלאָזן לעבן און אויך נישט וועגן צופרידנקייט פון עפּעס, וואָס איז געשמאַק, ווי ס'טענהן געוויסע איגנאָראַמוסעס, אַנדערש דענקענדיקע, אָדער יענע וואָס זענען צו אונדז שלעכט געניגט. אונדזער ציל איז — נישט צו ליידן קערפּערלעך און נישט אַריינצוּוואַרפן אין אַ צערודערונג אונדזער נשמה. און אויך נישט אין אומאויפהערלעכע הוליאַנקעס און טענץ, נישט קיין פאַרגעניגנס מיט קיין יונגנטלעכע אָדער מיט פרויען, אָדער מיט פיש, און אַלץ דאָס וואָס שאַפט אַ גרויסאַרטיקן טיש — נישט זיי געבערן דאָס זיסע לעבן. דאָס דאָזיקע לעבן ווערט געבוירן דורך ישוב־הדעת, באַרעכנט־קייט . . . "

„צופרידנקייט, — לויט עפּיקורן, — קאָן מען נישט באַטראַכטן ווי פאַרגעניגן פאַר אַ מאָמענט; מ'דאַרף זי, די צופרידנקייט, נעמען אין פאַרבינדונג מיט ליידן, נעמענדיק אין באַטראַכט דאָס מענטשלעכע לעבן ווי אַ גאַנצקייט".

עפּיקור טיילט איין די מענטשלעכע באַגערן אין נאַטירלעכע און תמציתדיקע, און אין נאַטירלעכע און נישט קיין תמציתדיקע. אַזוי, למשל, איז דער באַגער פאַר שפּייז תמציתדיק און נאַטירלעך; דער באַגער אָבער פאַר אַ לוקסוריעז לעבן איז נישט נאַטירלעך און נישט תמציתדיק. נאַטירלעכע און תמציתדיקע באַגערן דאַרף מען באַפרידיקן. פון פּוסט־קליינלעכע באַגערן דאַרף מען זיך אויסהיטן, וואָרום זיי קאָנען פירן צו צערודערונג און זאָרג. נאַטירלעכע אָדער נישט־תמציתדיקע באַגערן דאַרף מען באַפרידיקן מיט אַ מאָס, וואָרום צופרידנקייטן האָבן זייער גרענעץ.

באמת דויערהאַפטיק און סטאַביל קאָנען נאָר זיין גייסטיקע פאַרגעניגנס און צופרידנקייט, וואָס קומען אויף אויס פריינטשאַפט, וויסן. „גליקלעך איז יענער, — זאָגט עפּיקור, — וואָס פאַרלאָזט די וועלט אַן שנאה, צו־דריקנדיק צו דער ברוסט אַ פריינט און זיך מיט אים פרייען". „דער חכם, וואָס נערט זיך מיט ברויט און וואַסער קאָנקורירט אין גליקזעליקייט מיט צעאוסן". די העכסטע פאָרם פון גליק באַשטייט אין גייסטיקער רואיקייט, מנוחת־הנפש, אין זעלבסט־באַהערשונג.

חכמה און גליק באַשטייען דערין, וואָס דער מענטש דערגרייכט אומאָפּהענגיקייט און אַ באַרואיקט געמיט, מיידט אויס אַלצדינג וואָס ברענגט אים אומצופרידנקייט, און געניסט פון אַלעם דעם, וואָס שטעלט צו צופרידנ־

קייט. די סאמע נייטיקע קאנדיציעס פאר דער דערגרייכונג פון גליקלעכ־קייט און א באַרואיקט געמיט, מנוחת־הנפש, *אטאראקסיא*, ווי עפיקור רופט עס אן, קאן בלויז דערגרייכט ווערן א דאנק דער אומאפ־הענגיקייט סיי פון איינפלוסן פון דער דרויסנדיקער וועלט, אזוי גוט ווי פון די אייגענע ליידנשאפטן און גלוסטונגען. *גליק*, לויט עפיקורן, *ליגט נישט אינעם יאגן זיך נאך פארגעניגנס, נאר אין דעם באפרייען זיך פון ליידן.* בלויז נאך א לאנגער טרע־נירונג און אנשטרענגונג קאן דער מענטש ווערן א חכם און זיך איינשאפן א גליקלעך לעבן און א לעבן אנגעפילט מיט גוטע מידות.

זייער א סך נאכפאלגער פונעם עפיקורעאניזם, דער עיקר צווישן די העכערע שיכטן אין דער שקלאפן־אייגנטימערישער געזעלשאפט, וועלכע איז אין יענער היסטארישער עפאכע געווען דער הערשנדיקער סאציאלער סדר, האבן פארוואולגאריזירט, פארמיאוסט עפיקורס לערע, אפווארפנדיק זיין פאדערונג, אז צום אלעם ערשטן קומט דאס שטודירן די נאטור־געזעצן און זיין אפעלירן צו באגרענעצן די קערפערלעכע פארגעניגנס; זיי האבן עפיקורס לערע וועגן אטאראקסיא, מנוחת־הנפש, איבערגעקערט מיטן קאפ אראפ און זי פארקריפלט דורכן פרעדיקן עגאאיזם. פונעם גאנצן עפיקורעאישן קאמפלעקס האבן זיי אויפגעכאפט, און אויך דאס אין א פערווערזער פארם, בלויז די לערע וועגן פארגעניגן ווי דאס העכסטע גליק. האט אויך דאס, נאטירלעך, נישט בייגעשטייערט צו א בעסערער פארשטענדעניש פון דעם תוך פונעם עפיקורעאניזם, פון זיין פילאזאפישער שיטה און עטיק.

דארף דעריבער קיין חידוש נישט זיין וואס אננעמענדיק אט די פארקריפלונג פארן אמתן עפיקורעאניזם, האט ביי דער יידישער רעליגיע אט דער פערווערזער עפיקורעאניזם זיך אויסגעריכט אזא שלעכטע מערכה. שטרעבנדיק צו פארשווארצן דאס פנים פון עפיקורס מאטעריאליסטישן וועלט־באנעם, פון זיין אטעאיזם, האבן זיי אידענטיפיצירט דעם עפיקורעאניזם מיטן יאגן זיך נאך קערפערלעכע פארגעניגנס; פארגעניגנס וואס שטעלן צופרידן די נידעריקע געפילן און מיט צעלאזנקייט. דער אמת איז אבער, אז עפיקורס פארגעשריטענע און פראגרעסיווע לערע פאר זיין צייט, האט נישט געהאט קיין שום געמיינשאפטלעכס מיט יענע רכילותן, פארלוימדונגען און אויסטראכטענישן אין וועלכע מ'האט אים באשולדיקט.

## 7.

זיין לערע וועגן דער געזעלשאפט, האט עפיקור ארויסגעפירט אויס אן עטיק, געבויט אויף אינדיווידואליסטישע יסודות. די געזעלשאפט איז, לויט עפיקורן, די טאטאלקייט, דער סך־הכל פון די יחידים. איטלעכער איינער יחיד, אריינטרעטנדיק אין איר אין הסכם מיט איינער און דער זעלבער שטרעבונג, די שטרעבונג צו צופרידנקייט, — דארף דורך זיינע מעשים, טואונגען זיך אויפפירן אזוי, אז זיי, די טואונגען זיינע, זאלן נישט גיין להיפוך

צו די אינטערעסן פון דער געזעלשאַפט ווי אַ גאַנצע, וואָרום גוטע מידות געפינען זיך אין אַן אומצערייסבאַרער פאַרבינדונג מיט אַ צופרידן און איינגענעם לעבן.

דער פּרינציפּ פון צופרידנקייט דיקטירט דעם מענטשן גערעכטיקייט, וואָרום נישט נאָר האָט ער מורא פאַר די געטער און פאַרן טויט, נאָר אויך פאַר אַנדערע מענטשן, וואָס פאַרשאַפן אים אָפט אומרואיקייט, זאָרגן, אַן אויפגערודערט געמיט. כדי אָט דאָס צו באַזייטיקן, מאַכן מענטשן צווישן זיך אָפּ נישט צו שעדיקן איינער דעם אַנדערן. אויפצוהיטן אָט די האַרמאָנישקייט צווישן זיך הייסט גערעכטיקייט; נישט אויפהיטן זי — איז אומגערעכטיקייט. גערעכטיקייט שטעלט זיך איין, לויט עפּיקורן, צווישן מענטשן, אָבער עקזיסטירט נישט אין זיך אַליין אין דער נאַטור. „נאַטירלעכע רעכט, — זאָגט עפּיקור, — איז אַן אָפּמאַך וועגן נוצן: נישט צו ברענגען און נישט פאַרשאַפן קיין שאָדן איינער דעם אַנדערן”.

אין זיין יוגנט־אַרבעט וועגן עפּיקורן, האָט מאַרקס אָנגעוויזן, אַז די עפּיקורעער זענען געווען די יעניקע, וואָס האָבן געשאַפן די טעאָריע וועגן „געזעלשאַפטלעכע אָפּמאַכן”, וועלכע האָט באַקומען אַ ברייטע פאַרשפּרייטונג מיט הונדערטער יאָרן שפּעטער צווישן די אידעאָלאָגן פון דער רעוואָלוציאָנערער בורזשואַזיע.

ביי לוקרעציוסן, דעם וויכטיקסטן אויסטייטשער פונעם עפּיקורעאַניזם אין רוים, געפינען מיר עפּיקורס פּינקטלעכע שטעלונג צו די פּראָבלעמען פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט. בכלל גענומען, באַשטייט די שטעלונג זיינע אין קורצן אין אָט דעם: עפּיקור האָט געגלייבט, אַז גאָר־גאָר אַמאָל איז די מענטשלעכע געזעלשאַפט געווען פאַרבונדן צווישן זיך דורכן באַנד פון פריינטשאַפט אָדער ליבשאַפט, און אַז אָט דאָס איז טאַקע געווען ווי ס'באַדאַרף צו זיין. איצט אָבער איז פריינטשאַפט צעשטערט געוואָרן און פאַרביטן געוואָרן דורך לעגאַליסטישער גערעכטיקייט, וועלכעס איז אַן אָרימער סובסטיטוט פאַר דעם. דער פריינטשאַפט־סיסטעם האָט כאַראַקטעריזירט אַ פּשוטע און מער עגאַליטערע, אויסגעגלייכטע שטופע אין דער געזעלשאַפט. מיטן וואוקס אָבער פון עשירות איז אָט דאָס אַלץ צעבראָכן געוואָרן, און האָט פאַרשוועכט פערזענלעכע אייגנשאַפטן, האָט פּראָדוצירט פּריוואַט־אייגנטום און געפירט צו מלחמות. אָט דאָס זענען געווען די אויספירן וואָס לוקרעציוס האָט געמאַכט בנוגע עפּיקורס שטעלונג צו דער געזעלשאַפט, אין זיין פריער־דערמאָנטן ווערק „וועגן דער נאַטור פון זאַכן”, די איינציקע עקספּאָזיציע אויף אַ גרויסן פאַרנעם, פונעם עפּיקורעאישן פילאָזאָפישן סיסטעם, וואָס איז אויפגעהיטן געוואָרן ביז היינט.

איטלעך איינער וואָס האָט אין יענער צייט זיך אָנגעשלאָסן אין אַן עפּיקורעער געזעלשאַפט האָט באַדאַרפט אָפּגעבן אָט אַזאַ דערקלערונג: „איך זאָג צו אויסצופאָלגן עפּיקורן אין הסכם מיט וועלכן איך האָב אויסגעוויילט

צו לעבן״. מיטגלידשאַפט אין אַן עפּיקורעער געזעלשאַפט, איז געווען אַן אַקט פון פרייען ווילן; געבונדן מיט אַט דער געזעלשאַפט האָט אים דער עיקר זייער לעבנסשטייגער; און אויך וויפיל מ׳ווייסט איז אַט דער לעבנסשטייגער געווען באַקאַנט ווי פריינטשאַפט. אויסצוקלויבן דעם וועג פון פריינטשאַפט האָט געמיינט פון דאָס ניי געבוירן צו ווערן צו אַ ניי לעבן. „פריינטשאַפט, — זאָגט עפּיקור אין איינעם פון זיינע אויפגעהיטע פראַגמענטן, — גייט אַרום טאַנצנדיק אַרום דער וועלט פון מענטשן, אָנ־ באַטנדיק אונדז צו אויפוואַכן צו אַ לעבן פון נחת־רוח״. איז אַט דאָס גע־ ווען דער פּאָזיטיווער אַספּעקט פון אַט דעם אויסוואַל. די נעגאַטיווע זייט דערפון איז געווען דאָס צוריקציען זיך, אויך וויפיל נאָר מעגלעך, פונעם לעבן פון דער מדינה. אַט דאָס איז פאַר זיי געווען נויטווענדיק איבער דעם וואָס זיי האָבן געהאַלטן, אַז דער שטאַט איז אַ גרויסער צעשטערער פון פריינטשאַפט. די עפּיקורעער האָבן, ווי שוין געזאָגט, געהאַלטן, אַז אַמאָל־ אַמאָל, פריער פאַרן אויפקום פון דער פּאָליטישער געזעלשאַפט, איז צווישן מענטשן געווען פריינטשאַפט, און אַז זי ווערט דורכן שטאַט צעשטערט.

8.

בנוגע דער עפּיקורעער עטיק דאַרפן צוויי פונקטן ספּעציעל גענומען ווערן אין באַטראַכט. פונקט איינס — זייער אָפּט האָט מען די עפּיקורעער באַ־ שולדיקט, אַז זייערע אַרויסזאָגונגען וועגן גערעכטיקייט, זענען געווען נישט גאָר צופרידנשטעלנדיק. אין אַ פּאָליטישער געזעלשאַפט איז אָנגענומען, אַז גערעכטיקייט איז אַ פונדאַמענטאַלע טוגנד, אַ גוטע מידה. פאַר די עפּיקורעער אָבער, וועלכע האָבן אָפּגעוואָרפן די פּאָליטישע געזעלשאַפט ווי אַ רעזשים פון מאַכט, וואָס זיין ציל איז אויפצוהיטן אַ געזעלשאַפט געבויט אויף קאָנקורענץ פון איין מענטש מיטן אַנדערן, כדי זי זאָל זיך נישט אויפ־ לייזן אין אַן אַנאַרכיע, קאָן דעריבער זייער גערעכטיקייט נישט זיין קיין העכסטע טוגנד, קיין גוטע מידה. פאַר די עפּיקורעער איז די העכסטע טוגנד געווען פריינטשאַפט.

דער צווייטער פונקט פון עפּיקורס עטיק האָט צו טון, ווי געזאָגט שוין, מיט זיין לערע וועגן פאַרגעניגן, אַ לערע וועלכע מ׳האָט אין מיינסטע פאַלן אויסגעטייטשט פאַלש. אמת, היינטצייטיקע קריטיקער פונעם עפּיקורעאַ־ ניזם מאַכן נישט מער דעם דאָזיקן טעות, באַשולדיקן נישט מער די עפּי־ קורעער אין אידענטיפיצירן זינלעכע, קערפּערלעכע פאַרגעניגנס מיטן ס ו מ ו ם ב אָ נ ו ם [העכסטן גוטס], אָבער מ׳האַלט אַלץ נאָך אין באַ־ שולדיקן זיי אין דעם, אַז דאָס זוכן פאַרגעניגן האָבן זיי געמאַכט פאַרן העכסטן ציל אין לעבן. איז אַט דאָס בפירוש נישט ריכטיק. וואָס זיי, די עפּיקורעער, האָבן אויפגעוויזן איז געווען, אַז איטלעך איינער ביאָלאָגישער

אָרגאַניזם ווערט אינעם אויסוואַל פון זיינע טואונגען געפירט דורך די געפילן פון פאַרגעניגן און שמערץ. דער מענטש איז אָבער מערער ווי אַ ביאָלאָגישער אָרגאַניזם בלויז. ער איז אַ סאָציאַלע בריאה, וועלכע קומט־צו צו זיין אמתער נאַטור, בלויז דורכן פאַרבינדן זיך אין פריינטשאַפט מיט אַנדערע מענטשן. און לויטן עפּיקורעאישן באַנעם האָט דאָס עקזיסטירט אין דער פריערדיקער קלאַסנלאָזער געזעלשאַפט, וועלכע האָט עקזיסטירט פאַרן אויפקום פונעם שטאַט, פון דער מלוכה. צוריק אויפשטעלן אַ לעבן פון פריינטשאַפט, האָבן זיי געזאָגט, איז נאָר מעגלעך אינעווייניק אין דער עפּיקורעאישער געזעלשאַפט. די עפּיקורעער האָבן דעריבער געלערנט זיך צו באַגנוגענען מיט אַן עקסטרעם איינפאַך לעבן.

דאַרף דאָ קלאָר ווערן, אַז דער עפּיקורעאַניזם איז אויפגעקומען אין אַ באַשטימטן היסטאָרישן קאָנטעקסט, ווי אַ באַוועגונג וועלכע האָט געזוכט, דורך דער גרינדונג פון אַ פרייוויליקער געמיינשאַפט, בייצוקומען די שלעכטסקייטן פון אַ קלאַסן־געזעלשאַפט. אין זייער פּאָלעמיק אַנטקעגן דעם שטאַט, וואָס האָט זיך געשטיצט אויף די מיטאָסן און וועלכער איז דערהויבן געוואָרן דורך פלאַטאָן און אַנדערע, כדי אים, דעם שטאַט אויפצוהיטן, האָבן די עפּיקורעער אויסגענוצט דאָס בעסטע אין דער וויסנשאַפט פון זייער צייט. זיי האָבן אַנטוויקלט דעמאָקריטס אַטאָמיזם און געפירט ווייטער פאָראויס די וויסנשאַפטלעכע פאַרשטענדעניש פון דער נאַטור און געזעלשאַפט. בקיצור, ווי מיר זעען עס דאָ, איז דער תוך פון דער עפּיקורעאישער פילאָזאָפיע באַשטאַנען דער עיקר פון אַ ראַציאָנעלן, שכלדיקן לעבנס־שטייגער, באַגרינדעט אויף דעמאָקריטס אַטאָמישער פילאָזאָפיע.

איז אָט דאָס אַלץ געווען טאַקע אַ גלאָררייכע דערגרייכונג. אָבער ווי ס'ווייזט אָן דער באַוואוסטער ענגלישער מאַרקסיסט, פּראָפעסאָר בענדזשאַמין פאַררינגטאָן אין זיינער אַן אַרבעט וועגן עפּיקורעאַניזם, האָט זייער לערע קעגן אַן אָרגאַניזירטער געזעלשאַפט געהאַט אין זיך אויך אַן עלעמענט פון רעאַקציע. זיי האָבן געגלייבט אינעם צוריקגיין אַזוי ווייט ווי נאָר מעגלעך צו יענער געזעלשאַפטלעכער פאָרם, וועלכע איז באַזייטיקט געוואָרן דורך דער אָרגאַניזירטער מלוכה, און האָבן אָנערקענט, אַז כדי אָט דאָס צו דערגרייכן וועט זיין נייטיק אויפצוגעבן אַ סך פון די געווינסן פון דער ציוויליזאַציע, אַ סך פון דער אָנגעווענדטער וויסנשאַפט, פון דער טעכנאָלאָגיע, הייסט עס. דעריבער, טענהט ער, איז הגם מיר שאַצן הויך אָפּ זייער קאַמף קעגן אַבערגלויבן און מלחמה, האָט אָבער פון דער צווייטער זייט זייער אונטערשאַצן אַ סך פון די געווינסן פון דער ציוויליזאַציע, דעם מענטשנס זיג איבער דער נאַטור, ווי למשל, די אַנטוויקלונג פון דער נאַוויגאַציע, ווי

בכלל זייער אַבסאָלוטן אָפּוואַרפן יעדן פּאָליטישן עקספּערימענט, געהאַט אין זיך אַן עלעמענט פון רעאַקציע, נישט געקוקט דערויף, וואָס בכלל גע־נומען זענען זייערע פּאַרדינסטן געווען גרויסע.

● ● ●

דער לעצטער סך־הכל — אין די באַדינגונגען פון יענער עפּאָכע, אונטערן שקלאַפן־אייגנטימערישן סאָציאַלן סדר, איז דער עפּיקורעאַניזם געווען אַ פּאָרגעשריטענע אידעאָלאָגישע שטרעמונג, ענג־צונויפגעבונדן מיט דער אַנטוויקלונג פון דער וויסנשאַפט און קעמפנדיק קעגן יעדן סאָרט אַב־סקוראַנטיזם.

# דר. חיים זשיטלאָווסקי — אונדזער גרויסער לערער

## עטלעכע שטריכן צו זיין פּערזענלעכקייט — צו זיין הונדערסטן געבוירנטאָג



דר. חיים זשיטלאָווסקי

ס'איז געוואָרן הונדערט יאָר זינט חיים זשיטלאָווסקי איז געבוירן געוואָרן (1865-1965). איז איצט אויך געוואָרן 23 יאָר ווען דער אומפּאַרגעסלעכער דר. חיים זשיטלאָווסקי האָט אויסגעהויכט זיין לעצטן אָטעם. דאָנערשטיק, מאי 6, 1943, ווייט פון דער היים, האָט זיין לעבן זיך פּלוצים אויסגעלאָשן אינעם ווייטן מערב־קאַנאַדישן שטעטל. קאַלגאַרי, אין מיטן פון זיין לעצטן לעקציע־טור.

אַ טייל פאַרעפנטלעכט אין „זאַמלונגען", פערטליאָר־שריפט, נומער 36, ווינטער, 1966, ניו־יאָרק.

אנהייבנדיק מיט זיין דראַמאַטישן איבערבראָך צו 17 יאָר, ווען ער איז פון יעפּים אַריבער צו חיים, און אַט אַזוי ביזן לעצטן מאָמענט פון זיין לעבן איז ער ווי אַ זעלנער אויף זיין פּאָסטן געפאַלן פאַר אַט די דריי עיקרים זיינע:

1. די נאַציאָנאַלע אויפלעבונג פון יידישן פאָלק אין זיין שפּראַך—יידיש; 2. די פּראָדוקטיוויזירונג פון די יידישע מאַסן; 3. סאָציאַליזם אין אונד־זערע טעג.

טויכט איצט אויף אין דער געדעכעניש יענער קלאָרער מאַיאָווער פרי־מאָרגן, 1943, ווען מ'איז זיך צונויפגעקומען צו באַגלייטן דעם גרויסן נפטר אהין פון וואַנעט קיינער קומט מער נישט צוריק. אַ פּאָר טויזנט תלמידים און פאַרערער זיינע האָבן אין יענעם וואָכעדיקן ניו־יאָרקער פרימאָרגן גע־וואָרפן די אַרבעט און פון אַלע עקן שטאָט געצויגן פאַראַבלעטע צום מאַנהעטן צענטער, צוטיילן דעם לעצטן כבוד זייער באַליבטן, אומפאַרבייטלעכן לערער חיים זשיטלאָווסקי ז״ל, יענעם וואָס האָט פאַר אַ משך פון יאָרן געגעבן זייער לעבן אַ זין.

געדענקט זיך אויך — דער שטאַלטנער שלום אַש אין זיין גאַנצער הייך, שטייט אַ טיף־געבויגענער ביים אָרון מיטן נפטר און אין אַ געדעמפּט קול קרעכצט ער אַרויס: „אַ תנא, אַ גרויסער תנא איז ביי אונדז אַוועקגע־נומען געוואָרן . . . ״ האָט ער מיט אַט דעם אַריינפיר צו זיין הספד, וועל־כער האָט זיך טיף איינגעקריצט אין זכרון און געמיט, געשטעלט דעם טאָן פאַר די רעשט הספדים.

געטרויערט אויף זיין טויט האָט מען אין אַלע תפוצות. ווען דאָ, בכן, כדאי זיין זיך אָפּצושטעלן אויף איין אַזאַ טרויער־פאַרזאַמלונג. דעם 18טן מאַי לייענען מיר אין דער יידישער פּרעסע דעם דאָזיקן קעיבל פון מאָסקווע:

„מאָסקווע, מאַי 17, 1943. — דער יידישער אַנטי־פאַשיסטישער קאָמי־טעט אין סאָוועטן־פאַרבאַנד און די יידישע שרייבער־אָרגאַניזאַציע אין מאָסקווע האָבן איינגעאָרדנט אַ גרויסן זשיטלאָווסקי אָנדענק־אָוונט דעם 14טן מאַי.

„אינעם גרויסן זאַל פונעם שרייבער־קלוב זענען צום אָוונט געקומען די יידישע שרייבער, די מיטגלידער פונעם אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט, יידי־שע קינסטלער, קולטור־טוער און אַרבעטער. צווישן עולם האָט מען אויך געזען יידישע רויט־אַרמייער און קאָמאַנדירן. אויסער דעם האָט מען גרינג געקאָנט דערקענען אַ צאָל געוועזענע רויט־אַרמייער און קאָמאַנדירן, כאָטש זיי זענען געווען אָנגעטון אין ציווילע קליידער. זיי האָבן אויפן רעכטן לאַץ געהאַט וואונד־שטרייפן, וואָס האָבן דערציילט וועגן הייסע שלאַכטן, ערנסטע וואונדן און ליידן . . . צו זייער קאַמף, דעם קאַמף פון דער רויטער אַרמיי און סאָוועטישן פאָלק, האָט חיים זשיטלאָווסקי געווידמעט אַ סך פון זיינע כוחות, באַזונדערס אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן.

„מיט רעדעס זענען אַרויסגעטראָטן: פּראָפעסאָר י. נוסינאָוו, ל. קוויט־קאָ, נ. אויסלענדער און פּרץ מאַרקיש".

סימבאָליש איז געווען דאָס וואָס זיין לעבן האָט זיך פאַרענדיקט פונקט דעמאָלט ווען היטלער, ימח שמו, האָט געטריבן מיליאָנען אומגליקלעכע שוועסטער און ברידער אונדזערע צום טויט אין די קאַלך־אויוונס און גאַז־קאַמערן.

צווישן דער מאַסע מיטגעפיל־אויסדרוקן וואָס זיין פאַמיליע האָט אַריינ־באַקומען, וועט דאָ אויך כדאי זיין צו ברענגען אָט דעם איינציקן טרויער־אויסדרוק — פון דר. חיים ווייצמאַן, דעם שפּעטערדיקן ערשטן פּרעזידענט פון דער ניי־אויפגעריכטער יידישער מדינה. אָט איז דער טעקסט פון זיין בריוו צו דער אלמנה:

„געשעצטע פרוי זשיטלאָווסקי:

„איך האָב זיך ערשט דערוואוסט, ביי מיין צוריקקער קיין ניו־יאָרק, וועגן דעם טויט פון אייער מאַן און איך וויל דאָ אויסדריקן מיין אויפריכטיקסטן מיטגעפיל.

„מיטן טויט פון דר. חיים זשיטלאָווסקי האָט די יידישע וועלט פאַרלוירן אַ גרויסן קעמפער פאַר אונדזער נאַציאָנאַלער באַפרייאונג, די וועלט אַ מור־טיקן רעוואָלוציאָנער, אַ ליכטיקן גייסט, אַ טיפן פילאָזאָף.

„ווי פאַרשידן אונדזערע אָנזיכטן זענען געווען פונאַנדערגעשיידט אַ סך יאָרן, האָט אָבער אונדזער פריינטשאַפט פון די סטודענטן־יאָרן אין בערן און זשענעווע אָנגעהאַלטן און געוואַקסן. זיין אָנדענק וועט געערט ווערן אומעטום וואו יידן לעבן און וועלן לעבן.

„זאָל זיין נשמה רוען אין פרידן.

„מיט דער טיפסטער סימפּאַטיע, אייער חיים ווייצמאַן".

פאַר יענע פון אונדז וואָס האָבן געהאַט די זכיה צו געניסן נישט נאָר פון חיים זשיטלאָווסקיס געשריבענעם, נאָר אויך פון זיין גערעדטן וואָרט, שטייט ער נאָך אַלץ פאַר די אויגן לעבעדיק און פריש, און ס'דאַכט זיך צו־מאָל אויס, אַז אויב נישט היינט, איז מאָרגן, וועט ער זיך פאַר אונדז ווידער באַווייזן מיט זיין הדרת פּנים און מילדן קלאָרן בליק און ווידער וועלן מיר געניסן פון אָט דעם לויטערן קוואַל, פון זיין טיפער חכמה; ער וועט פאַר אונדז אויפפּלאָנטערן יענע אַלע שווערע פּראָבלעמען, וועלכע מאַטערן אונדז היינט אַזוי שטאַרק.

קנאַפּע זעכציק יאָר האָט ער געדינט זיין פאָלק מיט זיין געניאַלער פען און מיט זיין פאַרלדיקן מויל — און אין ביידע צו זיך קיין גלייכן נישט געהאַט, און נישט געלאָזט נאָך זיך קיין יורש וואָס זאָל ראוי זיין צו פאַרנעמען זיין לויכטיק־געוואָרענע שטול. נישט נאָר אַ טיפער דענקער, סאָציאַליסטישער טעאָרעטיקער, הומאַניסט און אָריגינעלער פילאָזאָף איז ער געווען, נאָר אויך

און אַלזייטיקער עסעאיסט פאַר עקסעלאַנס, אַ בריליאַנטענער פובליציסט און אַ שאַרפזיניקער פּאָלעמיקער.

ווי איינער פון די געבילדעטסטע מענטשן אין זיין צייט — וועט דאָ נייטיק זיין גאַנץ בקיצור אַנצואווייזן כאָטש אויף צוויי מוסטערן פון זיינע ליטעראַריש־וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן:

1. זייענדיק פון די ערשטע געציילטע צו באַנעמען איינשטיינס געניאַלע רעלאַטיוויטעט־טעאָריע, פאַרעפנטלעכט ער אין יענער צייט, אויף יידיש נאַטירלעך, — הגם ער האָט עס געקאָנט אויך מאַכן אין רוסיש, דייטש, ענגליש אָדער פראַנצויזיש — אַ וויכטיק ווערק וועגן איינשטיינס רעלאַטיוויטעט־טעאָריע.

2. זיין געשיכטע פון פילאָזאָפיע, וואָס איז אַרויסגעוואַקסן אויס אַ סעריע פון צוואַנציק לעקציעס, אין ווינטער 1909־1910, אינעם קלינטאָן האָל, אין דער ניו־יאָרקער איסט־סייד, אונטערן נאָמען „די געשיכטלעכע אַנטוויקלונג פונעם פילאָזאָפישן געדאַנק". די דאָזיקע סעריע האָט אין יענער צייט צוגעצויגן אַ גרויסן עולם צוהערער, אין די הונדערטער אַר־בעטער און פאָלקס־אינטעליגענץ.

ס'איז געווען די צייט אָנהייב היינטיקן יאָרהונדערט, ווען אונדזער יידי־שע ליטעראַטור איז האַסטיק געגאַנגען באַרג־אַרויף, אַ צייט וועלכע ווערט באַצייכנט ווי דער רענעסאַנס פונעם געלייטערטן יידישן וואָרט. די גרויסע קלאַסיקער אונדזערע — מענדעלע, פּרץ, שלום עליכם — די דריי אָבות פון אונדזער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור, זענען געווען אין זייער פולן בלי. אָט אין יענער צייט וואַרפט פּרץ דעם לאָזונג: „בילדונג פאַר די ברייטע פאָלקס־מאַסן". דער געניסער פונעם יידישן וואָרט איז דעמאָלט יונג און פריש געווען, געדאַרשט נאָך וויסן, זיך נישט געשראָקן פאַר טעאָריע, פאַר אַ טיפן געדאַנק, פאַר אַ וויסנשאַפטלעך ווערק — כאַפּט ער אויף מיט התלהבות פּרצעס רוף צו בילדונג, צו וויסן.

אין אַ בריוו צו שלום עליכמען אַרום סוף פאַריקן יאָרהונדערט, שרייבט פּרץ:

„. . . אָנשטאָט וויסן, וויסנשאַפט, וואָס זענען ברויט, פלייש, וואַסער, קליידער און וואוינונג פאַרן מענטשנס נשמה — גיבן מיר אים [דעם יידיש־לייענער] בעלעטריסטישע נאַשערייען און אילוזיעס. אונדזער גאַנצע אַר־בעט איז גאָר נישט ווערט ביז מיר וועלן נישט באַרייכערן די ליטעראַטור מיט וויסנשאַפט־ביכער, כל־זמן זיי וועלן נישט קאָנען זעטיקן באמת זייערע נשמות מיט דער יידישער ליטעראַטור. כל־זמן זיי וועלן נישט געפינען אין דער ליטעראַטור דאָס אמתע וויסן, וועט די ליטעראַטור זיין אַן אומנוציק שפּילכל . . . אויב מיר פאַרלאַנגען פון פאָלק עס זאָל קענען זיין שפּראַך . . . דאַרפן מיר די שפּראַך צוגרייטן אַזוי, אַז זי זאָל באַפרידיקן אַלע באַ־דערפענישן פון דעם משכיל".

אין אָט יענער צייט נעמט זיך זשיטלאָווסקי אַדורכפֿירן פּרץ פּראָגראַם פֿאַר אַ וועלטלעכער, פּראָגרעסיווער קולטור אין יידיש, אויפֿן סאַמע גרינדלעכסטן אופֿן. איז בכן אָט דאָס ווערק זשיטלאָווסקיס וועגן דער אַנטוויקלונג פֿונעם פֿילאָזאָפֿישן געדאַנק, וואָס ער האָט דערלאַנגט דעמאָלט אין אונדזערע הענט, געקומען פּונקט אין דעם ריכטיקן מאָמענט.

אין דעם פֿאָרוואָרט צו אָט דעם ווערק זיינעם, דערקלערט דאָרטן זשיטלאָווסקי, אַז דאָס איז איינגנטלעך דער ערשטער טייל פֿון אַן אַלץ־אַרומנעמענדיקן גרעסערן ווערק, וואָס ער האָט בדעה אַרויסצוברענגען. אינעם ווייטערן טייל, ווי ער שרייבט דאָרטן, האָט ער געזאָלט מאַכן אַ פּרוּוו אויפֿצושטעלן די גרונט־פּרינציפּן פֿון אַ נייער באַגרינדונג פֿאַר דער פֿילאָזאָפֿיע.

מחמת רייִן־פּערזענלעכע סיבות מוז ער עס אָפּלייגן אויף שפּעטער. צום באַדויערן איז אים שוין מער נישט מעגלעך געווען זיך אומצוקערן צו אָט דער טעמע. די טעגלעכע זאָרג, די פּובליציסטישע אַרבעט זיינע אין דער פּרעסע, וואָס איז געווען דער איינציקער קוואַל פֿון זיין חיונה — האָט אונדז אַזוי נאָך באַרויבט פֿון אַ גרויס אָריגינעל ווערק. און איז עס דען דאָס איינציקע ווערק? ער האָט, צו אונדזער גרויסן שאָדן, זיך געמוזט אָפּזאָגן פֿון נאָך און נאָך אַרבעטן פֿון גרויסן פֿאַרנעם. די טעגלעכע אַרבעט האָט פּשוט צעדרויבלט זיינע געניאַלע כוחות.

דאָך אָבער, האָט זשיטלאָווסקי מיט יענע צוויי פֿריער־דערמאָנטע גרעסערע ווערק זיינע, ווי אויך מיט דער מאַסע אַנדערע פֿילאָזאָפֿיש־וויסנשאַפֿטלעכע אַרבעטן, קלענערע און גרעסערע, פֿון דער רייכער ירושה וואָס ער האָט אונדז געלאָזט, ווי אויך מיט זיינע עסייען אויף ליטעראַרישע טעמעס, וואָס זענען מייסטערווערק פֿון סטיל און אַן אוצר פֿון קענטעניש און הויכער אינטעלעקטועלער קראַפֿט, פֿאַראייניקט מיט אַ פֿאַרשידנאַרטיקייט פֿון אינטערעסן און סימפּאַטיעס, אַוועקגעשטעלט אונדזער יידיש לשון און ליטעראַטור אויף די פֿעדערשטע פּאָזיציעס צווישן די קולטור־שפּראַכן אין דער וועלט.

אמתע ווירטואָזיטעט אָבער ווייזט ער אַרויס אינעם גערעדטן וואָרט. דאָ האָט ער צו זיך קיין גלייכן נישט געהאַט. דער איינציקער וואָס קומט אויפֿן געדאַנק איז פּרץ. אין זשיטלאָווסקיס מויל האָט זיך דאָס יידישע וואָרט פֿאַרוואַנדלט אין אַ כּישופֿדיקן אינסטרומענט, אויף וועלכן ער האָט געשפּילט ווי קיינער נישט פֿאַר אים. איז געווען אַ יום־טוב צו זען און הערן אים פֿון דער טריבונע — נאָך גרעסער איז געווען דער יום־טוב פֿאַר יענע פֿון זיין דור וועלכע זענען געקומען אין נאָענטן קאָנטאַקט מיט אָט דער מאַגנעטישער פּערזענלעכקייט, יענע וועלכע האָבן געהאַט דאָס גליק צו וואַרעמען זיך אין זיין זון.

לאָמיר אויך נישט פֿאַרגעסן זיין ראָל ווי דער גרויסער פֿירער, וועלכער

האָט געהאַט אַ האַנט אין יעדער פּראָגרעסיוועער באַוועגונג ביי אונדז פאַר העכער אַ האַלבן יאָרהונדערט. אַ קעמפער פאַר „סאָציאַליזם אין אונדזערע טעג" — אַ באַליבט ווערטל זיינס, אַ וועגווייזער צו אַ חשובער מענטשלעכער עקזיסטענץ פאַר אונדזער פאָלק.

די עטלעכע און פופציק יאָר פון זיין רייך, שעפעריש לעבן, די טראַגישסטע יאָרן אין אונדזער געשיכטע, האָט אָט דער באַליבטער זון פון זיין פאָלק אין גאַנצן געווידמעט צו דער סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער אויפריכטונג פונעם יידישן פאָלק און צו דער דערהייבונג און חשיבות פון זיין קולטור אין יידיש.

מיט אַרום זיבעציק יאָר צוריק, אין 1899, פאַרעפנטלעכט דער יונגער, 34־יעריקער היים זשיטלאָווסקי (אונטערן פּסעוודאָנים בן־אהוד), אַ גרעסערע אַרבעט זיינע, „ציוניזמוס און סאָציאַליזמוס", אינעם בונדישן אָרגאַן „אידישער אַרבעטער", וואָס האָט זיך געדרוקט אין דער שווייץ. לייענען מיר דאָרטן: „. . . ווי יידן האָפן מיר — ערשטנס, אַז די יידישע פאָלקסליטעראַטור, וואָס דער יונגער יידישער דור האָט שוין אין דער לעצטער צייט באַשאַפן פאַר דעם יידישן פאָלק, וועט אַלץ וואַקסן און וואַקסן, וועט אַלץ צוציען מער טאַלאַנטן צו זיך און וועט זיך דערשלאָגן צו אַזאַ מדרגה, אויף וועלכער עס שטייען די שענסטע אייראָפּעאישע ליטעראַטורן . . . "
און ווייטער שרייבט ער, אַז „. . . ווי נאָר די יידישע ליטעראַטור וועט ווערן רייך אין ביכער פון אַלערליי וויסנשאַפטן, וועט דער יונגער דור נישט דאַרפן זוכן די ערשטע נייטיקע קענטעניש ביי די פרעמדע פעלקער . . . "

ווען זשיטלאָווסקי איז געקומען אין די פאַראייניקטע שטאַטן, אַ יאָר פערציק פאַר זיין פּטירה, איז ער שוין געווען באַוואוּסט מיט גרויס וויסן. שוין געווען אַן אַלזייטיק געבילדעטער מאַן, בפרט אין דער פילאָזאָפיע. האָט מען דאָך אים שוין דעמאָלט, נאָך אַ גאָר יונגער מענטש, פאַר זיין קומען אַהער צו אונדז, פאָרגעלייגט אַ קאַטעדרע פאַר פילאָזאָפיע אין אַ שווייצאַרישן אוניווערזיטעט, בתנאי אָבער, ער זאָל איבעררייסן זיין סאָציאַליסטישע און רעוואָלוציאָנערע אַקטיוויטעט. איז ער אָבער אויף דעם נישט איינגעגאַנגען. אָנשטאָט צו ווערן פילאָזאָפיע פּראָפעסאָר האָט ער ליבערשט אויסגעוויילט צו פאַרשפּרייטן וויסן צווישן פאָלק — צו גיין אין פאָלק, ווי ס'האָט דעמאָלט געהייסן. גיין אָבער אין ז י י ן פאָלק און פאַרשפּרייטן וויסן אין ז י י ן שפּראַך — די שפּראַך פון זיין פאָלק. ווערן דער גרויסער לערער ביי די מאַסן פון זיין פאָלק. ס'איז געווען זיינער דער גרויסער אויפטו צו רעדן צום ערשטן מאָל וועגן די סאַמע קאָמפּליצירטסטע ענינים, אין אַלע פעלדער פון וויסן, אין יידיש, פאַר אַן אוידיטאָריע פון יידישע אַרבעטער און פּשוטע מענטשן, שאַפן אַ פילאָזאָפישע טערמינאָלאָגיע אין יידיש, און אַזוי לויטער מסביר זיין דעם שווערסטן ענין, אַז אַ ליכט איז אויפגעגאַנגען אין זייערע מוחות. זיי דערהייבן צו די העכסטע רעגיאָנען

פון מענטשלעכן וויסן. האָט אים אויך דאָ אָן שום ספק אַרויסגעהאָלפן זיין מאַגנעטישע פּערזענלעכקייט.

ס'האָט אָבער אָט דער גרויסער לערער אונדזערער קיינמאָל זיך נישט באַנוגנט מיט זיינע פיל־פאַרצווייגטע קענטענישן — שוין געווען גענוג געלערנט, ער קען שוין תורה כולה. ער האָט קיינמאָל נישט אויפגעהערט אַליין צו לערנען און לערנען אַנדערע — ללמוד וללמד. נישט געקאָנט לעשן זיין דאָרשט נאָך וויסן און נאָך מער וויסן. זיך קיינמאָל נישט געקאָנט אָנזעטיקן. באַגלייך מיטן גרויסן פילאָזאָף שפּינאָזע, האָט ער געהאַלטן, אַז:

„בלויז אין וויסן ליגט מאַכט און פרייהייט, דעם מענטשנס גליק ליגט אין זיין שטרעבן נאָך וויסן און אין דער פרייד פון פאַרשטיין". (שפּינאָזע אין דער „עטיק".)

געוואָרן אַ טענדענץ ביי אונדז לעצטנס צו שרעקן זיך פאַרן וואָרט פילאָזאָפיע. מי יודע וואָס דאָס איז. „נישט פאַר אונדז" — הערט מען לעצטנס גאַנץ אָפט. ס'האָט שוין דר. זשיטלאָווסקי אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן אויסגעדריקט גרויס זאָרג איבער דער טענדענץ צו דער איינשמעלערונג און איינזייטיקייט אין אונדזער יידיש־ליטעראַטור.

איז דער אמת, אַז גאָר־גאָר אַמאָל, איז פילאָזאָפיע געווען טאַקע אַן עניז פאַר יחידי סגולה — באַשטימט פאַר אַ פילאָזאָפישער אַריסטאָקראַטיע בלויז, עפּעס אַ מין סתרי תורה פאַר אַן אינטעלעקטועלער מינאָריטעט.

פּלאַטאָ, למשל, אין זיין „רעפּובליק" זאָגט דאָרטן בפירוש, אַז דעם פילאָזאָפישן אמת דאַרף מען לערנען מיט די פּריווילעגירטע בלויז, מיט די אַזוי־גערופענע „אַפּיטראָפּסים" איבער דער געזעלשאַפט. פאַרן ברייטן עולם, האָט ער זיך גאַנץ שיין נישט געשעמט צו עצהן, וועט גענוג זיין ווען מ'וועט אים קאָרמען מיט עפּעס אַן איינגענעמען ליגן.

דער אמת איז אָבער, אַז ווען פילאָזאָפיע קאָן מען זאָגן: כי לא בשמים היא — אַז זי איז נישט אין די הימלען, נאָר גאַנץ פּשוט און פּראָסט אויף דער האַרטער ערד.

וואָרום ווי אַבסטראַקט טייל פילאָזאָפישע שפּעקולאַציעס זאָלן נישט אויסקוקן — זענען ביז היינט אַלע פילאָזאָפישע סיסטעמען געווען נישט מער און נישט ווינציקער ווי נאָר די פאַרשידענע אופנים דורך וועלכע מענטשן האָבן רעאַגירט אויף דער וועלט, ד"ה, אויף דער נאַטור און דער געזעלשאַפט אין וועלכער זיי לעבן. היינט, נאָך מער ווי אין אַלע פריערדיקע צייטן, קומט פאַר אַ צוזאַמענשטויס צווישן די פאַרשידענע פילאָזאָפישע טעאָריעס, אַדער ווי מ'רופט זיי אָפט, אידעאָלאָגיעס. רעאַקציאָנערן און פּראָגרעסיווע, קאַפּיטאַליסטן און קלאַסן־באַוואוסטזיניקע אַרבעטער גלייבן יעדער אין פונקט פאַרקערטע טעאָריעס וועגן דער נאַטור און וועגן דעם לעבן פון עם מענטש.

איז דערפון פאַרשטענדלעך, אַז יעדע פילאָזאָפיע האָט אָפּגעשפּיגלט די

באַציאונגען צווישן די קלאַסן אין די היסטאָרישע פאָרמאַציעס, אין דער אַנטוויקלונג פון דער מענטשהייט. אין דער אַנטיקער צייט האָט די פילאָזאָפיע אָפּגעשפּיגלט די באַציאונגען צווישן שקלאַף און זיין האַר. אינעם מיטלאַלטער — די באַציאונגען צווישן הערשנדיקן פעאָדאַלן קלאַס און דעם אונטערדריקטן בירגערלעכן קלאַס. יעדער פילאָזאָף, בכן, ווי ער זאָל נישט זוכן דורך כּלערליי דריידלעך, מיט הויכע ווערטער און געדאַנקען, צו פאַרהילן דעם אמתן מיין פון זיין פילאָזאָפישן סיסטעם, דריקט ער אין זיין פילאָזאָפיע אוים נישט עפּעס אַנדערש, ווי נאָר דעם שטאַנדפּונקט און אינטערעסן פון יענעם קלאַס פון וועמענס האַנט ער עסט.

דר. חיים זשיטלאָווסקי האָט, ווי אַ פילאָזאָף און הומאַניסט, אין זיינע שריפטן אויסגעדריקט דעם שטאַנדפּונקט און אינטערעסן פון דער אַרבעטנדיקער מענטשהייט. וועט דעריבער אין פאַרבינדונג דערמיט דאָ זיין אין פּלאַץ צו ציטירן עטלעכע שורות פון זיינער אַן אַרבעט מיטן נאָמען, „אינדיווידועלע מאָראַל און סאָציאַלע עטיק":

„. . . די אינדיווידועלע מאָראַל איז אַן אויפגאַבע פאַר יעדן אינדיווידואום, פאַר יעדן מענטשלעכן יחיד. און לאָמיר זיך נישט נאַרן, עס איז נישט נאָר אַן אויפגאַבע. עס איז אויך אָפטמאָל אַ נסיון, אַ שווערער עקזאַמען, וואָס נישט אַלע קאָנען איצט אויסהאַלטן.

„און פאַרוואָס איז דאָס אַזאַ שווערע אויפגאַבע? אָט גראַד דערפאַר, וואָס זי ווערט געשטעלט אין די גרענעצן פון אַ געזעלשאַפט, וואָס איז געבויט אויף דעם אוממאָראַלישסטן, אוממענטשלעכסטן פּרינציפּ פון פאַרקויפן די אייגענע אַרבעטס־קראַפט צוליב דעם פּריוואַטן פּראָפיט פון די וואָס קויפן זי . . .

„על כּל פּנים דאַרף יעדן סאָציאַליסט זיין קלאָר ווי דער טאָג, אַז די אַלגעמיין־מענטשלעכע אינדיווידועלע מאָראַל, וואָס זאָל טאַקע אין דער אמתן זיך פונאַנדערבליען אין אַלעמענס הערצער און מוחות — קאָן נאָר דעמאָלט זיך באמת פונאַנדערבליען, ווען עס וועלן פאַרווירקלעכט ווערן די סאָציאַליסטישע פאָדערונגען פון דער סאָציאַלער עטיק: אין דער ערשטער ליניע, ווען עס וועט אָפּגעשאַפט ווערן דער קויף־און־פאַרקויף פון מענטשלעכער אַרבעט צוליב דעם פּריוואַטן פּראָפיט פון די קאַפּיטאַליסטן".*

ווי אַ סאָציאַליסט און רעוואָלוציאָנער האָט זשיטלאָווסקי מיט זיין גאַנצן בענטשטער פון „געקעמפט אַנטקעגן אַלץ וואָס שטייט אין וועג דער מענטשהייט צו אַ גליקלעכן און חשובן לעבן אויף דער וועלט, און אַנטקעגן אַלץ וואָס שטייט אין וועג דעם יידישן פאָלק צו אַ גליקלעכן פרייען לעבן". (די דאָזיקע ציטאַטע איז גענומען געוואָרן ביי זשיטלאָווסקין.)

***) אַלע ווערק פון דר. חיים זשיטלאָווסקי, באַנד צוויי, „דער זין פון מענטשלעכן לעבן", ז. 291. פאַרלאַג איקוף, ניו־יאָרק, 1945.**

ווי אַן אויסגעהאַלטענער סאָציאַליסט, מוז ער סוף כּל סוף איינזען, אַז די סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע אין רוסלאַנד אין 1917, האָט פונדאַמענטאַל איבערגעאַנדערשט די געשיכטע פון דער מענטשהייט, האָט ענדלעך „אָפּגעשאַפט דעם קויף און פאַרקויף פון מענטשלעכער אַרבעט צוליב דעם פּריוואַטן פּראָפיט פון די קאַפּיטאַליסטן", אַז „סאָציאַליזם אין אונדזערע טעג", איז געזיכערט געוואָרן דורכן סאָציאַל־עקאָנאָמישן סיסטעם אינעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. דעם דאָזיקן צוגאַנג זיינעם צו דער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד האָט ער אויסגעדריקט מיט אָט די ווערטער: „שטעלן זיך אויף דער זייט פון דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע, ווייל פאַר דער מענטשלעכער געשיכטע איז זי די פאַרקערפּערונג פון סאָציאַליזם".

נו, נו, מער האָט אים נישט געפעלט! פאַר אונדז, עדות פון יענער וואַקכאַנאַליע, זענען נאָך פריש אין זכרון די באַליידיקונגען, דאָס מבֿזה זיין, די שפיכות־דמים, רדיפות עד חרמה, וואָס דער איידעלער מענטש איז זיך אויסגעשטאַנען אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן — נישט נאָר דורך די געשוואוירענע שונאים, נאָר אויך מצד זיינע כלומרשטע פריינט און פאַרערער. ס'איז געווען ממש אַ גערעאַנגל אויף לעבן און טויט, אַז דער מינדסטער איינזעעניש פאַר די גרויסע פאַרדינסטן זיינע פאַר אונדזער פאָלק און קולטור.

פאַרלירט ער אפשר זיין גלייכגעוויכט? שלאָגן זיי אים אַראָפּ פונעם וועג וועלכן ער האָט אויסגעווילט? ניין! נישט ער פאַלט ביי זיך אַראָפּ, נישט ער בייגט איין דעם קאָפּ.

ער בלייבט, נאַטירלעך, זיינע אָנפאַלער נישט שולדיק קיין ענטפער. פאַרשטעלט מען אים דעם וועג צו דער פרעסע — ענטפערט ער זיינע „קריטיקער" דורך אַ סעריע גלענצנדיקע בראָשורן, ווי נאָר ער האָט געקענט. מיט איבערמענטשלעכן געדולד, אָן רוגזה און אָן כעס — ווי שאַרף דער וויכטיק זאָל נישט געווען זיין, האַלט ער זיך אויך איצט, ווי תמיד, ביי שפּינאָזעס דיקטאָט: „נישט וויינען, נישט לאַכן, נאָר פאַרשטיין". זיינע כּלי־זיין — די שאַרפע שווערד פון זיין אייזערנער לאָגיק, טיפע חכמה און בנימוסדיקע מענטשלעכע רייד. (דאָך אָבער שפּירט זיך דאָס מאָל, דאַכט זיך דאָס ערשטע מאָל, אַ דערשטיקט עמאָציאָנעלער אונטערטאָן צווישן די שורות. צו טיף האָבן אים, אַפּנים, פאַרוואונדעט די פאַרסמטע פיילן זייערע).

זייענדיק באַקאַנט ווי אַ קעגנער פון דער מאַרקסיסטישער פילאָזאָפיע פון געשיכטע, פונעם היסטאָרישן מאַטעריאַליזם — איז דאָך באַרימט זיין דעבאַטע אין די יונגע יאָרן, אין דער שווייץ, מיטן אָנערקענטן מאַרקסיסטישן טעאָרעטיקער, פּלעכאַנאָוו, אַ דעבאַטע, וועלכע האָט זיך געצויגן וואָכן־לאַנג — האָט זשיטלאָווסקי אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן זיך געפונען אונטערן איינפלוס פון מאַרקסיזם.

ס׳איז דעריבער סימבאָליש דאָס, וואָס זיין לעצטע שריפטלעכע אַרבעט, עטלעכע טעג פאַר זיין פטירה, וועלכע איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין „טאָג״, ניו־יאָרק, מאַי 15, 1943, באַלד נאָך דער לוויה, איז געווען געווידמעט דעם 125סטן געבוירנטאָג פון קאַרל מאַרקס. אין אַ כמעט ביבלישן טאָן, פול מיט פּיעטעט פאַר מאַרקסן, הייבט זשיטלאָווסקי אָן זיין אַרטיקל מיט אָט די ווערטער:

„געווען אַ מאָן אין דייטשן לאַנד, קאַרל מאַרקס איז געווען זיין נאָמען. האָט אָט דער יידישער מאַן אָנגעשריבן אַ ספר: ׳דער קאָמוניסטישער מאַניפעסט׳. געהערט דאָס ספר צו יענע שריפטן, וואָס העלפן באַשטימען דעם גורל פון דער גאַנצער מענטשהייט.

„שוין באַלד הונדערט יאָר, ווי דאָס ספר האָט דערשיינט, טויזנטער און צען־טויזנטער מענטשן האָבן זיך געקוויקט מיט אים דורות און דורות. און מען קוויקט זיך מיט אים עד היום. הונדערטער און אפשר טויזנטער האָבן זיך געוואָרגן מיט אים, און אפשר ביי טויזנטער און צען־טויזנטער גייט אַדורך אַ שוידער איבערן לייב ווען עם ווערט דערמאָנט דער מחבר און זיין ספר.

„און גאָר גרויסע תלמידי חכמים לערנען מיט התמדה דעם ׳מאַניפעסט׳, כדי צו באַשטימען זיין באַדייט און זיין היסטאָרישע ראָלע און כדי אויסצוגעפינען זיין ווערט אויך פאַר איצטער און פאַר שפּעטער.

„די תלמידי חכמים באַטראַכטן דאָס ספר ווי דעם טעסטאַמענט, דעם ספר הברית פון אַ נייער שיטה, — דעם מאַרקסיזם. מען באַדאַרף עס אָבער באַטראַכטן ווי דעם משניות פון דער שיטה...״

און אַזוי ווייטער און ווייטער אין אָט דעם טאָן.

ווייזט דאָס אונדז, אַז נאָך דעם ווי ער האָט יאָרנלאַנג געקעמפט אידעאָלאָגיש קעגן דער מאַרקסיסטישער שיטה אינעם סאָציאַליזם, קעגן דעם היסטאָרישן און דיאַלעקטישן מאַטעריאַליזם, האָט ער ביים סוף פון זיין לעבן אָנערקענט די גראַנדיעזע ראָלע פונעם גרונטווערק, פונעם ׳קאָמוניסטישן מאַניפעסט׳, אויף וועלכן ס׳איז געבויט דער מאַרקסיזם, אָנערקענט דעם נצחון פון דער מאַרקסיסטישער אָקטאָבער־רעוואָלוציע אין רוסלאַנד.

• • •

דאַרף דאָ ביים סוף קלאָר ווערן, אַז אין אָט דער קורצער, העכסט־קאָנדענסירטער אָפּהאַנדלונג, איז קוים־קוים באַרירט געוואָרן דער גוואַלדיקער פּאַרנעם פון זשיטלאָווסקיס פּיליזייטיקע אַקטיוויטעטן אין אַלע ספערן פון אונדזער קולטור און לעבן, ווי אַ סאָציאַליסט, אויפקלערער, פילאָזאָף, וויסנשאַפטסמאַן, עסעאיסט, לעקטאָר און פירער אין אונדזער געזעלשאַפטלעכן לעבן אין משך פון קנאַפּע זעכציק יאָר — פאַרדינסטן וואָס זענען נאָך עד היום נישט געהעריג אָפּגעשאַצט געוואָרן. איז שוין כ׳לעבן די העכסטע צייט

פֿאַר אַן אויספֿירלעכער מאָנאָגראַפֿיע, וואָס זאָל אַרומנעמען פֿון אַלע זייטן דאָס רייכע, פֿרוכטבאַרע לעבן פֿון דער זשיטלאָווסקי פּערזענלעכקייט — איינער וואָס האָט געלייגט זיין חותם אויף דער עפּאָכע אין וועלכער ער האָט געלעבט און געווירקט. ווי אַן אויסערגעוויינלעך קאַליבּערפֿולער טיפּ מענטש, מיט אַזוינע דערפֿאַרונגען אין לעבן ווי זיינע, וואָלט דער פּענאָמען זשיטלאָווסקי געקאָנט דינען ווי אַ גאָלדענע טעמע פֿאַר אַ גרויסער נאָוועלע.

צום אויסלאָז — לאָמיר אַלע טייער האַלטן און זיך פֿאַרטיפֿן אין זיין רייכער גייסטיקער ירושה, וואָס ער האָט אונדז געלאָזט — אַ ירושה וואָס וועט לעבן און ווירקן אַזוי לאַנג, כּל זמן דאָס יידישע פֿאָלק און דאָס יידישע וואָרט וועט לעבן.

ניו־יאָרק, 1965.

# ווי אַזוי י. ל. פּרץ איז אין 1912 שיר אַריינגעפּירט געוואָרן אין אַ גרויסער צרה

**און ווי אַזוי ער איז ניצול געוואָרן פֿון דער געפֿאַר. — נאָך אַנדערע פּאַסירונגען מיט איבער אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק, וואָס זענען פֿאַרבונדן מיט אָט דעם עפּיזאָד.**

(אַ בלעטל זכרונות)



**י. ל. פּרץ (צייכענונג פֿון אוריאל בירנבוים, 1921)**

.1

55 יאָר ווערט דעם אַפּריל, ווי י. ל. פּרץ איז פֿון אונדז אַוועק אויף אייביק. דאַכט זיך, ס׳וואָלט ערשט נעכטן געווען, ווען ס׳האָט צו אונדז, אין ניו־יאָרק, חול־המועד פּסח, אַפּריל 3, 1915, אין סאַמע ברען פֿון דער

**פֿאַרעפֿנטלעכט אין „יידישע קולטור״, חודש־שריפֿט, מאַי און יוני, 1970, ניו־יאָרק.**

ערשטער וועלט־מלחמה, דערגרייכט די טרויעריקע בשורה, אז פּרץ איז נישטאָ מער.

דאָס איז געווען ער, וואָס האָט גערופן צו ליכט און בילדונג און צוגע־זאָגט אַ יום־טובדיק, שעפעריש לעבן. און זיין רוף איז מיט התלהבות אויפ־געכאַפּט געוואָרן דורך אונדזער יוגנט, אונדזערע טרוימער אין יענער איבערברוך־צייט. אַ פירער, קעמפער, אַ טרוימער — האָט ער פאַרמאָגט אַ גוואַלדיקע פעאיקייט צו וועקן ליבשאַפט און פאַרערונג צו זיך. יצחק לייבוש פּרץ, אונדזער גרויסער קלאַסיקער, הומאַניסט, האָט מיט זיך פּער־זאָניפיצירט דאָס סאַמע שענסטע אינעם היסטאָרישן פּוילישן יידנטום.

וועט דערביי דאָ כדאַי זיין אַרויסצובריינגען אַן אומבאַקאַנטן עפּיזאָד, וועלכער האָט אונדזער קלאַסיקער שיר נישט אַריינגעטריבן אין אַ גרוים אומגליק, פּונקט דריי יאָר פאַר זיין פּריצייטיקן טויט. דאָס איז דער שרייבער פון די שורות געווען דער יעניקער, וואָס האָט, אומגערן און נישט ווילנדיק, נאַטירלעך, פאַרקאַכט די קאַשע — אַן אַקט וואָס האָט ביי די ביטערע באַדינגונגען אונטערן צאַרישן רעזשים געקאָנט זיך אויסלאָזן זייער נישט פריילעך פאַרן פאַטער פון אונדזער מאָדערנער יידישער ליטע־ראַטור.

לאָמיר איצט גיין כסדר.

נאָכן רעוואָלוציאָנערן אויפברויז אין 1905־1906, טרעטן אין רוסלאַנד אַריין שווערע יאָרן. די רעאַקציע האָט געשטיקט און געוואָרגן. דער קאַמף קעגן דער צאַרישער דעספּאָטיע איז שטאַרק אָפּגעשוואַכט, קוים וואָס מ׳שפּירט דעם דופק. אַזוי גייען פאַרביי עטלעכע יאָר. אַרום 1911־1912 נעמט ווידער קומען צו זיך די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג. די אומלעגאַלע אַרבעטער־פאַרטייען נעמען אויפשטיין: תחית המתים. ס׳ווערט צוביסלעך לעבעדיק, ס׳נעמט ווידער זיך רודערן.

דעם רודער פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, וואָס די אינטעליגענץ האָט, מיט גאָר ווינציק אויסנאַמען, פאַרלאָזט אין די שווערע יאָרן פון דער רעאַק־ציע, האָבן די אַרבעטער אַליין איבערגענומען. אין די קורצע יאָרן פון דער רעוואָלוציע איז אויסגעוואַקסן אַ דור יונגע, אינטעליגענטע אַרבעטער. זיי ברענגען קרבנות, ווערן אָפט אַרעסטירט און קומען־אָפּ יאָרן אין די שווערע באַדינגונגען פון די צאַרישע תפיסות און אין פאַרשיקונג אין די ווייטסטע מקומות אין סיביר.

ווינטער 1911־1912. פון דער גרעסערער ס. ס. (סאָציאַליסטן־טעריטאָ־ריאַליסטן) אָרגאַניזאַציע אין וואַרשע, איז געבליבן בלויז אַ היפּל געטרייע איבערגעגעבענע חברים. וואָס טרויעריקער ס׳איז די רעאַליטעט, אַלץ מערער טוליעט מען זיך איינער צום אַנדערן, אַלץ וואַרעמער איז די פריינט־שאַפט. די הויפּט־דאגה ביי די חברים אויף דער פריי איז געווען דעמאָלט,

ווי צו באַזאָרגן מיטן סאַמע מינימאַלסטן די חברים אין תּפיסה און אויף פאַרשיקונג.

יענעם ווינטער נעמט זיך ביי מיר אויספּיקן אין קאָפּ אַ געוואַגטער פּלאַן פאַר יענער צייט, וואָס אויב רעאַליזירט, וואָלט עס פאַר אונדז געווען אַ גרויסע הילף. דער דאָזיקער געדאַנק גיט מיר מער קיין רו נישט ביי־טאָג און ביינאַכט. ארומגעטראַכט דעם ענין נאָך אַמאָל און ווידער אַמאָל — פאַרטרוי איך ענדלעך דעם פּלאַן צו צוויי נאָענטסטע חברים מיינע און פריינט אין דער פּאַרטיי, צוויי יונגע אינטעליגענטע אַרבעטער, מרדכי ביר־מאַן און אַוורעמל קאַסמאַן, ביידע אויסגעפּרואווטע טוער אין דער וואַר־שעווער ס. ס. אָרגאַניזאַציע.

דער פּלאַן אין קורצן, איז באַשטאַנען אין אָט דעם : איך וועל אַריבערגיין צו פּרצן און אים פאַרבעטן אין מיין געבוירן־שטאָט, כּעלם, אויף אַ פאָר־לעזונג, ווי ס'האָט דעמאָלט געהייסן. דער פאַרדינסט וואָס וועט אונדז בלייבן נאָך די הוצאות, וועט גיין אויף צו לינדערן די נויט פון די אַרעס־טירטע און פאַרשיקטע חברים. נאָך אַ לענגערן ישוב־הדעת, וועגנדיק און מעסטנדיק דעם ענין פון אַלע זייטן איין מאָל און נאָך אַמאָל, די אַרגומענטן פאַר און קעגן — זעען מיר דאָך נישט קיין אַנדערן אויסוועג, און די חברים ווינטשן מיר גליק אין מיין שליחות. דערביי ווערט אָפּגערעדט, אַז די גאַנצע זאַך בלייבט אַ שטרענגער סוד צווישן אונדז דריי — די צוויי חברים און מיר. און אין יענער צייט האָט מען געוואוסט ווי צו האַלטן אַ סוד!

אַ פּאָר טעג פאַר פּסח (1912), אין אַ קאַלעמוטנעם, רעגנדיקן נאָכמיטאָג, געפין איך מיך ביים דעמאָלט בארימטן הויז אין וואַרשע, אויף צעגליאַנע 1. אַרויף אויפן ערשטן שטאָק, קוק איך מיך איין אינעם מעשענעם שילדל אויף פּרצעס טיר, מיטן העברעאישן אויפשריפט, ווען ער נעמט אויף. איך זע, אַז געקומען בין איך גראָד אין דער ריכטיקער צייט. שטייט מען ביי דער טיר און מ'דאַרף אַנקלינגען. פאַרלירט מען אָבער דעם קוראַזש. עפּעס אַ קליינינקייט — זיך באַגעגענען פּנים אל פּנים מיטן גרויסן מייסטער.

אמת, זינט מ'איז אין וואַרשע (1908), פאַרפעלט מען נישט קיין איין פאַרלעזונג פּרצעס. כ'בין אויך איינער פון דער ענטוזיאַסטישער פּרץ־יוגנט — ווי מיר האָבן זיך גערופן — 15־16־יעריקע יינגלעך און מיידלעך, וואָס פלעגן זומער־צייט, יעדן שבת אין דער פרי, זיך אויסזעצן אויף די בענק אין דער איגאַלקאָווער אַלייע, אין זאַקסישן גאָרטן, און מיט ציטערניש אין די הערצער וואַרטן אויף אונדזער פּרצן. און אָט באַמערקן מיר אים פון דער ווייטנס אין דער צעפלאַטערטער ברייטער פּעלערינע, מיט וועלכער ער האָט אין יענע יאָרן זיך קיין מאָל נישט געשיידט. מיט האַסטיקע יוגנט־לעכע טריט טראָגט ער זיך אַדורך די אַלייע, באַגלייט פון איינעם אָדער צוויי פון די ניי־אויפקומענדיקע יונגע שרייבער, צווישן זיי — מנחם באָריישאַ, פּרץ הירשביין, מאַרק שווייד און אַנדערע — פאַרטיפט אין אַ הייסן

שמועס. מיר, די יונגע בחורים און מיידלעך, באַגריסן אים, ווי געוויינט־לעך, און ער ענטפֿערט אונדז אַ צופֿרידענער מיט אַ וואַרעמען שמייכל. דאָס איז געווען צווישן אונדז אַ בשותּפֿותדיקע פֿאַרשטענדיקונג — אַז ווערטער. (פֿאַרקוקנדיק זיך אויף פּרצן, כאַפּט אויך דאָס יונגוואַרג זיך צו צו דער פֿעלערינע. וואָס־וואָס אָבער אַ פֿעלערינע מוז יעדערער זיך איינ־שאַפֿן און מיט איר פֿאַראַדירן אין זאַקסישן גאָרטן.)

וועלן מיר איצט איבערלאָזן דעם זאַקסישן גאָרטן און צוריקגיין צו פּרצעס טיר. שטיין אַזוי און טראַכטן איז דאָך אויך קיין תּכלית נישט. און דאָ מאַטערט אויך די איינגעבוירענע שעמעוודיקייט. סוף־כּל־סוף טוט מען זיך אָן אַ כּוח — זאָל זיין וואָס ס׳וויל זיין — און פֿון גרויס אויפֿרעגונג טוט מען אַ צו שטאַרקן דריק אויפֿן טיר־גלעקל.

ס׳נעמט נישט קיין אויגנבליק און צו מיין גרויס איבעררעשונג — פּרץ אַליין שטייט אין דער אָפֿענער טיר. האָט דאָס מיך שוין אין גאַנצן צע־טומלט — כ׳האָב זיך נישט געריכט ער אַליין זאָל פֿאַר מיר עפֿענען די טיר. ער פֿאַרבעט מיך אַריין אינעווייניק און אַנטשולדיקט זיך, וואָס ער קאָן מיך נישט אַריינגעמען צו זיך אין קאַבינעט. ערב פּסח — רוימט מען, מ׳וואַשט און מען רייניקט די שטוב. ער האָט פּשוט נישט וואו אַהינצוטון זיך. באין ברירה מוזן מיר שוין בלייבן אין פֿאָדער־צימער. געטראָגן האָט ער דאָס איז יענער צייט באַקאַנטע ברוין־סאַמעטן רעקל זיינס. אויסגעזען האָט ער נישט אויפֿגעלייגט, כמורנע, ווי דער דרויסן. ווערט שוין אויך מיר קאַלעמוטנע אויפֿן האַרץ, און איך טראַכט זיך: ריכטיק אַריינגעטראָפֿן! כ׳וואָלט אַנט־לאָפֿן, אָבער שוין צו שפּעט. ער לאָזט מיך לאַנג נישט טראַכטן און פֿרעגט מיך גאַנץ פֿריינטלעך, וואָס ס׳איז מיין פֿאַרלאַנג.

כ׳געווין דערוויילע צוריק מיין גלייכגעוויכט, און אין קורצע, געציילטע ווערטער דערקלער איך אים דעם ציל פֿון מיין וויזיט ביי אים. כ׳בין גע־קומען אים פֿאַרבעטן אין מיין היים־שטאָט, כעלם, אויף איינער אָדער צוויי פֿאַרלעזונגען. כ׳האָף ער וועט זיך נישט אָפּזאָגן צוצוטיילן אונדזער שטאָט דעם גרויסן כּבוד. בעת כ׳רעד אַזוי, נעמט זיך זיין פּנים אויסלייטערן, די אויגן לייכטן אויף מיט יענעם באַזונדערן פּרציִשן גלאַנץ. ווערט שוין אויך מיר פֿריילעכער אויפֿן האַרץ. ס׳נעמט זיך מיר אויסדאַכטן, אַז ער האָט פּשוט געוואַרט אויף מיר.

זיכער איז פּרץ דעמאָלט נישט געווען זשעדנע פֿאַר אַז אויפֿטריט ערגעץ אין אַ פּראָווינץ־שטאָט. ווייט דערפֿון. זיין רום האָט שוין געהאַט דער־גרייכט די העכסטע מדרגה. שוין געווען נאָך טשערנאָוויץ, געווען נאָך זיינע טריאומפֿאַלע אויפֿטריטן אין די גרעסערע צענטערס פֿון לאַנד, ווי פּעטערבורג און אַנד. פֿריש זענען נאָך געווען די אומפֿאַרגעסלעכע „פּרץ־טעג" אין ווילנע, ירושלים ד׳ליטע, אָט אַקאַרשט צוריק מיט עטלעכע וואָכן, אין פֿעברואַר. די פּרץ־טעג, וואָס זענען דאָרט פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ

גרויסן פּאָלקס יום־טוב, איז אַן אימפּאַזאַנטער דעמאָנסטראַציע פאַר אונדזער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור.

ווען כ׳בין פּאַרטיק געוואָרן, צעשמייכלט ער זיך מילד, אַז אדרבא, ער וואָלט טאַקע אַ בעלן געווען זיך אַראָפּכאַפּן קיין כעלם. מיר האָבן נאָך געשמועסט אַ צען־פופצן מינוט, אויך וועגן אַנדערע ענינים. ביים סוף זאָגט ער, אַז ער האָט פאַר מיר שוין די דאַטע פאַר זיין פּאַרלעזונג — דאָס וועט זיין מוצאי שבועות. יום־טוב איז ער פריי פון זיינע פליכטן אין דער גמינע, וועט ער קאָנען קומען קיין כעלם.

פּאַרטיק געוואָרן מיט דער דאַטע, זאָג איך פּרצן, אַז כ׳פאָר אויף פּסח קיין כעלם, כדי דאָרטן גלייך אָנצוהייבן די צוגרייטונגען פאַר זיין פאַרלעזונג. כ׳בעט אים אויך צוגרייטן אַ קאָנספּעקט פון זיין רעפעראַט אויף רוסיש. כדי צו קריגן פון דער פּאָליציי אַ דערלויבעניש פאַר אַ לעקציע, האָט מען געמוזט איר צושטעלן אַן אויספירלעכן קאָנספּעקט אין רוסיש מיטן פּינקטלעכן אינהאַלט פון דער לעקציע. איך זאָג אים אויך צו באַלד נאָך פּסח צו זיין צוריק אין וואַרשע און מיט אים פאַרענדיקן וועגן אַלע אַנדערע פּרטים. מיט קיין איין וואָרט האָט פּרץ נישט דערמאָנט וועגן קיין געלט.

געזעגנט זיך מיט פּרצן און פאַרלאָזט זיין וואוינונג, האָב איך פרייער אָפּגעאָטעמט. כ׳האָב מיך דערפילט גליקלעך און דערהויבן פון דער וואַרעמער אויפנאַמע ביי פּרצן, און וואָס מיין מיסיע האָט, אַזוי וויט, דערוויילזיך איינגעגעבן. אי מיר וועלן קאָנען העלפן אונדזערע חברים אין נויט און אי מיין געבוירן־שטאָט וועט האָבן די זכיה ביי זיך אויפצונעמען פּרצן — זען און הערן דעם גרויסן קלאַסיקער.

אָפּגעגעבן נאָך דעם זעלבן אָוונט אַ פרייליכן באַריכט פון מיין וויזיט ביי פּרצן די צוויי פריער־דערמאָנטע חברים און פריינט. איבעריק צו זאָגן ווי גליקלעך זיי זענען געווען מיט מיין ערשטן דערפאָלג. וועט דאָ איצט נייטיק זיין צו פאַרנאָטירן, אַז אַחוץ די צוויי פריער־דערמאָנטע חברים, האָט נאָך איין פערזאָן געוואוסט דעם סוד אונדזערן, משה שטיוולמאַן, אויך אַ פּאַרטיי־חבר. ער האָט געוואוינט אין איין צימער מיט מיר אויף מאַריאַנסקע גאַס, נומער 10. ער האָט אויך געשטאַמט פון מיין געבוירנשטאָט, כעלם. קיין אַנדערע האָבן מיר נישט דערציילט. די גאַנצע זאַך איז אונטערגענומען געוואָרן אויף אונדזער אייגענער אחריות.

הכלל, די אמתע אַרבעט דאַרף זיך איצט ערשט אָנהייבן.

אהיימגעקומען בין איך ערב־פּסח, גלייך צום סדר. באַלד אויף מאָרגן, דעם ערשטן טאָג פּסח, נעמט מען זיך גלייך צו דער אַרבעט. כ׳טרעף זיך מיט אַ פאָר אַלטע חברים — גלייבן זיי פשוט נישט זייערע אויערן, ווען כ׳דערצייל זיי די גרויסע נייעס. מיר שטעלן זיך פאַר דעם קאָך וואָס דאָס וועט אַרויסרופן אין שטאָט. גלייך נעמט מען זיך אַרבעטן אויף אַ פּלאַן

פאַר פּרצעס אויפטריט. מיר דאַרפן פאַר פּרצן צוגרייטן אַזאַ קבלת־פּנים, ער זאָל עס האָבן צו געדענקען און אויך די שטאָט זאָל עס נישט פאַרגעסן. אונדזער פאַנטאַזיע ווייסט שוין מער פון קיין גרענעץ נישט.

דעם זעלבן טאָג געפינען מיר אויס ביים אייגנטימער פון גרעסטן זאַל אין שטאָט, דאָס איינציקע קינאָ־טעאַטער, אַז ער איז וויליק צו פאַרדינגען אונדז זיין טעאַטער פאַר מוצאי שבועות, פאַר אַ יידישער פאָרלעזונג. ווער, וואָס, ווען זאָגט מען אים דערווייל נישט אויס.

נאָך דעם זעלבן טאָג שרייב איך קיין וואַרשע צו מיינע צוויי חברים עטלעכע שורות מיט אַ גאַנץ אומשולדיקן אינהאַלט. כ׳האָב געטראָפן מיין משפּחה געזונט, געהאַט אַ שיינעם סדר, און דאָס גלייכן. געמיינט האָט עס, אַז אַלץ גייט אויף אַ דרך. פּרצעס נאָמען איז, נאַטירלעך, נישט דער־מאָנט געוואָרן, נישט געווען קיין מינדסטע אָנצוהערעניש. געשיקט די עטלעכע גאָרנישט זאָגנדיקע ווערטער האָב איך צום פריער־דערמאָנטן משה שטיוולמאַן. ער האָט דאָס געזאָלט איבערגעבן אין די ריכטיקע הענט.

2.

די עטלעכע שטורעמדיקע יאָרן פון דער רוסישער רעוואָלוציע, 1905־1906, האָבן אויפגעוועקט די יידישע אַרבעטער־מאַסן צו אַ ניי לעבן. מ׳רייסט זיך מיט אַלע כוחות פונעם מיטלאַלטער אין וועלכן מ׳האָט נאָך טיף געשטעקט. דער קורצער פרייהייט־קאַמף פירט אַרויס אַ נייעם טיפּ יונגן יידישן אַרבעטער, וואָס נישט ער קאָן און נישט ער וויל זיך מער צוריקקערן צום פריערדיקן פאַרגליווערטן און לאַנגווייליקן לעבן. מיט זייע־רע ערשטע טריט האָבן די יידישע סאָציאַליסטישע אַרבעטער־פּאַרטייען געוועקט ביי די יידישע אַרבעטער און פאָלקס־מאַסן אַן אינטערעס צו קולטור, צו וועלטלעכקייט, אַ דאָרשט צום וויסן; זיי פלאַנצן אין זיי איין די געוויינהייט צו לייענען אַ גוט בוך, לערנען אים צו קוקן אויף אַ בוך מיט דרך־ארץ, מיט רעספּעקט. וואָס די השכלה האָט פריער געטאָן פאַר די באַ־לעבאַטישע קינדער, דאָס האָבן די ניי־אויפגעקומענע אַרבעטער־פּאַרטייען געטאָן פאַר די ברייטע פאָלקס־מאַסן.

די רעאַליטעט אין רוסלאַנד אין יענער שטאָק־פינצטערער נאַכט איז אַ טרויעריקע. נאָך די הייסע פּאָגראָמען, דורך וועלכע די צאַרישע דעספּאָטיע האָט געזוכט צו דערטרינקען די רעוואָלוציע אין טייכן יידיש בלוט, קומען די טאָג־טעגלעכע קאַלטע פּאָגראָמען; שווערע גזירות פאַרמערן זיך יעדן טאָג, ווי שוואָמען נאָך אַ רעגן, און גראָבן אונטער אונדזער עקזיסטענץ. ס׳ווערט אַלץ שווערער צו אָטעמען. די שנאה צום אונטערדריקער איז אָן אַ גרענעץ. אָרעמקייט און נויט וואַקסן. לאָזט מען פונדעסטוועגן נישט אַראָפּ די הענט. מ׳גיט זיך נישט אונטער דעם יאוש און מ׳האָפט אויף בעסערע צייטן.

מ'וואָרפט זיך דערוויַיל מיט ברען צום יידישן בוך, צו זעלבסט־בילדונג. מ'לייענט מיט התמדה די מאָדערנע יידיש־וועלטלעכע ליטעראַטור, וואָס בליט זיך דעמאָלט אַזוי שיין פונאַנדער. ס'וואַקסט אויס אַן אַרבעטער־אינטעליגענץ וועלכע ווערט דער רוקנביין פון יעדער קולטור־אַקציע אויף דער יידישער גאַס. ס'קומט פאַר אַן אמתע קולטור־רעוואָלוציע. דער דאָזיקער רענעסאַנס, ווי יענע עפּאָכע ווערט דעמאָלט באַצייכנט, ברענגט אַריין יום־טובדיקייט אין דער טרויעריקער ווירקלעכקייט, פאַרשענערט דאָס גרויע וואָכעדיקע לעבן. די פּיעטעט פאַר די שאַפער פונעם געלייטערטן יידישן וואָרט, בפרט פאַר פּרצן, וועלכער איז שוין אין יענער צייט געוואָרן אַ לעגענדע, איז גאָר נישט אָפּצושאַצן. דער הייסטער וואונטש ביי יעדן איינעם איז אַליין צו זען און הערן פּרצן.

קאָן מען זיך היינט קוים פאָרשטעלן וואָס פּרצעס אַן אויפטריט האָט דעמאָלט געמיינט פאַר אַזאַ מיטל־גרויסער קאָמפּאַקטער יידישער שטאָט ווי כעלם.

אָבער ווי גייט דאָס ווערטל: דער מענטש טראַכט און גאָט לאַכט. און דער קלאַפּ וואָס דאַרף זיך באַלד אַראָפּלאָזן, לאָזט אויף זיך לאַנג נישט וואַרטן.

חול המועד פסח קריג איך אַ טעלעגראַמע פון וואַרשע — און אויס מיטן חלום וועגן פּרץ אין מיין היים־שטאָט, אויס מיט הילף פאַר די חברים אין נויט. די אמתע צרות אָבער הייבן זיך ערשט אָן. אויבנאויף איז דער אינהאַלט פון דער טעלעגראַמע געווען אַ גאַנץ אומשולדיקער: „די מאַמע איז קראַנק געוואָרן, ס'גייט אַ בריוו מיט מער פּרטים". אויפן געוויינלעכן לשון, האָט עס אין יענער צייט געמיינט פּשוט: „ס'איז פאָרגעקומען אַ פּאָליציייִשער איבערפאַל און אַן אַרעסט, און כ'זאָל מיך נישט רירן פון אָרט ביז אַ בריוו וועט קומען".

כאָטש כ'האָב נאָך נישט געקאָנט וויסן אַקוראַט וואָס דאָרט איז פאָרגעקומען, אָבער לויט דער דערפאַרונג פון יענער צייט, איז עס געווען גענוג מ'זאָל תיכף אָפּשטעלן יעדע וויַיטערדיקע צוגרייטונג צום פּרץ־אויפטריט. אַלע שפּורן ווערן פאַרווישט — שאַ, שטיל, מער קיין פּיפּס נישט.

איצט וואַרט מען אין געהאַקטע וואונדן אויפן בריוו. אַ טאָג־צוויי שפּעטער קריג איך דעם פאַטאַלן בריוו פון וואַרשע. לאָזט זיך אויס, אַז ס'איז אַ סך ערגער ווי זיך פאַרגעשטעלט.

פּאַסירט האָט אָט וואָס. דעם ערשטן טאָג חול־המועד פסח איז פאָרגעקומען אַ זיצונג פון די אָנפירנדיקע חברים פון דער ס. ס. אָרגאַניזאַציע צוצוגרייטן די טראַדיציאָנעלע ערשטע מאַי פּראָקלאַמאַציע. איז אַלץ, נאַטירלעך, צוגעגאַנגען בסוד סודות, העכסט קאָנספּיראַטיוו, ווי ס'האָט דעמאָלט געהייסן. ווי אַזוי־זשע דאָך האָט די אָכראַנע — די צאַרישע פּאָליטישע געהיים־פּאָליציי — זיך דערוואוסט דערפון און באַפאַלן די זיצונג? אָט

דאס רעטעניש איז ערשט אויפגעקלערט געווארן שפעטער אין 1917. נאך דער רוסישער פעברואר רעוואלוציע, האט מען געעפנט די ארכיוון פון דער אכראנע און פארעפנטלעכט די נעמען פון די פראוואקאטארן, פאר־קויפטע שקורעס. צווישן זיי איז אויך געווען דער נאמען פון דוד לאנדע, א יונגער ארבעטער, וואס האט געשטאמט פון לובלין, און אן אקטיווער מיטגליד פון דער ווארשעווער ס. ס. ארגאניזאציע. הכלל, ער האט עס אויס־געגעבן יענע זיצונג.

צום אומגליק האט אויף יענער זיצונג פארבלאנדזשעט, גערופן אהין האט מען אים נישט, מיין מיטוואוינער, שטיוולמאן, וואס צו אים האב איך, ווי פריער דערמאנט, געשיקט דאס בריוול פון כעלם. ווערט ער דארטן ארעסטירט באגלייך מיט אלעמען, צווישן זיי אויך די פריער־דערמאנטע צוויי חברים און פריינט מיינע מרדכי בירמאן און אווראמל קאסמאן. די אכראנע קומט אויך מיד זוכן אין מיין בשותפותדיקער וואוינונג מיט שטיוולמאנען. אויך מיך האט דער פראוואקאטאר ארייגעשלעפט. איז מיך טרעפן זיי טאקע נישט, אבער זיי פארכאפן דאס פריער־דערמאנטע גאר־נישט־זאגנדיקע אבער פיל־מיינענדיקע בריוול מיינס. און אט דא הייבט זיך אן דאס אומגליק.

אין ווארשע איז משה שטיוולמאן געווען א קורצע צייט. האט נישט שלעכט פארדינט ביי זיין פאך, סטאלעריי. געווען איז ער א גוטער חבר און געטרייער פריינט. א שטילער, פשוטער און צוריקגעצויגענער. א קינד פון דער געדיכטער ארעמשאפט, פרי פאריתומט, האט ער זיך געפילט צופרידן און דערהויבן אין דער ווארעם־חברישער, קולטורעלער סביבה, אין וועלכער ער האט איצט געלעבט. ער פלעגט אבער פון צייט צו צייט ארייגפאלן אין א מין פאראליזירנדיקער מעלאנכאליע, פון וועלכער ס׳איז אים נישט גרינג אנגעקומען זיך צו באפרייען.

א טאג נאכן ארעסט איז די פארטיי־טוערין ביילע ווילדער (פון כעלם), שוין געווען אויף א זעאונג אין פאוויאק מיט מרדכי בירמאן, זיך אנגעבנ־דיק פאר זיינער א שוועסטער. גלייך נאכן ארעסט האט ער אויף אן אונ־טערערדישן וועג געלאזט איר וויסן, אז זי מוז תיכף קומען אים זען. עפעס שרעקלעכס האט געטראפן.

פאר דער קורצער צייט וואס די זעאונג האט געדויערט דערוויסט זי זיך גענוג.

אין יענער פאטאלער נאכט, בעתן ארעסט, פאלט שטיוולמאן גלייך אריין אין א פאניק. ער האט דאך דארטן נישט געדארפט זיין — צו וואס־זשע איז ער ווי א בלינדער געקראכן גלייך אין פייער אריין ! ביי דער אויספאר־שונג אין דער אכראנע, באלד נאכן ארעסט, האבן זיי פריער מיט בייזן, דערנאך מיט „גוטן”, מיט זיסע ריידעלעך און פאלשע, כיטרע שטיק, גע־פרובירט אים איינרעדן, אז ער איז דא אומזיסט אריינגעשלעפט געווארן,

נישט אים מיינט מען. זאָל ער נאָר אויסזאָגן ווער ס'איז דער ש. וואָס איז געחתמעט אויפֿן בריוול, און וואָס ס'איז דער אמתער מיין פֿונעם בריוול. אַזוי ביסלעכווייז, אונטערן שרעקלעכן דרוק זייערן, שוין אין גאַנצן אַ פֿאַר־טשאַדעטער, נישט ווּיסנדיק מער וואָס ער טוט, ווי אין אַ קאָשמאַר, זאָגט ער אַלצדינג אויס. מער האָבן זיי נישט באַדאַרפֿט. אַז די אַכראַנע האָט נישט געהאַלטן וואָרט צו באַפֿרייען אים איז פֿאַרשטענדלעך. איצט איז ער מיט זיי אין איין קאַמער. בקיצור, די אַכראַנע איז איצט אינפֿאָרמירט וועגן אַלץ. דאָס אומגליק איז איצט גרויס דערמיט, וואָס פּרצעס נאָמען איז אַריינגעשלעפּט געוואָרן. זיי ווייסן וואָס כ'טו איצט אין כּלל און אויף וואָס די פֿאַרדינסטן פֿון פּרצעס פֿאַרלעזונג וועלן פֿאַרווענדט ווערן. מוז מען דעריבער פֿאַרלויפֿן דעם וועג דער אַכראַנע, און מיד גלייך אַלאַרמירן, כּדי איך זאָל וויסן וואָס איך האָב צו טון.

אין יענער פֿינצטערער צייט אין רוסלאַנד איז ווי און ווינד געווען יענעם וואָס האָט נישט פֿאַרמאָגט די פּסיכיש־מאָראַלישע כּוחות צו קאָנען קוקן דעם שונא גלייך און אומדערשראָקן אין פּנים אַריין, ווען ער ווערט פֿאַר־כאַפּט אין זיין נעץ. אַ היפּוך ביסל זענען געווען אַזוינע ווי די צוויי פֿריער־דערמאָנטע חברים מיינע, וואָס אַריינפֿאַלנדיק דעם פֿיינט אין די לאַפּעס, וואַקסן זיי ערשט אויס. אין תּפֿיסה נעמען זיי אָניאָגן זייער בילדונג, וואָס זיי האָבן אויף דער פֿריי נישט געהאַט די מעגלעכקייט אויס־צופֿירן. די תּפֿיסה איז זייער אוניווערסיטעט. סיי ביי די אַזוי־גערופֿענע „פֿאַרהערן" פֿאַרן פּראָצעס און אויך בעתן פּראָצעס ווייזן אָט די צוויי יונגע אַרבעטער אַרויס קוראַזש און מענטשלעכע חשיבות.

משה שטיוולמאַן איז אָבער, צום אומגליק, נישט פֿון דעם טייג געווען געקנאָטן. באַלד ביים ערשטן צונויפֿטרעף מיט די מלאכי־חבלה, לאָזן זיך אים אויס די פּסיכישע כּוחות און ער קאַפּיטולירט. נאָכן ערשטן „פֿאַרהער" אין דער אַכראַנע, האָט מען אים אָפּגעפֿירט אין פֿאַוויאַק און אים איינגע־זעצט אין איין קאַמער מיט די אַנדערע אַרעסטירטע חברים. דאָרטן, אין תּפֿיסה־קאַמער, ניכטערט ער זיך אויס פֿונעם טשאַד, און דער געדאַנק נעמט זיך אים אויסלייטערן. דערזעט ער ערשט מיט פֿולער קלאָרקייט, וואָס ער־האָט דאָ אָפּגעטאָן, אַזוי פֿאַראַטן זיינע טייערסטע חברים און פֿריינט! אָך, ווען ער קאָן צוריקכאַפּן! נישטאָ שוין אָבער קיין וועג צוריק — צו שפּעט. ראַנגלט ער זיך מיטן טויט און זוכט אין זיין פֿאַרצווייפֿלונג ערגעץ אַן אָנשפּאַר און — געפֿינט נישט. ער האַלט עס מער נישט אויס און ברעכט צונויף אונטער דער שווערער משא, וואָס איז נישט פֿאַר אים צו דערטראָגן. אָט אַזוי, כּדי זיך צו ראַטעווען פֿון די גיהנומדיקע יסורים, צו אַנטרינען פֿון דער אומדערטרעגלעכער רעאַליטעט, נעמט דער געדאַנק זיך אים ביסלעכווייז פֿאַרטונקלען. וואָס ווייטער אַלץ ערגער און ערגער. ס'דערגייט שוין אַזוי ווייט, אַז ער ווערט צומאָל ווילד און באַפֿאַלט אין דער

תפיסה־קאמער איז מיטן דער נאכט זיינע געטרייסטע חברים און פריינט, מרדכין און אוורעמלען, און כאפט זיך זיי ווארגן. איין מאל און נאך אמאל. נישט געקוקט דערויף באמיען זיך די צוויי חברים זיינע אלץ פארדעקן, אזוי לאנג ווי ס'לאזט זיך נאר. זיי גיבן זיך מיט אים אפ און העלפן אים מיט וואס נאר זיי קאנען. זיי פילן אים מיט אין זיין בראך, און ווייטיקן מיט אים אין זיין גרויס אומגליק.

דער סוף זיינער איז א טראגישער. ביסלעכווייז לעשט זיך אים דער געדאנק אין גאנצן אויס. פון פאוויאק פירט מען אים איבער אין אן אינסטיטוציע פאר גערירטע פון זינען. צום משפט פון דער ווארשעווער ס. ס. ארגאניזאציע מיט קנאפע צוויי יאר שפעטער (דעצעמבער, 1913), ברענגט מען אים נאך אין געריכט אריין — ס'איז אבער נישטא שוין וועמען צו משפטן. נאך דעם ווי אלע אנדערע ווערן פארמשפט — ווער צו פארשידענע טורמע־טערמינען און ווער צו פארשיקונג אין די ווייטע קאלטע מקומות אין סיביר — ווערט משה שטיוולמאן אפגעשיקט אין א שטאטישן הקדש. ער קומט שוין מער נישט צוריק צו זיך, ביז זיין גיכן פריציטיקן טויט, אינעם יונגן עלטער אין זיינע ערשטע צוואנציקער יארן. אין מיטן זומער 1914, הויכט ער אויס זיין לעצטן אטעם. אט אזוי איז צו דער גרויסער מחנה קרבנות פון דער צארישער דעספאטיע צוגעקומען נאך אן אומשולדיקער קרבן.

3.

קומען מיר איצט צוריק צו מיין היים־שטאט כעלם.

ווי שוין פריער דערמאנט, ווערן גלייך נאך די „גוטע" נייעס, וואס ב'קריג פון ווארשע, אלע צוגרייטונגען צו פרצעס אויפטריט ביי אונדז אין שטאט אפגעשטעלט, אלע שפורן פארווישט—ווי קיינמאל גארנישט געווען. ואני, און איך נעם מיך גרייטן צום אומפארמיידלעכן, נישט־געבעטענעם וויזיט פון די ווארשעווער „געסט". געוואוסט האב איך, אז איצט, אויב זיי קריגן מיך אריין, וועל איך שוין אזוי גרינג נישט אפשניידן. קודם בין איך שוין געווען ביי זיי א געשטעמפלטער. צוויי מאל אין די לעצטע צוויי יאר בין איך אריינגעפאלן אין זייערע הענט, און ביידע מאל זיך גענוג אנגעבידעוועט ביי זיי. דאס ערשטע מאל אין מערץ 1910, דאס צווייטע מאל אין מאי 1911. ביידע מאל אין ווארשע.

איצט אבער איז די סיטואציע א גאנץ באזונדערע. ווארום חוץ דעם וואס מ'האט מיך איבערן פראוואקאטארס מסירה צוגעצויגן צום פראצעס פון דער ווארשעווער ס. ס. ארגאניזאציע, איז מיין לאגע געווארן נאך מער קאמפליצירט און העכסט דעליקאט, מחמת דעם וואס איצט איז געווען פארמישט דער נאמען פון אונדזער גרויסן קלאסיקער. ביז איך דאך געווען דער איינציקער וואס האט געפירט די פארהאנדלונגען מיט פרצן פאר זיין אויפטריט. איז וואס־זשע איז דא צו רעדן — ס'איז מיך נישט

געווען וואָס מקנא צו זיין. פֿון דער אַנדערער זייט, אָבער, האָט מיר אָפּגעגליקט דערמיט וואָס מ'האָט איבערגעקליגלט די שרעקלעכע אָכראַנע, און מיך באַצייטנס געוואָרנט, וואָס מיר שטייט איצט פֿאָר. אַ דאַנק דעם וואָס ס'האָט געפֿעלט דער עלעמענט פֿון איבערראַשונג, קריג איך דערווייל די איבערהאַנט איבער זיי. גרייטנדיק זיך צו זייער גיכן „וויזיט" — איז מען ווידער אַמאָל „בודק־חמץ" אין דער היים, ס'זאָל זיך חלילה נישט פֿאַרוואַלגערן ערגעץ קיין „טרייפֿענע סחורה". איך נעבעך שוין אויך מער נישט אין דער היים.

אַ פּאָר טעג נאָך פּסח איז עס געווען. אַ מחיהדיקער פֿרילינג־טאָג. מיין פֿאָטער לאָזט מיך צופֿעליק איבער אַליין אין דער פֿרי פֿאַר אַ ווײַלע אין זיין אייזן־קראָם. באַמערק איך ווי דער שטאָטישער זשאַנדאַר מיט דער פּיין־פֿאַרקעמטער באַלעבאַטישער באָרד, דרייט זיך מיט זיין בנימוסדיקן גענגל אַרום דער קראָם. ער רוקט זיך אַלץ נעענטער, שמעקט, ניוכעט. אָט אַזוי פֿאַמעלעך, ביז ער שטעקט אַריין די באָרד אין קראָם אַריין, קוקט זיך אַרום, מעסט מיך אָפּ פֿון קאָפּ ביז די פֿיס, צי איז דאָס דער ריכטיקער בעל־דבר; זיין כלל איז געווען נישט צו פֿאַרלאָזן זיך אויף קיין ניסים. דער דאָזיקער זשאַנדאַר איז אין שטאָט געווען באַקאַנט מיטן נאָמען „די באָרד". ער האָט זיך שטענדיק געדרייט צווישן ייִדן, אַלעמען געקענט, גרויס און קליין. זיין עובֿדה איז געווען אויסצושפּירן פֿריער ווען מ'האָט געדאַרפֿט עמעצן פֿאַנגען.

שפּעטער אַביסל דערוויסט זיך מיין מוטער, אַז די „באָרד" איז שוין היינט אויך געווען ביים הויז־אייגנטימער, וווּ מיר וווינען, כלומרשט אַראָפּגעשריבן די נעמען פֿון אַלע איינוווינער אין הויז, און דער עיקר וווּ אַקוראַט יעדערער וווינט.

פֿאַרנאַכט, ס'איז שוין געווען גוט טונקל, איך שפּאַן אַהיים מיט דער לובלינער גאַס, די הויפּט־געשעפֿט־גאַס. פֿון דער ווייטנס דערקען איך אַ פּאָר וואַרשעווער „געסט" שפּאַצירן זיך אַזוי געמיטלעך. הכלל, אַלע סימנים ווייזן, אַז היינט וועט עס געשען.

אין דער היים טרעף איך די משפּחה אין פּחדימדיקער דערוואַרטונג אויף דער אומהיימלעכער וואַך־נאַכט, וואָס ס'שטייט זיי היינט פֿאָר. זיי ווייסן שוין מיט וואָס דאָס שמעקט. שוין געהאַט פֿאַרזוכט דעם טעם דערפֿון. נאָכן עסן, זיך געזעגנט, און לאָז מיך אַוועק אין מיין באַהעלטעניש.

אַ לאַנגע, שלאָפֿלאָזע נאַכט, לאַנג ווי דאָס ייִדישע גלות. זיך קוים דערוואַרט ס'זאָל נעמען טאָגן. ס'נעמט נישט לאַנג ווי מיין פֿאָטער שלייכט זיך שטיל אַריין צו מיר. אויפֿן וועג גייענדיק צו מיר האָט ער זיך פֿריער גוט אַרומגעקוקט, צי מ'שפּירט אים נישט נאָך. ער זעצט זיך אַנידער, אָטעמט שווער אָפּ, און אָן ווייטערע שהיות, נעמט ער דערציילן:

בלילה ההוא — די נאַכט האָט מען שוין קיין אויג נישט צוגעטאָן. מיט

האַרץ־קלאַפּעניש דערוואַרט מען די „אַנגעלייגטע געסט״. ויהי בחצי הלילה — ווי ס׳איז געווען דער איינגעשטעלטער שטייגער ביי זיי, זיך אַריינצוּרייסן אין מיטן דער נאַכט — מ׳זעצט אין דער טיר. מיט אַ הו־האַ פּאַלט אַריין אַ שייקע ציוויל־געקליידטע אַבראַניקעס, זשאַנדאַרן און פּאָ־ליציסטן, דער זשאַנדאַר מיט דער באָרד בראש, ווי זייער וועגווייזער. מ׳פירט מיט זיך אויך אַ גרויסן פּאָליציי־שפּיר־הונט.

די „באָרד״ לאָזט דער ערשטער זיך האַסטיק צו דער סאָפע, וואו איך האָב, הייסט עס, געזאָלט שלאָפן, די רעשט נאָך אים. שוין באַלד ביים ערשטן בליק ווערט אים פינצטער אין די אויגן. מיט אַ ווײנענדיק קול קרעכצט ער אַרויס: „עטאָ ניע טאָט״ — ס׳איז נישט ער. געווען איז עס מיין ברודער, פּינחס. ער, די „באָרד״, האָט געהאַט וואָס צו ווײנען נאָך זיין קאָפּ. דאָס פּישל איז שוין געווען ביי אים פאַרפּאַקט אין דער נעץ, און דאָ, אונטער די הענט זיך אַרויסגעגליטשט, ואיננו. ס׳נעמט זיי אַלע וואָרפן די ניכפּה. זיי ווילדעווען און זידלען מיין פאָטער — ער מוז מיך גלייך צושטעלן צו זיי. נישט געקוקט אויף אַלע זייערע געוואַלדן און סטראַ־שונקעס, האַלט דער פאָטער זיך פעסט ביי זיינעם: אמת, כ׳בין טאַקע אַהיים געקומען אויף פּסח, אָבער גלייך נאָך פּסח בין איך צוריקגעפאָרן קיין וואַרשע. ווילד צערייצטע טרייבט מען אַלעמען אַרוים פון די בעטן — מיין ברודער פּינחס און צוויי יונגע שוועסטער, גישע און בלומע. מ׳שוינט אויך נישט די מאַמען.

איצט הייבט זיך אָן דער „אָביסק״. מ׳זוכט מיך אונטער די בעטן, מ׳לאָזט זיך אַראָפּ אין הויף אַריין, מ׳רייסט דאָרטן אויף די קאַמערן, אויך דאָרטן זוכט מען מיך. אין שטוב, ווידער, זוכט מען „טרייפענע סחורה״, אומלעגאַלע ליטעראַטור. מ׳נישטערט, מ׳צעטרייבערט דעם טאַטנס ספרים, מען מאַכט אָן אַ חורבן. אַזוי ראַיענדיק זיך ווערט ביי זיי פּלוצים אַ שמחה. ענדלעך דערטאַפּט די ריכטיקע קראַמאָלע. פון דער מאַמעס קרבן־מנחה סידור ציט מען אַרויס אַ בלעטל געדרוקט פון ביידע זייטן — אַ תחינה פון שׂרה בת־טובים פאַר ראש־חודש בענטשן. זיי טראָגן עס אונטער צו מיין פאָטער און מיט נצחון אין קול נעמט מען מיט דער תחינה אים פאָכען אין די אויגן אַריין: „דאָס וואָס איז?״ — „אַ מאָליטווע״ (אַ תפילה), ענט־פערט ער זיי, „דער מאַמעס אַ מאָליטווע״. אַז זיי פאַלן אַריין אין גרימ־צאָרן: „אַה, אין די אויגן אונדז צו נאַרן, מאַשעניק! וואָס — בלינד זענען מיר? זעען מיר דען נישט, אַז ס׳איז אַ זשידאָווסקע פּראָקלאַמאַציע?״ און מיט קללות און חרמות וואַרפן זיי זיך אויף אים מיט די פויסטן.

דער מאַמעס תחינה איז אָבער נישט געווען די איינציקע טראַפעי, וואָס זיי האָבן פאַרכאַפּט. געווען איז אין שטוב אַרום אַ צענדליק העפטלעך פונעם העברעאישן חודש־זשורנאַל „רשפים״ (פונקען). געווען זענען די העפטלעך אין אַ קליינעם קעשענע פאָרמאַט. איטלעכס העפטל האָט געהאַט אַ הילע

פון אַן אַנדערן קאַליר. זענען צווישן זיי געווען אויך אַ פּאָר מיט רויטע הילעס. געווען איז עס אַ הונדערט־פּראָצענטיקע לעגאַלע שריפט, אַ ריין־ליטעראַריש־קינסטלערישע אויסגאַבע, דערלויבט דורך דער צאַרישער צענזור. גענוג צו דערמאָנען, אַז דער רעדאַקטאָר פון „רשפים" איז געווען דוד פרישמאַן. האָט מען באַדאַרפט זיין דערביי צו זען מיט וואָס פאַר אַ שמחה די „באָרד" האָט זיך צוגעכאַפּט צו די עטלעכע העפטלעך מיט די רויטע הילעס. דאָ האָבן זיי שוין דערטאַפּט די ריכטיקע קראַמאָלע — נישט צעפּטרט די נאַכט גאָר אין גאַנצן אומזיסט.

ענדלעך פאַרטיק געוואָרן מיט דעם אַביסק (הויז־זוכונג). איצט ציען זיי אַרויס זייער לעצטע טרומף־קאָרט. זיי באַפעלן מיין ברודער פּינחס זיך אָנצוטון און מיט זיי מיטגיין. זיי וועלן אים האַלטן פאַר אַ משכון אַזוי לאַנג ביז זיי וועלן מיך נישט אַריינקריגן אין זייערע הענט. אָבער אויך אָט די מאַנעוורע, די פּסיכאָלאָגישע נערוון־אַטאַקע האַלטן די עלטערן אויס מיט קוראַזש. אויסגעשאָסן די לעצטע קויל, פאַרענדיקן זיי ענדלעך די אינקוויזיציע און נעמען זיך אָפּטראָגן, ווען ס'האָט שוין געגרויט אויף טאָג, מיטנעמענדיק מיט זיך מיין ברודער, דער מאַמעס תחינה און די פאָר העפטלעך „רשפים".

איז זיך גרינג פאָרצושטעלן די לאַגע אין וועלכער זיי לאָזן די משפחה. מיין פאָטער, שוין דעמאָלט נישט קיין געזונטער מענטש, אַ האַרץ־ליידנדיקער, האָט זינט יענער עקזעקוציע, געהאַט זעלטן אַ גוטן טאָג. אַזוי שוין ביז זיין פריצייטיקן טויט אין 1923. די אַכראָנע ווידער, איינזעענדיק אַז זייער סטראַטעגיע איז געווען אַ דורכפאַל, מוז זי אין אַ קורצער צייט אַרום אַרויסלאָזן מיין ברודער.

4.

הכלל, אינעם ערשטן אומגלייכן פאַרמעסט מיט דער אַלמעכטיקער צאַרישער אַכראַנע, קום איך לעת־עתה אַרויס דער געווינער. איצט אָבער, וואָס ווייטער?

ווייטער הייבט זיך אָן אַ לעבן פון אַ געיאָגטן, אַ געזוכטן — די גוט־באַקאַנטע קאַץ־און־מויז־שפּיל. בלייבט, פאַרשטענדלעך, ביי דער געפערלעכער לאַגע — געפערלעך איצט שוין נישט נאָר פאַר מיר, נאָר אויך פאַר פרצן — קיין שום אַנדער אויסוועג נישט ווי נאָר צו זוכן אַ מעגלעכקייט זיך אַרויסצוכאַפּן פון לאַנד. און אַזוי גיך ווי מעגלעך. צי ס'ווילט זיך יאָ אָדער נישט, איז איצט נישט מער די פראַגע.

אָבער נישט אַזוי גיך טוט זיך ווי ס'רעדט זיך — גרויסע שוועריקייטן נאָך ביי צוקומען. קודם איז אַבסאָלוט אוממעגלעך זיך צו רירן פון באַהעלטעניש. כ'וואָלט גלייך אַריינגעפאַלן צו זיי אין די הענט. זיי האַלטן אָן אַ וואַך אַרום יענע ערטער, וואו כ'וואָלט געמוזט זיך ווייזן, ווען כ'שטעק נאָר אַרויס דעם קאָפּ. די באַזונדערע פאַרביסנקייט מיט וועלכער זיי האַלטן

אַז זייער געיעג, ווייזט נאָר, אַז מ׳מער אפשר ווי צוליב מיינע אייגענע חטאים, איז עס מסתמא אינעם „זכות" פון פרצן. ער איז פאַר זיי אַ צו געשמאַקער ביסן דאָס עסק אַזוי גרינג אָפּצולאָזן. איך בין דאָך דער איינציקער וואָס איז דירעקט פאַרמישט אין דער גאַנצער חתונה. אויך די אַרעסטירטע חברים מיינע אין וואַרשע, באַפעלן מיר פון תפיסה אַרויס, זיך אַרויסצור־ רייסן קיין אויסלאַנד, אַזוי גיך ווי מעגלעך. זיצט מען איז געהאַקטע וואונדן און מ׳וואַרט — עד יעבור זעם.

אַזוי פאַמעלעך, אין צרות און לייד, איז דערווייל דער זומער אַוועק. ס׳שטעלן זיך די האַרבסטיקע רעגנס. די נעכט ווערן שוין לענגער. ס׳נעמט אויך אַביסל נאָכלאָזן זייער וואַכזאַמקייט. (די עלטערן באַווייזן דערווייל צו פירן אין געהיים צו דער חופה — מיך מיט דער באַשערטער לעבנס־באַ־ גלייטערין, חנה ווילדער, וועלכע האָט באַגלייך מיט מיר, צוריק מיט אַ יאָר און אַ האַלבן, געטיילט דעם זעלבן גורל — איז אָפּגעקומען עטלעכע חדשים אין אַ צאַרישער תפיסה אין וואַרשע, מיט אַ צוגאַב דערנאָך, ווי איך, אַ האַלב יאָר אין פאַרשיקונג).

ענדלעך זיך אַרויסגעריסן פון שטאָט. אָבער ביז מיר זעצן זיך אויף דער שיף, ביז יענעם מאָמענט, האַלטן זיך, צו אונדזער שלימזל, אין איין אונטעררוקן כלערליי שטרויכלונגען און געפאַרן. נישט איין מאָל האָט עס אויסגעזען, אַז אַלץ איז פאַרלוירן, אָבער זיך ווידער און ווידער אַמאָל על־פי נס געראַטעוועט. אָט אַזוי ביז די שיף וואָס פירט אונדז אַוועק פון אייראָפּע, נעמט שניידן די כוואַליעס אויף ווייטער צום מערב, און קומט אָן אין ניו־יאָרק, דעם 8טן דעצעמבער, 1912.

צום ערשטן מאָל אין לאַנגע חדשים אָטעמט מען אָפּ פריי, ווען מ׳באַ־ טרעט די האַרטע ניו־יאָרקער ערד. אַ שווערער שטיין קייקלט זיך אַראָפּ פון האַרץ. ענדלעך איז די סכנה וואָס האָט געלויערט אויף אונדזער גרויסן קלאַסיקער אין גאַנצן פאַראיבער.

.5

וואָס־זשע איז געוואָרן מיט די צוויי אַרעסטירטע חברים מיינע, מרדכי בירמאַן און אַוורעמל קאָסמאַן, וואָס בלויז אַדאַנק זייער פלינקן אָריענטירן זיך, באַלד אויף דער הייסער מינוט, איז דער סוף געווען אַ גוטער? בלויז אַדאַנק זייער דערפינדערישקייט און געשיקטקייט האָט זיך איינגעגעבן אי־ בערצוקליגלען די שרעקלעכע צאַרישע אָכראַנע און צעשטערן זייערע בייזע מחשבות לגבי פרצן. זיי אַליין אָבער זענען אָפּגעזעסן קנאַפּע צוויי יאָר אין פּאַוויאַק ביזן פּראָצעס. סוף 1913 ווערן זיי אויפן פּראָצעס פון דער וואַר־ שעווער ס. ס. אָרגאַניזאַציע, באַגלייך מיט די אַנדערע, פאַרמשפּט אויף אייביקער פאַרשיקונג אינעם ווייטן קאַלטן צפון־סיביר, אין טורוכאַנסק.

מיט אָט די חברים מיינע האָב איך די גאַנצע צייט וואָס זיי זענען גע־ זעסן אין פּאַוויאַק ביזן פּראָצעס געפירט אַ קאָרעספּאָנדענץ, אויך ווען כ׳בין

שוין געווען אין ניו־יאָרק. מיינע בריוו ווערן צו זיי אַריינגעשמוגלט דורך דער אונטערערדישער פּאָסט און זייערע צו מיר אַרויסגעשמוגלטע פון תפיסה. אויך פון סיביר האַלטן מיר אָן אונדזער קאָרעספּאָנדענץ, ביזן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. צוליבן אַלגעמיינעם אינטערעס זייערן, ווערן די בריוו זייערע פון תפיסה פאַרעפנטלעכט אין ניו־יאָרק אין דר. חיים זשיטלאָווסקיס חודש־זשורנאַל „דאָס נייע לעבן", מערץ, 1914, דורכן באַוואוסטן פּראָגרעסיוון שרייבער, משה כץ, אַ פריינט און חבר נאָך פון יענער צייט אין וואַרשע, ווען ער איז געווען אַ מיטאַרבעטער אין דער טעגלעכער צייטונג, „דער פריינד", אין 1912-1910, וואָס איז דעמאָלט אַריבער פון פּעטערבורג קיין וואַרשע. אגב, האָט ער געקענט פּערזענלעך די שרייבער פון יענע בריוו. די בריוו, מיט אַן אַריינפיר און דערקלערונגען האָבן געטראָגן דעם נאָמען „דאָס לעבן אין די רוסישע טורמעס". גענוצט האָט משה כץ פאַר דעם אַרטיקל זיינעם אַ פסעוודאָנים — א. מ־רי, וואָס האָט אייגנטלעך געמיינט אַ מיצרי, איבער דעם וואָס ער האָט פריער מיט אַ פּאָר יאָר געוואוינט אַ שטיקל צייט אין עגיפּטן.

מיינע חברים אין סיביר דערוואַרטן זיך אויפן פינצטערן סוף פונעם פאַרהאַסטן צאַריזם. בײנאַנד מיט אַלע אַנדערע פּאָליטישע געפאַנגענע, גיט זיי די רעוואָלוציע, אין פעברואַר, 1917, צוריק זייער פרייהייט. ביידע שטעלן זיך גלייך אין דינסט פון דער רעוואָלוציע. אָבער די פּאָר יאָר תפיסה ביזן פּראָצעס און די שווערע יאָרן אין סיביר דערנאָך, האָבן שטאַרק אונטערגעגראָבן דאָס געזונט פונעם איידעלן אַוורעמל קאָססמאַן. בעת זיין באַפרייאונג איז ער שוין געווען שווער אָנגעגריפן פון טובערקולאָז, אַ בייזע ירושה פונעם צאַריזם. ער לעבט נאָך בלויז אַ קורצע צייט.

---

עד היום, נאָך אַזוי פיל יאָרן, ווען נאָר ס'קומט אויפן רעיון יענער טרויעריקער עפּיזאָד — און ווי קאָן מען עס גאָר פאַרגעסן — שטעל איך זיך די פראַגע: צי האָט פרץ געהאַט דעמאָלט עפּעס אַ אָנונג, אַז די פאַרדינסטן פון זיין אויפטריט אין מיין היים־שטאָט, וועלן פאַרווענדט ווערן פאַר אַזאַ פאַרבאָטענעם צוועק, ווי הילף פאַר פּאָליטישע אַרעסטירטע — אַ האַרבע עבירה אין די אויגן פונעם צאַרישן פּאָליציי־רעזשים? מוז איך דאָ מודה זיין, אַז איך האָב עס דירעקט אים נישט געזאָגט, הגם לויט די באַדינגונגען פון יענער צייט האָט ער זיך זייער גרינג געקאָנט דאָס אָנשטויסן. ער האָט מיך אויך גאָר נישט געפרעגט. בעת אונדזער שמועס איז אויך אַרויפגעקומען דער איבערפאַל מיט אַ קנאַפּ יאָר צוריק, דורך דער אָכראַנע, אויף דער גענעראַל־פאַרזאַמלונג פון דער דעמאָלט זייער פּאָפּולערער צווישן דער יוגנט, יידישער ליטעראַרישער געזעלשאַפט, און מיט געוואַלט אָפּגעבראָכן איר לעגאַלע עקזיסטענץ. פרץ איז ביז מיט אַ קורצער צייט פאַרן איבערפאַל, געווען נישט נאָר איר פאָרמעלער פאָרזי־

צער, נאָר אויך איר דינאַמישער כוח, ווי זיין שטייגער איז אַלע מאָל געווען.
איז בעת יענעם שמועס אויך דערמאָנט געוואָרן דער פאַקט, אַז איך בין געווען איינער פון דער גרופּע, וואָס מ'האָט דאָרטן אַרעסטירט, ס'איז פאַר פּרץ אַוודאי קיין סוד נישט געווען, אַז איטלעך איינער פון יענע אַרעסטירטע איז געווען אַן אַקטיווער מיטגליד פון אַן אומלעגאַלער סאָציאַליסטישער פאַרטיי. און ווי געשיקט זיך עס, אַז ער זאָל נישט האָבן זיך עפּעס וואָס אָנגעשטויסן? פון דער צווייטער זייט — ווער קאָן זיך עס איצט אונטערנעמען צו זאָגן מיט זיכערקייט, אַז ער האָט יאָ עפּעס־וואָס געאָנט?
ביי דער געלעגנהייט בעט זיך אָנצואווייזן אויף דעם בלויז, וואָס עד־היום איז, ראַכט זיך, נאָך נישט געמאַכט געוואָרן קיין ערנסטער פּרוואוו אויסצופאָרשן יענע סאַמע ערשטע מאַסן־אָרגאַניזאַציע, פאַר דער פאַרשפּרייטונג און פעדערונג פון אונדזער מאָדערנער וועלטלעכער יידישער קולטור.
געגרינדעט געוואָרן איז די „יידישע ליטעראַרישע געזעלשאַפט" אין וואַרשע, אין האַרבסט, 1909, אַ יאָר נאָך דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ, איז זי געווען די פאַרלויפערין און פּראָטאָטיפּ פון יעדער שפּעטערדיקער יידישער קולטור־געזעלשאַפט, וואָס אָריענטירט זיך אויף אַ ברייטער מאַסן־באַזע.
אין אַ לינדן פרילינג־טאָג, אַ שבת נאָכמיטאָג, מאַי, 1911, אין זאַל אַנגיעלסקי, אויף נאָוויניאַרסקי גאַס, אין סאַמע מיטן ברען פון די דעבאַטן האָט אַ שייקע פּאָליציסטן און ציווילע אַגענטן פון דער אָכראַנע, פּלוצים ווי די הייסעריקן זיך אַראָפּגעלאָזט און אַדורכגעפירט אַ בליץ־אַטאַקע אויף דער, דורכן פּאָליציי־מייסטער דערלויבטער, גענעראַל־פאַרזאַמלונג פון דער יידישער ליטעראַרישער געזעלשאַפט אין וואַרשע. דאָס ערשטע פאַרכאַפּן זיי די פענצטער. לעבן יעדן פון דער מאַסע פענצטער אין זאַל שטעלן זיי אַוועק אַ פּאָליציי־וואַך, ס'זאָל זיך קיינער חלילה נישט אַרויסכאַפּן דורך אַ פענצטער, כאָטש די געביידע איז אויך פון דרויסן געווען אַרומגערינגלט מיט אַ פּאָליציי קאָרדאָן. אין מיטן זאַל שטעלן זיי אַוועק אַ טיש, אַרום וועלכן ס'מאַכן זיך באַקוועם די לאַפּיטוטן פון דער אָכראַנע, מיטן גראַנד־אינקוויזיטאָר, ראַכמאַנינאָוו בראש.
איז קודם כל נעמט מען זיך, לויט דער ריי, יעדן איינעם באַזונדער, באַטאַפּן פון אויבן ביז אַרונטער. אָבער איידער וואָס־ווען האָט דערוויילע דער עולם אין דער מהומה, איז אַן אויגנבליק צעריסן, צעפּליקט אויף פּיצ־פּיצלעך איטלעכס שטיקל פּאַפּיר אין די קעשענעס — אַדרעסן, בריוו, אומלעגאַלע ליטעראַטור, און פאַרפּלייצט דערמיט דעם זאַל. מיט אַ בעזים קערט די פּאָליציי צונויף די פּיצלעך פּאַפּיר, שטאָפּט אַן אַ פולן זאַק און פירט אים שפּעטער אַוועק אין דער אָכראַנע. דערנאָך נעמט מען איינציקווייז יעדן איינעם צום טיש אויף אַ „דאָפּראָס" (פאַרהער).

ווען ס׳קומט די ריי צו מיר, דערפרייט ער זיך גאָר מיט מיר, ראַכמאַנינאָוו. ער האָט אַ שאַרף אויג. ער דערקענט מיך גלייך. וואָס טו איך שוין ווידער דאָ ? ער האָט גאָר נישט געוואוסט, אַז כ׳בין שוין דאָ צוריק פון פאַרשיקונג. ערשט צוריק מיט אַ יאָר בין איך געווען אין זיינע הענט. בקיצור, ער האָט מיר צוגעטיילט דעם „כבוד״ צו זיין איינער פון די העכער דרייסיק אַרעסטירטע, וועלכע מ׳האָט נאָך לאַנגע פאַרמאַטערנדיקע שעהן אויסגעזיפּט פון צווישן די עטלעכע הונדערט פאַרזאַמלטע. שוין געווען שפּעט אין אָוונט, ווען מ׳האָט אונדז אַריינגעברענגט אין דער אָכראַנע, ערשט פאַר דער אמתער אינקוויזיציע. ביז וואַנעט מ׳האָט אין דער אָכראַנע זיך געספּראַוועט מיט יעדן איינעם פון אונדז, האָט שוין געגרויט אויף טאָג. אייגנעזעצט האָט מען אונדז אינעם נייעם נאָר־וואָס אויסגעפּאַרטיקטן ראָטהויז, אין סאַמע צענטער פון שטאָט. דאָרטן לאָזט מען אונדז אַלע אַריין אין איין זייער גרויסער קאַמער. די נייע בעטן דאָרטן, אָדער ווי מ׳האָט זיי גערופן לעגימאַטן, זענען באַשטאַנען פון אַן אייזערנער פירעקעכדיקער ראָם מיט אַן אַנגעצויגענעם ברעזענט און פון אייזערנע צונויפפלייג־פיסלעך. אַ גאַנצן טאָג זענען די דאָזיקע אַזוי־גערופענע בעטן געווען צוגעפעסטיקט מיט אַ שלאָס צו די ווענט. איז בייטאָג די קאַמער געווען גאַנץ גערוים. ביינאַכט שליסן די וועכטער אָפּ די אויך־מיר בעטן פון די ווענט און שטעלן זיי אַוועק אויפן באָדן, פאַר יעדן אַ „בעט״. גאַנץ פרי ווערן זיי אויפגעשטעלט און ווידער צוגעפעסטיקט צו די ווענט. איז אין פאַרגלייך מיטן פייכטן, פינצטערן קאַזעמאַט אין וואַרשעווער פעסטונג, וואו מ׳האָט אונדז, אַ גרופּע חברים, פאַרפּאַקט מיט איבער אַ יאָר צוריק, האָט די ליכטיקע, ריינע און גערוימע קאַמער אויסגעזען אין אונדזערע אויגן ווי אַ גרוימער האָטעלצימער. צום „עסן״ אָבער האָט מען זיך דאָ נישט געקאָנט צוזירן. געווען אַן אַן ערד אַ סך ערגער ווי אין פעסטונג.

ווייטער איז דאָ נישט געווען וואָס זיך צו באַקלאָגן — ס׳איז דאָ געווען גאַנץ לעבעדיק. צווישן עולם האָבן זיך באַלד אָפּגעזוכט טאַלאַנטן, פאַרווילערס. ספּעציעל האָט זיך אויסגעצייכנט איינער שימקע, געשטאַמט פון ווילנע, געווען אַ שוסטער. אַ לוסטיקער לונג־און־לעבער, אַן אמתער אַקטיאָר. פלעגט ער פאַר אונדז רעציטירן מיט נישט־קשהדיקן טאַלאַנט, די אין יענער צייט פּאָפּולערע „ר׳ אבאם מאָנאַלאָגן״, פון ז. י. אָנוכי. ער האָט זיי פאַרגעדענקט אויף אויסנווייניק. געווען אויך אַנדערע טאַלאַנטן. געווען צווישן אונדז עטלעכע פּראָמינענטע פּאַרטיי־פירער פון בונד. איינער פון זיי, אינזשעניר העלער, וועלכער האָט שפּעטער, נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע אינעם קולטור־לעבן אין וואַרשע. ער איז געווען דער גרינדער פון אַן אַרבעטער־אוניווערסיטעט דאָרטן.

די אָכראַנע איז אָבער דאָך געבליבן אַנטוישט. זי האָט זיך גערעכנט אויף אַ גרעסערן פאַנג. לויט דער אינפאָרמאַציע וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט, האָבן

זיי געהאָפט מיט איין קלאַפ אַריינצוקריגן די קאַרפּן־קעפ פון די יידישע סאָציאַליסטישע אַרבעטער־פּאַרטייען אין וואַרשע. זיי האָבן אָבער פאַרשפּעטיקט. ס'איז פאַר זיי קיין סוד נישט געווען, אַז די ליטעראַרישע געזעלשאַפט איז ביסלעכווייז געוואָרן דער טרעף־פונקט פאַר די מיטגלידער פון די אומלעגאַלע פּאַרטייען, און אַז זיי זענען איצט געוואָרן דאָרט די איבערוועגנדיקע מערהייט. ס'איז אָבער אויך פאַר אונדז קיין סוד נישט געווען, אַז די אָכראַנע האָט דאָ אירע „אויגן" און „אויערן". אין דער איינער צייט איז מען געווען שטאַרק פאַראינטערעסירט אויפצוהאַלטן די לעגאַליטעט פון דער ליטעראַרישער געזעלשאַפט. איז מען דעריבער ביי די פאַרזאַמלונגען געווען אויף דער וואַך נישט צו געבן קיין געלעגנהייט דער אָכראַנע זיך צו טשעפּען. דאָך אָבער האָט מען צו יעדער צייט געקאָנט זיך ריכטן אויף אַן איבערפאַל. דעריבער, ווי נאָר אַ וויכטיקער פּאַרטייטוער איז יענעם נאָכמיטיק, ביי דער גענעראַל־פאַרזאַמלונג, פּאַרטיק געוואָרן מיט זיין רעדע, האָט ער גלייך פאַרלאָזט די פאַרזאַמלונג. אַזוי געדענקט זיך, אַז נאָך דעם ווי ס'האָט אָפּגערעדט משה כץ פון די ס.ס. איז ער גלייך אַוועק. דאָס זעלבע אויך העניריק ערליך פון בונד, און נאָך אַנדערע. איז ווען מ'איז באַפאַלן די פאַרזאַמלונג האָבן שוין מיינסטע פון די גדולים געפעלט, און אַזוי נאָך זיך געראַטעוועט פון אַרעסט.

אָט אַזוי האָט די „יידישע ליטעראַרישע געזעלשאַפט" אין וואַרשע פאַרענדיקט איר קורצע, אָבער גלאָררייכע עקזיסטענץ.

דער דאָזיקער ברוטאַלער אַקט רופט אַרויס אַ קאָך אויף דער יידישער גאַס, ער קריגט אויך אַן אָפּקלאַנג איבערן לאַנד. איינער פון די צוויי יידישע דעפּוטאַטן אין דער דומע (פּאַרלאַמענט) אין פּעטערבורג, ניסעלעוויטש, דער פאַרטרעטער פון קאָוונע, טראָגט אַריין אין דער דומע, אַן אינטערפּעלאַציע וועגן דעם איבערפאַל. זיין פראַגע צום אינערן־מיניסטער איז אַזערד געווען אָט־די:

„מיט וואָס פאַר אַ רעכט איז די אָכראַנע אין וואַרשע באַפאַלן אַ לעגאַל־פונקציאָנירנדיקע, פון דער מאַכט דערלויבטער געזעלשאַפט, געמאַכט דאָרט אַרעסטן און אין גאַנצן אָפּגעבראָכן איר עקזיסטענץ? איז דען דאָס נישט געווען אַן אויסדריקלעכע פּראָוואָקאַציע פונעם פּאָליציימייסטער פריער אומיסטנע אַרויסצוגעבן אַ דערלויבעניש פאַר דער גענעראַל־פאַרזאַמלונג פון דער יידישער ליטעראַרישער געזעלשאַפט, כדי דערנאָכדעם אויף אַ ווילקירלעכן, אומגעזעצלעכן אופן זי צו באַפאַלן", אאז"וו, אאז"וו אין אָט דעם זין.

וואָס ס'איז געווען דער ענטפער פונעם צאַרישן אינערן־מיניסטער אויף דער אינטערפּעלאַציע איז מיר נישט באַקאַנט, און אפשר האָט ער גאָר אין גאַנצן נישט געענטפערט. דערווייל אָבער האָט די פרעסע אין לאַנד געשריבן וועגן דער אָנפראַגע. געווען איז אַ סברה, אַז דער דאָזיקער אַרויס־

טריט פונעם דעפוטאט, ניסעלעוויטש, אין דער דומע איז אינספירירט געווארן דורך די יידישע פני אין פעטערבורג. זיי זענען עס געווען די וואס האבן אויסגעבלאפאטשעט ביי דער צארישער מאכט די דערלויבעניש פאר דער געזעלשאפט, וועלכע זיי האבן אריגינעל געגרינדעט אין פעטערבורג. פארשטענדלעך, אז זייער געזעלשאפט אין פעטערבורג האט געטראגן א גאנץ אנדערן כאראקטער ווי די אפטיילונג פון זייער געזעלשאפט אין ווארשע. דער דאזיקער ארעסט און דאס פארמאכן די אפטיילונג פון זייער געזעלשאפט אין ווארשע, האט זיי שוין גאר נישט געשמעקט. ס'האט זיך זיי נישט געוואלט פארלירן די „גוטע" רעפוטאציע אין די אויגן פון דער צארישער מאכט.

די גרינדונג פון דער ליטעראַרישער געזעלשאפט אין ווארשע איז זיך צונויפגעפאלן מיט דער צייט ווען יידיש און די יידיש־וועלטלעכע ליטעראטור האט אונטער די פליגלען פון יצחק לייבוש פרץ, זיך גענומען אוועקרייסן פון די ענגע דלד אמות פונעם פראווינציאליזם, און זיך גענומען באהעפטן מיט דער וועלט־ליטעראטור. די יידיש־ליטעראטור האט איצט באדארפט ווערן א טייל פונעם ברייטן שטראם פון דער וועלט־קולטור. פון די שטעט און שטעטלעך אין פוילן צופט דעמאלט די אויפגעוועקטע יוגנט קיין ווארשע; ס'ציט זיי ווי מיט א מאגנעט צום צענטער פון דער אויפגייענדיקער מאדערנער יידישער ליטעראטור, מיט איר קאכיקן קולטור־לעבן, מיט אירע שאפער און בויער פון דער נייער וועלטלעכער קולטור, בראש מיט דער ליכטיקסטער פיגור ביי אונדז אין יענער צייט — מיט י. ל. פרצן. צו דעם האט דער יידישער ארבעטער גוזען אין דער יידישער ליטעראטור א מעכטיק אידעאלאגיש געווער. האבן זיך שוין ביי דער גרינדונג־פארזאמלונג, אויף וועלכער דער שרייבער פון די שורות איז בייגעווען, אנגעזען די ווארט־זאגער פון די יידישע סאציאליסטישע פארטייען. ס'האבן זיך אבער אויך אנגעזען דארטן די וויכטיקע פיגורן פון די בירגערלעכע קולטור־שאפער. איין אנטיילנעמער ביי דער גרינדונג־פארזאמלונג, וואס האט זיך גאנץ באזונדערס איינגעקריצט אין זכרון, איז געווען דוד פרישמאן, מיטן שטענדיקן סארקאסטישן שמייכעלע, וואס האט זיך געקרייזלט אויף זיינע ליפן. מער אבער ווייזט ער זיך נישט. און הגם פרץ איז ביי דער גרינדונג נישט בייגעווען, נעמט ער דארטן אין גיכן שפילן די הויפט־ראלע.

---

נאך עטלעכע חדשים אין תפיסה, אין איין שיינעם זומער־טאג, נעמט מען פלוצים אומגעריכט און מ'לאזט ארויס עטלעכע פון דער גרופע, וואס איז ארעסטירט געווארן בעתן איבערפאל אויף דער ליטעראַרישער געזעלשאפט. שפילט מיר צו דאס גליק, זיך צו געפינען אין אט דעם ערשטן „ארויסלאז". איז דאס, נאטירלעך, פאר אונדז געווען א גרויסע פרייד און נאך א גרעסערע איבערראשונג. צווישן אט דער ערשטער גרופע איז אויך

געווען דער אינזשעניר העלער, וואָס איז געווען דער פּאַרזיצער פון דער באַפּאַלענער פּאַרזאַמלונג, אַ פּראָמינענטער פירער פון „בונד". איז זיין באַפּרייאונג געווען פאַר אונדז דער גרעסטער חידוש. ס׳נעמט נישט לאַנג און דער סוד אַנטפּלעקט זיך פאַר אונדז. אינזשעניר העלער האָט געשטאַמט פון אַ רייכער משפחה אין ריגע. איז מען געקומען קיין ווארשע און מיט אַ היפּשער אַפּותיקא אָפּגעחורשט, נישט קיין אַנדערן, ווי נאָר דעם גראַנד־אינקוויזיטאָר פון דער אָכראַנע — ראַכמאַנינאָוון אַליין. באַפרייען העלערן אַליין וואָלט דאָך צופיל אויפגעריסן די אויגן — איז אויף מיר און נאָך אַ פּאָר געפאַלן דער גורל צו געניסן אין זיין זכות.

היות אָבער מ׳נעמט שפּעטער ביסלעכווייז אַרויסלאָזן די רעשט אַרעסטירטע, פאַלט אונדז איין, אַז דאָס איז מסתמא אַ רעזולטאַט פון דער קאָמבינאַציע פון צוויי פאַקטאָרן: ביידע, אי דער כאַבאַר און אי דער געוואַגטער אַרויסטריט פונעם דומע־דעפּוטאַט, האָבן, אַפּנים, פאַר אונדז געעפנט די טויערן פון דער תפיסה. האָט זיך אין יענער צייט באמת געפאָדערט אַ וועלט מיט קוראַזש מצד דעם פּראָווינציעלן יידישן אַדוואָקאַט, ניסעלעוויטש, זיך איינצורייסן מיטן צאַרישן פּאָליציי־רעזשים. קיין גוטס האָט ער נישט געקאָנט דערוואַרטן. און ריזיקירט האָט ער זייער אַ סך.

---

שוין העכער אַ האַלבער יאָרהונדערט איז אָפּגעלאָפן זינט יענעם אומפאַרגעסלעכן וויזיט מיינעם ביי פּרצן, וואָס וואָלט געקאָנט פאַר אים (ווי אויך, נאַטירלעך, פאַר מיר) זיך אויסלאָזן גאַנץ טרויעריק. איז אין אַט די אַלע יאָרן, ווען נאָר דאָס קומט אויף דער מחשבה — איז מיר שטאַרק קשה, פאַרוואָס דאָך האָט פּרץ אַזוי טרוקן אָפּגעשניטן.

קאָן דאָס דאָזיקע רעטעניש, אינעם ליכט פון די אומשטענדן אין יענער צייט, דאַכט זיך, נישט אַנדערש אויפגעקלערט ווערן, ווי נאָר דערמיט אפשר, וואָס פּרץ אין 1912 איז, אפילו פאַר דער צאַרישער מאַכט, נישט מער געווען דער פּרץ פון 1899. אין אויגוסט 1899, ווערט פּרץ, ווי באַוואוסט, אַרעסטירט אויף אַן אַרבעטער־פאַרזאַמלונג פון „בונד" ווען ער האָט געהאַלטן אין פאַרלייענען זיין „פרומע קאַץ". ער ווערט פאַרשפּאַרט אין ציטאַדעל, אין באַרימטן צענטן פּאַווילייאָן, דער זיץ־פּלאַץ פאַר וויכטיקע פּאָליטישע פאַרברעכער. ער קומט דאָרט אָפּ דריי חדשים. האָט ער נאָך גוט אָפּגעשניטן. ס׳האָט געקאָנט זיך אויסלאָזן ערגער. אין 1912, אָבער, איז ער שוין פאַר זיי אַ צו גרויסער ביסן צום אַראָפּשלינגען. אַחוץ דעם וואָס ער האָט שוין געהאַט דערגרייכט דעם הויך־פּונקט פון זיין שאַפן, ווי דער גרויסער יידישער קלאַסיקער איז פּרץ דערצו שוין געווען דעמאָלט איינער פון די פאַרנעמסטע פיגורן ביי יידן — נישט נאָר אין רוסלאַנד, נאָר אין דער וועלט. די בלינד־ברוטאַלע צאַרישע מאַכט האָט, אַפּנים, דאָס מאָל נישט דערוועגט זיך מער צוצורירן צו אים. ס׳האָט זיך איר איצט

פשוט נישט געלוינט איינצורייסן מיט דער וועלט — מעג **עס זיין אפילו** מיט דער יידישער וועלט.

ואני הקטן — מעג אוודאי זיך שעצן גליקלעך, וואס **פרץ איז דעמאלט** ניצול געווארן פון זייערע הענט.



**שמואל ווינער**

# פראַנסיס בעיקאָן — ענגלישער פילאָזאָף, עסעאיסט און מלוכה־מאַן

**זיין אָנדענק איז אין 1961 באַערט געוואָרן דורכן אַלוועלטלעכן שלום־ראַט, צו זיין 400־סטן געבוירניאָר.**



פראַנסיס בעיקאָן

איינער פון די גרויסע וועלט־דענקער, וואָס דער אַלוועלטלעכער שלום־ראַט האָט באַשטימט אים אָפּצוגעבן כבוד אין 1961, צו זיין 400סטן געבוירן־יאָר, איז דער ענגלישער פילאָזאָף, עסעאיסט און מלוכה־מאַן, פראַנסיס בעיקאָן. ער איז געבוירן געוואָרן יאַנואַר 22, 1561; געשטאָרבן אַפּריל 9, 1626.

פראַנסים בעיקאָן, דער געניאַלער זון פונעם ענגלישן פאָלק, אַ ווערסאַטילע, פילזייטיקע און פילפאַרביקע פערזענלעכקייט, איז געווען אַ באַרימטער פילאָזאָף, וויסנשאַפטסמאַן, היסטאָריקער, גלענצנדיקער עסעאיסט,

פאַרעפנטלעכט אין זאַמלונגען, נומער 23, זומער 1961, ניו־יאָרק.

יוריסט און הויכער מלוכה־מאַן. ער האָט אַדורכגעמאַכט אַ שטורמיש לעבן איז איינער פֿון די שטורעמדיקע עפּאָכעס אין דער געשיכטע פֿון ענגלאַנד.

---

אינספּירירט דורכן רענעסאַנס און אין רעוואָלט אַנטקעגן דעם אַריסטאָטעליאַניזם און דער סכאָלאַסטישער לאָגיק, קאָן מען שוין בעיקאָנען כמעט צורעכענען צו די דענקער פֿון דער נייער צייט. האַלטנדיק אַז די סכאָלאַסטיקער און טעאָלאָגן דאַרפֿן זיך נישט אַריינמישן אין דער אַנטוויקלונג פֿון דער וויסנשאַפֿט, האָט ער שאַרף קריטיקירט דעם מיטלאַלטערלעכן געדאַנק, וועלכער האָט אין זיין צייט נאָך אַלץ אָנגעהאַלטן די איבערהאַנט אין דער פֿילאָזאָפֿיע. קריטיק אַליין איז אָבער נישט געווען דער הויפּט־ציל פֿון זיין זוכן און פֿאָרשן. פֿאַר אים איז דער עיקר געווען דאָס בויען אַ וויסנשאַפֿטלעכע פֿילאָזאָפֿיע, אַ סיסטעם פֿון מענטשלעכן וויסן, וואָס זאָל זיך האַלטן אויף אַ געזיכערטן, דורך דער וויסנשאַפֿט אויסגעפּרוּווטן פֿונדאַמענט. איז הגם דער קאַמף קעגן דער סטערילער, מיטלאַלטערלעכער סכאָלאַסטיק האָט זיך נאָך אָנגעהויבן פֿאַר אים, און גענוג איז שוין אויפֿגעטון געוואָרן, בלייבט פֿאַר אים נאָך אַלץ איבער דער שווערסטער טייל אַרבעט אָפּצורוימען פֿון וועג אַ היפּש ביסל אומבאַרעכטיקטע הנחות און פֿאַלשע קאָנצעפּציעס וועגן דער נאַטור, וואָס זענען געווען אָנגענומען דורך די סכאָלאַסטיקער, קאָנצעפּציעס וועלכע זענען געווען שטרויכלשטיינער אויפֿן וועג צו אַן אמתער וויסנשאַפֿט.

בעיקאָן האָט געוואָלט אַ נייע דערקענטעניש וועגן דער נאַטור, וואָס זאָל געבן דעם מענטש אַן עפֿעקטיווע מאַכט איבער איר. אוטיליטאַריזם, נוצן, דאָס באַהערשן די נאַטור — אָט דאָס איז דער העכסטער אידעאַל צו וועלכן די פֿילאָזאָפֿיע דאַרף, לויט בעיקאָנען, שטרעבן. די הערשנדיקע מיטלאַלטערלעכע פֿילאָזאָפֿיע אָבער, וועלכע איז אין איר סאַמע וואָרצלען געווען אָפּגעריסן פֿונעם רעאַלן לעבן, פֿון דער דערפֿאַרונג, האָט געזוכט צו איבערצייגן די מענטשן, אַז מ׳קאָן נישט דורך מענטשלעכער קונסט און אַרבעט דערוואַרטן קיין באמת גרויסע זאַכן, דורך וועלכע דער מענטש זאָל זיין בכוח צו באַהערשן די נאַטור, זי גובר זיין. דורך אירע ספּעקולאַטיווע ענטפֿערס, רופֿט אַרויס די מיטלאַלטערלעכע פֿילאָזאָפֿיע מיט אויסגערעכנטקייט ביי מענטשן סקעפּטיציזם און פֿאַרצווייפֿלונג.

מוז מען דעריבער האָבן אַ נייע מעטאָדע פֿון וויסן, אַ נייע פֿילאָזאָפֿיע. אמתדיק וויסן מיינט נישט בלויז צו האָבן אַ מיינונג, אַ שטאַנדפּונקט און פּטור. עפֿעקטיוו וויסנשאַפֿטלעך דענקען הייבט זיך אָן נישט מיט גלויבן נאָר מיט צווייפֿלען, מיט ספֿקות. „אויב אַ מענטש", זאָגט בעיקאָן, „זאָל אָנהייבן מיט זיכערקייטן קאָן ער ענדיקן מיט צווייפֿלען; אויב אָבער ער וועט צופֿרידן זיין אָנצוהייבן מיט צווייפֿלען, קאָן ער ענדיקן מיט זיכערקייטן". וויסנשאַפֿט איז נישט עפּעס אַ מין לאָגישע דעדוקציע, אַן אַרויסדרינגונג אויס נישט־אויסגעפּרוּווטע אַזוי־גערופֿענע „ערשטע פּרינציפּן", נאָר דאַרף אויסגעפּרוּווט ווערן דורך אַקציע; נאָר דורך עקספּערימענטן

קאָן מען אויסגעפינען נייע אמתן וועגן דער נאַטור. האָט ער דערמיט געמאַכט אַן אָנהייב צו פאַרשטיין די רעאַלקייט אין איר סאַמע תוך. דאָס איז נישט נאָר וויסנשפט, דאָס איז אויך פילאָזאָפיע.

כדי, בכן, אונדזער וויסנשאַפט זאָל זיין אַן אמתדיק, זיכער וויסן, טאָר זי דורך קיין שום זאַך נישט געשטערט ווערן, טאָר קיין שום זאַך נישט פאַרטונקלען יענע פּראָצעסן, וואָס קומען פאָר אין דער דרויסנדיקער וועלט, אין דער נאַטור. דערמיט האָט ער געמאַכט אַן אָנהייב צו פאַרשטיין די רעאַלקייט אין איר סאַמע תוך. איז אָט דאָס נישט נאָר וויסנשאַפט. די ביזאיצטיקע מעטאָדע פון פאָרשונג מיט דער הילף פון אַריסטאָטלס לאָגיק, דורך די נישט־אויסגעפּרואוווטע „ערשטע פּרינציפּן" טויגן שוין נישט מער. מוז מען דעריבער אויסגעפינען נייע וועגן צו פאָרשן די נאַטור.

אין 1620 קומט בעיקאָן אַרויס מיט זיין וויכטיקן פילאָזאָפישן ווערק „נאָוואום אָרגאַנום" (דער נייער אָרגאַנאָן). דער אַלטער אָרגאַנאָן אַריסטאָטלס וועגן לאָגיק, קאָן היינט מער נישט דינען אונדזער צוועק. אַ נייע לאָגיק, אַ נייער אינסטרומענט פון דענקען מוז אויסגעאַרבעט ווערן, וואָס זאָל אונדז ווידער פירן צום וויסנשאַפטלעכן אמת. די דאָזיקע נייע פּרינציפּן און לאָגיק האָבן נישט נאָר געדאַרפט העלפן אויפבויען אַ וויסנשאַפט וועגן דער נאַטור, נאָר אויך אונדז העלפן אויסאַרבעטן אַלע אַנדערע צווייגן פונעם מענטשלעכן וויסן, וואָס דאַרפן באַפרידיקן די העכערע מענטשלעכע באַדערפענישן.

אין אָט דעם ווערק זיינעם „נאָוואום אָרגאַנום", ברענגט בעיקאָן אַריין אַן אַקוראַטנע און שטרענג אָפּגעהיטענע אָבסערווירונג און עקספּערימענטירונג. דערמיט האָט ער אין גאַנצן אָפּגעווייכט פון די פריערדיקע וויסנשאַפטלעכע אַנאַלן. דער הויפּט־ציל פון זיין נייער פילאָזאָפיע איז געווען צו באַפרייען די נאַטור פון דער איבערנאַטירלעכער אייבערהערשאַפט איבער איר און אַוועקשטעלן דעם מענטש אונטער די געזעצן פון דער נאַטור. כדי צו קאָנען קריגן די אייבערמאַכט איבער דער נאַטור, דאַרף דער מענטש אָנערקענען די פּרימערקייט פון דער נאַטור און זיך אויסלערנען צו דערקענען, צו פאַרשטיין אירע געזעצן. צו קענען באמת די געזעצן פון דער נאַטור מיינט צו געבן דעם מענטשן אַן עפעקטיווע מאַכט איבער איר, און פאַר זיך עפענען אירע רעסורסן, פאַר זיין וואוילזיין. שטעלט ער דערמיט פעסט, אַז וויסנשאַפט איז נייטיק פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער מענטשלעכער פּראָדוקטיוויטעט.

מיט אָט די אידעען זיינע דריקט בעיקאָן אויס די רעאַלע נויטן און באַדערפענישן פונעם ניי־אויפשטייגנדיקן מיטלקלאַס אין זיין ציַיט און זיין לאַנד. האָט דאָך אין ענגלאַנד, פריער ווי ערגעץ אַנדערש זיך גענומען אַנטוויקלען די קאַפּיטאַליסטישע פאָרם פון פּראָדוקציע, וועלכע האָט אין גאַנצן זיך אָנגעשפּאַרט אויפן מענטשנס אויסנוצן די נאַטור־קרעפטן.

בעיקאָן מאַכט אַן אויסגעצייכנטן ביישטייער צו דער עמפּירישער מעטאָדע אין דער פילאָזאָפיע. (עמפּיריציזם איז די פילאָזאָפישע טעאָריע,

װעלכע באַטראַכט די דערפֿאַרונג װאָס דער מענטש קריגט דורך די חושים פֿאַרן איינציקן קװאַל פֿון װיסן). לויט בעיקאָנען קאָן „דער מענטש . . . טון און פֿאַרשטיין אַזױ פֿיל בלויז, װיפֿיל ער האָט אָבסערװירט פֿאַקטיש, אָדער אין געדאַנק, דעם גאַנג פֿון דער נאַטור". לויט זיין קאָנצעפּציע איז די גאַנצע װיסנשאַפֿט באַגרינדעט אויף דערפֿאַרונג און באַשטייט אינעם אונטערװאַרפֿן די פֿאַקטן װאָס װערן אונדז צוגעשטעלט דורך די חושים צו אַ ראַציאָנעלער, שכלדיקער מעטאָדע פֿון פֿאָרשונג, װעלכע שליסט אין זיך איין אינדוקציע, אַנאַליז, פֿאַרגלייכונג, אָבסערװירונג און עקספּערימענטירונג. דערביי לערנט ער, אַז דער מענטש קאָן דערקענען און „באַהערשן" די נאַטור בלויז דורכן אויספֿאָלגן אירע געזעצן.

ספּעציעל זעט זיך אַן בעיקאָן דערמיט װאָס ער איז געװען איינער פֿון די ערשטע דענקער אין דער געשיכטע פֿון װיסנשאַפֿט צו פּרעזענטירן אַ רייכע און דעטאַליזירטע קאָנצעפּציע װעגן דער אינדוקטיװער מעטאָדאָלאָגיע. די אינדוקטיװע מעטאָדע, איז די מעטאָדע װאָס דרינגט אַרויס אַלגעמיינע געזעצן אויפֿן גרונט פֿון אינדיװידועלער דערפֿאַרונג. למשל, כדי אויסצוגעפֿינען די אַלגעמיינע געזעצן װאָס הערשן אין דער נאַטור, מוז מען קודם פֿעסטשטעלן די באַזונדערע, אינדיװידועלע פֿאַקטן און געשעענישן װאָס קומען איין איר פֿאָר. פֿאַר אָט דעם ציל דאַרף מען דאָס ערשטע נעמען צו הילף די אָבסערװירונג, ד"ה, פּינקטלעך און אַקוראַט זיך צוקוקן צו די נאַטור־דערשיינונגען, און צװייטנס — עקספּערימענטירונג, ד"ה, אַריינברענגען פֿאַרענדערונגען אינעם גאַנג פֿון די נאַטור־פּראָצעסן, כדי צו זען װי דאָס װעט װירקן אויף יענע נאַטור־דערשיינונגען אין װעלכע מיר זענען פֿאַראינטערעסירט.

װידמענענדיק זיין גאַנצע ענערגיע פֿאַר דער אַנטװיקלונג פֿון אַן עכטער װיסנשאַפֿטלעכער מעטאָדע, האָט בעיקאָן געלערנט, אַז אמתע פֿילאָזאָפֿיע מוז „טון די אַרבעט" װעלכע זי קאָן טון, בלויז דורכן שטעלן זיך אויפֿן פֿונדאַמענט פֿונעם אַקטועלן, װירקלעכן אָבסערװירן די דערשיינונגען אין דער נאַטור, און אויס אָט די אָבסערװירונגען מאַכן די נייטיקע אויספֿירן.

נאָך אַן אַספּעקט אין בעיקאָנס פֿילאָזאָפֿיע איז דאָס װאָס ער האָט בנוגע דער גאַנצער פֿראַגע װעגן דער אויפֿלעבונג פֿון דער װיסנשאַפֿט אַנגעװענדט אַ חריפֿותדיקן היסטאָרישן זין, אומגעװיינלעך פֿאַר זיין צייט, און נאָך װיניק פֿאַרשטאַנען דורך זיינע נאָכפֿאָלגער. מיט אָט דער גרויסער דערגרייכונג פֿאַר דער מאָדערנער װיסנשאַפֿט, דעם װידערגעבורט פֿונעם זין פֿאַר געשיכטע, האָט ער געגעבן דעם העכסטן אויסדרוק צום גייסט פֿון זיין עפּאָכע. דער עיקר אין בעיקאָנס שריפֿטן איז דאָס װאָס ער גיט איין גרויסע אינטערפּרעטאַציע, אַז אויסטייטשונג איבער דער געשיכטע פֿון דער מענטשהייט. דער זין פֿון זיין אויסטייטשונג איז, אַז די אמתע געשיכטע פֿון דער מענטשהייט קאָן נאָר געשריבן װערן אין פֿאַרבינדונג מיטן

מענטשנס זיג איבער זיין דרויסנדיקער סביבה, ד"ה, איבער דער נאַטור אַרום אונדז. אינעם פּראָצעס פון זיין באַזיגן די נאַטור מאַכט דער מענטש זיין גייסטיקע געשיכטע. דאָס האָט בעיקאָן געזאָגט, אַז די דערפינדונג פון דרוק, שיס־פּולווער און דעם קאָמפּאַס האָט געטון מערער צו מאַכן געשיכטע, ווי פּאָליטיק, זיגן, אָדער רעליגיע. זיין טעמע איז, אין זיינע אייגענע ווערטער, „דאָס אינטערפּרעטירן די נאַטור און דעם מענטשנס הערשאַפט איבער איר". פון הינטערן שלייער פון פּאָליטיק בליקט ער אַדורך די עקאָנאָמישע רעאַלקייט און אורטיילט דעם מענטשנס פאַרגאַנגענע דערגרייכונגען און צוקונפטיקע אויסקוקן אין טערמינען פון זיין באַהערשן די נאַטור, נישט אויסלאָזנדיק די אַנדערע אַספּעקטן פון זיין קולטור, נאָר פאַרבינדנדיק זיי מיט אָט דעם פונדאַמענטאַלן פאַקט. מיט אָט די אידעען זיינע אין זיין פילאָזאָפיע האָט בעיקאָן זיך צוגענייגט צום מאַטעריאַליזם און צו אַ וויסנשאַפטלעכן וועלט־באַנעם.

בעיקאָן איז, ווי געזאָגט, אין זיין פילאָזאָפיע צוגעקומען גאַנץ נאָענט צום מאַטעריאַליזם. זיין מאַטעריאַליסטישער וועלט־באַנעם איז אָבער אין גאַנצן אָפּגעשוואַכט געוואָרן דורך די כלערליי צינזן וואָס ער צאָלט דער טעאָלאָגיע. אויך זענען אַ טייל פון זיינע גלויבונגען אינעם פעלד פון סאָציאַלע און פּאָליטישע פּראָבלעמען געווען פונקט אַזוי קאָנווענציאָנעל. נישט געקוקט אָבער אויף אָט די היסטאָרישע באַגרענעצטקייטן, איז בעיקאָנס פילאָזאָפיע דאָך געווען אַ גרויסער שריט פאָראויס אין דער אַנטוויקלונג פון אַ מאַטעריאַליסטישן וועלט־באַנעם. די באַגרינדער פונעם מאַרקסיסטישן געדאַנק האָבן הויך אָפּגעשאַצט די פּראָגרעסיווע ראָלע פון בעיקאָנס אַרבעט, וועלכע האָט באַאיינפלוסט מער אָדער ווייניקער אַזוינע פילאָזאָפן ווי האָבס, לאָק, שפּינאָזע און די פראַנצויזישע מאַטעריאַליסטישע פילאָזאָפן אין אַכצנטן יאָרהונדערט, די פאָרלויפער פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע.

די מאָראַל, האַלט בעיקאָן, איז אַ פּראָדוקט פון דער מענטשלעכער נאַטור. צוויי פונדאַמענטאַלע כוחות ווירקן אין איר: איינס — דאָס שטרעבן צו אייגננוציקייט, און צוויי — דאָס שטרעבן צו ברענגען נוצן דער גאַנצער געזעלשאַפט. מאָראַליש איז נאָר דאָס, וואָס ברענגט נוצן דער גאַנצער געזעלשאַפט.

אויך בעיקאָנס טעאָריע וועגן פּאָעזיע פאַרדינט גענומען צו ווערן אין באַטראַכט. אין קורצן באַשטייט די טעאָריע זיינע אין אָט דעם. בעת דער שכל אַדאַפּטירט, פּאַסט צו דעם גייסט צו דער נאַטור פון זאַכן, און וויסנשאַפט באַזיגט די נאַטור דורכן אויספאָלגן זי, וואַרפט פּאָעזיע אונטער די אויסשטעלונגען פון זאַכן צום וואונטש פון גייסט און איז גובר די נאַטור דורכן דערלויבן אונדז אין אונדזער דמיון, אין אונדזער פאָרשטעלונג צו אַנטרינען פון איר. סיי דורך אונדזער דערפאַרונג אין דער איצטיקייט, ווי

אויך אויס דער דערפֿאַרונג, וואָס מיר קריגן דורכן רעקאָרד פֿון דער געשיכ־טע, בויט פּאָעזיע אירע נאַראַטיווע (דערציילערישע) און דראַמאַטישע פֿאַנ־טאַזיעס. זי קאָן אָבער אויך אין אַלעגאָריעס און פֿאַבלען (משלים מיט אַ מוסר־השכל), מאָלן סימבאָליש וויסנשאַפֿטלעכע און פֿילאָזאָפֿישע אמתן, ווי אויך רעליגיעזע מיסטעריעס — און אָט אַזוי נאָך שאַפֿט פּאָעזיע מיטאָ־לאָגיעס.

פֿון אַלע זיינע פֿילאָזאָפֿיקע שריפֿטן האָבן בעיקאָנס „עסעיען", באַלד ווי זיי זענען אַרויס, פֿאַרמאָגט אַ זייער ברייטן לייענער־קרייז, און אַזוי ביזן היינטיקן טאָג. די „עסעיען" זענען אַן אוצר פֿון אַ רייכער קענטעניש בנוגע די באַציאונגען צווישן מענטש און מענטש, און אַ מייסטערווערק פֿון ענג־לישן סטיל. ביזן היינטיקן טאָג ווערן געמאַכט פֿאַרשידענע פּרוּוון צו דער־ווייזן, אַז ער איז עס אייגנטלעך געווען גאָר דער אויטאָר פֿון די שעקספּיר־ווערק.

ווי איינס פֿון דער וועלטס עפּאָכע־מאַכנדיקע ווערק, האָבן בעיקאָנס עסעיען זייער אַ סך אויפֿגעטון צו פֿורעמען און צו דירעקטירן דעם כאַראַק־טער פֿון אַ מאַסע מענטשן. ס'איז איינס פֿון יענע ווערק, וואָס מ'קאָן אָנ־רופֿן וועלט־ביכער — ביכער וואָס זענען צוגעפּאַסט נישט צו איין דור און צו איין באַשטימטער צייט, נאָר צו אַלע צייטן. דאָ, אין די עסעיען, איז די העכסטע אינטעלעקטועלע קראַפֿט פֿאַראייניקט מיט אַ פֿאַרשידנאַרטי־קייט פֿון אינטערעסן און סימפּאַטיעס. אַלע מענטשלעכע טיפּן און טעמ־פּעראַמענטן קאָנען דאָרט געפֿינען עפּעס אַן ענלעכקייט צו זיך אַליין. אין אָט די באַרימטע עסעיען ווייזט אונדז בעיקאָן ווי אַזוי אויסצוברייטערן אונדזער קראַפֿט פֿאַר מעשים און פֿון אורטייל, און ווי אַזוי צו דערקענען און קענען זיך אַליין און די כּוחות אַרום אונדז.

שוין באַלד ביים אָנהייב, מיט העכער 350 יאָר צוריק, ווי נאָר די „עסעי־ען" זענען אַרויס, איז, ווי געזאָגט, זייער פּאָפּולערקייט געווען גרויס. די קורצקייט זייערע איז גראָד נישט קיין חסרון, זייער קאָמפּאַקטקייט פֿון געד־דאַנק און דאָס וואָס ער דריקט זיך אויס דורך געציילטע, ווינציקע ווערטער איז דווקא אַ מעלה.

ס'וועט דערביי דאָ כּדאַי זיין צו מאַכן אַ שטיקל פֿאַרגלייך צווישן די צוויי גרויסע עסעיאיסטן אין יענעם דור — צווישן דעם פֿראַנצויז מאָנטעין און דעם ענגלענדער בעיקאָן. בעת מאָנטעינס עסעיען אַפּעלירן צו ברייטערע סאָציאַלע סימפּאַטיעס און די ספֿערע פֿון זייערע אָבסערווירונגען און קרי־טיק דעקט אַ גרעסער פֿעלד פֿון מענטשלעכע טוּאונגען און אינטערעסן, פֿעלט אָבער דאָרט דער קרעפֿטיקער אינטעלעקטועלער אויסדרוק בעיקאָנס, די קראַפֿט פֿון קאָמפּאַקטן געדאַנק, דער אַלצאַרומכאַפּנדיקער בליק איבער דער גאַנצער ספֿערע פֿונעם וויסן, זיין חריפֿותדיקייט און די פֿילזייטיקע

באַקאַנטשאַפט מיטן גאַנצן פאַרנעם פון געלערנטקייט אין זיין צייט, קלאָר דערוויזן דורך בעיקאָנען. אים אָבער, בעיקאָנען, האָט געפעלט מאָנטעינס לייכטער באַריר און פּיקאַנטע רייצנדיקייט, וועלכער האָט גאַנץ געווייני־לעכע אמתן אַזוי אויסגעדריקט, אַז זיי האָבן אויסגעקוקט ווי ניי. מאָנ־טעינען, ווידער, האָט אין גאַנצן געפעלט דעם גרויסן ענגלישן עסייאיסטס וואונדערלעך אַריינדרינגען אין דער סאַמע נשמה פון זאַכן און זיין פעאיקייט צו דערווייזן זיין פונקט על־פּי שכל. אויב מאָנטעין איז ליטעראַריש גע־ווען אַ גרויסער קינסטלער, איז בעיקאָן געווען אַ טיפערער מאָראַלער און אינטעלעקטועלער כוח.

בעיקאָנס „עסייען" זענען די אַרבעט פון אַ מענטשן וועלכער האָט, בכלל גענומען, געהאַט אַ טיפן רעספּעקט פאַר מאָראַלע פּרינציפּן. נאָר איינער וואָס פאַרמאָגט אַט אַזוינע געפילן, האָט אין זיינע עסייען געקאָנט זאָגן: „אַ מענטש וואָס פאַרמאָגט נישט אין זיך קיין טוגנד, קיין גוטע מידות, וועט קיינמאָל נישט מקנא זיין קיין גוטע מידות ביי אַנדערע". אָדער: „די מאַכט צו טון גוטס איז דער אמתער און געזעצלעכער ציל פאַר דעם וואָס שטרעבט צו העכערס, וואָרום גוטע געדאַנקען (אויב אָפילו זיין קאָ־נען אָנגענומען ווערן פון גאָט) זענען זיי אָבער פאַר מענטשן נישט קיין סך בעסער ווי גוטע חלומות, סיידן זיי ווערן אויסגעפירט אין מעשים". און נאָך: „דער באַגער צו מאַכט איבער דער מאָס האָט געפירט צום פאַלן פון מלאכים, דער באַגער צו וויסן איבער דער מאָס האָט געפירט מענטשן צום פאַלן, אָבער גוטע מעשים קאָנען ניט זיין איבער דער מאָס; נישט פאַר אַ מלאך אָדער פאַר אַ מענטש קאָן דאָס זיין געפערלעך".

דער מחבר פון די עסייען איז אויך געווען אַ מענטש וואָס האָט, טעאָרע־טיש ווינציקסטנס, געפילט אַ טיפע ליבשאַפט און רעספּעקט פאַר גערעכ־טיקייט, פאַר יושר. מיר טרעפן ביי אים אַט אַזוינע אַרויסזאָגונגען: „פאַר־דאַכטן צווישן געדאַנקען זענען ווי פלעדערמייז צווישן פייגל, זיי פליען נאָר דעמאָלט, ווען ס'איז טונקל. זיי [די פאַרדאַכטן] דיספּאָנירן קיניגן צו טיראַניי, מענער צו אייפערזוכט, קלוגע מענטשן צו אומאַנטשלאָסנקייט און צו מעלאַנכאָליע".

בעיקאָן האָט הויך געהאַלטן די הייליקייט פונעם אמת, סיי אין וויסנ־שאַפטלעכער פאָרשונג, ווי אויך אין זיין פילאָזאָפיע, אַזוי גוט ווי אינעם פּאַרקער אין לעבן.

אין זיין קאַריערע ווי אַ מלוכה־מאַן, האָט פראַנסיס בעיקאָן פאַרנומען פאַרשידענע הויכע שטעלעס אין דער מלוכה. די העכסטע יורידישע פּאָזי־ציע אין דער ענגלישער רעגירונג, און אַ גרויסע מאַכט, דערגרייכט ער ווען ער ווערט אין יאַנואַר, 1618, דורכן קעניג דזשעימס דער ערשטער, באַ־שטימט פאַרן לאָרד טשאַנסעלאָר פון ענגלאַנד. אין זעלבן יאָר, יולי, 1618, ווערט ער אויך דערהויבן צום הויכן אַדל־שטאַנד, אַלס לאָרד ווערולאַם.

ווי אונטער יעדער מאָנאַרכיע, האָבן אויך דאָ קיין אינטריגעס נישט געפֿעלט. זיין גדולה געדויערט נישט לאַנג. ער ווערט אַריינגעפּלאָנטערט אינעם שפּינגעוועב פֿון אינטריגעס — צווישן וועלף וואָיעט מען ווי אַ וואָלף. און אַרום דריי יאָר שפּעטער, אין 1621, ווערט ער, דער לאָרד טשאַנסעלאָר, געשטעלט אין פּאַרלאַמענט צו אַ משפּט. ענטפֿערנדיק אויף די באַשולדיקונגען, פֿאַרטיידיקט ער זיך נישט, שרייבנדיק צום פּאַרלאַמענט, אַז „איך בין שולדיק אין קאָרופּציע, און איך זאָג זיך אָפּ פֿון יעדער פֿאַרטיידיקונג, און כ׳פֿאַרלאָז מיך אין גאַנצן, מיינע הערן, אויף אייער חסד און רחמים". ער ווערט פֿאַרמשפּט צו תּפֿיסה אויף אַזוי לאַנג ווי דער קעניג וועט אים וועלן דאָרט האַלטן, אָן אַ טערמין. דערצו האָט ער נאָך באַדאַרפֿט באַצאָלן אַ שטראָף פֿון פֿערציק טויזנט פֿונט שטערלינג. ס׳ווערט אויך ביי אים צוגענומען דאָס רעכט צו פֿאַרנעמען אַ שטעלע אין דער מלוכה און צו זיצן אין פּאַרלאַמענט.

איינגעזעצט האָט מען אים אין באַרימטן טורעם פֿון לאָנדאָן, אַ תּפֿיסה בלויז פֿאַר יחסנים און פֿאַר מיטגלידער פֿון דער קיניגלעכער פֿאַמיליע, ווען מ׳דאַרף זיי דאָרט טון זייער „רעכט". האָט ער נאָך גוט אָפּגעשניטן. נאָך צוויי טעג זיצן, דערבאַרעמט זיך איבער אים דער קעניג און באַפֿרייט אים פֿון תּפֿיסה. אויך די שטראָף פֿון פֿערציק טויזנט פֿונט שטערלינג ווערט אים געשענקט. די רעכט אָבער צו אַ מלוכה־שטעלע און צו זיצן אין פּאַרלאַמענט קריגט ער שוין מער נישט צוריק.

לאָזט זיך אויס, אַז דאָס איז פֿאַר אים געווען גאָר אַ טובה. וואָרום אָט די לעצטע פֿינף יאָר, וואָס איז אים געבליבן צו לעבן, זענען געווען די סאַמע שעפֿערישסטע יאָרן אין זיין לעבן. אין אָט די עטלעכע רואיקע יאָרן איז ער געווען העכסט פּראָדוקטיוו און אַרויסגעברענגט די מיינסט וויכטיקע ווערק זיינע.

צום סוף — מיט זיין גרויסער ליטעראַרישער ירושה, מיט זיינע פֿילאָזאָפֿישע, וויסנשאַפֿטלעכע און היסטאָרישע ווערק, ווי מיט די וואונדערלעכע עסייען זיינע האָט בעיקר זיך באַפֿעסטיקט דאָס רעכט אויף דאַנקבאַרקייט נישט בלויז פֿון די מענטשן אין זיין געבוירנלאַנד, ענגלאַנד, נאָר אויך פֿון זיינע מיטמענטשן אין יעדן ציוויליזירטן ווינקל אין דער וועלט, בכלל גענומען — אַ רעכט וואָס די יאָרן וועלן כּסדר פֿאַרשטאַרקן און וואָס צייט וועט וואָס ווייטער אַלץ מער באַשטעטיקן.

# אינדעקס

אָגוז, א. ד., 13
אָועז, ראָבערט, 84, 134
אויסלענדער, נ., 176
אַוויצעבראָן, 33, 34
אַוויצענאַ, 19
אוריאל אַקאָסטאַ, 157
אחד־העם, 5
איבן עזרא, אברהם, 28, 40
איבן עזרא, משה, 24, 29, 30, 36
איינשטיין, אַלבערט, 26, 66
אלחריזי, יהודה, 24, 29, 30, 36
אלישע בן אבויה, 157
אַקווינאַס, טאָמאַס, 17
אַריסטאָטעל, 10, 14, 15, 16, 23, 52, 125, 139, 140, 141
אַריסטיפּוס, 138
אַרכימעדעס, 102
אַש, שלום, 31, 175

באַריישאַ, מנחם, 187
ביאַליק, חיים נחמן, 5
ביילין, י. ב., 27
בעיקאָן, פראַנסיס, 40
בן-גוריון, 126
בראַנדעס, געאָרג, 72
ברוידעס, ר. א., 5
ברונאָ, דזשיאָרדאַנאָ, 34, 40
ברייניז, ראובן, 5

גאָטלאָבער, א. ד., 5
גאָלדמאַן, נחום, 129
גאַלען, 18, 19
גאַלילעי, 42
גאסענדי, 58
גאָרדאָן, יהודה לייב, 5
גאָרדין, יעקב, 158
גאָרקי, מאַקסים, 63

געבהאַרדט, קאַרל, 70
געטהע, 72
גרעץ, 23, 25

דאַווידזאָן, ישראל, פּראָפ., 32
דאַרווין, 57
דוקעס, לעאָפּאָלד, 32
דידראָ, 136, 144
דעמאָקריט, 14, 34, 158, 163, 172
דעקאַרט, 40, 43

האַרקאַווי, אַלעקסאַנדער, 6
הויגענס, 42
הונדאַסווילי, דאָמיניק, 33
היינע, היינריך, 21, 36, 72, 75
היפּאָקראַטעס, 10, 18, 19
הירשביין, פּרץ, 187
הלל הזקן, 140
העגעל, 45, 72, 78, 87
העלוועציוס, 140
העראָדאָט, 164
העראַקליט, 140

ווייצמאַן, חיים, 176

זאַקס, סעניאָר, 32
זשיטלאָווסקי, חיים, 73

טאַגאָר, ראַבינדראַנאַט, 126

יהואָש, 6
יהודה הלוי, 14
יהודה איבן תיבון, 36
יוסף איבן אַקנין, 13

לאַנדאָ, יעקב, 13
לוקרעציוס, 160, 161, 170
לייבניץ, 66
לעאוקיפּ, 14, 159
לעווין, יעקב, 6

לענין, 80, 90, 150
לעסינג, 42, 72

מאַגנוס, אַלבערטוס, 17
מאַפּו, אברהם, 5
מאָנטאַגיו, אַשלי, 54
מייקלסאָן, 105
מאַרקיש, פּרץ, 187
מאַרקס, קאַרל, 61, 116, 160, 163
מאַרלי, 105
מונק, שלמה, 33
מיכאַעלס, שלמה, 73, 120
מיימאָן, שלמה, 17, 158
מענדעלסאָן, משה, 17, 72

ניוטאָן, אייזעק, 102, 104, 125
נוסינאָוו, י., פּראָפ., 176
ניגער, ש., 6
נעהרו, 126

סאַנטאַיאַנאַ, דזשאָרדזש, 73
סאָקראַטעס, 23, 69
סמאָלענסקין, פּרץ, 5
סמיט, אַדאַם, 80
סעדיה גאון, 13
סען־סימאָן, 86

ענגעלס, 6, 76, 79, 86, 88, 90, 91, 93, 133, 139, 154
עפּיקורוס, 34, 76, 135, 138, 144

פּטאָלעמעי, 125
פּיטאַגאָראַס, 125, 159
פּלאַטאָ, 23, 138, 139, 159, 165, 172
פּלעכאַנאָוו, 182
פּראָטאַגאָראַס, 61
פּרץ, י. ל., 5, 177, 178

פאַרינגטאָן, בענדזשאַמין, פּראָפ., 172
פוריע, 86, 134
פייערבאַך, 6, 88, 95, 96, 133, 138
פעפער, איציק, 120
פערמי, 111
פראַנס, אַנאַטאָל, 72
פרודאָן, 76

קאָפּערניקוס, 42, 125
קאָהען, מאָריס, פּראָפ., 77
קאַנט, אימאַנועל, 138
קאַפּלאַן, פּסח, 13
קאָראָלענקאָ, וולאַדימיר, 69
קוויטקאָ, ל., 176
קלויזנער, יוסף, דר., 5
קעפּלער, 125

ראב״ד, 16
רלב״ג, 16, 40
רמב״ם, 40, 127
רונעס, דאַגאָבערט, 70
ראָסעל, בערטראַנד, 130, 131
ריקאַרדאָ, 80
רעזניק, ליפּע, 24, 38

שאָו, בערנאַרד, 125
שאַצקי, י. דר., 6
שווייד, מאַרק, 187
שווייצער, 126
שילאַרד, 111
שלום עליכם, 177
שמואל איבן תיבון, 13
שמואל הנגיד, 26, 27, 30
שם־טוב, פאַלקיירא, 33
שפּינאָזע, 6, 17, 103, 116

# אינהאַלט:

שמואל ווינער — איטשע גאָלדבערג — 5
רמב"ם — 9
שלמה איבן גבירול — 21
ברוך שפינאָזע — 39
קאַרל מאַרקס — 74
אַלבערט איינשטיין — 100
מאַרקסיזם און עטיק — 132
עפּיקורוס — 156
דר. חיים זשיטלאָווסקי — 174
י. ל. פּרץ — 185
פּראַנסים בעיקאָן — 206
אינדעקס — 214